This is a digital copy of a book that was preserved for generations on library shelves before it was carefully scanned by Google as part of a project to make the world's books discoverable online.

It has survived long enough for the copyright to expire and the book to enter the public domain. A public domain book is one that was never subject to copyright or whose legal copyright term has expired. Whether a book is in the public domain may vary country to country. Public domain books are our gateways to the past, representing a wealth of history, culture and knowledge that's often difficult to discover.

Marks, notations and other marginalia present in the original volume will appear in this file - a reminder of this book's long journey from the publisher to a library and finally to you.

Usage guidelines

Google is proud to partner with libraries to digitize public domain materials and make them widely accessible. Public domain books belong to the public and we are merely their custodians. Nevertheless, this work is expensive, so in order to keep providing this resource, we have taken steps to prevent abuse by commercial parties, including placing technical restrictions on automated querying.

We also ask that you:

+ *Make non-commercial use of the files* We designed Google Book Search for use by individuals, and we request that you use these files for personal, non-commercial purposes.
+ *Refrain from automated querying* Do not send automated queries of any sort to Google's system: If you are conducting research on machine translation, optical character recognition or other areas where access to a large amount of text is helpful, please contact us. We encourage the use of public domain materials for these purposes and may be able to help.
+ *Maintain attribution* The Google "watermark" you see on each file is essential for informing people about this project and helping them find additional materials through Google Book Search. Please do not remove it.
+ *Keep it legal* Whatever your use, remember that you are responsible for ensuring that what you are doing is legal. Do not assume that just because we believe a book is in the public domain for users in the United States, that the work is also in the public domain for users in other countries. Whether a book is still in copyright varies from country to country, and we can't offer guidance on whether any specific use of any specific book is allowed. Please do not assume that a book's appearance in Google Book Search means it can be used in any manner anywhere in the world. Copyright infringement liability can be quite severe.

About Google Book Search

Google's mission is to organize the world's information and to make it universally accessible and useful. Google Book Search helps readers discover the world's books while helping authors and publishers reach new audiences. You can search through the full text of this book on the web at http://books.google.com/

דער ים רוישט

און ערצעהלונג

און נאך ערצעהלונגען

און סקיצען

פון „תלוש"

פערלאג „קולטור",
ניו יארק.

Digitized by Google

Digitized by Google

דער ים רוישט

אן ערצעהלונג

און נאך ערצעהלונגען

און סקיצען

פון „תלוש“

פארלאג „קולטור“.
ניו יארק.

PJ5129 .T6 Y3

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Copyright 1921
by Farlag "Culture"
New York

Digitized by Google

תלוש

דער ים רוישט

דערצעהלונגען און סקיצען

מיינע עלטערען
שלמה און חיה מוסעלעוויטש
געווידמעט.

פארלאג „קולטור"
ניו יארק, 1921.

Digitized by Google

[illegible]

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

אינהאַלט פאַרצייכנים:

ערשטע אָפּטיילונג

זייט

דער ים רוישט — 5

דער פאַרשאָלטענער — 133

צווייטע אָפּטיילונג

שאָטענס קומען, שאָטענס געהען — 195

שטאַרקער פון טויט — 202

די בלויע פויגלען — 208

אַ מלאך איז פאַרביי געפלויגען — 213

חאַדראַ — 229

צום נביא׳ס קבר — 234

ווען די ווייַנטרויבען בליהען — 240

דער יאַסמין אַראָמאַט — 250

דריטע אָפּטיילונג

די קליינע פּאַולינאַ — 259

עדעלווייס — 267

איין טאָג — 275

רחמנות — 280

די מיידעל פון די בערג — 290

גאָט דערבאַרם זיך — 297

אויף דער וואָלגאַ — 304

די קינסטלערין און דער געלערנטער — 309

אַ שטורם — 317

שנאה — 322

ליידענשאַפט — 327

די מורא — 331

וועראַ מאַיסעיעוונאַ — 336

די שכינה — 342

אויפ׳ן וועג נאָך ווענעציע — 346

באַמאַראַ — 352

דער אַלטער פישער — 358

אין משוגעים הויז — 366

אַט די קליינע אַרטעל פון טאַטשעטשניקעס האָט שטענדיג זיך געהאַלטען אָן אַ זייט פון די אַנדערע אַרבייטער און האָט זעהר ניט גערן אַריינגענומען ווער אין זייער גרופּע. איצט האָבען די טאַטשעטשניקעס געשפּאַסט, געלאַכט און האָבען ווי אונגערן פאַרטשעפּעט די מיידלעך, וואָס האָבען פּראָוויז שפּאַצירט פאַר זיי, ווי אויף אַן אויסשטעלונג.

— זעהט, קינדער, ווער עס געהט! האָט געשמייכעלט דער חעסליכער סענדער, אָנווייזענדיג מיט דער האַנט אויף אַ שלאַנקע אַרבייטערין, וואָס האָט שפּאַצירט מיט אַ שוואַרץ־וואָנציגען וועכטער פון גליל. זי איז געווען זאַפטיג, ווי אַ רייפער פרוכט און האָט געטראָגען אַ בלויע בלוזע מיט אַ ברייטען אויסשניט אויף דער הויכער אָפּגעברענטער ברוסט. — זעה נאָר, ווי געזונט איז דאָס געוואָרען!

דער וועכטער באַגריסט די טאַטשעטשניקעס פריינדליך מיט דער האַנט און מורמעלט עפּעס דער מיידעל. זי לאַכט שעמעוודיג און קוקט בגנבה אין זיין שעהן געזיכט. ניט אָפּטרעטענדיג פון זיי, געהען נאָך, ווי שאָטענס צוויי אַראַבער — קריסטען אין רייכע שוואַרצע אַבאַיעס (אַראַבישע פּלעדען) און רויטע פעסקעס. זיי קוקען אויף דאָס מיידעל מיט זשעדנע בליקען, און עס דוכט זיך אויס, אַז אָט־אָט וועלען זיי אויף אַלעמנעס אויגען דער׳הרג׳נען דעם בחור און אויף ווילדע פערד אוועקרייטען מיט איהר אין דער ווייטער מדבר.

— פאַר־אַ־יאָהרען, אָנהויב פריהלינג, — הויבט אָן חיים, נאָכקוקענדיג דער אַרבייטערין, האָב איך צוזאַמען מיט איהר געאַרבייט אין אַ מאַנדעל גאָרטען, הינטער דער קאָלאָניע, מיר האָבען אויפגעאַקערט די ערד אַרום די בוימער. און די בוימער זיינען געשטאַנען אין ווייסער בליהונג ווי כלות, און האָבען צוגאָסען ווייט אַרום כוואַליעס דופט. איינמאָל אין דער פריה זיינען מיר געבליבען אַליין אין גאָרטען. פּלוצלונג האָט זי אָפּגעוואָרפען אָן אַ זייט איהר אייזען, און ליידענשאַפטליך אויסבויגענדיג איהר יונגען בויגזאַמען קערפּער, האָט זי זיך צוגאָסען אין אַ הילכיגען געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר, דבורה? — האָב איך געפרעגט,

Digitized by Google

ווערענדיג אָנגעשטעקט מיט איהר געלעכטער. האָט זי נאָך שטאַרקער זיך צולאַכט און גענומען פאַרוואַרפען מיך מיט די ווייסע דופטיגע בלומען וואָס זי האָט הויפענווייז אַראָפּגעריסען פון די בוימער.

— אָט נאָ דיר, נאָ דיר!

דאָס בלוט האָט מיר אַ שטראָם געטאָן אין קאָפּ, און איך האָב זיך געוואָרפען צו איהר, אָבער זי האָט מיך פלינק אָפּגעשטויסען און איז אַוועקגעלאָפען איבער די אַלעע, אַ שטאַרקע און אַ רייצענדע, איינגאַנצען באַשפריצט מיט די גאָלדענע פלעקען פון דער זון.

— נו, און מיט וואָס האָט זיך דאָס געענדיגט? — האָט געפרעגט סענדערפּ בליצענדיג מיט די אויגען.

— מיט גאָרנים. ביז איצט קען איך ניט פאַרשטעהן, וואָס מיט איהר איז דאַן געווען. און איך בין נאָכדעם ווי אַ שיכור'ער אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצען טאָג...

— נאָר אַזוי! — האָבען די טאַטשעטשניקעס זיך צולאַכט.

עס געהען פאַרביי צוויי גימנאַזיסטינס מיט זייער לעהרערין. אַרומגענומען שפּאַצירען זיי ביידע ביים וואַסער און זינגען. און הינטער זיי געהט לאַנגזאַם מיט זיין זוהן דער שבת'ניק אַבראַם, אַ ברייטפּלייצינער ערד אַרבייטער פון דער וואָלגאַ מיט אַ גרויסער טונקעל־בלאָנדער באָרד און גאַאיווע קינדישע בלויע אויגען. דער שלאַנקער דוד פאַרטשעפּעט דעם יונג מיט אַ שפּאַס. יענער לאַכט גוטמוטיג, דראָהט איהם מיט'ן פינגער און ענטפערט אין אַ געבראָכענעם העברעאיש:

— וואַרט נאָר, וועסט שוין כאַפּען פון מיר.

אָט איז פאַרביינגעריטען אַן אַראַבער אויף אַ ווייסען דאָרפּיסיגען קעמעל. די מאַסע קוקט איהם נאָך, און די אינגלאַך לויפען נאָך מיט פרייד געשרייען:

— יאַלאַ, יאַלאַ! (שנעלער).

די זון זינקט אַראָפּ אַלץ נידעריגער... זי האָט געפאַרבט דעם הימעל און דעם ים אין אַ בלייך־ראָזען קאָליר, און ווייט הינטער'ן האַפען, אויפ'ן באַרג אין דעם אַראַבישען טייל פון דער אַלטער שטאָדט האָט זי אין גאָלד באַצירט די קליינע פענ־

.2

דער בעל הבית פון הכסניה, דער דיקער, גוטמוטיגער מאל־קאָוו, מיט דער רייכער נאָלדענער באָרד האָט באגריסט דניאל׳ן זעהר פריידנליך.

— שלום, שלום, — האָט ער געזאָגט, אויסשטרעקענדיג צו איהם צוויי פינגער — ווידער ביי מיר. אין סענדער׳ס צימערל שטעהט א לעדיגע בעט. דאָרט וועסטו קענען שלאָפען.

— גוט, — האָט דניאל איינגעשטימט.

ער האָט ליב געהאַט דאָס אָרימע גאסטהויז און טראַקטיר. דאָ זיינען אַלעמאָל געוועזען א סך יונגע לייט, און צווישען זיי האָבען זיך געפונען אינטערעסאַנטע בחורים. מיט צוויי יאָהר צוריק האָט מען איהם אַהער אריינגעפיהרט פון שיף. עס איז געוועזען ווינטער. א שטורעם איז געוועזען אויפ׳ן ים, און דער דאמפפער האָט אַלץ נים געקענט לאַנדען די פאַסאַזשירען. ענדליך איז דער ווינט שטיל געוואָרען, און איינינע יונגע טרוימער האָט זיך איינגעגעבען אראָפּצוקומען אויפ׳ן ברעג און ארויפצוטרעטען אויף דאָס הייליגע לאַנד וועגען וועלכען זיי האָבען אזוי פיל געטרוימט... אויסגע־מאַטערט פון דער לאַנגער רייזע אויפ׳ן ים, איז ער מיט וואָ־קעלדיגע טריט נאָכגעגאַנגען מאַלקאָוו׳ען, וואָס האָט איהם גע־רופען צו זיך, צוזאָגענדיג איהם צימערען, וואָס זיינען ריין ווי גאָלד, און גוטע עסען. אריינגעקומען איז ער אָבער אין אַן אַלטע פינ־סטערע געביידע מיט פאַררויכערטע, שמוציגע ווענט, מיט א פאַר־שטיקטער לופט, אין וועלכער עס איז געוועזען שווער צו אָטע־מען. א הויכער, שעהנער אַלטער מיט א ביבלישען געזיכט, אין א לאַנגער שוואַרצער קאַפּאָטע און א יארמולקע, איז לאַנגזאַם אויפגעשטאַנען פון טיש און האָט איהם אויסגעשטרעקט די צי־טערענדע האַנד. אויפ׳ן שוועל פון א דערבייאיגען צימער האָט זיך באַוויזען א קרענקליכע אידענע מיט גרויסע צושראָקענע אוי־גען. אונטערשפּאַרענדיג מיט דער לינקער האַנט די באַק, און מיט דער רעכטער האַלטענדיג די לינקע ביים עלענבויגען, האָט זי גע־שטאַרט עפּעס אויף איין פונקט אויף דער קעגענאיבערדינער וואַנט. נאָכדעם איז אריינגעקומען א זעהר בלייכע דיקע מיידעל און האָט

איהם געבראכט א גלאָז מוטנעם טיי. און אין די טונקעלע שויבען האָט בייז געקלאַפּט דער רעגען, און עס האָט זיך געהערט ווי דער ים רוישט טרויעריג. און דאָס אַלץ האָט דאַן אויסגעוויזען דניאל'ן ווי א שווערער, פּיינליכער חלום...

אין עטליכע טעג ארום, באַקענענדיג זיך נעהענטער מיט די איינוואוינער פון דעם גאַסט־הויז, האָט דניאל זיך דערפיהלט היי־מיש אין דער נייער אומגעבונג. ער האָט זיך דערוואוסט, אַז מאַלקאָוו איז אין דער היים געווען א מילנער, האָט געוואוינט אין דאָרף און גוט געלעבט מיט די פּויערים, וואָס פלעגען אפילו קומען צו איהם נאָך עצות. אָבער אַז האָבען זיך אָנגעהויבען די פּאָג־ראָמען. מען איז אויף איהם אויך אָנגעפאַלען, מען האָט צר־טראָגען און צורויבט זיין הויז, און זיין פרוי האָט מען געפּייניגט אויף א שרעקליכען אופן. פון דאַן אָן איז זי קראַנק, האָט מורא צו בלייבען אַליין אין הויז, און בייגאַכט קרעכצט זי און וואַרפט זיך, ווי א פויגעל מיט אונטערגעשלאָגענע פליגלען...

דניאל האָט זיך ארומגעוואשען, איבערגעטאָן און געזעצט צום טיש עסען מיט די טאַטשעטשניקעס. אנטקעגען זיי איז געזע־סען ביים טיש דער שעהנער אַלטער רב משה, וואָס האָט ביי מאַל־קאָוו'ן פאַרנומען א קליין צימערעל. ער האָט דאָ דערלעבט זיינע טעג שטיל און רוהיג, אויפ'ן חשבון פון די קינדער, וואָס האָבען גע־שיקט געלט פון אַמעריקאַ. דער אַלטער האָט ליב געהאַט יונג־וואַרג, האָט גערן צוגעהערט זייערע דיספּוטען, וויצען און לידער, און אַמאָל האָט ער ארויסגעהאָלפען ווען עס איז פון די ארבייטס־לאָזע. די באַזוכער פון טראַקטיר זיינען זעהר צוגעוועהנט גע־וואָרען צו איהם, און ווען דער אַלטער האָט זיך ניט גוט גע־פיהלט, פלעגען אַלע פרעגען:

— וואָס איז, רב משה איז ווידער קראַנק?

מיט דניאל'ען איז דער אַלטער געוואָרען באַזונדערס פריינד־ליך. אין די ווינטערדיגע טעג, ווען עס האָט גערעגענט אָהן אויפ־הער, און דער ים האָט געברומט מיט צאָרן, פאַרגיסענדיג די ברעג־גען, פלעגען זיי זיצען ביי א גלאָז טיי און פיהרען אן אינטימען שמועס. מיט א פאַרבאַרגענער בענקשאַפט האָט רב משה דער־

יהודה. זי האט זיך אויסגעצייכנט מיט א גרויסער פויזישער קראפט און פלינקייט אין ארבייט. פון איהר גאנצער גרויסער בויגינער פיגור און אפגעברענטען געזיכט מיט שווארצע אויגען, ווי פלוימען, האט געוועהט דער דופט פון גראז אין דער סטעפ. קוקענדיג אויף איהר האט זיך פארגעשטעלט א זומערדיגער טאג אין פעלד, וואו די שניטער מיט קארנבלומען אין די האר ציהען לאנגזאם אן איינטאניג ליד, זאמלענדיג די תבואה. איצט האט זי שוין לאנג געהאט פארווארפען די פעלד ארבייטען און האט געדינט אין אן אפטייק. אין די אווענטען האט זי געלעהרענט און געטרויסט ווענען אוועקפאהרען אין דער שווייץ שטודירען. די איינגערע, נחמה, א יאהר זעכצעהן אלט מיט א דייקען שווארצען צאפ און ליבע חן־גריבעלעך אויף די פולע ראזע באקען, האט זיך פארפערטיגט צו ווערען א לעהרערין אין קינדערגארטען. זי האט אויסגעזעהן נאך כמעט ווי א נאאיוו קינד. א זארגלאזע, האט זי אלעמאל א סך געלאכט, און אלעמען איז געווען לייכט און אנגענעהם צו הערען איהר פרעהליכע פלוידעריי און זעהן ווי עס שמייכלען די גריבעלעך אויף איהרע פרישע באקען.

דניאל האט א קלאפ געטאן אין טיר.

— אריין! — האט ער דערהערט לאה'ס באקאנטע ברוסטשטים.

דניאל איז אריינגעקומען. די מיידלעך זיינען געזעסען ביים אווענט־עסען. אויפ'ן טיש האט געברענט א קעראסין לאמפ מיט א פאפירענעם אבאזשור, באלויכטענדיג אלץ מיט א ווייכען בלייכען ליכט.

— זעה! האט א געשריי געטאן נחמה און האט פאר פרייד געפאטשט מיט די הענט, — וואו זיים איהר פארפאלען געווארען אזוי לאנג?

— אין וואלד געלעבט, — האט דניאל געענטפערט, דריקענדיג די הענט די שוועסטער און דערפרעהט פון נחמה'ס צערטליכער באגריסונג. — איך האב אבער געגומען בענקען נאך אייך, בין איך געקומען.

— נו, געווים נאך אונז, — האט לאה געלאכט. — איהר ווילט טיי? איך וועל אייך אנגיסען און איהר וועט מיר דער־

צעהלען, צי אין חדרה זיינען פאַראַן אַ סך נייע ארבייטער. סיי־
נער איז נים קראנק געוואָרען אויף נעלען פיבער?

— דער שמיד איז געשטאָרבען. איהר געדענקט איהם מסתמה: אזא הויכער, שווארצאויגינער, אַלע האָבען איהם ליב געהאַט. אין צוויי טעג איז ער פֿארברענט געוואָרען. עס איז אזוי שווער געווען צוצוזעהן, ווי די אַלטע מוטער האָט איהם באַוויינט.

— און ער איז געשטאָרבען? דאָס איז שרעקליך. אזא יונגער און שטאַרקער.

מען האָט אַ ווייַלע געשוויגען.

— וואָס פֿאַר אַ גוטער מענש דאָס איז געווען! — האָט לאה ווידער אָנגעהויבען רעדען וועגען דעם, — אַן אמת'ער אידעאַליסט.

די טיר פֿון זיין קליינער כאַטקע איז שטענדיג געווען אָפֿען. ווער עס האָט געוואָלט איז געקומען עסען, שלאָפֿען. פֿאַר אַלעמען איז אויפ'ן טיש געווען ברוים.

פֿון דער גאַס האָבען זיך פֿלוצלונג דערהערט שטימען. די טאַטשעטשניקעס מיט דער מאַגערער לעהרערין זיינען אָנגעקומען. די לעהרערין איז געווען אַן אנעמישע פֿערזאָן פֿון אַ יאָהר דריי־סיג מיט אַן איינגעפֿאַלענער ברוסט און אַ געלבליכען געזיכט, שטענדיג אַן אונצופֿרידענע און בייזע. אין רוסלאַנד האָט זי באַ־זוכט עפּעס העכערע קורסען, שפּעטער אָבער האָט זי געוואָרפֿען די וויסענשאַפֿט און איז אוועקגעפֿאָהרען אין פּאַלעסטינא אין דער האָפֿנונג דאָ חתונה צו האָבען. איהרע טרוימען זיינען אָבער נים פֿאַרווירקליכט געוואָרען, און זי האָט געמוזט פֿיהרען אַן אָרים לעבען אָהן האָפֿנונגען און פֿריידען.

אין קליינעם הויז איז געוואָרען פֿרעהליך. דער שלאַנקער דוד האָט געשפּאַסט מיט נחמה'ן, און חיים האָט גענומען איינרעדען לאה'ן זיך ווידער צו נעהמען פֿאַר ניצליכער ארביים.

— נו, צו וואָס דאַרפֿסטו האָבען די ביכלאַך? זיי וועלען דאָך איינגאַנצען אויסזויגען דיין בלוט. וואַרף אַלץ און קום אין גליל אַקערען די ערד. גאָט מיינער, מיט אַזאַ געזונטער מיידעל קען מען דאָך אַ לעבען אָפּלעבען זינגענדיג.

— טשעפּע זיך אָפּ! — האָט לאה זיך געבייזערט. — וואָס ביזטו צוטשעפּען!

ברייט־פּלייציג, גוטע געזיכטסציגע, האָט געדיכטע און געקרויזטע האָר, און די בלויליכע אויגען שמייכלען שטיל.

— אָט האָט איהר באַגעגענט אַ באַקאַנטען, — האָט כאַינים געזאָגט, — מיר וועלען פיין פאַרברענגען דעם אָוונט.

— איך האָב שוין געהערט, ווי פרעהליך איהר פאַרברענגט די שבת'דיגע אָוונטען, — האָט געענטפערט אָראַ. — איהר הוליעט אָפּט ביז אין דער פריה.

עס האָבען זיך דערהערט פרעהליכע שטימען. עס זיינען אַריינגעקומען בחורים און מיידלעך. איינע האָט געהאַט זומער־שפּרינקלעך אויפ'ן געזיכט, פייער־רויטע האָר און אַ ווייסען, שלאַנ־קען האַלז. אַן אַנדערע איז געווען אַ תימנ'ער, אַ טונ־קעלע, דאַרע און גראַציעזע, ווי אַן אַראַבערין, אין אַ לאַנגען בלויען קלייד מיט אַ ראָזען גאַרטעל.

עס האָבען זיך דערהערט די טענער פון אַ גיטאַר, און מען האָט גענומען זינגען. מען האָט אַרויסגעטראָגען פון צימער דעם טיש, צושטעלט די שטולען ביי די ווענט און גענומען טאַנצען. אָפּט האָט געקלונגען נחמה'ס הילכיגער געלעכטער. מען האָט זי אָפּט געלאָדען טאַנצען, און דאָס האָט זי אויפגערעגט, און איהר געזיכט האָט געלויכטען פון גליק. און לאה האָט אומגעלומפּערט זיך געדרעהט מיט חיים'ען, צוקלאַפּענדיג שטאַרק מיט איהרע גרויסע מענערשע פיס. די תימנ'ער האָט געטאַנצט מיט דוד'ן. האַלטענדיג איהם פאַר דער האַנד, האָט זי געשוואומען, גראַציעז אַנבויגענדיג איהר טונקעל קאָפּ מיט דעם פאַרקלערטען אויסדרוק אויף איהר ליבען פּנים. די גרויסע זילבערנע אוירינגען אין די קליינע אויערען האָבען זיך געטרייסעלט און געגלאַנצט ווי לויכ־טענדע שטיינדלאַך.

אָט האָט דוד וואויל־יוננעריש אַ טופּ געטאָן מיט'ן פוס, אַרומגענומען דאָס מיידעל, און זיי האָבען זיך אָוועקגעטאַרגען. די תימנ'ער איז ווי פאַר'שיכור'ט געוואָרען און האָט ליידענשאַפטליך פאַרמאַכט די אויגען.

אָן אַ זייט ביים פענסטער זיינען געזעסען כאַינים מיט דער לעהרערין און האָבען געפירט אַ שטילען דיספּוט. זי האָט ניט לאַנג איבערגעלעזען זיין ערצעהלונג פון פּאַלעסטינער לעבען,

וואָס האָט אויף איהר געמאַכט א שווערען איינדרוק. נאָך איהר מיינונג האָט דער אויטאָר אַלץ געמאָלען אין צו טונקעלע פאַרבען, צווינגענדיג זיין העלד נאָר צו וויינען און פיהלען זיך, ווי א פאַרלאָרענער.

— אָבער אייער העלד איז בלייך. דאָס איז אַן אמת׳ער גלות־מענש—האָט זי גע׳טענה׳עט.—קיין איין שטאַרקער פאַרלאַנג. פאַרוואָס האָט איהר אונז ניט דערצעהלט וועגען אונזערע שומרים, וואָס קענען אזוי שעהן לעבען און שטאַרבען פאַר זייער איינענער ערד.

— דאָס איז ניט אַזוי, — האָט כאינים פאַרענטפערט. דער דיספוט האָט איהם שוין גענומען דערעסען. — לאָמיר מעהר וועגען דעם ניט רעדען.

— ניין, איך וויל וויסען אייער מיינונג וועגען אונזער נייעם לעבען, — איז באַשטאַנען די לעהרערין, ווערענדיג בייזלעך.

דערווייל זיינען דניאל מיט אַרא׳ן אַרויס אופי׳ן גאַניק און האָבען זיך געזעצט אויף די שטיינערנע טרעפּלאַך. אַרום איז געווען זעהר פינסטער. פון ים האָט געבלאָזען א פייכטער ווינט. וועגען עפּעס געהיימניספולעס האָבען גערוישט די וועלען. מינוטענווייז האָבען זיך פון חושך דערטראָגען שטימען און א קלינגען פון גלעקלאַך. דאָס האָט מסתמא א קאַראַוואַן געצויגען ערגעץ־וואו מיט׳ן ברעג. אַרא האָט גענומען דערצעהלען וועגען לערנער׳ן, וועמען דניאל האָט באַגעגענט מיט עטליכע יאָהר צוריק אין דער שווייץ. לאַנג האָבען זיי גערעדט, דניאל האָט שווייגענדיג צוגעהערט, וואָס אַרא האָט איהם דערצעהלט וועגען דעם אונרוהיגען פריינד, א דאַנק וועלכען ער איז איצט אין פּאַלעסטינא. און עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, ווי ער געהט איינמאָל אין הערבסט איבער די גאַסען פון א שטאָט אין דער שווייץ. דער שאַרפער ווינט רייסט אַראָפּ די פאַרטריקענטע בלעטער פון די קאַשטאַנען בוימער, וואָס וואַקסען ביי די טראָטואַרען. די זון טונקט זיך אין די וואָלקענס. אָט באַלויכט זי אַלץ מיט א גאָלדיגען העלען שיין, און די בלעטער, ווי אויפגעלעבטע און לאַכענדע, לויפען שטיפעריש אוועק פון ווינט; און אָט ווערט דער הימעל אָנגע׳ברוגז׳ט, און אַרום ווערט קאַלט און אונהיימליך. ער פיהלט א דריקענדע איינזאַמקייט. באַלד

— אַנאַנדערש מאָל, אַ דאַנק, — האָט אָרא געענטפערט און איז אויפגעשטאַנען.

אַביסעל שפּעטער האָט מען אַריינגעטראָגן צוריק דעם טיש און מען האָט זיך געזעצט. נחמה האָט געבראַכט קאָרטען. מען האָט גענומען שפּילן אין „נאַרען". כאַינים איז עטליכע מאָל געבליבן דער נאַר. אַלע האָבן האַרציג געלאַכט, און ער האָט מיט אַ טרויעריגען אויסדרוק אויפ'ן געזיכט געזיפצט:

— אַי, עס נעהט מיר ניט היינט.

דניאל האָט געקוקט אויף כאַינים'ן און געטראַכט:

— ווי איינפאַך און ליבליך עס איז אָט דער טיפער שרייבער מיט דער קראַנקער נשמה און טרויעריגען לעבען. איהם האָט זיך דערמאָנט, ווי זיי האָבן זיך באַקאַנט אויפ'ן דריטען טאָג נאָך דניאל'ס אָנקומען אין הייליגען לאַנד. מען איז געזעסען און גערעדט, ווי אַ לעהרער האָט דערצעהלט וועגען זיין לעבען אין אַ קליינער קאָלאָניע אין די בערג פון אפרים. דניאל האָט דערקאַנט דעם שרייבער נאָך אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַ רוסיש-אידישען זשורנאל צוזאַמען מיט אַן איבערזעצונג פון זיין בעסטען ראָמאַן „אין הערבסט". שפּעטער איז דניאל צוגעגאַנגען צו כאַינים'ען און האָט איינפאַך געזאָגט:

— עס פרעהט מיך אַזוי אייך צו דריקען די האַנט.

כאַינים האָט געשמייכעלט, איהם געדריקט די האַנט און געבעטען זיצען. ער האָט איהם געגעבען טהעע, געפרעגט פון וואַנען ער קומט, ווי אַלט ער איז און וואָס ער רעכענט צו טאָן. דניאל האָט איהם גערן דערצעהלט וועגען זיינע פּלענער. דער שרייבער האָט פריינדליך איהם געקוקט אין די אויגען און אַלץ געזאָגט:

— אַזוי, אַזוי, זעהר גוט.

ווען דער שפּיל אין „נאַרען" האָט דערעסען, האָט אָרא גענומען אין דער הויך דערמאָנען די טעג פון איהר קינדהייט. אַלע האָבן געשוויגען. זי האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג, לויכטענדיג מיט עפּעס אַ גרויסער אינערליכער פרייד. זי איז געבאָרען געוואָרען אין ירושלים, אין אַ זעהר אָרימער פאַמיליע. ווען זי איז נאָך געווען זעהר קליין, האָט מען זי אָפּגעפיהרט צו איהר עלטערען ברודער, אַ קאָלאָניסט אויפ'ן אינזעל ציפּערן. דאָרט אונטער דער זון

און ווינטען איז זי געוואקסען ווי א בוימעל אין פעלד. ווען זי איז געווארען זעקס יאהר אלט, האט זי שוין געפאשעט צוויי ציגען און האט גאנצע טעג זיך געוואלגערט אין דופטיגען גראז. אין די לאנגע ווינטער אווענטען, ווען דער ווינט האט געבלאזען אין גארטען ארום הויז, איז זי געזעסען ביי דער שפין מאשין, הערענדיג די מעשיות פון דער אלטער שפאניאלער אם. יענע האט דער־צעהלט וועגען ריזיגע שלאנגען, וואס רעדען א מענשליכע שפראך, וועגען בלויע פויגלען, וואס פליהען יעדען פריהמארגען צום כסא הכבוד, צו זינגען שירה צו גאט...

צו פערצעהן יאהר איז זי שוין געווען א גרוים מיידעל, אן אפגעברענטע און א ווילדע, ווי א גאזעל.

איינמאל זומער אין צייט פון שניט האט זיך צו זיי פארדונ־גען אויף ארבייט א יונגער שעהנער גריך. ער האט געהאט שווארצע אויגען, און איז אלעמאל געווען פרעהליך. זיי פלעגען ביידע געהן אין פעלד. ער האט געשניטען, און זי איז איהם נאכ־געגאנגען און געקליבען די זאנגען.

— דו, ארא, ביזט א ים נימף, — פלעגט דער גריך איהר זאגען, — דיך האט אויפ'ן אינזעל ארויסגעווארפען א בלויע כוואליע.

און שפעטער האט מען איהם געפונען אין פעלד א טויטען, — האט טרויעריג געענדיגט ארא. — עס איז געווען א שטורעם. ער איז געלעגען אויף דער ערד לעבען אן אלטען פלוימען־בוים, וואס דער שטורעם האט אויסגעריסען מיט'ן ווארצעל.

ארא איז אנשוויגען געווארען. הערענדיג זי רעדען, האט כאי־נים זיך דערמאנט אן די טעג פון זיין אייגענער טונקעלער קינד־הייט. אין דער עראינערונג איז אויפגעשטאנען א שמאל, שמו־ציג געסעל אין א שטעדטעל אין אידישען תחום. זיי וואוינען אין א קעלער פון א מויער, אין פינסטערען ווינקעל שטעהט דער קראנ־קער פאטער איינגעוויקעלט אין א טלית, און דאווענט, זיפצענדיג און הוסטענדיג פון צייט צו צייט. אין אנגאדער ווינקעל, אויס־געצערט פון נויט און זארגען, האט די מוטער זיך אנגעבויגען אי־בער'ן וויגעל פון הונגעריגען קינד און זינגט אהם וועגען א וויי־סען ציגעלע, וואס איז געפאהרען האנדלען מיט ראזשינקעס און

דינע זון שטראהלען און דער פרעהליכער רויש פון צונעהענדען שניי רייסען זיך אריין. אלץ לעבט אפ און יובעלט ארום. זאל ער ניט בענקען. באלד קומט פאר זיי אן אומאויסשפרעכליך גליק, דאס לעבען צוזאמען אין דער שטילער קאלאניע, אויף דער הייליִ־ גער ערד.

אין דער פריה האט זיך געחלומ׳ט דניאל׳ן, אז ער איז ווידער אין די שווייצער בערג און שליטעלט זיך. דער פראסט קנאקט, און דער שניי און זונען־שטראהלען בלענדט די אויגען. שנעל אראפלאזענדיג זיך פון א הויכען בארג, פיהלט ער א שטור־ מיגע פרייד. און ביי די זייטען לויפען פארביי און לאכען גאנצע ביימלעך, געקליידט אין ווייסען.

4.

שוין צוויי וואכען, ווי דניאל ארבייט אין דעם ארטעל פון טאטשעטשניקעס אין א נייעם שטעדטעל. ארום קאכט, פון אין דער פריה ביז זונען אונטערגאנג קלאפען הונדערטער מענשען מיט די האמערען די שטיינער, גראבען רינעס, שלעפען קלעצער און זינגען לידער אויף אלערליי שפראכען. אט ארבייטען, זינ־ גענדיג אומעטיגע מאטיוועו, תימנ׳ער מויערער אין העל רויטע פעסקעס, פון אונטער וועלכע עס טרייסלען זיך לאנגע שווארצע פאות. אביסעל ווייטער, זיינען בחורים אין רוסישע בלוזעס. זיי בויען א גאס, לויפען אום מיט די טאטשקעס אנגעפילטע מיט זאמד און ציהען די „דובינושקא", אזוי ווי די בורלאקעס אויף דער וואלגא.

אין אווענט, נאך דער ארבייט, פלעגט דניאל אמאל ארויס־ געהן צום ים. אמאל פלעגט ער אריינגעהן אין ארבייטער קלוב, טרינקען דארט טיי, אביסעל שמועסען מיט חברים, און דאן געהן שלאפען. ארא׳ן האט ער ניט באגעגענט און האט ווייניג וועגען איהר געקלערט. אזוי האבען זיך געצויגען די טעג.

עס איז געקומען פסח. ערב יום־טוב זיינען אין שטאדט אנגעקומען א סך מענשען פון אלע עקען לאנד. עס האבען גע־ דארפט פארקומען צוזאמענפאהרען פון צוויי פארטייען — „פועלי

ציון" און „הפועל הצעיר", און אין די רעסטאָראַנען און נאסט־הייזער איז שוין געווען טומעלדיג. יעדערער האָט געוואָלט באַווייזען, אַז נאָר זיין פּארטיי איז גערעכט און וועט האָבען ערפאָלג אין דער ארבייט. און קוקענדיג אויף די אויפגערעגטע יונגע פּנים'ער, האָט אויסגעזעהן, אַז אימיצער רייצט דאָס זיי אַן איינעם אויף דעם אַנדערען, און אליין באַהאַלט ער זיך, מאַכט גרימאַסען און לאַכט...

בנימין כּאינים האָט געמאַכט ביי זיך דעם ערשטען סדר און איינגעלאַדען זיינע בעסטע פריינט און א צוויי־דריי באַקאַנטע. לאה, פּרא און נחמה האָבען פון אין דער פריה אָן געקאָכט און צוגעקליבען דעם צימער. כּאינים איז דעם גאַנצען טאָג געזעסען ביים ים און האָט געלעזען דאָסטאָיעווסקי'ן, ביי וועמען ער האָט אָפּט געשעפּט שטימונג פאַר זיינע שווער־מוטיגע ערצעהלונגען. די מיידלעך האָבען איהם שטרענג פאַרבאָטען צו קומען אַהיים איידער עס וועט פינסטער ווערען. די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אַלץ נידעריגער, און די אָווענטיגע קיהלקייט איז שוין אָנגעקומען. כּאינים שטעהט אויף און נעהמט אומגעהן ביים ברעג.

— יע, יע, — קלערט ער. זיין לעבען פאַרגעהט אָהן פרייד. באַלד וועלען אַלע קומען צום סדר. איך זיין אומעטיגען צימער וועט זיין פרעהליך, וועט הילכען נחמה'ס געלעכטער, ווי גלעקלעך קלינגען. זי וועט שטיפען מיט איהם, ווי א קינד און איהם וועט אזוי פאַרדריסען, פאַרוואָס ער איז ניט קיין איינפאַכער געזונטער בחור, וואָס לעבט זאָרגלאָז, ניט קלערענדיג וועגען שווערע, אָנגעווועהטאָנטע פראַגען. דער אָווענט וועט אוועקגעהן, און ער עט ווידער בלייבען אליין מיט זיין בענקשאַפט. דאָס באַאומזיין, אַז ער איז ניט שעהן, שרעקענדיג, אַז ער האָט א פּנים פון א נאַרישען קרעמער, וועט איהם ווידער מאַטערען ביז טרערען. דאַן וועט זיך ציהען א לאַנגע, שלאָפלאָזע נאַכט, פאַר איהם וועלען אויפשטעהן רופענדע פרויען־געשטאַלטען, און זיין קערפּער ,געמאַטערט פון ליידענשאַפט וועט זיך אָנצינדען ווי אין פייער.

— אָ, גאָט, ווי שווער דאָס איז אַלץ, — קלערט כּאינים,

געה זוך איהם, — האָט באַמערקט נחמה, שמייכלענדיג מיט איהרע ליבע חן־גריבעלעך.

מען האָט גענומען זעצען זיך צום טיש. קאינים האָט געפרעגט, ווער פון די מיידלעך וויל זיין די מלכה פון סדר.

— זאָל אָרא זיין די מלכה! — האָט דער מאהלער א געשריי געטאָן.

אלע האָבען אונטערגעכאַפּט: אָרא, אָרא! עס איז פרעהליך געוואָרען. אפילו אויף דער אלמנה'ס געזיכט האָט זיך באַוויזען א שמייכעל.

— זעץ דיך אוועק, מלכה מיינע, לעבען מיר, — האָט קאינים געזאָגט פייערליך, ווענדענדיג זיך צו אָרא'ן.

דער סדר האָט זיך אָנגעהויבען. נאָך דער ערשטער ברכה האָבען אלע אויסגעטרונקען זייערע כוסות. דאַן האָט מען אראָפּגענומען פון שיסעל אן איי, א ביין און געבראָטענע פלייש, און מען האָט אויפגעהויבען א כוס מיט די ווערטער: „אָט איז דאָס ברויט פון די ליידענדע, דאָס ברויט, וואָס אונזערע אבות האָבען געגעסען אין לאַנד מצרים".

די מיידלעך האָבען שווייגענדיג צוגעהערט, ווי די מענער זאָגען די הגדה. אָרא האָט בגנבה געקוקט אויף דניאל'ן, און ווען זייערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט, האָבען איהרע אויגען געלויכטען מיט א מערקווירדיגען ליכט. די אלמנה האָט שטיל געזיפצט, דערמאָנענדיג, מסתמא, איהר מאַן און די סדרים אין איינענעם הויז. נחמה, די איינגסטע פון אלעמען, איז אויפגעשטאַנען און האָט געפרעגט די פיר קשיות.

אביסעל שפּעטער האָט מען גענומען געבען עסען. די מיידלעך זיינען געלאָפען אין קיך העלפען דער ווירטין. נאָכ'ן פיש און עטליכע באַקאַלען נוטען וויין איז דער מאהלער, ניט קענענדיג טרינקען, שוין געוועזן שיכור. ער האָט אויך גערעדט, האָט געמאַכט מיט די הענט, געוואָרפען ארום זיך דאָס געשיר און פאַרזיכערט די מיידלעך, אז אזעלכע קניידלעך האָט ער אפילו ביי זיין איינענער מוטער ניט געגעסען. אָרא איז געווען אנטציקט. דער שעמעדיגער דוד האָט, קוקענדיג אויף איהר, ניט אויסגעהאַלטען און האָט מיט א פלאַנטערענדער צונג געזאָגט איהר

עפּעס א קאָמפּלימענט. זי האָט זיך צולאַכט און האָט אין שפּאַס איהם א קלאַפּ געטאָן מיט דער סערוועטקע איבער'ן האַנט.

ביים סוף עסען זיינען די מענער געווען שיכור. וועלענדיג אלעמען אריבערשרייען, האָט דער מאהלער מיט א הייזעריגער שטימע גענומען באוויייזען דניאל'ן, אז אין מאהלעריי און סקולפּ־טור וועלען נאָך די אידען ווייזען וואס זיי קענען.

— אנטאָקאָלסקי און לעוויטאן זיינען נאָך גאר ניט, — האָט ער געשריען, אויסשטעלענדיג אויף דניאל'ן זיינע גרויסע אויגען און אָנכאַפּענדיג איהם ביים קנעפּעל פון פּידזשאַק, — ביי אונז וועלען זיך נאָך באווייזען אזעלכע געניאלע קינסטלער, וואס וועלען ערשטוינען די וועלט מיט זייערע וואונדערליכע ווערק. און דאָס אלץ וועט זיך אָנהויבען דאָ אין פּאלעסטינא, אין איינענעם לאנד. עס וועלען קומען נייע פּאָעטען, און זייערע לי־דער וועלען זיין דופּטיגער און פארבענרייכער פון שיר השירים. נייע נביאים וועלען אויפשטעהן מיט פייעריגע ווערטער פון אמת אויף די ליפּען. זיי וועלען ווידער דערמאָנען דער וועלט אָן דער פארברידערונג פון פעלקער, אָן דער שעהנקייט און גרויסקייט פון דעם איינציגען גאָט. יע, דאָס וועלען זיין נביאים ווי ישעיהו און ירמיהו. א נס וועט געשעהן מיט אונזער פאָלק. מיר וועלען ווידער אויפלעבען און ווערען יונג און שעהן ווי אמאָל. דאָס אלטע פאלק, וואָס האָט געגעבען דער וועלט א גאָט וועט אויפשיינען, ווי די מאָרגען־רויט אין פריהלינג, און וועט ברענגען דער גאנצער מענשהייט ליכט און פרייד. וואַרט, דו שמייכעלסט... און איך זאָג דיר, אז א גרויסער נס וועט געשעהן. האָסטו אין חדר געלערענט די נביאים? ווייניג, זאָגסטו? איז הער!... גאָט האָט אוועקגעשטעלט יחזקאל'ן אין מיטען א פעלד, וואס איז געווען באדעקט מיט ביינער. די ביינער האָבען זיך באדעקט מיט פלייש, און פון פיר זייטען האָט גאָט אין זיי אריינ־געבלאָזען א גייסט, און זיי האָבען זיך אויפגעלעבט. און זיי זיינען געוואָרען א גרויסע מחנה. און גאָט האָט געזאָגט צו יחזקאל'ן: „אָט די ביינער באדייטען דאָס הויז ישראל, זיי זאגען: אונזערע ביינער זיינען פארטריקענט געווארען, און אונזער האָפנונג פאר־לאָרען געווארען, און אָפּגעזונדערט איז אונזער טייל. איז זאג

פארגעסען זיין ארימקייט און ניט געדענקען מעהר זיין וועה", — האט געזאגט די קלוגע מוטער פון קעניג לימאל. מיר לעבען אין טרויער און בענקשאפט. און וואס איז דאס לעבען? — האט ער אנגעהויבען פילאזאפירען — רויך, שטויב, א ווינט אין פעלד, וואס וויגט די גראזען, און מעהר גאר ניט. איהר, מיינע ליבע, געהט אוועק און לאזט מיר זיך הארציג דורכריידען מיט איהם. דאס איז א מערקווירדיגער מענש.

דער מאהלער האט זיך אראפגעלאזען אויפ'ן דיל ביי כאינים'ן צוקאפענס און האט ווידער גענומען רעדען וועגען דער ניש־טיגקייט פון מענשליכען לעבען, ציטירענדיג אהן אויפהער קהלת און אנדערע ספרים. באלד האט מען גענומען זיך פאנאנדערגעהן. דניאל איז געבליבען מיט כאינים'ען, מורא־האבענדיג צו לאזען איהם אליין. ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער טעראסע. עס איז געוועזן א לבנה־נאכט. פון דערווייטען האט זיך געזעהן דער ים אין א וואונדערליכען זילבער־שיין. ער האט געזעהן ווי זייער גאנצע קאמפאניע איז געגאנגען צום נייעם שטעדטעל, און האט נאך לאנג געהערט נחמה'ס געלעכטער און די שטים פון דעם מאלער, וואס האט געבעטען אלעמען צו זיך צו הוליען ביז אין דער פריה. ענדליך איז אלץ שטיל געווארען. דניאל האט זיך אנגעשפארט אן א שטיינערנער קאלאנע און זיך פארטראכט. דא איז ער פאר־א־יאהרען געזעסען מיט דינה'ן. דאס איז געוועזן נאך אן אווענט ביי כאינים'ען. אויך דאן האט די לבנה געשיינט. דאס מיידעל איז אינגאנצען געוועזן אין ווייסען, האט גערעדט מיט א ווייכער שטים, האט איהם געצערטעלט, און אזוי אומשולדיג זיינען געוועזן איהרע שעהנע סאמעטענע אויגען...

פלוצלונג האט זיך דערהערט א שווערער לאנגער קרעכץ. דניאל האט געאיילט צוריק אין צימער. כאינים'ס אפענע אויגען האבען געוואנדערט ווי ביי א גייסטיג־קראנקען.

— איך וויל טרינקען, — האט ער געזאגט. באלד איז ער ווידער אנשלאפען געווארען. דורכ'ן פענסטער האט אריינגעשיינט די לבנה.

.5

אויפ'ן דריטען טאָג פסח האָט זיך געעפענט דער צוזאַמענ־פאָהר פון „פועלי ציון" און „הפועל הצעיר". דניאל האָט ניט געהערט צו קיין פּארטיי. אָבער וועלענדיג טרעפען חברים פון די ווייטע קאָלאָניעס פלעגט ער באזוכען אלע פארזאַמלונגען.

צום סוף פון צוזאַמענפאָהר איז דניאל איינמאָל ארויס פון א האלב פינסטערען, פארשטיקטען צימער פון א שמוציגען גאַסט־הויז, וואו די יונגענט איז הייזעריג געוואָרען דיסקוטירענדיג און ארויסשרייענדיג שעהנע פראַזען וועגען סאָציאַליזם, דעם אידישען פאָלק און דעם אלוועלטליכען פּראָלעטאריאט. אויפ'ן גאַס האָט ער ערלייכטערט אָפּגעאָטעמט און איז לאַנגזאַם א פארטראַכטער אוועק מיט א שטילען געסעל. אין די אויערען איז נאָך געווען דער טומעל פון די רעדען. באזונדערס אומערטרעגליך איז געווען דאָס פּיסטשען פון א ניט שעהנער מיידעל אין ברילען מיט אונטער־געשאָרענע האָר, איינע פון די אָנגעזעהענסטע מיטגלידער פון דער פּארטיי „פועלי ציון".

— גאָט מיינער, וואָס פאר אַן אומאַנגענעמע פּערזאָן, — האָט דניאל געקלערט.

פּלוצלונג האָט ער באמערקט אָרא'ן. זי איז געגאַנגען איהם אנטקעגען מיט א בוך און א העפט אין האַנט.

— אָט זעה איך איך ווידער, — האָט זי געזאָגט מיט א שוואַכען שמייכעל.

זי האָט אויסגעזעהן מיד און אויסגעמאַטערט. אונטער די אויגען זיינען געווען בלויע רינגען, ווי זי וואָלט געווען קראַנק און געליטען פון שלאָפלאָזיגקייט.

— פון וואַנען קומט איהר? — האָט דניאל געפרעגט.

— געווען אויף א רעפּעטיציע. אלע געהט שלעכט. איך קען נאָך ניט מיין ראָל, און די פאָרשטעלונג דאַרף שוין באַלד זיין. שווער איז פאַר מיר די שפּראַך, און איך קען ניט פארשטעהן גוט העברעי'ש. איך קען דאָך ניט רוסלאַנד. מיט איין וואָרט, עס וועט זיין א פאַלשטענדיגער דורכפאַל.

— און איך האָב געהערט פאַרקעהרט, אַז איהר שפּילט

אויסגעצייכענט. אפילו כאינים זאָגט, אז איהר האָט א גרויסען
טאַלאַנט. ער איז דאָך גאַנץ קאַרג אויף לויב־געזאַנגען.

אַרא'ס געזיכט האָט אביסעל אויפגעשיינט.

— גאָר אזוי! און מיר האָט ער װעגען דעם קיין וואָרט
ניט געזאָגט, — האָט זי זיך געוואונדערט. קומט אָבער צום
ספעקטאַקעל דניאל. איך וועל זעהן צו שפּילען גוט. מיט מיר
טרעפט אָפּט, אז פּלוצלונג לאָזען זיך אראָפּ די הענט, און איך
הער אויף צו גלויבען אין מיינע קרעפטען. אָבער איך דאַרף
נאָר ארויסגעהן אויף דער ביהנע, און מיין האַרץ ווערט גלייך
מוטיג.

זיי זיינען געשטאַנען ביים טירעל פון אן אַראַבער
הויף. פון א פענסטער האָט אויף זיי געקוקט א יונגע מוטער
מיט א זויג־קינד אויף די הענט. פון ערגעץ האָט זיך צו זיי
דערטראָגען א טרויעריגער מאָטיוו פון אן אראַבער, וואָס פאַר־
קויפט קאַלטע געטראַנקען.

— מאָרגען גלייך אין דער פריה געה איך מיט א קאָמפּאַניע
אוועק אויף א שפּאַציר, — האָט דניאל געזאָגט.

— וואוהין?

— אין יריחו און צום ים המלח.

— און מיידלעך געהען אויך מיט אייך?

— ניט איינע וועט מסתמא געהן.

— גאָט מיינער, ווי וואָלט איך אויך געוואָלט געהן! — איז
אַרא טרויעריג געוואָרען. — אָבער צוליב דער רעפּעטיציע וועל
איך מוזען בלייבען אין דער שמוציגער שטאָדט. נו, אוים'ס ווי־
דערזעהן. זיים אויף דער פאָרשטעלונג.

— איך וועל אייך אביסעל באַגלייטען, — האָט דניאל פאַר־
געשלאָגען.

— קומט!

אין אָוונט איז דניאל געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער
פון זיין צימער. ער האָט זיך געפיהלט ניט זעהר גוט. אנטקעגען
מאַלקאָוו'ס גאַסט־הויז איז געווען אן אָרימע אראַבישע קאַפע.
ביים שוועל, מיט די פיס אונטער זיך, זיצט דער שטענדיג שלע־
פעריגער דיקער בעל הבית אין זיין האַלב־זיידענעם כאַלאַט, עהנ־

ליך צו א כענעזישען אפגאט. און אונטער דעם דרויסענדיגען דאך רויכערען קאליאן עטליכע בעדואינער אין ברוינע אבאיעס. איינעם פון זיי קען דניאל. דאס איז א באוואוסטער רויבער, דער אטאמאן פון דער גאנצער באנדע פון איבער דעם ירדן. אט איז ער אויפגעשטאנען, א שלאנקער און דינער, האט זיך לאנג־זאם ארומגעקוקט מיט זיינע גרויסע טרויעריגע אויגען, און צו־דריקענדיג די קענט צום הארצען, — א צייכען פון זעגענען זיך מיט'ן בעל הבית, — געהט ער רוהיג אוועק. און אט געהט דער הויקערדיגער אראבער, א בארוועסער, אנגעטאן נאר אין א לאנ־גען לייווענטענעם העמד. דאס איז א היגער „אבומאסארי", — א גרויסער עושר, דער באזיצער פון רייכע אפעלסינען גערטנער. ער איז א מיטגליד פון א היילינער מוסולמאנישער חברה. אויף לויות איז ער אלע מאל דער ערשטער. דניאל זעהט איהם אפט אין פראצעסיעס. ער געהט פאראויס און זינגט טרויעריגע תפלות...

פלוצלונג דערהערט דניאל באקאנטע שטימען. באינים קומט צו מיט אראן. פון וואנען נעהען זיי, קלערט ער, וואו זיינען זיי געווען? אפשר זיינען זיי געזעסען ביים ים, און ער האט זיך פאר איהר באקלאגט אויף זיין איינזאמקייט, און זי האט איהם געטרייסט? איבערינגעגס, נים זיין זאך, וואו זיי זיינען גע־ווען. מען דארף בעסער געהן שלאפען. . מארגען אין דער פריה דארף מען דאך אוועקגעהן.

ביינאכט האט זיך דניאל אפט אויפגעכאפט. ער האט אלץ מורא געהאט צו פארשלאפען. אפט האט ער אנגעצונדען דעם לאמפ און געקוקט אויפ'ן זייגער. ענדליך האט אנגעהויבען צו טאגען. אויפ'ן הויף האט געקרעהעט א האן. דניאל האט זיך אנגעטאן און איז ארויס אין גאס. עס איז געווען קאלט. אין הימעל האבען זיך אויסגעלאשען די שטערען. ער האט אויפ־געציטערט, א קוק געטאן צום מזרח און האט זיך דערמאנט א וואונדערליכען חלום, וואס ער האט געזעהן די נאכט. ער איז געווען אויף דער וואלגא, אין זיין איינענעם שטעדטעל. עס איז געווען פריהלינג און אלץ האט געבליהט. ער איז געלעגען אויפ'ן גראז אין וואלד און האט געקלערט, ווי גוט דאס איז צו זיין

מיט איינענע נאָך לאַנגע וואַנדער־יאָהרען. אַמ נעהמ צו איהם צו זיין שוועסטער. זי איז אין א העלען קלייד מיט רויטע בלר־מען אין די האָר, און זי איז אזוי אויסגעוואַקסען און שעהן. קום אהיים, זאָגט זי, די מוטער וואַרט אויף דיר. דו וועסט דאָך מאָרגען אין דער פריה ווידער פון אונז אוועקגעהן. — אין דער פריה האָט די זון געשיינט, ווען ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן דאַמ־פער. ביים האפען שטעהען א סך מיידלעך אין בונטע קאָסטיו־מען. — ברודער, ווי גליקליך דו ביזט! פאָהרסט אין ירושלים, — זאָגט די שוועסטער. — ער פאָהרט צו דער כותל מערבי, — מור־מעלט די מוטער. — ער וועט דאָרט בעטען פאַר אונז...

אויף דעם גאַסט־הויף, וואו די קאָמפאַניע דאַרף זיך צו־נויפקלייבען, איז נאָך קיינער ניטאָ. דניאל זעצט זיך אויף א ביינקעל, פאַרמאַכט די אויגען, און איהם חלומ'ט זיך: ער איז אליין אין א טויטער שטאָדט, וואָס איז איינגעהילט אין אייבינער פינסטערניש. די הייזער ארום זיינען ליידיג, אומזיכטבאַרע שאָ־טענס באַוואוינען זיי. אלץ איז שטיל. נאָר דער ים רוישט, רוישט...

דניאל כאַפּט זיך אויף, שטימען הערען זיך. דאָס קומט צו דער מאָהלער הרדי מיט א מיידעל.

— ביזט אליין?

— ווי דו זעהסט, — ענטפערט דניאל, — אונזערע בחורים האָבען זיך פאַרשפּעטיגט.

— אָבער אַט קומען זיי אָן. עס קומט דער עלטערער קאָפּ־לאַן. מען דערצעהלט וועגען איהם, אז ער האָט פאַרלאָזען א פאַ־מיליע, האָט געוואָרפען א רייך לעבען און איז אוועק אין פאַלעס־טינא ארבייטען פון טאָג. ער איז קליין, מאָגער, טראָגט א באָרד, וואָס איז ערטערווייז שוין גרוי, אָבער פון זיין גאַנצער קליינער פי־גור וועהעט עפּעס א נאָכגיבינקייט און פרידליכקייט. — די אנ־דערע קומען אָן פרעהליכע מיט זעקלאך אויף די אַקסלען און שטע־קענס אין די הענט. א הויכע ארבייטערין, וואָס מען רופט „קאָ־זאַק” פאַר איהר קראַפט, איילט אלעמען צו: „שוין צייט! באַלד געהט אויף די זון” און א בריים־פּלייצינער בחור כאַפּט זי ארום ביי דער טאַליע און פרעגט:

— נו, קאַזאַק, זיך גוט אויסגעשלאָפֿען?

זי שטויסט איהם אָפּ. נעהמט ארויס פון קעשענע אַ קליינעם רעוואָלווער און דראָהעט איהם אין שפּאַס:

— אוועק, איך וועל דיך דערשיסען!

— אזוי! — לאַכט דער בחור, — אָט דאָס איז אַ מיידעל!

און א זיים, נים וועלענדיג מען זאל זי באַמערקען, האַלט זיך די מאָגערע נייטערין, וואָס הוסט אין פויסט. די חברים האָבען זי געוואלט אפּרעדען פון באַטייליגען זיך אין דיזען שווער־רען שפּאַציר, אָבער איהר ווילט זיך אזוי זיין אין א פרעליכער קאָמפּאַניע, אויף דער פריי. שווער דאָך צו זיצען א גאַנץ לעבען איינגעבויגען מיט דער נאָנדעל אין האַנט איבער פרעמדע קליי־דער...

די קאָמפּאַניע ריהרט זיך צום מאַרש, נעהט פאַרביי אַן אַלטע טערקישע געפענגניס מיט א הויכען פינסטערען טורעם און אין באַלד אויפ׳ן ברייטען סולטאַנער וועג, וואָס פיהרט צו ירושלים. אין מזרח, איבער די בערג פון יהודה, נעהט אויף די מאָרגענ־רויט. דורך די דורכזיכטיגע ראָזע וואָלקענדלאַך דויטלען זיך אין הימעל וואונדערליכע טולפּאַנען און ברענען, ווי זיי וואָלטען אָנגעגעצונדען געוואָרען פון די אומזיכטבאַרע פייערדיגע פיילען פון דער זון...

און דער וועג ווערט ביסלעכווייז באַלעבט. פון די דער־בייאיגע דערפער איילען צום מאַרק מיט קערב אויף די קעפּ פעלאַשקעס. עס ציהען זיך קעמלען און עס קלינגט דאָס הירזשען פון יונגע אייזלען, אָנגעטריבען פון אַראַבער איינגלעך. און ווייטער אויף די ברייטע פעלדער זעהען זיך די אָנגעבויגענע פיגורען פון אַראַבערינס, וואָס רייסען אויס ווילדע גראָזען, מאָן, געל־ווייסע רומאַשקעס. דאָ, אין פעלד זיינען ווייערע טונקעלע נעזיכטער מיט דער בלויער טאַטואירונג איננאַנצען אָפען, און מיט נייגעריגקייט באַטראַכטען זיי די פאַרבייגעהער און באַגריסען זיי מיט הויפענס בלומען.

אין עטליכע שעה ארום קומט די קאָמפּאַניע אָן אין א קליין אַראַביש שטעדטעל און נעהט אריין אין א אידישען גאַסט־הויף.

Digitized by Google

דער בעל־הבית, וואס שטאמט פון פוילען, מיט לאנגע פאות, ווערט אויפגעלעבט, דערזעהענדיג די געסט.

— חיה, שטעל גיכער דעם סאמאָוואר!

מען בייסט צו און מען באשליסט אפצורוהען און נעהן וויי־טער, ווען די בייטאָגיגע היץ וועט אריבערגעהן. ביים טיש רעדט מען וועגען די לעצטע ארבייטער צוזאמענפאהרען. דאן געהט מען איבער צו די פאלקס־פארוויילונגען, וואס ווערען געמאכט יאָהרליך פסח־צייט אין איינער פון די קאָלאָניען פון יהודה.

דניאל איז אריין אין א זייטיגען צימער און האט זיך צוגע־לייגט. אין ווינקעל ביים פענסטער אויף א קליינעם טישעל איז געשטאַנען אן ארימער ארון קודש. דניאל האט צוגעמאכט די אויגען און געוואלט איינשלעפערן, פיהלענדיג אן אנגענעהמע מידקייט אין גאנצען קערפער. און ווען ער האט זיך אויפגע־כאפט, איז שוין קיינער אין הויז ניט געווען. די קאָמפּאַניע איז נאָר וואס אוועק. אויפ'ן הויף ביים ברונעם אויף א שטיין איז געזעסען דער מאהלער און האט זיך געשפּילט מיט דעם בעל הבית'ס אינגעל.

— עס מאכט ניט אויס, מיר וועלען זיי דעריאָגען, — האט געענטפערט דער מאהלער. — ס'ארא וואונדערליכע שטילקייט. הער זיך נאָר איין! און ווי געפעהלט דיר אָט דער בחור? קוק נאָר אויף זיין ליבען פנים, — דער מאהלער האט אָנגענומען מיט ביידע הענט דעם אינגעל'ס קאָפּ און איהם אומגעדרעהט צו דניאל'ען. אויגען ווי ביי א ווילדען אדלער. און וועט ער אויס־וואקסען, וועט ער עפּענען א קרעמעל און האנדלען מיט הערינג אָדער גאָר מיט אלטע הויזען. און דאָס זיינען דאָס די אור־אייניק־לאך פון די באריהמטע מכבים, — האט דער מאהלער אפּגע־זיפצט.

— פון וואנען ווייסטו? — האט דניאל געפרעגט, — אפשר וועט פון דעם אינגעל אויסוואקסען א גוטער ערד־ארבייטער, וואָס האט ליב די ערד?

— וואס פאר אן ערד־ארבייטער! קוק נאָר אָן זיין פאָטער — האט דער מאהלער א מאך געטאן מיט דער האנט.

דניאל האט געגעבען דעם אינגעל א מעטאלענע מטבע, האט

Digitized by Google

איהם א קוש געטאָן, און די פריינד האָבען גענומען געהן. זיי זיינען פארביינעגאנגען אן אלטען גריכישען קלויסטער מיט א מעשענעם קופעל, וואָס האָט העל געשיינט אויף דער זון. דאָן זיינען זיי פארביינעגאנגען אן אומעטיגען אראבישען בית עולם, צווישען די קברים האָט זיך געזעהן אן איינזאמע פיגור אין שווארץ, וואס איז ווי פארגליווערט געלעגען איבער א שטיין.

— די קאָמפּאניע איז שוין מסתמא ווייט אוועק. — האָט געזאָגט דניאל, ווען זיי זיינען ארויס אויפ'ן סולטאנער וועג.

— זאָלען זיי געהן, — האָט געזאָגט דער מאהלער, באטראכ־טענדיג די וויסטע געגענד ארום, — זאלבאנאנד איז עפעס בעסער צו געהן.

אין דער ווייט האָבען זיך געוויזען צוויי רייטער אויף ווייסע פערד. דאָס זיינען געווען בעדואינער אין ברייטע אבאיעס און רויטע שטיוועל. זייערע קעפ זיינען געווען באדעקט מיט העלע טיכלאך מיט דיקע שווארצע שנורען אויבען.

באגעגענענדיג זיך, האָבען זיי זיך באגריסט, און איינער פון די רייטער האָט געפרעגט:

— ווער זייט איהר און וואוהין געהט איהר?

— מיר זיינען אידען, — האָט געענטפערט דער מאהלער, וואָס האָט פריי גערעדט אראביש, — און מיר געהען אין ירושלים.

— אָ, יענע שטאָדט ליגט ווייט הינטער די בערג, — האָט דער בעדואין א שמייכעל געטאָן, באווייזענדיג זיינע שעהנע וויי־סע צייהן, — געהט אין פרידען. — און זיי זיינען זיך פאנאנ־דערגעגאנגען.

— אָט וואָס מיט מיר איז געווען מיט א יאָהר צוריק, — האָט אָנגעהויבען דניאל, ווען די רייטער זיינען אפּגעפאהרען, — עפעס א קאָלאָניסט האָט מיך אָנגעדונגען צו פיהרען שטיינער פאר'ן אלטען שאָסעי. אין דער פריה האָט דער בעל הבית איינ־געשפּאנט זיינע צוויי פערד, און מיר זיינען אוועקגעפאהרען. לעבען נאסט־הויף איז געלעגען א גרויסער הויפען קליינע שטיינד־לאך. מען האָט די שטיינער געדארפט צו־פיהרען צו די ערטער, וואס האָבען געדארפט פאררעכט ווערען. איך האָב זיך א גאנצען טאָג אפּגעמאטערט מיט די קראנקע פערד. נאָך דער ארבייט

האָב איך באַשלאָסען צו זאָגען דעם בעל הבית, אז איך קען מעהר ניט. ער האָט אויף דעם נאָך ניט געענטפערט און נאָר געגעבען אַן עצה:

— בלייב דאָ נעכטיגען. מאָרגען איז אַן אַראבישער יום־טוב, און פון אלע דערפער קומען אהער אַן מענשען. וועט מען דיך טרעפען אין וואלד, וועט מען דיך צושלאָגען.

איך האָב געוועהנליך ניט געפאָלגט. דער בעל הבית האָט מיר געגעבען דריי בישליקס. איך האָב גענומען א דין, בויגיג צווייגעל און בין געגאנגען צוריק אין קאָלאָניע. עס איז שוין געווען טונקעל. באַלד בין איך געווען אין וואלד. איך געה אזוי פארטיפט אין טרויעריגע געדאנקען וועגען לאנג פארגאַנגענע צייטען. פלוצלונג הער איך: דין־דין. און דאָ איז שוין געוואָרען פינסטער. איך האָב איבערוועלטיגט מיין שרעק און בין מיט פעסטע טריט געגאנגען אנטקעגען דעם גלעקעל. אין א פּאָר מינוט ארום האָבען זיך פון הינטער די בוימער באוויזען צוויי אראבער, איינער אויף א פערד און אן עלטערער אויף א קליינעם אייזעל. זיי האָבען זיך אפּגעשטעלט און געבעטען ביי מיר פּאַפּיראָסען.

— איך רויכער ניט, איך האָב ניט קיין פּאַפּיראָסען, — האָב איך געענטפערט.

דער יונגער האָט מיט א שרעקליכער גרימאַסע מיר א שמיץ געטאָן מיט'ן בייטש איבער'ן רוקען. איך האָב א געשריי געטאָן פאר גרויס וועהטאָג און האָב אָנגעכאַפּט דעם פערד פאר'ן צוים. דאָ האָט דער אלטער זיך א לאָז געטאָן אויף מיר. ווען איך בין געקומען צו זיך, זיינען זיי שוין געווען ווייט. ווען איך בין אָנגעקומען אין קאָלאָניע, בין איך אראָפּ אין ווייַן קעלער. אין דער פינסטער און שמוץ זיינען דאָרט געלעגען תמינ'ער. איך האָב זיי דערצעהלט די געשיכטע און געוויזען די בלויע צייכענס. א דאָרע פּרוי אין שמאַטעס האָט זיך צוואַויינט און האָט גענרמען דערצעהלען:

— אָט די גזלנים האָבען דאָך מיין מאַן דער'הרג'עט און מיך איבערגעלאָזען אליין מיט קליינע קינדער. און ער איז געווען אזוי יונג.

דניאל איז אנשווינגען געווארען.

— יע, מיט די אראבער וועלען מיר נאך האבען א סך צו טאן, איידער מיר וועלען זיי אביסעל ציוויליזירען, — האט באַ־מערקט דער מאהלער.

די חברים קומען צו צו א קליין דערפעל. אנטקעגען זיי לויפען עטליכע נאקעטע קינדער מיט שעהנע אויגעלאך און בעטען נדבות. ביים ברונעם זיינען פאראן עטליכע מיידלאך און פרויען. איינינע פון זיי האבען אנגעפילט די קרוגען, און לאנגזאם און גראציעז געהען זיי מיט'ן שטעג צום דערפעל. און ווייטער אין פעלד שלעפט זיך אן ארימער פעלאך. אין זיין אוראלטע סאכע איז איינגעשפאנט אן אלטער קעמעל. די גאנצע צייט ציהט ער א טרויעריגען ניגון און ארום און ארום שווייגען די שטיינערנע בערג פון יהודה.

אין צוויי שעה ארום ליגען זיך די חברים שלאפען אין שאטען פון די בוימער ביי דער אלטער אראבער קרעטשמע. פאר־ביי האבען זיך געצויגען צו ירושלים רוסישע פילגרימען. דניאל האט זיך פריינדליך געגריסט מיט די קריסטליכע דאוונער און זיי האבען געענטפערט:

— גאט זאל דיך באשיצען, טייערער!

די זון פארגעהט. און ווידער א וויסטער וועג, שטיינערנע בערג. ווידער זעהט זיך אן ארים דערפעל מיט א קליינער וויר־סער מעטשעט איבער וועלכער עס שטעהט אן איינזאמע פאלמע. שטיל און טרויעריג איז ארום. עס דאכט זיך, ווי די בערג וואל־טען נע'חלומ'ט וועגען דער גוטער פארגאנגענער צייט, ווען איבער זייערע שפיצען האבען זיך אויף די ווילדע פערד געטראגען די מעכטיגע קריגער פון יהודה, פארפאלגענדיג די פלישתים. עס דוכט זיך, ווי די בערג וואלטען געבענקט נאך די דערפלאך פון יהודה, וואו עס איז אמאל געווען פרעהלאך, און וואו די טונקעל־הויטיגע טעכטער פון ישראל האבען מיט געזאנג גע־טאנצט אין קאראהאד ביים זון אונטערגאנג.

אין ירושלים זיינען די חברים אנגעקומען אין אווענט. זיי זיינען אוועק אין פאלקס הויז. ביים אריינגאנג זיינען געשטאַ־

נען צוויי הויכע טאָפּאָלען, ווי זיי וואָלטען וועמען געהיט. די גאַנצע קאָמפּאַניע איז שוין דאָרט געווען. אין דעם גרויסען גראַמען צימער האָט מען גערעדט אָהן אויפהער. מען איז געזעסען אין קליינע גרופּען און געפּלוידערט וועגען אַלץ אין דער וועלט. מען האָט געטרונקען טיי, געשפּילט אין „דאַמקעס" און שאַך, געדרעהט זיך ארום די מיידלאַך.

נאָכ'ן טיי האָט זיך דניאל אויסגעצויגען אויף אַ באַנק. דער מאהלער, נאָך ניט קיין אפּגערוהטער, האָט זיך שוין ארומגעריינגעלט מיט בחורים און מיידלעך און האָט זיי גענומען דעקלאַמירען ליבע לידער פון טשערניכאָווסקי און אויסצוגען פון שיר השירים. ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, און זיינע גרויסע, ארויסשטאַרצענדע אויגען האָבען געלויכטען מיט פרייד. „ביזט שעהן, מיין פריינדין, ביזט שעהן, דיינע אויגען זיינען טויבען־אויגען", — האָט זיין שטים זיך געהערט.

לעבען דניאל'ען איז געזעסען דער עלטערער קאָפּלאַן מיט עפּעס אַן אפּגעריסענעם ארבייטער. ער האָט דערצעהלט וועגען דעם געוועזענעם שמש פון פאָלקס־הויז, וואָס איז ניט לאַנג צוריק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די טרויעריגע געשיכטע האָט שוין דניאל געוואוסט. א יונגער ארבייטער, אַן אַנאַרכיסט נאָך זיינע איבערציינונגען, איז געווען אין רוסלאַנד פאַראורטיילט אויף אייביגע קאַטאָרגע. אויפ'ן וועג אין סיביר איז איהם געלונגען צו אַנטלויפען, און ער איז געקומען אין פּאַלעסטינא, וואו עס האָט געוואוינט זיין ברודער, א וועכטער. די ברידער האָבען עפּעס ניט געקענט שטימען און זיינען זיך צוגאַנגען. דער שמש איז איבערגעגאַנגען פון קאָלאָניע אין קאָלאָניע, האָט אָפט געהונגערט און איז ענדליך קראַנק געוואָרען. אפּזייענדיג צוויי מאָנאַטען אין דעם יפו'ער האָספּיטאַל, איז ער פון דאָרטען ארויסגעקומען א שוואַכער. ער איז אין ירושלים געוואָרען דער שמש פון פאָלקס־הויז פאַר פערציג פראַנק א מאָנאַט.

ער האָט געלעבט איינזאַם און האָט זעלטען מיט וועמען זיך באַפריינדעט, באַטש אין קלוב זיינען אַלעמאָל געווען יונגעלייט. ער איז ווידער קראַנק געוואָרען, אָבער אין שפּיטאַל האָט מען איהם ניט צוגענומען. דאַן האָט ער אָנגעשריבען צום

דאָקטאָר א דראָהענדען בריעף, פאָדערענדיג פון איהם עטליכע הונדערט פראנק. דער דאָקטאָר האָט זיך איבערגעשראָקען. ער האָט צונויפגערופען די פאַרטרעטער פון ארבייטער פאַרטייען און זיי געזאָגט: „זעהט, וואס פאַר א רויבער און עקספּראָפּריאַטאָרען עס האָבען זיך באוויזען צווישען דער אידישער יוגענד". מען האָט באַשלאָסען צו כאַפּען דעם אַנאַרכיסט און איהם איבערגעבען צום רוסישען קאָנסול. מען האָט דאָס באַאויפטראַגט צו טאָן דרייען. באוואפענט מיט רעוואָלווערען און שטעקענס, ווי אויף א שלאַכט מיט ווילדע בעדואינער, האָבען זיי זיך אין אַוועגט באַהאַלטען הינטער בוימער, און ווען דער שמש איז ארויסגעקומען פון פאָלקס־הויז, זיינען זיי אויף איהם אָנגעפאַלען, איהם שטאַרק צושלאָגען און א געבונדענעם אָפּגעפיהרט אין קאָנסולאַט. דאָ האָט מען איהם צעהן טעג אָפּגעהאַלטען פאַרשפּאַרט. דאַן האָט מען איהם אָפּגעפיהרט אין יפו און ארויפגעזעצט אויף א רוסישען דאַמפער. אין עטליכע שעה ארום איז געקומען צולויפען א שרפער אין אידישען רעסטאָראַן און האָט דערצעהלט, אַז דער יונגער „יהודי" אויפ'ן דאַמפער האָט זיך אויפגעהאַנגען. זאָל מען צורנעהמען זיין קערפּער.

— איך האָב איהם געקענט, — האָט טרויעריג געענדיגט דער אָפּגעריסענער ארבייטער. — איך האָב געזעהן זיין קערפּער. ער איז געווען שרעקליך. דער קאָפּ איז געוואָרען בלוי צובלאָזען, די אויגען זיינען געווען גרויסע, גלעזערנע. די רויהע צונג האָט זיך ארויסגערוקט, און א פיינליכער אויסדרוק פון אומערטרעגליכען וועהטאָג איז געלעגען אויפ'ן געזיכט...

דניאל האָט אויפגעציטערט. אין דעם אַנדערען עק צימער האָט דער מאהלער דעקלאַמירט פון שיר השירים. דניאל האָט צוגעמאַכט די אויגען. ער האָט געקלערט וועגען דעם טויטען שמש, און א קעלט איז איהם אריבער איבער'ן לייב. ער איז איינגעשלאָפען, און א שווערער קאָשמאַר האָט איהם גענומען דריקען. א מיאוס'ע אַלטע מיט פינסטערע לעכער אַנשטאָט אויגען, מיט א נאַקעטען שאַרבען האָט זיך מיט איהר גאַנצען העסליכען, ביינערדיגען קערפּער ארויפגעלייגט איהם אויפ'ן ברוסט

און ארומגעכאַפּט זיין האַלז און זיך איינגעגעסן מיט איהרע שאַרפע נעגעל.

דניאל האָט זיך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען האַלבע נאַכט. די אַרבייטער זיינען געשלאָפען אויף די בענק און אויפ'ן דיל. דניאל האָט טרויעריג געקוקט אויף זיי און געקלערט, אַז שווער איז דאָס לעבען פון אָט די בחורים און מיידלאַך. אַ סך פון זיי האָבען אוועקגעוואָרפען אַ פאַרזיכערט לעבען אין רוסלאַנד און געקומען אהער מאַטערען זיך און הונגערען.

דאָס מיידעל „קאָזאַק" האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ געשריי געטאָן:

— קינדער, שטעהט אויף! שוין צייט צו געהן!

אביסעל שפּעטער איז די קאָמפּאַניע אוועק אויפ'ן וועג צו יריחו. הינטער אַלעמען זיינען געגאַנגען דניאל מיט'ן מאַהלער. די אַלטע שטאָדט איז געשלאָפען. פון די טונקעלע, געהיימניס־פולע געסלאַך האָבען זיך געזעהן די איינזאַמע פיגורען פון די וועכטער — אַראַבער איינגעהילט אין אַבאַיעס.

אין דער פריה איז די קאָמפּאַניע אָנגעקומען אין יריחו. מען האָט אָפּגערוהט אין אַ אידישען גאַסט־הויז, און ווען עס איז גע־וואָרען קיהלער, איז מען אוועק דורך דעם מדבר צום ים המלח.

עס איז געווען שווער צו שפּאַנען איבער'ן הייסען זאַמד פון מדבר וואָס, האָט זיך געצויגען אהן אַ סוף. קליינע שטיינדעלעך האָבען געפינקעלט אויף דער זון ווי אַלמאַזען. פון די בערג פון אונטער'ן ירדן האָט געבלאָזען אַ טרוקענער ווינט און דער דורשט האָט געמאַטערט. די קאָמפּאַניע איז געגאַנגען פּאַמעלאַך, פאַנאַנ־דערגעוואָרפען. דניאל פלעגט זיך אומקוקען אויף צוריק. דאָרט איז געלעגען דאָס אָרימע דערפעל יריחו. נעבען די עטליכע ליי־מענע כאַטקעס און אַ צעהנדליג שוואַרצע ביידלאַך האָבען זיך געבלאַנקעט האַלב נאַקעטע פּאַסטוכער און עס האָבען זיך געפּר־טערט ציגען און שעפּעלאַך.

— איך קוק אַלץ אויף ירוחן — האָט געזאָגט דניאל צום מאַלער, — סאַר'אַ אָרימקייט.

— יאָ, האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון זיינע געדאַנקען דער מאַלער. אין דער מדבר האָבען געלעבט די וואַנדערבאַרע שטע־

לע אשיים. אזוי זעת איך זיי. אָט געהען זיי ארום אין זייערע לאנגע ווייסע קליידער, אין דעם שטילען ליכט פון שטאַרבענדען טאָג און קלערען וועגען גאָט. דערנאָך איז אהער געקומען יוחנן. ס'ארא צייטען עס זיינען דאן געווען, און וואס פאר א מעכטיגע מענשען עס האָבען דאן געלעבט אויף דער ערד. ווייסט, איך קלער אמאָל, גאנץ ארץ ישראל דארף מען ארומצוימען מיט א גרויסער וואנט, און זאָל דאָס לאנד אייביג בלייבען, פארלאָזען און ווילד, ווי א אור־אלטער בית־עולם, פארוואקסען מיט גראָז און בלומען. אזוי אָבער וועלען זיך אנלויפען אהער זשעדנע געשעפטסלייט, וועלען בויען פאבריקען, הויכע שווארצע קוי־מענס וועלען זיך ציהען אין הימעל אריין, מען וועט דורכפיהרען אייזענבאהנען, און דאן וועט אויף אייביג פארשווינדען גאָט'ס בענקענדער גייסט, וואס שוועבט אויף דער הייליגער ערד. דאָס לאנד אָבער דארף בלייבען א טרייסט פאר דער גלויבענדער מענש־הייט.

דניאל האָט נאר נישט געענטפערט. דער מאלער האָט איהם נישט איין מאָל ארויסגעזאגט אזעלכע געדאנקען, נאָר ער פלעגט מיט איהם ניט איינשטימען. ס'האָט זיך באוויזען א ברוינעביידעל, פון דאָרט האָט ארויסגעקוקט אן אראבער מיט בליש־טשענדע אויגען. די קאָמפאניע לעבט אויף. אביסעל שפעטער געהען זיי שוין צום ירדן, וואָס זילבערט זיך פון ווייטער, ווי א העלער פאָס אויף דער זון.

— ניט אמת, דניאל, האָט דער מאלער אנגעהויבען, — אָט דאָס טויטע וואסער דערמאָנט א פאר'כישוף'טע פרינצעסין. זי ליגט אונטער א גרויסען גלאנציגען סאמעט, וואס איז באַצירט מיט בלויע בלומען און פורפור אוזאָרען און איהר וואונדערליכער שלאָף איז פול מיט שעהנע חלומות.

דניאל האָט פארטראכט געקוקט אין הימעל און גארניט גע־ענטפערט. איהם האָט זיך אויסגעוויזען, אז הויך, הויך אין דעם בלויען רוים זינגט א פארבאָרגענע לערך.

אָפגערוהט, האָט די קאָמפאניע גענומען געהן צוריק. דער מאלער איז אוועק מיט א מיידעל און דניאל איז נאָכגעגאנגען אליין פון הינטען. די זון האָט זיך געזעצט. דניאל האָט אויס־

געטרונקען דעם לעצטען זופּ וואסער פון זיין פלעשעל, האָט גע־נומען גײן שנעלער, וועלענדיג דעריאָגען די קאָמפּאַניע, נאָר ער האָט מיט אַמאָל דערפיהלט א שטארקע מידקייט און האָט אָנגע־הויבען גײן לאַנגזאַמער.

— אַך, אַ טרונק, — טראַכט ער, און כאַפּט זיך ווידער פאר דער פלאַש, נאָר עס איז אַ טראָפּען וואסער ניטאָ.

— הרדי, וואַרט אויף מיר! — רופט ער דעם מאַלער, נאָר קיינער ענטפערט נישט. די קאָמפּאַניע איז שוין אַוועק ווייט פאָראויס. דער טונקעלער בין השמשות ווערט געדיכטער און מאָדנע שטיל איז אין דער מדבר. אָט, וואַקסט איינזאַם א וויל־דער שטעכעדיגער דאָרן. דניאל לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד און פאַרמאַכט פון מידקייט די אויגען. אין מויל איז איהם טרוקען און עס ווילט זיך אַזוי טרינקען. ער דערמאָנט זיך, ער האָט ערגעץ געלעזען, אַז די, וואָס שטאַרבען פון דורשט, זעהען אין די לעצטע מינוטען וואונדערבאַרע אָאַזיסען. זיי חלומ׳ען פון פליסענדע וואַסערען, פון אַ שטיל ווינטעל, אין די שאָטענס פון גרינע ביימער, און פון גרויסע, פּולפאַרביגע צאַרטע בלומען באַדעקטע מיט טוי.

דניאל איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך אַוועקגעשלעפּט ווייטער. פון ירוחן האָבען געפינקעלט צוויי־דריי פייערלאַך, ער איז געגאַנגען זיי אַנטקעגען, נאָר אַביסעל שפּעטער האָט ער זיך ווידער דערזעהן ביים דאָרן און ער האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. מיט אַמאָל האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז אונ־טער׳ן דאָרן רוישט אַ וואַסערעל, און זיין פּנים איז באַלויכטען געוואָרען מיט גליק.

— וואַסער, וואַסער!

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבען די אַרבייטער און צוויי מיידלאַך, וואָס האָבען זיך אומגעקערט פון ירדן, אַרומגערינ־געלט דניאל׳ן.

אין דער פריה, ווען די קאָמפּאַניע איז געגאַנגען צוריק אין ירושלים, זיינען דניאל און דער מאַהלער ווידער אָפּגעשטאַנען פון די אַנדערע און האָבען זיך אַראָפּגעלאָזען אין אַ טאָל. דאָרט

האט זיך געפונען אן אלטער רוסישער מאנאסטיר אונטער א גרויסען פעלז. אריבגעהענדיג א קליין בריקעל איבער א פלי־סינען טייכעל, זיינען זיי איבער א שמאלען, געדרעהטען שטעג צו־געקומען צום מאנאסטיר א הויכער, דארער מאנאך אין א שווארצען מאנטעל איז זיי נעקומען אנטקעגען.

— פון וואנען? — האט ער געפרעגט מיט א פריינדליכען שמייכעל.

— געגאנגען צום ירדן. געהען איצט צוריק אין ירושלים. — האט דער מאהלער געענטפערט.

— בעטען גאט?

— ניין, — האט דניאל געענטפערט. — מיר זיינען אידישע ארבייטער און וואוינען אין פאלעסטינא שוין לאנג.

— איהר זייט ווילקאמען, — האט דער מאנאך געזאגט. — מיר זיינען אלע קינדער פון איין גאט.

ביים אריינגאנג איז געזעסען דער גרויער איהומען און האט זיך געוואריטמט אויף דער זון. די פריינט זיינען אריינגעקומען אין א גרויסען, קיהלען צימער מיט א שטיינערנעם דיל און האבען זיך געזעצט ביי א לאנגען טיש. דער מאנאך האט געבראכט א ברויט, אליוועו און אביסעל בראנפען אין א ראזען גראפין.

— בייסט צו, — האט דער איהומען געזאגט פריינדליך, — איהר האט נאך דריי שעה גאנג ביז ירושלים.

זיי האבען אביסעל גערעדט, דערמאנט רוסלאנד, דאן האט דער איהומען ארויסגענומען א דיק, אלט בוך און האט געבעטען דניאל'ן און דעם מאלער אנצואווייזען אדרעסען פון גוטע מענשען, וואס וואלטען פון רוסלאנד געקענט צושיקען דעם מאנאסטיר געלט.

— מיר לעבען אין גרויסער ארימקייט, — האט דער אלטער אפגעזיפצט. — אפשר וועט עמיצער העלפען די הייליגע ברידער...

ווען די פריינט האבען שפעטער פארלאזען דעם מאנאסטיר, איז דער הויכער מאנאך געלעגען אויפ'ן גראז ביים קבר פון א הייליגען, און, בענקענדיג נאך די ענדלאזע סטעפעס פון ווייטען רוסלאנד, האט ער מיט א טרויעריגער שטים געזונגען: דאלינא, מאיא דאלינאשקא...

* * *

אויפ'ן וועג צוריק אין ירושלים איז דניאל אריין אין א קאָ־לאָניע וואו עס האָט געדאַרפט פאַרקומען א פאָלקס יום־טוב. דער מאָלער האָט זיך אומגעקעהרט אין יפו. דניאל איז אין קאָ־לאָניע אָנגעקומען אין דער פריה. אלץ האָט שוין געהאַט א יום־טוב'דיגען אויסזעהן. ד קליינע, שעהנע געסלעך מיט די ווייסע הייזלעך זיינען געווען פול מיט קאָלאָניסטען אין שבת'דיגע קליי־דער. באַקאַנטע באַגריסען איינער דעם אַנדערען מיט „שלום" און צוקושען זיך.

דער פעסט האָט זיך אָנגעהויבען נאָכמיטאָג. פון דער שול איבער דער הויפט גאַס איז א גרויסע מענגע געגאַנגען מיט מו־זיק און ווייס־בלויע פאָהנען.

ביי די זייטען האָבען געריטען די אידישע שומרים אין ווייסע ברייטע אַבאַיעס. ווייטער ביי די הייזער, אין א שאָטען פון בוי־מער, זיינען געשטאַנען אַראַבער און אַראַבערינס און האָבען צוגע־קוקט די „פאַנטאַזיע". זיי האָבען אויסגעדריקט זייער פרייד און אַנטציקונג מיט הויכע אויסגעשרייען און באַוועגונגען מיט די הענט.

אַט האָט זיך די מאַסע אָפּגעשטעלט ביי דעם הויז פון וועד. אויפ'ן באַלקאָן, וואָס איז געווען באַצירט מיט קליינע פאָהנען און ווייסע בלומען, באַווייזט זיך א הויכער אַלטער מיט א לאַנגער גרויער באָרד דער עולם נעהמט איהם אויף מיט פרייד־געשרייען. מיט א ציטערענדער, אָבער נאָך שטאַרקער שטים רעדט דער אַל־מער וועגען וואוקס פון דער קאָלאָניע און דער פאַרוויקליכונג פון די טרוימען פון די אייביגע וואַנדערער. נאָך איהם רעדט א יונגער אַרבייטער. די יונגע לייט אַפּלאָדירען, און די מיידלאך באַוואַרפען איהם מיט בלומען. ענדליך קומט אַרויס דער הויכער, ברייט־פּלייציגער דירעקטאָר פון דער יפו'ער גימנאַזיע, מיט א שוואַרצער געקרייזעלטער באָרד און ברענענדיגע אויגען. זיין גאַנצע פיגור דערמאָנט אן אַלטען אידישען קריגער פון די צייטען פון די מכבים. ער רעדט מיט א הילכיגער שטים, און זיין באַגרי־סונגס־רעדע פליסט ווי די וועלען פון א גרויסען, טיפען טייך...

די מאַסע נעהמט צום גרויסען, ברייטען פלאַץ, וואו עס פלע־גען פאַרקומען די לויפען אויף פערד. דאָ רייט שוין אַרום דער

יונגער ראובן, וואָס האָט יעדעס יאָהר באַקומען אַ פּרייז פאַר רייטען. ער איז באַריהמט אַפילו צווישען די בעדואינער, וועלכע האָבען ניט איינמאָל מיט אנטציקונג צוגעקוקט, ווי ער טראָגט זיך ווי אַ ווינט אויף זיין דינפיסינגען פערד און וואַרפט און כאַפּט די לאַנגע, פאַרשפּיצטע פּיקע. לעבען איהם דרעהען זיך שוין אנדערע רייטער, עטליכע שומרים, צוויי קאָלאָניסטען און איין אראבער.

די מאַסע האָט זיך פאַנאַנדערגערוקט אויף ביידע זייטען. די אויגען ביי ראובן'ען האָבען זיך צוברענט, ווי ביי אַ ווילדען יונגען אָדלער, און זיין פערד האָט מיט אונגעדולד געקלאַפּט מיט די קאָפּיטעס אָן דער ערד.

— ווייז וואָס דו קענסט אויך איצט, — האָבען ראובן'ען צוגעשריען בחורים און מיידלאַך, אנטציקטע פון זיין בראַווקייט און שעהנקייט.

די פערד האָבען זיך אויסגעשטעלט אין אַ רייה. אַן אַלטער קאָלאָניסט האָט אויסגעשאָסען, און די פערד האָבען זיך אַ לאָז געטאָן ווי אַ וויכער. אויף אַ מינוט זיינען די פערד פאַרשוואונדען אין דעם וואָלקען שטויב, און דאַן האָבען אַלע מיט אנטציקטע בליקען דערזעהן ראובנ'ען פאָראויס, און נאָך איהם דעם אראבער... אין עטליכע מינוט איז ראובן, ווי אַלע מאָל, צוריקגעקומען אַ זיגער. אַלע האָבען איהם ארומגערינגעלט און גראַטולירט, און ער, מיט זיין גוטען, אָפּגעברענטען געזיכט, האָט געשמייכעלט און אַלץ געגלעט זיין מידען פערד.

ווען די זון האָט גענומען פאַרגעהן, איז זיך דאָס פאָלק ביסלאַכווייז צופאָהרען, און די קאָלאָניע האָט צוריק אָנגענומען איהר פרידליכען אויסזעהן, און די ווייסע הייזלעך מיט די בוימער אונטער די פענסטער זיינען געשטאַנען פאַרקלעהרטע אין דער טונקעלבלויער נאַכט.

6.

עס איז געווען אין מיטען פריהלינג. די קאַקטוסען, מאַנדעלבוימער, אקאַציען, גראַנאַטען, וויינטרויבען און טייטעל־בוימער

האָבען געבליהט, און די פעלדער האָבען זיך באַדעקט מיט נייע בלומען. די טעג זיינען געוועז הייסע, די נעכט ווייכע, סאמעטענע, מיט ריינע, אויסגעשטערנטע הימלען — נעכט פול מיט צאַרטקייט און ליבע. גאַנצע טעג ביים ים האָט ניט אויפגעהערט דאָס רוישען פון די קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּילט אין די וואַרימע בלויע וועלען. און פאַרנאַכט, איינגעהילט אין בלויען בין השמשות פלעגען זיך דאָ באַדען מיידלאַך אין בונטע קאָסטיומען. זיי פלעגען שטיפען, ווי נימפען, אַוועקשווימען ווייט, באַשפּריצען זיך מיט פּערל כוואַליעס, וואָס פלעגען ווייך און בנכבה לאַשטשען זייערע יונגע לייבער, לייגען זיך אויפ'ן רוקען און רופען די פריינדינען מיט הילכיגע אויסגעשרייען פון פרייד.

איצט פלעגט דניאל זיך זעהן מיט אַראַ'ן יעדען טאָג. געוועהנליך פלעגען זיין אין אָוונט שפּאַצירען ביים ים.

אין איטאַליענישען קאַפע שפּילט די מוזיק. ביים ברעג זיצט אַן אָרימער אַראַבער און ציהט אַן אָוונט־ליד אָהן ווערטער, וואָס איז פונקט אַזוי טרויעריג ווי זיינע פעלזיגע בערג און וויסטע סטעפּעס.

דניאל געהט מיט'ן ברעג. אַט קומט אַן אַרא מיט איהר אַלטער מוטער. דערזעהענדיג דניאל'ן, זאָגט זי דער אַלטער:

— געה, מוטער! איך וועל מיט איהם שפּאַצירען. דיין זון איז דאָך שוין פאַרגאַנגען.

דניאל מיט אַרא'ן זיינען אַוועק ווייט פון קאַפע. דער ברעג איז דאָ באַשטאַנען פון בערגלאַך און איז געוועזן באַדעקט מיט פיל־פאַרביגע שטיינדלאַך. פון צייט צו צייט האָט דאָס שטילע ווינטעל דערטראָגען די ווייכע קלאַנגען פון מוזיק, און דער ים האָט טרויעריג גערוישט, ווי ער וואָלט געזונגען אַן אבשידס־ליד דעם פאַרגעהענדען טאָג.

— עס וועט אַריבער אַ צעהנדליג יאָהרען, — האָט דניאל גענומען אין דער הויך אַרויסזאָגען זיינע געדאַנקען — און פון אונזער גאַנצען וויסטען לאַנד וועט אפשר ווערען איין בליהענדער גאָרטען. אַרום וועט רוישען דאָס רייכע, בונטע לעבען, און פון אַלע עקען וועלט וועלען אַהער אָנקומען אונזערע אָרימע ברידער.

זיי וועלן דאָ אָפּרוהען, אָנזאַמלען קרעפטען און אָנהויבען אַ נייַ לעבען.

— לאָמיר זיך זעצען — האָט געזאָגט אָרא, ניט פאַרשטעהענ־דיג פאַרוואָס ער האָט עפּעס פלוצלונג אָנגעהויבען רעדען וועגען פּאַלעסטינאַ און די אָרימע ברידער.

זי האָט זיך אויסגעזעצט אויף אַ נידעריגען בערגעל.

— איהר זיים אָבער זעהר אַ הייסער ציוניסט — האָט זי געזאָגט — און איך וואָלט געוואָלט נאָר פאָהרען אין איירא‏פּא און ווערען אַ באַוואוסטע אַקטריסע. מיר ווילט זיך רייכטום און רוהם. איך געדענק, ווי איך האָב אין קאַירא צום לעצטען מאָל געשפּילט „סאַפהאָ”. דער עולם האָט מיר ווילד אַפּלאָדירט. נאָכ־דעם בין איך עטליכע טעג געווען אין אַ וואונדערליכען חלום און אומגעגאַנגען ווי אין אַ נעבעל.

דניאל האָט געשוויגען און וועגען עפּעס געקלערט. עס איז געוואָרען פינסטער. זיי האָבען זיך אויפגעהויבען און זיינען גע־גאַנגען צוריק. דער ברעג איז געווען לעער. נאָר דער אָרימער אַרא־בער האָט נאָך אַלץ געצויגען זיין טרויעריג ליד. אַביסעל שפּעטער זיינען זיי געשטאַנען אין אַ שטילען געסעל ביי אַ קליינעם הויז, וואו אָרא'ס עלטערען האָבען געוואוינט.

— האָט ניט מורא פאַר מיין מוטער — האָט אָרא זיך צו־לאַכט. זי זעהט נאָר אויס בייז, אָבער זי האָט אַ גוט האַרץ. איך ווייס ניט פאַרוואָס זי האַלט אַלע לאַנג־האָריגע פאַר אַפּיקורסים. איך האָב איהר געזאָגט, אַז איהר דאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, ווי אַ גוטער איד. קומט אַריין!

אין הויז איז געווען ליכטיג. עס האָט געשמעקט מיט טרו־קענעם גראָז און מיט אַלערליי געווירצען, פון וועלכען די אַלטע האָט געמאַכט פאַרשידענע רפואות. מיט די פיס אונטער זיך איז די אַלטע געזעסען אויפ'ן דיל און שאָקלענדיג זיך לאַנגזאַם, גע־רויכערט שמעקענדיגען קאַליאַן, פאַרזונקען אין רינגען פון בלויען רויך. אָרא איז מיט דניאל'ן אַריין אין אַן אַנדער צימער און האָט פאַרמאַכט הינטער זיך די טיר. דער צימער איז געווען גרע־סער. דאָ, אויף די נידריגע ברייטע פענסטער, האָבען אין לייטענ־טעפּ געבליהט „פאַרגעס מיך ניט” און מאַרגאַריטקעס. פון די

טונקעלע ראמען אויף די ווענט האָבען געקוקט פּנים'ער פון אַלטע ספרדישע חכמים.

שטעהענדיג פאַר'ן שפּיגעל און פאַרריכטענדיג די האָר, האָט אָרא גערעדט מיט א שמייכעל:

— מיין מוטער קלערט מסתמא, וואָס פאַר א שלעכטע מיידעל זי האָט דאָס: נאָר וואָס געקומען צופאָהרען, און האָט זיך שוין אָפּגעזוכט א בחור. איך וועל אייך ווען עס איז דערצעהלען, ווי מיין ליבער עלטערער ברודעריל האָט געוואָלט איבערגעוואָלט מיך חתונה מאַכען מיט איין אַלטען פּרענק, וואָס האָט שוין געהאַט איין געזעצליכע ווייב. ער איז געווען רייך און האָט מיך געוואָלט קויפען. ביי אונז איז אַזוי ווי ביי די אַראַבער. אין רוסלאַנד, זאָגט מען, איז ניט אַזוי. דאָרט זיינען די פרויען פריי. אין קאַירא האָב איך געהאַט א באַקאַנטען רוסישען סטודענט, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש. וואָס שמייכעלט איהר, איך רעד אפשר קאָמיש ארוים דעם נאָמען? אָט דער איוואַן האָט מיר זעהר פיל דערצעהלט וועגען רוסישע מיידלאַך־רעוואָלוציאָנערינס, ווי זיי ליידען אין די געפענגניסען און זיי שטאַרבען אין דער וויטער, קאַלטער סיביר. אָ, סיניאָר, איך וואָלט אַזוי ניט געקענט ליידען — ביי אָרא'ן האָבען א גלאַנץ געטאָן טרעהרען אין די אויגען. דערנאָך האָט זי געגעבען דניאל'ן אַן אַלבאָם מיט אַנזיכטס קאַרטען און פאָטאָגראַפישע בילדער.

— דאָ וועט איהר געפינען לערנער'ן אויך, — האָט זי געזאָגט, אָנשפּאַרענדיג זיך אין זיין שטול.

דניאל האָט גענומען בלעטערען דעם אַלבאָם. אָרא האָט שטיל איינגעאָטעמט דעם דופט פון זיינע האָר, איהרע אויגען האָבען זיך ווי ניט ווילענדיג האַלב צוגעמאַכט, און פּלוצלונג האָט זי דערפיהלט אַן אונווידערשטעהליכען פאַרלאַנג צוצודריקען זיין קאָפּ צו איהר ברוסט...

דורכ'ן אָפענעם פענסטער האָט א וועה געטאָן א ווינטעל, וועהענדיג לייכט די געלע גאַרדינען און די בלומען אין די טעפּלאַך. אָרא האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט לייכט א ציטער געטאָן און האָט לאַנגזאַם א פיהר געטאָן מיט דער האַנט איבער'ן שטערען.

— ניט אמת, — האט זי שטיל א זאג געטאן, — לערנער איז אויף אט דעם בילד זעהר שעהן?

זי איז אפגעגאנגען אין א זייט, האט זיך פארקלערט, און אן אונפארשטענדליכע גרויסע פרייד האט באלויכטען איהר נשמה.

— ווי שעהן דאס לעבען איז, — האט זי געזאגט, ווידער צוגעהענדיג צו דניאל׳ן.

— —

אין א פאר טעג איז אנגעקומען דער אווענט פון ספעקטאקל.

דער קרייז „די אידישע ביהנע" האט ארא׳ן רעקלאמירט נאך לאנג פאר דעם. מען האט וועגען איהר דערצעהלט וואונדער. ביי די פענסטער פון דעם הויז, וואו מען פלעגט יעדען אווענט רעפעטירען, זיינען אלע מאל געשטאנען א סך יונגווארג. אין די האטעלען און גרויסע געשעפטען זיינען געווען אויסגעקלעפט גרויסע רויטע אפישען, וואס האבען אנגעזאגט, אז מען וועט באלד אויפפיהרען „חאשע די יתומה" מיט דער באטייליגונג פון ארא׳ן.

אין אווענט פון דער פארשטעלונג איז ביי דער מיידעלשער שול, וואו דער ספעקטאקל האט געדארפט געגעבען ווערען, געשטאנען א גרויסער עולם. א סך זיינען געקומען פון אנדערע קאלאניען. עס זיינען דא פארגעקומען קאמישע סצענען.

— אוי, איהר וועט מיך דערשטיקען, — האט געשריען עפעס א דיקע פרוי אנגעטאן אין זיידענס. — איך־וויל נעהמען א בילעט פאר דריי „בישליקעס", און זיי שטיקען מיך.

— מען דארף שטעהן אין ליניע, — האט באמערקט אן ארבייטער, וואס איז ניט געווען ראזירט. — וואס שטופט איהר זיך?

— ער ווייזט שוין אויך אן, — האט זיך די פרוי באליידיגט און געווארפען אויף איהם א פארניכטענדען בליק. — איך רעד ניט מיט אייך.

— ס׳ארא וויכטיגע פריצ׳טע, — איז דער ארבייטער אין כעס געווארען.

ארום האט מען געלאכט. אן א זייט איז געשטאנען דניאל. ער איז בייטאג געווען ביי ארא׳ן. זי האט איצט געוואונט אליין. א שטראהלענדע האט זי איהם באוויזען שעהנע קארעלען, רויטע

סטענגעס, א בלוי קליידעל און א ווייסע בלוזע, אויסגענייהט מיט בלימעלאך. און איהרע צעפ וועלען זיין שווערע, שווארצע און לאנגע ביז די קניה. נאר די שיכלאך זיינען ניט זעהר גוט. מען האט בשום אופן ניט געקענט קריגען קיין בעסערע.

— זעהט נאר, — האט ארא געלאכט, — איהר וועט זיך נאך אין מיר פארליבען.

— ארא ! — האט דניאל ארויסגעמורמעלט.

— ניט אייער האנט, — האט די מיידעל ווייטער גערעדט, ערנסט ווערענדיג פלוצלונג, — און ווינשט מיר ערפאלג. זעצט זיך נעהענטער צו דער ביהנע, אז איך זאל אייך קענען זעהן. איך בין אזוי אויפגערעגט.

ארא האט אויף איהם געקוקט מיט אונאויסשפרעכליכער צערטקייט און טרויער.

— איך געה אוועק, — האט דניאל געזאגט.

— אדיע, מיין אינגעל,—האט ארא'ס שטים א ציטער געטאן.

אט האט מען די שול העל באלויכטען. ארא האט זיך באוויזען. מען האט זי ארומגערינגעלט און גענומען אפלאדירען. זי האט געזאגט צו די באקאנטע מיט א ליבליכען שמייכעל:

— נאך פריה, מיינע פריינט, איהר וועט מיך נאך אויספייפען.

אט האט מען דערהערט א קלינגען. מען האט אויסגעלאשען דאס ליכט און צועפענט דעם פארהאנג. ארא האט זיך באוויזען אין א בונטען קאסטום פון א קליין־רוסישער מיידעל, און דער עולם איז געווען אנטציקט. אלע האבען מיט אינטערעס נאכגעקוקט, ווי זי באוואונדערט די שעהנע מעבעל פון דעם רייכען אנקעל, ביי וועמען איהר ארימער פאטער וויל זי אפגעבען פאר א דינסט.

— ס'ארא שעהנהייט זי איז, די ארא, אז אמת'ע כאכלושקע, — האט געמורמעלט נחמה, וואס איז געשטאנען לעבען דניאל'ן. אבער ער האט ניט געהערט און האט אויפמערקזאם נאכגעקוקט ארא'ן, וועלכע האט איהם באמערקט און מיט דאנקבארקייט צוגע־שמייכעלט. ער האט געענטפערט, צושאקלענדיג מיט'ן קאפ, און זיין הארץ האט גענומען שטארקער קלאפען פאר פרייד.

נאכ'ן ערשטען אקט האט מען לאנג אפלאדירט, באוואונדערט

האָט זיך אין רעם אויסגעצייכענט די ארבייטער יוגענד. זיי האָר־בען געטופּעט מיט די פיס און הויך געשריען: „בראַוואָ, אַראַ, בים!" ביז אַראַ האָט זיך ניט באַוויזן ווידער מיט אַ שמייכעל אויף דער ביהנע.

אַלע זיינען געווען באַצויבערט פון איהר שפּילען. אַרום כּאַינים׳ען זיינען געשטאַנען אַלע לעהרער און דער קינסטלער הררי, און אַלע האָבען אין איין קול ערקלעהרט, אַז מען מוז אַראַ׳ן פאַרהאַלטען אין פּאַלעסטינאַ.

— מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אַז זי זאָל זיך אומקעהרען אין מצרים און שפּילען דאָרט אויף אַ שפּראַך פון גלות, — האָט אויפגערעגט גע׳טענה׳ט דער לעהרער גור אריה, אַן אומגעלומפּער־טער מאַן מיט אַ ראָבען געזיכט און אַ לאַנגען נאָז. — זי איז דאָך אַ גרויסער טאַלאַנט און קען מיט דער צייט ווערען דער שטאָלץ פון דער אידישער ביהנע.

דניאל מיט נחמה׳ן זיינען אריינגעלאָפען הינטער די קוליסען. אַ דערשראָקענע, אַ פאַרלאָרענע האָט אַראַ מיט אַ שולדיגען שמייכעל זיי געפרעגט, צי דער ערשטער אַקט איז אריבער גוט. זי האָט, דאַכט זיך, צומישט די ווערטער.

— איהר זייט באַצויבערענד, — האָט געמורמעלט נחמה, פאַרשעמט.

— אַלעמען איז זעהר געפעלען, — האָט דניאל געזאָגט. — איהר זייט אַן אמת׳ע אַקטריסע.

צו אַראַ׳ן איז צוגעקומען דער לעהרער פון גימנאַזיום, אַ שרייבער מיט פאַרטראַכטע אויגען.

— ערלויבט מיר אייך צו דריקען די האַנד, — האָט ער אָנגעהויבען מיט אַ העפליכער פאַרנייגונג. — איהר האָט אונז אַלעמען פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגען. מיר האָבען זיך דערמאָנט אָן אוקראַינאַ, באַדעקט מיט די גרינע קאַרשען גערטנער.

אַראַ האָט פאַרשעהמט אַראָפּגעלאָזען די אויגען. עמיצער פון די אַרטיסטען האָט זי גערופען זיך צוגרייטען צום צווייטען אַקט.

— אָבער איך האָף אייך נאָך צו זעהן היינט נאָכ׳ן ספּעקטאַקעל, — האָט געזאָגט דער שרייבער.

צווישען דריטען און פערטען אקט איז צו איהר הינטער די קוליסען געקומען כאינים. זייענדיג קארג אויף לויב, האט ער מיט צערטליכקייט געזאגט:

— גוט, גוט... נאר די סצענע מיט דעם שוועסטער־קינד איז דורכגעפיהרט געווארען אביסעל בלייך. און דער פעטער שפילט שלעכט. די דיקציע ביי אייך איז אויסגעצייכענט. גוט, זעהר גוט. ווילט איהר נאכ'ן ספעקטאקעל געהן צו מיר? מיר וועלען פייערען אייער ערפאלג.

— אויסגעצייכענט! — האט ארא צוגעשטימט. — רופט אויך דניאל'ן, לאה'ן און נחמה'ן.

דעם סוף פון פערטען אקט, ווען חאשע די יתומה פאר'סמ'ט זיך און שטארבט אין שרעקליכע ליידען, האט ארא דורכגעפיהרט מיט קראפט און אויפריכטיגקייט. אין זאל האט מען געהערט דאס כליפען פון פרויען. אט האט ארא צום לעצטען מאל קאנוואול־סיוו זיך א ווארף געטאן, די הענד זיינען מאכטלאז אראפגעפאלען און זי איז געפאלען טויט. א ציטער איז דורך דורך דניאל'ס לייב, און ער האט שטארק געדריקט די האנד פון נחמה'ן, וואס האט אויך געציטערט און שטיל געוויינט.

דער פארהאנג האט זיך אראפגעלאזען, און דער עולם האט שטארק אפלאדירט:

— בראוואָ, ארא! בראוואָ, ארא!

זי איז ארויסגעקומען זא בלייכע, א מידע, מיט א שוואכען שמייכעל און האט דניאל'ן אויסגעוויזען זעהר שעהן.

— בראוואָ, ארא! בראוואָ, ארא! — האט ער געשריען, קלאפענדיג מיט די הענט.

ביים ארויסגאנג האט געווארט אויף ארא'ן די יונגענט. דניאל, כאינים און ארא זיינען געשטאנען אן א זייט. דער פארזיצענדער פון קרייז האט איינגעלאדען אלע ארטיסטען צו זיך.

מען האט אפגעלעגט דעם באזוך ביים פארזיצענדען אויף מארגען, און אלע אין א פרעהליכער קאמפאניע זיינען אוועק צו כאינים'ען. דא האט מען זיך איינגעארדענט היימיש, לאה האט פארקאכט טהעע, עמיצער האט געבראכט עטליכע פלעשלאך וויין. ארא האט גענעמען ערלויבניש זיך צוצולעגען. זי איז געווען

מיד. דער מאהלער האָט זיך אראָפּגעלאָזען אויפ'ן דיל צו איהרע פיס, און האלטענדיג אין האנט א גלאָז וויין, האָט ער גענומען ריידען וועגען דער צוקונפט פון דער אידישער ביהנע אין פּאַר־לעסטינא.

— אין ירושלים וועלען מיר מאכען א גרויסען שעהנעם טעאטער, — האָט ער געזאגט, קוקענדיג אַרא'ן גלייך אין די אויגען. — אונזער רעגירונג וועט ארגאניזירען פרייע פארשטעלונגען פאר'ן פאָלק, ווי אין אלטערטום.

דער לעהרער גור אריה האָט איהם אפט אונטערבראכען, און זיך אָנבוינגענדיג צו אַרא'ן האָט ער מיט א זיסער שטים געפרעגט, צי זי וויל ניט טיי. יעדעס מאָל האָט דאָס מיידעל מיט באַמערקבאַרער אומצופרידענהייט געענטפערט:

— ניין, א דאנק, לאָזט מיך ליגען.

אַרא'ן איז ער געוועזען אומאנגענעם. איינמאָל איז זי געזעסען אין א קאָמפּאניע פון לעהרער אויפ'ן ברעג. דניאָל איז פארביינגעגאנגען.

— וואוהין געהט איהר דאָס אליין? — האָט זי געפרעגט. — ווארט אויף מיר.

— איך וויל אוועקגעהן ווייט, — האָט דניאל געענטפערט.

— וועל איך אויף אייך ווארטען דאָ, — האָט געזאגט אַראַ. די לעהרער האָבען געשוויגען.

— איך פארשטעה אייך ניט, אַרא, ווי אזוי קען אייך אינטערעסירען אזא טיפּ, — האָט אָנגעהויבען גור אריה, ווען דניאל איז שוין געוועזען ווייט. — איך האָב איהם שוין עטליכע מאָל געזעהן א העסליך־שיכור'ען. ער איז געגאנגען אָהן א היטעל, א באָרפוסער ביים ברעג און האָט געזונגען אין רוסיש אומאנשטענדיגע לידער. אן אמת'ער באָסיאק. און בכלל האָב איך וועגען איהם געהערט ניט שעהנע זאכען. האָט אָפּגענארט עפּעס א מיידעל... און צו וואָס קומען אזעלכע אהער צופאַהרען? שאדען נאָר אנדערע.

אַראס'ס געזיכט איז פּלוצלונג געווארען פינסטער און בייז.

— איהר רעדט רכילות, — האָט זי געזאגט מיט כעס. — פארקייַרט, איך קען איהם פאר א זעהר גוטען מענשען.

— אַ גוטער! — האָט גור אריה ווידערהאָלט סאַרקאַסטיש.

פון דאַן אָן האָט אַרא איהם אומעטום אויסגעמידען.

דניאל איז געשטאַנען ביים פענסטער, האָט איינגעאָטעמט די פרישע דופטיגע לופט, און אַ טרויער האָט איהם אַרומגענומען. ער האָט געפיהלט ווי עפּעס גרויסעס און פינסטערעס נעהמט אַרום זיין נשמה און פאַרטונקעלט די שטילע געשטאַלט פון זיין כלה. ווען דינה וואָלט איצט געקומען, וואָלט ער באַלד מיט איהר אוועק און וואָלט אָנגעהויבען דאָס לעבען, וועגען וועלכען זיי האָבען אַזוי אָפט געטרוימט, זיצענדיג אין די ווינטער אָוועגטען אין איהר באַקוועמען צימערל.

— עס איז זעהר אומעטיג, — האָט אַרא זיך אַ טרייסעל געטאָן און זיך אויפגעהויבען פון סאָפאַ. גיט מיר אַ גלאָז וויין. און איהר, דניאל, קומט אַהער, לאָמיר אויסטרינקען צוזאַמען. וואָס זייט איהר געבליבען שטעהן ביים פענסטער? מען דאַרף ניט זיין טרויעריג. זאָל דאָס אומגליק אָדער גליק קומען מיט אַמאָל, ווי אַ שטורם־ווינט, און אַלץ אַראָפּקעהרען. ניט אמת, ליבער כאַינעס? דאָס שווערסטע איז דאָך ניט צו זינקען אין שמוץ, ווי איהר דריקט זיך אויס. לאָמיר אַלע אויסטרינקען פאַר דער יוגענט! אָך, פאַרוואָס קענען מיר ניט לעבען שעהן? גיסט אָן די גלעזער! גור אריה, וואָס קוקט איהר אַזוי אויף מיר? אוך, וואָס פאַר אַ מאָדנער יונג איהר זייט דאָס!

— גליקליך וועט זיין יענער מאַן, וועמען אָרא וועט ליבען! — האָט דער מאַהלער אַ געשריי געטאָן. — זי איז באַציובערענד!

מען האָט אויסגעטרונקען און כאַינים האָט געבעטען אַרא'ן דערצעהלען, ווי אַזוי זי איז געקומען אויף דער ביהנע.

— מיט פאַרגעניגען, — האָט דאָס מיידעל איינגעשטימט, און אַלע האָבען זיך צוזעצט און האָבען זיך צוגעגרייט צו הערען.

— איך בין אַלט געווען פערצעהן יאָהר, — האָט אַרא אָנגעהויבען, קוקענדיג אויף דניאל'ן, — ווען איך האָב געוואוינט ביי מיין עלטערען ברודער אין קאַירא. דאָרט האָב איך געדינט אין אַ הויז־קראַם, ווי אַ שיק מיידעל. אין יענער צייט האָט זיך שוין צו מיר געשדכנ'ט אַן אַלטער רייכער מאַן, ביי וועמען מיין

בחור׳ האָט געשריבן. ער פֿלעגט יעדן אָוונט קומען צו אונז און באַקוקן דעם טאָבאַק, און איך האָב פֿאַר אים מחיה געווען און אַלע אָנשליסן פֿון הײַנט צו שבת. דער בחור פֿלעגט מיך שלאָגן. ביז איך האָב שוין כמעט נים געקענט איבערטראָ־ גען און האָב באַשלאָסן זיך אַרײַנצוהאַלטן אין מיר. אײנמאָל קום איך אַן דער פֿריה און קוקם מים פֿאַרוויינטע אויגן. די עלטערע מישטאַרין רחל פֿרעגט מיך צעטומלט, וואָס איז האָט מיך באַליידיגט. איך האָב זיך צעוויינט און האָב דערצײלט, ווי דער בחור באַטרעט מיך און היל מיך מים געהאָלפֿן תורה טאַקען מים און אַלטען טאַן. די מישטאַרין איז געווען איבערגעראַכט. זי האָט מיך דערנעהנטערט צו זיך און האָט מיך מיטגענומען צו די רעפּעטיציעס פֿון דעם אידישן דראַמאַטישן קרײַז. דאָרט האָב איך זיך איבערגעלערנט אידיש און האָב זיך באַפֿרײַנדעט מים אַן אָראַנזשעריע, אַנאַ. דאָס איז געווען אַ קליין, וואויל מיר־ דעל מים אַ ליבען פּנים׳ל, אַ באַרימהאַפֿטיגע שוועסטער אין שפּי־ טאָל. איהר פֿאָטער האָט געהאַלטן אַ רעסטאָראַן, וואו די יונגען פֿון דראַמאַטישן קלוב פֿלעגן זיך צונויפֿקומען. איך פֿלעג אויך אָפֿט אַהין גײן און האָב דאָרט געטאָן סך באַקענטע. אײנער פֿון זיי האָט מיך אויסגעלערנט לעזן און שרײַבן אידיש. אײנמאָל האָט דער קרײַז זיך געקליבן אויפֿצופֿירן אַ קלײנעם וואָדעוויל און עס האָט געפֿעהלט אימיצער פֿאַר אַ קלײנער פֿרויען־ראָלע.

— אפֿשר וועט אונזער מינקעלהויזיגע ספֿרד׳יקע שפּילען די ראָל, — האָט געזאָגט דער פּאַרזיצענדער דער שווינדזוכטיגער האָפּקאָפּט מים די בלויע אויגן.

— וואָס רעדט איהר! זי קאָן דאָך קיין אידיש נים ריידן, — האָבען אַלע געטומען שרײַען. און איך בין געזעסן אַן אַ זײַט.

— ניין, איך רעד אויך זשאַרגאָן, — האָב איך געזאָגט, און בין אײַנגעגאַנגען רויט געוואָרען. — איהר ווילט, וועל איך ווייזען, ווי אונזער רחל שפּילט.

אַלע האָבען מיך אַרומגערינגעלט און רחל האָט צוגעגעבן מים געלעכטער:

— אַ, אָרט קאָן נאָכמאַכען ווי אַן אמת׳ע קליינע מאַלפּע. נעכטען, צום בײַשפּיל, האָט זי אין קראָם פֿאַרגעשטעלט ווי די

בעל הבית׳טע רעדט ענגליש, און אלע האָבען זיך געסייקעלט פאַר געלעכטער.

— נו, ווייז נאַר, ווי אזוי רחל שפּילט די אלטע — האָט גע־זאָגט ראפּאָפּאָרט און האָט מיך פאַר דער האַנט ארויסגעפיהרט אין מיטען צימער.

— א גוטען טאָג אייך, שרה לאה, — האָב איך איבערגעביטען די שטים און צוגעגעבען דעם פּנים א צנועה׳דיגען אויסזעהן פון א פראָסטער רשעות׳ניצע און אָנגעהויבען א לאַנגען דיאלאָג פון עפּעס א דראמא פון גאָרדין.

— אויסגעצייכענט! — האָט ראפּאָפּאָרט געפּאַטשט מיט די הענט, — איך האָב גאָרניט געוואוסט, וואָס פאַר א טאַלאַנט אין אייך ליעגט. מיר מוזען אומבאדינגט מאכען פון איהר אַן אקט־ריסע. און איצט וועלען מיר איהר געבען א ראָל אין וואָדעוויל.

— אבער מיין ברודער טאָר וועגען דעם ניט וויסען,—האָב איך מיט שרעק געמורמעלט א גליקליכע,—ער וועט מיך דער׳הרג׳ענען.

ראפּאָפּאָרט איז געווען א באַלעזענער און האָט גוט געוואוסט די ביהנע. ער האָט ערנסט גענומען לערנען מיט מיר און רחל האָט מיך פיינט באַקומען אויס אייפערזוכט. יעצט, האָט זי געזאָגט, אז איך בין בלויז א מאַלפּע און ענדליך האָב איך פאַר־לאָרען מיין פּלאַץ.

דאַן האָט מיין ברודער אָנגעהויבען צושטעהן איך זאָל חתונה האָבען מיט דעם אלטען פרענק.

— —איך קאָן דיך ניט אויסהאַלטען! — האָט ער געשריען.
— געה זיך וואוהין דו ווילסט.

און איך בין אוועק צו אַנא׳ן. ראפּאָפּאָרט האָט מיר געפונען א שטעל אויף דער צענטראַלער טעלעפאָן סטאַנציע. מיט׳ן ער־שטען פאַרדינסט בין איך געקומען צוריק צום ברודער. דאָס איז געווען אין אווענט. די שוועגערין איז געזעסען און האָט געטרונ־קען קאַווע. דער ברודער איז בייז ארומגעגאַנגען איבער׳ן צימער. באמערקענדיג מיך, האָט ער גיפטיג ארויסגעשמאָמעלט:

— אהא, געקומען צוריק!

— איך האָב דיר געבראַכט געלד, — האָב איך אָנגעהויבען

Digitized by Google

און זיך צואווײנט און גענומען בעטען: — לאז מיך צורוה. איך האב געפונען א גוטע שטעל און קאן דיר איצט העלפען יעדען מאנאט.

דער ברודער האט א צומישטער געבעטען מיך עסען מיט איהם אוונט־ברויט. ביים טיש האט ער מיט גוטען מיר גענומען איינ־ריידען און דערצעהלען, וואס פאר א רייכטום מיך ערווארט מיט דעם אלטען. איך וועל טראגען זייד און סאמעט און בריליאנטען. און ער וועט באקומען א גוטע שטעל, און אלע וועלען זיין גליקליך.

— הער מיך אויס, איך בין דאך אליין א פרוי,—האט זיס צו־געליינט די שוועגערין,—ער איז נאך א גאנץ שטארקער, דער אלטער.

— קיינמאל נים! איהר הערט? קיינמאל נים! — און איך האב זיך ווידער צעוויינט.

דער ברודער האט מיך א שטיקעל צייט געלאזען צורוה, דער־ווייל האט דער קרייז באשלאסען צו שטעלען גארדינ'ס „שחיטה", און מען האט מיר געגעבען די הויפט ראל פון אסתר'קען. רחל האט זיך צוקריגט מיט ראפאפארטען און איז ארויסגעטראטען פון קרייז. איך האב זיך אלע געשראקען: און טאמער וועל איך נאר דורכפאלען? אט וועט דאס רחל טריאומפירען!

ווען איך בין ארויס אויף דער ביהנע, האבען מיר די קני געציטערט. איך האב געמיינט, אז באלד וועל איך פאלען אין חלשות. אבער איך האב זיך באלד באהערשט, פארזיכערענדיג זיך, אז איך בין ווירקליך אסתר'קע, די טאכטער פון דעם ארימען רב, האב ליב דעם שעמעוודיגען שמואל יאסלען, און מען מאכט מיר מיט געוואלד חתונה מיט דעם רייכען סוחר. איך האב געהאט א גרויסען ערפאלג. די סצענע צום סוף פון פערטען אקט, ווען דער מאן קומט אהיים א שיכור'ער און אסתר'קע ווערט משוגע און הרג'עט איהם, האב איך דורכגעפיהרט, ווי מען האט געזאגט, מיט פיל טעמפעראמענט. ראפאפארט איז געווען ערשטוינט. אזא גלענצענדע אויספיהרונג האט ער פון מיר נים ערווארט. ער האט מיר געקושט די האנט און האט געוויינט פאר פרייד און גליק. אבער דא האט פאסירט א סקאנדאל. מיין ברודער איז ארייננע־דרונגען הינטער די קוליסען.

— וואו איז זי, די אויסגעלאַסענע? — האָט ער געשריִען —
ווי לאַנג איך וועל לעבען, וועל איך ניט דערלאָזען, אז מיין שוועס־
טער זאָל טאַנצען אין טעאטער, ווי אַ גאַסען־פרוי.

איך בין בלייך געוואָרען און האָב גענומען וויינען. דעם ברודער האָט מען אַרויסגעפיהרט פון טעאטער. ער האָט אַלץ געשריִען, אז ער וויל ניט האָבען קיין אויסגעלאַסענע שוועסטער און ווען זי בעסער דער'הרג'ענען. אַזוי האָט זיך געענדיגט מיין ערשטער דעביוט.

אַרא איז אַנשווייגען געוואָרען. עס האָט שוין גענומען טאָגען. מען האָט גענומען פאַנאַנדערגעהן זיך. אַרא האָט זיך מיט אַלעמען געזעגענט און האָט געבעטען דניאל'ן באַגלייטען זי אַהיים. זי האָט איהם גענומען אונטערן אָרעם און האָט שטיל געזאָגט:

— איך בין אַזוי מיד.

זיי זיינען שווייגענדיג געגאַנגען איבער די שטילע געסלאַך. דער ים האָט גערוישט, און די שטערען זיינען ווי העלע ראַקעטען געפאַלען פון הימעל. ביים אַריינגאַנג אין איהר הויז האָט דניאל אַ קוש געטאָן איהר האַנט.

— קומט אַריין מאָרגען, — האָט דאָס מיידעל געבעטען און האָט שטיל געעפענט די טיר.

— אַ גוטע נאַכט.

— אַ גוטע נאַכט, מיין אינגעל, — האָט זי געענטפערט.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויף מאָרגען איז דניאל געקומען צו אַרא'ן. זי איז געווען אַליין אין הויז. די לאָדענס זיינען געווען כמעט פאַרמאַכט, און אין הויז איז געווען קיהל. דאָס מיידעל, אין אַ ווייסען לאַנגען קאַפאָט, זיצט אויף דער סאָפאַ און קלייבט שטיל פאַנאַנדער די סטרונעס פון דער מאַנדאָלין. זי האָט אָוועקגעזעצט דניאל'ען לעבען זיך און האָט געזאָגט:

— איך בין היינט אַזוי מיד, כמעט גאָרניט געשלאָפען....

זי האָט זיך פאַרטראַכט. דאַן האָט זי שטיל פאָרטגעזעצט:

— איך האָב געזעהן אַ מערקווירדיג שעהנעס חלום. הערט, דניאל, און קוקט אויף מיר. אַנגעטאָן אין ראָזען, דורכזיכטיגען שטאָף בין איך געגאַנגען איבער'ן מאַרמאָר פאָרקעט פון אַן אַלטען

שלאָס. איך האָב זיך געזעהן אין גרויסע שפּיגלען, דאָס איז געווען באַצויבערענד. דאַן בין איך אַרויס פון שלאָס און בין געבליבען שטעהן אויפ'ן ברעג ים. דאָס וואַסער איז געווען בלוי, בלוי, און פון ווייטען האָבען זיך געזעהן אַ סך שיפלאַך מיט פאַר־רוסען. אָט איז צוגעשוואומען אַ שיפעל, און אַ שעהנער בחור, וואָס איז אין איהר געזעסען, האָט מיך גענומען מיט זיך, און די ווערען האָבען אונז אוועקגעטראָגען ווייט—ווייט צו די ווייסע וואַנדערענדע וואָלקענס. פאַרוואָס פאַרשווינדען חלומות?—זיי איז אַנשווינגען גע־וואָרען און האָט שטיל באַריהרט די סטרונעס פון דער מאַנדאָלין.

אָרא האָט אויסגעוויזען דניאל'ן אַזא שוואַכע און שטילע, ווי אַ קליין מיידעלע.

— איהר וועט דאָ איצט מסתמא בלייבען לאַנג? — האָט דניאל נעפרעגט. — איהר וועט ווידער שפּילען?

— דער קרייז וויל שטעלען אַ גרויסען ספּעקטאַקל אין ירושלים, און זיי בעטען מיך בלייבען.

— יע, יע, זיי ליבען איך זעהר, און זיי ווילען אייך איצט העלפען, געבען אייך די געלעגענהייט צו לערנען זיך און איהר וועט ווערען אַ באַריהמטע אַקטריסע ווי איהר ווילט דאָס אַליין.

— איך וויל פאָהרען אין אייראָפּא. איך האָף מיט דער צייט צו קאָנען שפּילען אויף פראַנצויזיש, — האָט געזאָגט אָרא, קוקענדיג ערגעץ אין דער ווייט. — און איהר, דניאל, ווילט בלייבען דאָ?

— געוויס איך וויל ווערען אַ קאָלאָניסט, וועל אַקערען און זעען. אָט וועט קומען דינה, וועלען מיר ביידע אָנהויבען אַ שטילע אַרבייטזאַמען לעבען.

— איהר האָט זעהר ליב אייער כלה? — האָט אָרא פלוצלונג נעפרעגט.

דניאל האָט גאַרניט געענטפערט, קלערענדיג, וואָס זיצט ער דאָ אָט לעבען דער מיידעל, וואָס הויבט אָן צו באַהערשען זיין האַרץ. ער איז פלוצלונג אויפגעשטאַנען, האָט זיך שוויינענדיג געזעגענט און איז אַוועק, אַליין ניט וויסענדיג וואוהין. ער איז ענדליך אַריין אין אַ קאַפע אין עק שטאָט. דניאל האָט באַשטעלט קאַווע.

ער האָט געקלערט, אַז ער וועט פאַרלאָזען די שטאָדט און
זיך באַזעצען אין דער נאָהענטסטער קאָלאָניע, ביז דינה וועט קו־
מען. אין אָוונט האָט ער טרויעריג געוואַנדערט אונטער די פענ־
סטער פון דעם הויז, וואו אַלע אַנטייל נעהמער פון דעם ספּעק־
טאַקעל האָבען זיך פאַרזאַמעלט. ער האָט געזעהן אַראַ'ן. זי
האָט געשיינט מיט יענער גייסטיגער שעהנקייט, וואָס האָט צו
איהר געצויגען מיט אַזאַ קראַפט.
— צו וואָס שטעה איך דאָ? — האָט דניאל געקלערט, און
דאָס הארץ האָט איהם געקלעמט פאַר בענקשאַפט.

7.

אין מאי איז אַראַ אויף אַ קורצער צייט אָפּגעפאָהרען אין
קאַירא. זי האָט צוגעזאָגט דעם דראַמאַטישען קרייז באַלד זיך
אומקעהרען און דאַן שוין בלייבען אין פּאַלעסטינא. דעם אָוונט
פאַר'ן אָפּפאָהרען איז זי געווען ביי די שוועסטער אַשעראָווסקים.
עס זיינען געקומען דניאל און כאַינים, און אַלע צוזאַמען זיינען
דאַן אַוועק שפּאַצירען. די לבנה האָט געשיינט. אַ צויבער וועג האָט
זיך געזילבערט אויפ'ן ים. פּאַראויס זיינען געגאַנגען דניאל, לאה
און נחמה און האָבען אין כאָר געזונגען אַ ליבעס־ליד:
„דער טרויעריגער אָוונט, דער קרינגערישער ווינט!"
פון הינטען זיינען געגאַנגען כאַינים מיט אַראַ'ן, און דער שריי־
בער האָט געפרעגט, פאַרוואָס זי איז נעכטען אָוונט ניט געקומען
צו איהם. ער וואָלט מיט איהר עפּעס געלייענט פון שעקספּיער...
ער האָט אויף איהר געוואַרט און איז לאַנג געשטאַנען ביים פענ־
סטער, אַרויסקוקענדיג צו זעהן, אויב זי קומט ניט.
— איך האָב שפּאַצירט מיט דניאל'ן, — האָט געענטפערט
אַראַ. — ווען איך וואָלט אָבער געוואוסט, אַז איהר וואַרט אויף
מיר, וואָלטען מיר ביידע צו אייך געקומען.
— יע, יע, — האָט כאַינים אָפּגעזיפצט און איז אַנשוויגען
געוואָרען.
אין פּאַראויס האָט מען געזונגען, און נחמה'ס קול האָט הויך
און קלאָר געקלונגען:

„מיט'ן וואלדיגען וועג, מיט'ן פעלדיגען וועג"...

אין דער פריה איז אָרא געקומען צו דניאל'ן. ער האָט איצט געוואוינט לעבען נייעם דאָרף, אין א קליינעם צימער ביי אן אל־טען תימנ'ער. זי איז צוגעקומען צום אָפענעם פענסטער.

— גוט מאָרגען. וואָס טוט איהר?

— קומט אריין, קומט אריין!

באטראכטענדיג דאָס צימערעל, האָט זי געמורמעלט:

— אזוי באקוועם, אזוי גוט.

פלוצלונג האָט זי אויפ'ן טיש באמערקט א פאָטאָגראַפיש בילד פון דניאל'ן מיט דינה'ן. איהר געזיכט איז אויף א ווייל פינסטער געוואָרען. זי האָט געפרעגט:

— מעג איך זעהן?

דניאל האָט איהר געגעבען דאָס בילד.

— און אויב איך וועל אייך הייסען צורייסען דאָס בילד, וועט איהר דאָס טאָן? — האָט אָרא געפרעגט, קוקענדיג אויף איהם מיט עפעס אן ארויסרופענדען בליק

— צו וואָס, אָרא, — האָט דניאל געבעטען און גענומען קושען איהרע הענט, פיהלענדיג, ווי זיין הארץ געהט אויס פאר וועהטאָג.

אין עטליכע שעה ארום האָט ער זי באגלייט...

שטעהענדיג ביים האפען לעבען כאינים'ען און נחמה'ן, האָט ער זיך דערמאָנט זיין זעגענען זיך מיט דינה'ן, און די ריהרענדע בעטענדע ווערטער פון דער מיידעל:

— אדיע, מיין ליבער, פארגעס מיך ניט.

און איהם האָט וועה געטאָן, און איהם איז געווען שווער.

אויף מאָרגען האָט זיך דניאל ווידער געשטעלט צו דער אר־בייט. טעג זיינען פאר איהם פארגאנגען אונבאמערקט. אין די אָוונטען האָט ער געלערענט די אידישע שפּראך, האָט א סך גע־לעזען. אמאָל פלעגט ער אריינקומען אין מאלקאָו'ס רעסטאָראן. פלעגט דאָרט אויסטרינקען עטליכע גלעזער וויין מיט סענדער'ן און שמועסען מיט רב משה'ן.

דאָס זיינען געווען גוטע טעג.

איינמאָל אין אָוונט, געהענדיג פון דער ארבייט, האָט דניאל באגעגענט דינה'ס געוועזענע בעל־הבית'טע. די פרוי האָט איהם

Digitized by Google

אָפּגעשטעלט און געפרעגט, וואָס די כלה שרייבט איהם. דאַן האָט זי גענומען בייז פאָרוואורפען איהם זיין פאַרראַטה. זי האָט גע־הערט, אַז די אַקטריסע איז געוואָרען זיין געליבטע. אַלע אַין שטאָדט רעדען וועגען דעם. און ער דאַרף זיך שעהמען. דינה איז אַזאַ וואוילע, אידישע מיידעל. זאָל ער גאָר ניט מיינען, אַז זי וויים פון גאָר ניט. מען האָט איהר שוין אַלץ געשריבען.

— אָבער איך וואָס גענט דאָס אַלץ אָן? — האָט דניאל געפרעגט, בלייך ווערענדיג.

— מיר? — האָט די פרוי געפרעגט, און איהר פּנים איז אין גאַנצען רויט געוואָרען.

דניאל איז אַוועקגעגאַנגען, ציטערענדיג ווי אין אַ פיבער פּאַר כעס. ער איז אַוועק עסען צו מאַלקאָוו'ן, ווי געוועהנליך זיינען דאָרט געווען אַ סך ארבייטער. אויפ'ן שוועל פון אַ דערבייאיגען צימער איז געשטאַנען די קראַנקע בעל־הבית'טע, און איהר טאָכטער איז אומגעלאָפען, באַדינענדיג די געסט, און האָט געענטפערט מיט געלעכטער אויף די שפּאַסען פון די בחורים, וואָס האָבען זי יעדע ווייל צוגערופען:

— העי, פּעטינקע! גיב נאָך אַ טעלער זופּ!

דניאל האָט זיך געזעצט מיט סענדער'ן ביי אַ קליינעם טישעל ביי דער זייט און האָט באַשטעלט וויין. ער האָט זיך ניט גוט געפיהלט, און איהם האָט זיך געוואָלט פאַרגעסען זיך. דער גע־שפּרעך מיט דינה'ס בעל הבית'טע האָט אָנגעוואָרפען אויף איהם אַ שווערע שטימונג.

— זי איז דאָך אָבער טיילווייז גערעכט — האָט ער געקלערט.

— איך האַנדעל ניט גוט.

— דערעסען צו ארבייטען, — האָט סענדער גערעדט, אויס־טרינקענדיג דאָס צווייטע גלאַז וויין. די לעצטע צייט איז ער גע־וואָרען זעהר טרויעריג. — אָט שוין דעם זעקסטען טאָג מאַטערען מיר זיך מיט דער גאָס. הלואי ענדיגען מיר דאָס צום קומענדיגען שבת.

— און מיר וועלען גאָר ניט פאַרדינען — האָט דניאל צוגע־לעגט. — ווי מיינסטו, וועט אויסקומען צו דריי פראַנק אויף יע־דערען אַ טאָג?

— נאַר! — האָט סענדער האַפּנונגסלאַז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

זיי האָבען ווידער געטרונקען.

— געכטען, — האָט פּלוצלונג סענדער אָנגעהויבען מיט אַ געהיימניספולען טאָן, — האָבען די חברה גערעדט וועגען דיר. חיים האָט געזאָגט, אַז דו האָסט כלומרשט שוין אוועקגעוואָרפען דינה'ן און ווילסט חתונה האָבען מיט אַרא'ן.

דניאל איז איינגאַנצען רויט געוואָרען.

— מאָלע וואָס מען פּלוידערט, — האָט ער געזאָגט. — מען קען דאָך אַלע מיילער ניט פאַרמאַכען.

פּלוצלונג האָט אימיצער פון הינטען אַרויפגעלעגט די האַנט אויף דניאל'ס אַקסעל און דניאל האָט דערהערט די שטים פון זיין פריינד קליאַטשקאַ, מיט וועלכען ער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט צוזאַמען אין רוסלאַנד.

— פון וואַנען? — האָט דניאל זיך דערפרעהט.

— פון גליל. זוך דיך אַרום פון אין דער פריה אָן.

קליאַטשקאַ, אַ שלאַנקער בחור, מיט זעהר לעבעדיגע שוואַרצע אויגען, איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ שומר, הינטער'ן ברייטען בלויען גורט האָט ביי איהם געשטעקט אַ לאַנגער שטאָהלענער קינזשאַל מיט אַ באַגולטען הענטעל. דעם קינזשאַל האָט ער אָפּגענומען ביי אַן אַראַבער אין אַ געשלעג. און ער האָט אַלעמאָל שטאָלצירט מיט זיין העלדענטאַט. ער האָט זיך געזעצט און האָט באַשטעלט אַ האַלבען ליטער קאָניאַק.

— ווי עס פרעהט מיך, דניאל, צו זעהן דיך. לאָמיר דער־מאָהנען די פאַרגאַנגענע צייט און אויסטרינקען. עך, שוין לאַנג ניט געטרונקען מיט דיר. אָפט געקלערט וועגען דיר אין גליל: אָט ווען דניאל וואָלט דאָס דאָ געווען מיט מיר! אומעטיג, כאָטש נעהם און הענג זיך אויף. גוטע בחורים געווען דאָרט, אָבער ניט פון אונזערע. האָבען אויף זיך אַרויפגעצווינגען אַזאַ ערנסטקייט אין פאַראורטיילען אַלץ. דאָס איז ניט שעהן, און דאָס פּאַסט ניט. אויסטרינקען טאָר מען ניט, נאַכלויפען אַ שעהנע אַראַבערין איז אַ שאַנד. וואָס קען מען טאָן, ווען אין דער גאַנצער קאָלאָניע זיינען פאַראַן נאָר דריי מיידלאַך, און מען קען אויף זיי ניט קוקען.

דניאל איז אהיים געגאנגען אליין. אויפ'ן וועג האָט ער באַגעגענט אַ לויה. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ פּאַרקאַן, און אַ שרעק פאַר'ן טויט האָט איהם אַרומגענומען. עטליכע מינוט האָט ער געקוקט, ווי די לויה האָט זיך געצויגען. מען האָט געפיהרט אַ תּימנ'ער אַרבייטער. פאַראויס זיינען געגאַנגען חברה קדישא, באַלויכטענדיג מיט פאַנאַרען דעם וועג צום בית עולם, און הינטען האָבען געקלאָגט עפּעס באַרוויסע פרויען, און קינדער האָבען געוויינט.

אין דער היים האָט זיך דניאל געלייגט, אָבער איינשלאָפען האָט ער ניט געקענט. ווי אין אַ פיבער האָט ער זיך געוואָרפען אין בעט און האָט אַלץ ניט געקענט גוט אָוועקלייגען די פיס. ער האָט אָנגעצונדען אַ לעמפּעל, האָט געפּרואווט לעזען, נאָר ווי אַ סטאַיע שוואַרצע פויגלען פלעגען אָנפליהען אונרוהיגע געדאַנקען. אַלץ געהט עפּעס ביי איהם ניט גלאַט. אָט איז ער שוין צוויי יאָהר אין פּאַלעסטינא, און וואָס האָט ער אויפגעטאָן? די חברים, וואָס זיינען מיט איהם אין איין צייט געקומען, האָבען שוין לאַנג ערד. אָדער זיי אַרבייטען און לערנען זיך ביי אַלטע קאָלאָניסטען. איצט, ווען דינה וועט זיך דירוויסען וועגען אַרא'ן, וועט זי אָוועקגעהן פון איהם, און ווידער בלייבט ער אַליין. מען קען דאָך ניט אַרבייטען אַ גאַנץ לעבען פאַר עטליכע מטבעות אַ טאָג. ער וועט אָוועקגעהן אין גליל און וועט ווערען אַ שומר. אויב זיין לעבען וועט זיין ניט געלונגען, וועט אפשר זיין טויט ברענגען נוצען. אַ העלדישער טויט קען אַ סך זאַכען פאַרגיטיגען. און דניאל'ן האָט זיך דערמאָנט אַ געשפּרעך מיט אַן אַלטען רומענישען אידען, וואָס האָט אויף דער עלטער עמיגרירט מיט זיין פאַמיליע אין אַרגענטינאַ. דאָס איז געווען אין אַ שטאָדט אין שווייץ, וואו עס האָט זיך געפונען איינער פון די אידישע עמיגראַציאָנס קאָמיטעטען. ניט האָבענדיג גענוג געלט צו קומען אין יפו, האָט זיך דניאל געווענדעט צו יענעם קאָמיטעט נאָך הילף.

— פאָהרט אין אַרגענטינאַ, וועלען מיר אייך העלפין, — האָט געענטפערט דער פאַרשטעהער פון קאָמיטעט, אַ דייטשער איד. די טעג וועלען אַהער קומען פון רומעניען עמיגראַנטען, און איהר וועט מיט זיי קענען אָפּפאָהרען אין אַרגענטינאַ.

— אָבער איך וויל פאָהרען אין פּאַלעסטינא, — איז דניאל באַשטאַנען אויף זיינס.

— אהא, איהר זייט אַ ציוניסט, — האָט דער קאָמיטעט פאַרשטעהער זיך צולאַכט. — איך ראָט אייך ניט, יונגער מאַן, אומצוברענגען אייער לעבען. דאָס איז אַ ווילד און וויסט לאַנד, באַפעלקערט פון רויבערישע שבטים. דאָרט געהט אום דער געלער פיבער, מאַלאַריא. איבערלעגט אייך גוט.

אָבער דניאל האָט באַשלאָסען ניט אַנדערש נאָר פאָהרען אין פּאַלעסטינא, און האָט גע׳פועל׳ט ביים קאָמיטעט, מען זאָל איהם אַראָפּרעכענען אַ גרויסע סומע פון דעם פּרייז פאַר׳ן בילעט. דעם אווענט פאַר זיין אָפּפאָהרען זיינען אָנגעקומען די רומענישע עמיגראַנטען. דער וועכטער פון קאָמיטעט, אַ קליינער הויקערדיגער מענשעל אויף דינע פיסלעך, איז מיט דניאל׳ן אוועק צום וואָקזאַל זיי באַגעגענען. אַט איז צו דער פּלאַטפאָרם מיט רויש צוגעקומען אַ לאַנגער צוג. פון די וואַגאָנען זיינען אַרויסגעקומען אַלטע לייט, פרויען, בחורים, מיידלעך, קינדער. עס איז געוואָרען אַ טומעל, אַ געדרענג: געשרייען, זיפצען און געוויין פון זויג־קינדער. און דער הויקער האָט מיט זיין דינעם קול׳כעל געשריען:

— אַלע אַהער אין דריטען קלאַס!

דניאל האָט דאַן מיט וועהטאָג און בענקשאַפט געקוקט אויף אַט די אָרימע, פאַרשטויסענע מאַסע קינדער פון זיין פאָלק און האָט געקלערט:

— זיי אַלעמען טרייבט שנאה און אונגליק פון זייערע אַלטע וואוין־ערטער. וועלען זיי אָבער דאָרט געפינען אַ בעסערען לעבען?

ער האָט די אימיגראַנטען געהאָלפען איבערשלעפען זייער באַגאַזש, האָט באַרוהיגט די וויינענדיגע קינדער און איז צוזאַמען מיט זיי אוועק אין אַ גרויסען באַראַק, וואו זיי האָבען זיך פאַרנאַנדער געלייגט אויף דער נאַכט. און דאַן, ליגענדיג אויף די נאַרעס, האָט ער די בחורים דערצעהלט וועגען פּאַלעסטינא און האָט זיי צונערעדט צו פאָהרען אַהין און זיך פאַרנעהמען מיט ערד־אַרבייט.

אין דער פריה איז צו דניאל׳ן צוגעגאַנגען אַן איינגעבויגענער

— אָרא, — האָט ער ווידערהאָלט און האָט צוגעצויגען די מיידעל צו זיך.

זי האָט ארומגענומען מיט די הענד זיין האלז, און קושענדיג איהם, האָט זי ליידענשאַפטליך גערעדט:

— איך האָב זיך היינט אומגעקעהרט פון קאַירא און האָב גלייך געאיילט צו דיר. איך בין איצט אַזוי גליקליך. און מיר וועלען אוועקפאָהרען אין אַנאַנדער לאַנד. איך וועל דאָרט שפּילען, און אונזער לעבען וועט ווערען שעהן, ווי אַ מעשה'לע און דיין כלה וועסטו איבערלאָזען. אָבער, ניין, איך וועל איצט וועגען איהר ניט ריידען. די מינוטען לעבען מיר נאָר פאַר זיך. נו, זאָג מיר איצט אַ סך צערטליכע ווערטער, וואָס ווארימען לאַנג, לאַנג דאָס הארץ. ביזט אַלע מאָל אַזאַ שווייגענדי'גער?

זי האָט איהם ווידער אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— אין די לעצטע טעג האָט זיך מיר געלעבט שלעכט. מיך פרעהט, וואָס דו ביזט געקומען צוריק. איצט וועט ווידער זיין גוט, — האָט דניאל גערעדט. — געווען אונאנגענעהמליכקייטען אין ארטעל צוליב ארבייט. און דינה'ס בעל הבית'טע האָט מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט און גענומען מאַכען פאָרוואורפען: אַלע ריידען וועגען אונז אין שטאָדט. איז געווען שווער.

— מיין ליבער, מיר וועלען פון דאַנען אוועקפאָהרען, — האָט אָרא ווידער אָנגעהויבען. — דו קענסט דאָך טאָן עפּעס אַנדערש אין אַ נייעם לאַנד, איך וועל דאָ זיין אַ קורצע צייט, די לעהרער האָבען מיר צוגעזאָגט צו קריגען מיר אַ סטיפּענדיום. דאַן פאָהר איך אין איירָאָפּאַ.

— ניין, אָרא, פון פּאַלעסטינא וועל איך אין ערגעץ ניט אוועקפאָהרען, ווי שווער מיר זאָל ניט זיין — האָט דניאל געזאָגט פאַרטראַכט.

— אָבער פאַרוואָס, אינגעל מיינער? — האָט אָרא זיך גע־וואונדערט — יונגע לייט פאַרלאָזען דאָך דאָס אָרימע לאַנד. קען מען דאָ לעבען גוט?! ארום איז אַזוי פיל אָרימקייט, שמוץ און ווילדקייט.

אָבער דניאל האָט איהר נאָר ניט געענטפערט. ער האָט פעסט

ארומגענומען אָרא׳ן און האָט זי א קוש געטאָן אין די אויגען. און דאָס איז געווען שטאַרקער פון אלע ווערטער.

— אמת, מיר וועלען אוועקפאָהרען, אוועקפאָהרען! — האָט זי ווידערהאָלט און צוגעדריקט די ליפּען צו זיין געזיכט.

דאָן האָט זי, גליקליך לאכענדיג, גענומען דערצעהלען, ווי דער דראַמאַטישער קרייז אין קאירא און באַזונדערס ראפאפּאָרט, האָבען זי געבעטען, זי זאָל בלייבען כאָטש נאָך אויף עטליכע טעג. אָבער זי האָט אַלעמען דערצעהלט, אַז זי האָט זיך פאַרליבט אין פּאַלעס־טינא אין א שעהנעם איינגעל און מוז באַלד צוריקקומען. ענד־ליך האָט מען איהר געמאַכט אַן אבשידס אָווענט, אויף וועלכען עס איז געווען זעהר פרעהלאַך, און אין דער פריה האָט מען זי באַגלייט מיט בלומען, און ראַפּאָפּאָרט האָט זיך אַלץ באַקלאָגט:

— אַך, אָרא, פאַרוואָס פאַרלאָזט איהר אונז?

אוועקגעהענדיג האָט אָרא אביסעל א קלער געטאָן און גע־זאָגט:

— און געקומען אהער בין איך מיט אסתר׳ן, מיינער א גוטער פריינדין, וואָס וועט וואָהנען צוזאַמען מיט מיר. זי איז פון רוסלאַנד און א זעהר אינטערעסאַנטע. ווערסט זעהן.

אין אבענד איז דניאל ארוים צום ים. אויפ׳ן ברעג, ווי גע־וועהנליך שבתים, האָבען א סך מענשען שפּאַצירט און מיט זייער ריידען און לאַכען אָנגעפילט די לופט ארום. ער איז גע־זעסען מיט די טאַטשעטשניקעס און האָט אַלץ געקוקט צום געסעל, פון וואַנען אָרא האָט געקענט ארויסקומען. אָט האָט זיך שוין אָנגעצונדען דער ערשטער שטערן. די מוזיק אין קאַפע איז אנשווייגען געוואָרען, און דער ברעג איז ביסלאַכווייז געוואָרען לעער. דניאל נעהמט לאַנגזאַם צו אָרא׳ן. ביים אָפענעם פענסטער פון איהר צימערל שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט ביי אסתר׳ן: וואו איז אָרא?

— קומט אריין, — ענטפערט דאָס מיידעל, — אָרא וועט מסתמא באַלד קומען.

א האַלב אויסגעטאָנענע, ליגט אסתר אויפ׳ן סאָפא און לעזט. איהרע שעהנע דינע הענד זיינען נאַקעט ביז איבער די עלענבוי־

האָט גענומען סאָפּען, ווי אַ מידער פערד, — אָהן אַ חופּה! דאָס איז דאָך זנות!

— מיין באַצויבערענדער גור אריה. — האָט זיך אָפּגערופען דער מאַלער, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געדרעהט ארום אסתר'ן. — מיט אייערע ליפּען רעדט די ווייזהייט אַליין. איך שטים מיט אייך פאָלשטענדיג איין. און דעם בחור, וועגען וועלכען איהר דערצעהלט, דאַרף מען אינמיטען שטאָדט היגריכ־טען אויף דעם ערנסטען אופן. זאָל די יונגוואַרג זעהן, ווי מען באַ־געהט זיך מיט די אונטרייע צום גלויבען פון אונזערע אבות. און דערווייל ראָט איך אָפּצושטעלען דעם געשפּרעך.

— איהר אַלע מיט אייערע וויצען! — האָט זיך גור אריה באַליידיגט. — נימט אַלע מאָל זיינען זיי אם פּלאַץ.

אָבער דער מאַהלער האָט שוין ווידער גערעדט מיט אסתר'ן. זי האָט געוואָלט איהם געפעלען. זי האָט זיך געבויגען מיט איהר גאַנצען קערפּער און האָט אַלע ווילע צוגעמאַכט איהר קעציגע אויגען מיט די לאַנגע טונקעלע וויעס.

— ווער איז דער גור אריה? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— אַן עזעל בצורת מענש, — האָט דער מאַהלער שטיל גע־ענטפערט, — און איהר שלאַנקע מיידעל, דערמאָנט מיר אַ פיל־פאַרביגע נימף אין בלויען ים. קומט צו מיר, און איך וועל אייך מאָלען אויפ'ן פאָן פון מאַנדעלבוימער, ווען זיי בליהען. אַ יונג מיידעל, שלאַנק ווי אַ ביימעל, מיט רויטע האָר, אין וועלכע די ערשטע זון שטראַהלען שפּילען ווי כמאַראַגדען, באַשפּריצט מיט טוי, וואַנדערט אום אין אַ מאַנדעל גאָרטען. דאָס וועט אַרויס־קומען גלענצענד.

— און איהרה האָט אייער אייגענע אַטעליע? — האָט אסתר געפרעגט.

— אָ, יע, אָבער צייטווייליג וואוין איך אין אַ קליינעם צי־מער. און אין ירושלים האָב איך אַלץ, — האָט דער מאַהלער גע־זאָגט אַ ליגען. — אַ רייכע אַטעליע אין אַן אַלטען אַראַבישען הויז. אַרום איז אַן אייביג גרינערגאָרטען מיט אַ וואונדערליכען פאָנ־טאַן אין דער געשטאַלט פון אַ יונגער מוטער, וואָס האַלט אַ קינד אויף די הענט. מיינע בעסטע אַרבייטען געפינען זיך אין ירושלים,

Digitized by Google

נור אריה האָט זיך ניט באַרוהיגט און האָט באַניט זיין פּרי־
הערדיגען געשפּרעך. ער האָט ניט באמערקט, ווי ער האָט ביס־
לעכווייז אלעמען דערעסען. איצט האָט ער דיסקוטירט מיט
לאה'ן, וואָס האָט ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפערען און
האָט געקוקט אויף איהם צומישט מיט איהרע אויגען, טונקעלע
ווי פלוימען, קלערענדיג:

— מיט אזא וואָלט איך ניט חתונה געהאט. קיינמאָל ניט!

און ער האָט גערעדט:

— דאָס אידישע פאָלק האָט אלעמאָל שטאָלצירט מיט דער
ריינקייט פון זיינע זיטען. דאָס אידישע מיידעל האָט ביז דער
חתונה געליבט איהר חתן פּלאַטאָניש, און איהר נשמה איז געבלי־
בען ריין, ווי די פליגעל פון א מעווע, ווי דער אומבאריהרטער
שניי. און וואָס זעהען מיר איצט? שמוץ און זנות. ניין, דאָ
אין פּאלעסטינא, אין דעם הייליגען לאַנד פון אונזער רוהמרייכער
פארגאַנגענהייט און אונזער גרויסער צוקונפט דארפען מיר לע־
בען, ווי עס האָבען געלעבט אונזערע אורעלטערען און אונזערע
חכמים.

גור אריה'ס קול האָט אויפגערעגט דניאל'ן. אַט פּלוידערט
ער דאָ וועגען דער ריינקייט פון זיטען, און אליין גנב'עט ער
זיך אין די פינסטערע נעכט אין די אראבישע שאַנדהייזער אריין
און קויפט א פּרוי פאַר א בישליק. איין קאלטען רעגענדיגען
אָוונט איז דניאל געגאנגען איבער'ן ברעג, טולענדיג זיך אין א
פּעלערינע. די גרויסע מוטנע וועלען האָבען געברויזט, צוטרא־
גענדיג ווייט ארום א טרויעריגע מעלאָדיע. עס האָט זיך ניט
געוואָלט געהן אהיים. פּלוצלונג האָט ער באמערקט, ווי פון אן
אראבישען געסעל האָט זיך באוויזען עפּעס א באַקאַנטע פיגור און
האָט זיך געלאָזט געהן גלייך צו די שאַנדהייזער, וואָס האָבען זיך
געטוליעט איינס צום אנדערען אויף א בערגעל, ווי א גרופּע שוואַ־
כע קרעציגע זקנות מיט נאַקעטע וואונדען. דניאל איז נאָכגעגאַנ־
גען דער פיגור און האָט דערקענט גור אריה'ן. אַט האָט גור אריה
זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בערגעל, האָט זיך ווי א גנב ארומגעקוקט
אין אלע זייטען און איז פארשוואונדען אין א טיר, איבער וועלכער

אָרא, שטעלט זיך אויף און פארניינט זיך טיף פאר איהם. אָט איז אַ מענש, וואס שפּייט אויף רוהם, ווּעמעס גייסט האָט זיך נאָך ניט צונויפגעגאסען מיט דער נישטיגער מאסע.

— שוויינ, שוויינ, הררי, — האָט דווירין איינפאך געזאגט, און מיט אן אנשטרענגונג אלעמען צו זעהן האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן דיל מיט די פיס אונטער זיך.

מען האָט ארומגערינגעלט דווירין'ען און גענומען איהם אויספרעגען, פון וואנען ער קומט, און פארוואס מען האָט איהם אזוי לאנג ניט געזעהן.

— איך בין שוין געווארען אומרוהיג וועגען דיר, — האָט כאינים געזאגט.

אוּן נחמה איז צוגעשטאנען:

— ליבער, שפּילט אונז עפּעס. איך וויל, איך בעט אייך זעהר.

די אנדערע האָבען אויך געבעטען. דווירין האָט ניט גע־וואָלט. ענדליך אָבער האָט ער איינגעשטימט. ער האָט געבראכט אין אָרדנונג דאָס פידעל און האָט אויפגעשפּילט א ווינ־ליד, אי־בערגעבענדיג דאָס פייפען און וויינען פון דעם ווינטערדיגען שטורם, די טרויעריגע מעלאָדיע פון א מוטער, וואס האָט זיך אָנ־געבוינען איבער איהר קינד'ס וויגעל. דאָס ליד האָט דווירין ליב געהאט און האָט עס געשפּילט מיט געפיהל, כאָטש ניט ריכטיג און זעהר טרויעריג. דאָס פידעל פלעגט ביי איהם פּלוצלונג אָנ־הויבען וויינען, וואו די מוטער פארווינט דאָס קינד. אָט איז אפּ־געשטאָרבען דער לעצטער קלאנג. דווירין האָט אראפּגעלאָזט דעם שמיטשיק און איז א מינוט געשטאנען מיט אן אראפּגעלאָזע־נעם קאָפּ, עהנליך צו אַ נאסען מוזיקאנט אין זיינע צוריסענע קליידער.

— בראוואָ! — האָט נחמה אויסגערופען. — שפּילט נאָך עפּעס.

פּלוצלונג איז צום הויז צוגעלאָפען דער טאטשעטשניק דוד.

— דניאל, קומט שנעל! מיט סענדער'ן איז שלעכט.

— וואס איז? וואָס איז געשעהן? — האָבען אלע זיך

א באפ געטאָן, און דניאל מיט כאַינים'ען האָבען זיך א ווארף געטאָן אראפ איבער די טרעפ.

דוד האָט בלויז צייט געהאט צו דערצעהלען, אז סענדער האָט זיך צושניטען דעם האלז מיט א קיך־מעסער.

— אָך, נאָט! — האָט כאַינים געזיפצט, איילענדיג מיט דניאל'ן אין רעסטאָראַן.

מאַלקאָוו, א פאַרלאָרענער און א בלייכער, מיט צושראקענע אויגען, האָט זיי באגעגענט ביים ארייננאנג.

— א דאנק גאָט — האָט ער געזאגט, — דער דאָקטאָר זאָגט, אז די וואונד איז ניט געפעהרליך. אזא אומגליק. אלע זיצען ביים אָווענד־עסען, מען לאכט, און פלוצלונג כאַפּט ער א מעסער און... אָך, איך קען ניט זעהן קיין בלוט, איך קען ניט, — האָט מאַלקאָוו א ציטער געטאָן.

אין א קליינעם צימער, לעבען סענדער'ס בעט, זיינען געווען די טאַטשעטשניקעס מיט טרויעריגע שולדיגע פּנים'ער. זיי האָבען ביים עסען געשפּאסט איבער איהם און האָבען איהם ווידער גערואלט אָנ'שיכור'ען, און פלוצלונג אזא סוף! באזונדערס שלעכט האָט זיך געפיהלט חיים, וואס פלעגט שטענדיג דער ערשטער רייצען סענדער'ן. דער דאָקטאָר האָט איבערגעבונדען די וואונד, האָט ווידער אלעמען בארוהיגט און איז אוועק. און סענדער איז געלעגען מיט פארמאכטע אויגען און האָט געקרעכצעט.

— איך קען מעהר ניט. וואס איז מיין לעבען? ווען בין איך גוטינ? איך האָב אין קיין זאך קיין ערפאָלג ניט. ווי מען זינגט אין דעם ליד, איך בין געבאָרען געוואָרען אָהן מזל. אין רוסלאנד איז מיר געווען שלעכט. איך האָב געמיינט, אז אין פּאַלעסטינא לעבען בחורים צוזאמען, און אלע זיינען גלייך. ארויסגעקומען איז נאָך ערגער. איינער בין איך דאָ, און קיינעם האָב איך ניט.

סענדער האָט זיך פלוצלונג צוואויינט.

— וויין ניט, טייערער, — האָט דניאל איהם גענומען טרייסטען.

ער פלעגט לייגען זיין קאפּ אויף איהר שויס און אָפּט קלערען:
ווי גוט וואָלט דאָס געווען אזוי צו שטאַרבען.

פון דינה'ן האָט ער שוין לאנג קיין בריף ניט געהאט און
האָט אַליין איהר אויפגעהערט צו שרייבען.

אַמאָל פלעגט ער זי זעהן אין חלום. זי פלעגט שטיל וויי־
נען, קוקען אויף איהם מיט געבעט און זאָגען, אז דאָס הארץ טוט
איהר וועה. נאָך אזעלכע חלומות פלעגט דניאל ארומגעהן א
טרויעריגער און ניט געפינען זיך קיין אָרט. א שטילער, און איינ־
געקרימטער פלעגט אַמאָל כאַינים קומען צו אַרא'ן. די לעצטע
צייט האָט ער נאָך מעהר זיך פארטיפט אין זיך און אין זיין
אייבינען טרויער.

— אך, מיינע קינדערלעך, זיים איהר דאָס א וואוילע פּאָר,
— און אין זיינע שרעקעדיגע באוואגונגען און אין שטילען טרויע־
ריגען קול האָט מען געזעהן, וואס פאר א טיפער און שווערער
קאמף קומט פאר אין זיין נשמה. ער האָט ליב געהאט דניאל'ן
און האָט געוואוסט, אז צוליב אָט דעם יונגען מאן וועט אַרא
שוין קיינמאָל מעהר ניט צוגעהן צו איהם נאָהענט. און די צוויי
געפיהלען האָבען אין איהם געקעמפט און געמאַטערט איהם.
אַרא איז צו איהם געווען זעהר ליבליך און האָט אָפּט זעהר
אויפמערקזאם אויסגעהערט זיינע רייד וועגען די נייע אידישע
פּאָעטען און אויסלענדישע דראמאטורגען, וועגען וועלכע זי האָט
נאָך גאָר ניט געהערט.

איינמאָל איז כאַינים געווען אליין מיט אַרא'ן אין איהר
צימער. זי איז געלעגען אויף דער סאפא. ער איז אונטערשלאָפען
צו איהר צוגעגאנגען און האָט גענומען שטיל גלעטען איהר קאָפּ.
דער מיידעל'ס נעזיכט האָט זיך פארענדערט, או זי האָט שטיל
געזאָגט:

— מען דארף ניט אזוי, כאַינים. בעסער לאָמיר בלייבען
פריינט. איהר זיים א זעהר ליבער מענש, און איך פיהל צו אייך
די טיפסטע אכטונג. אָבער מען דארף ניט אזוי...

און ציטערענדיג פון פארבאָרגענעם וועהטאָג און שאנד, האָט
ער זיך נאָך מעהר איינגעהויקערט, איז צוגעגאנגען צום פענסטער

Digitized by Google

און האָט לאנג ארויסגעקוקט צו דער נאַס, ניט זעהענדיג פֿאַר זיך גאָר נישט.

זיצענדיג אויפ'ן דאַך, פלעגט כאַינים אמאָל זאגען:

— ווען איהר, אַרא, וועט ווערען א באַריהמטע אקטריסע, רייך, ארומגערינגעלט מיט רוהם און מיט ליבהאָבער, וועט איהר ניט איינמאָל דערמאָנען אָט די שטילע גוטע אָוועגדען אויפ'ן דאַך פון דעם ארימען הויז.

— און מיין אינגעל מיט די געקרייזעלטע האָר, — האָט אַרא צוגעגעבען, גלעטענדיג דניאל'ן.

איין אָוועגט איז געקומען גור אריה. ער האָט דערצעהלט אַרא'ן, אז די ירושלים'ער יוגענט בעט דעם יפו'ער דראמאטישען קרייז צו געבען פאר דעם ארבייטער פאנד א ספעקטאַקל, מיט אַרא'ס אנטייל, פארשטעהט זיך. דער קרייז האָט איינגעשטימט און פאָהרט באַלד אין ירושלים. ער איז דאָס געקומען מיט־טיילען די אנגענעהמע נייעס דער פיל געעהרטער אַרא'ן.

— אַ דאנק, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט קאַלט, — איך ווייס שוין. און איצט זעצט זיך און שווייגט. איך וויל זינגען א רוסיש ליד. — זי האָט גענומען זינגען, אקאָמפּאַנירענדיג זיך אויף דער מאנדאָלין. גור אריה איז אוועקגעגאנגען: ווייזט אויס, זיך באַליידיגט.

אַרא האָט גענומען דערצעהלען וועגען איהר שוועסטער, וואָס וואוינט אין ירושלים. זי איז א שווארצאויגיגע און אזא פריינדליכע און לעבענסלוסטיגע. איהר מאן איז א קוטשער, אַ יונגער, שלאנקער, אפגעברענט פון דער זון, אן אמתער אראבער, זינגט שטענדיג. זיי האָבען דריי קינדער און לעבען שרעקליך אָרים, און די שוועסטער באַקלאָגט זיך קיינמאָל ניט.

ווען דניאל האָט זיך געזעגנט, איז שוין געווען שפּעט. איינגאנצען אין ווייסען, איז דאָס מיידעל געשטאַנען אויפ'ן דאַך און האָט ווי א פאר'כשופ'טע געמורמעלט:

— א גוטע נאכט, ליבער!

בין געזעסען אין בית מדרש און געלערנט. מיט מיר זיינען דארט
געווען נאך עטליכע יונגע לייט.

אין א ווינטערדיגען אווענט פלעגען מיר זיך זעצען ארום
אויווען, באקען קארטאפעל, טרינקען טיי, און אזא ליכטיגע, ריינע
פרייד פלעגט אונז ארומנעמען, אזוי לויטער פלעגט ווערען אויפ'ן
הארצען, אז מיר פלעגען נעהמען זינגען און דאנקען גאט פאר דאס
לעבען, וואס ער האט אונז געשאנקען. יע, ציימען בייטען זיך...

— לחיים, זיידע, — האבען אויסגערופען די טאטשעטשני־
קעס, אויפהויבענדיג די גלעזער וויין — לחיים, רב משה! —
נו, קינדער, לחיים, זייט גוטע אידען.

דער אלטער האט געמאכט א ברכה און אויסגעטרונקען א גאנצע
גלאז. ער איז נאך אביסעל געזעסען, דאן האט ער זיך געזעגענט
און איז אוועק צו זיך. די טאטשעטשניקעס האבען באשלאסען
נים אנצו'שכור'ען זיך דאס מאל. אויף דניאל'ס פארשלאג האבען
זיי גענומען דערצעהלען פון זייער לעבען.

ווען זיי זיינען זיך צונאנגען אהיים, איז שוין געווען נאך האל־
בע נאכט. דניאל האט צונעפיהרט קליאטשקא'ן ביז צום נייעם
דארף. דער שטארקער אלטער וויין, ווי וועניג זיי האבען גים
געטרונקען, האט שטארק געווירקט אויף זיי. ביידע זיינען גע־
ווען אויפגערעגט, האבען גערעדט הויך, און קליאטשקא האט גע־
שריען, כאפענדיג זיך פאר'ן קינדשאל.

— ווארט, ברודער, וועסט נאך פון מיר הערען. אין הערבסט
קום איך צוריק אין גליל, און דאן וועט זיך פארשפרייטען דער רוהם
וועגען דעם שומר קליאטשקא. איך וועל קויפען א גוטען פערד,
א נייע אבאיע, און רויטע שטיוועל. און דאן וועל איך ווייזען
די אראבער, ווי אנצופאלען אויף אידישע שומרים.

— ביזט א בראווער יונג! — האט דניאל איהם געפאטשט
איבער'ן פלייצע, — ביזט א בראווער יונג!

אויפ'ן וועג צוריק האט דניאל א קלער געטאן, אפשר איז שוין
ארא געקומען צוריק, און ער איז אוועק צו איהר הויז. אין
פענסטער איז געווען ליכטיג. ער האט אנגעקלאפט.

— קומט אריין — האָט ער דערהערט אסתר'ס קול. זי איז געזעסן ביים טיש און געלייענט.

— אך, דאָס זייט איהר! — האָט זי געזאָגט, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ און צומאכענדיג אויף איהר שטיינער די אויגען.

— אַרא איז נאָך ניט געקומען? — האָט דניאל געפרעגט.

— ניין, וואָס זעהט איהר אויס אַזוי מאָדנע? איהר האָט פיבער? איהר זייט קראַנק?

דניאל האָט זיך געזעצט.

— איך בין געזונט — האָט ער שטיל געזאָגט, דערפיהלענדיג פּלוצלונג א מידקייט. אסתר איז צוגעגאנגען צו איהם.

— איהר ווילט, וועל איך אייך איבערלעזען אן אויסצוג פון מאנע'ס „פריהלינגס זון"? — זי האָט זיך געזעצט לעבען איהם און האָט גענומען לעזען זינגענדיג, האָבענדיג פארגעניגען פון יעדען פערז, דאן האָט זי פארמאכט די אויגען און געזאָגט, ציהענדיג די ווערטער:

— נאָט, וויפיל טרעהרען און בענקשאפט נאָך דער אייגענער ערד!

— הויבט אָן נאָך אמאָל — האָט דניאל געבעטען — דאָס איז מיין באליבטע פּאָעמא.

זי האָט נאָך אמאָל איבערגעלעזען און דאן איז זי ווי א פאר'כשופ'טע געזעסען, ווידערהאָלענדיג דעם לעצטען פערז: „אָ, ווען מיר וואָלטען ביידע ווידער אויפגעלעבט..." פּלוצלונג האָט זי אנגענומען דניאל'ן פאר דער האנט:

— איהר האָט עפעס פאר מיר מורא. אָבער איך בין דאָך גאָר ניט אזא שרעקליכע.

— ווען קומט אָרא? — האָט ער פּלוצלונג געפרעגט.

— אָ, יע, אָרא — האָט אסתר גערעדט פארטראכט — איך האָב פון איהר באקומען א בריף. זי האָט אין ירושלים געהאט א גרויסען ערפאָלג. זי וועט ברייננען א סך בלומען און א געשאנק פון א פראָפעסאר פון דער קונסט שול „בצלאל". נאָכ'ן ספּעקטאַקעל האָט מען איהר געמאכט א באנקעט, אויף וועלכען די אלטע לעהרער האָבען ביז טאָג געהוליעט ווי אינגלעך.

טראָגען צארטע, רופענדע קלאַנגען פון רעפלעקסיווע מעלאָדיען, וואס פלעגען ארויסרופען ניט פרעהליכע געדאנקען ביי דעם אַל־טען רב משה'ן און ביי מאַלקאַוו'ן...

און קליאטשקא איז געווען א שומר אין דער נייער קאָלאָניע. ער האָט שוין געכאפּט עטליכע גנבים און איז געווארען באַ־ריהמט. ווען אָרא פלעגט אוועקגעהן אויף די רעפּעטיציעס, פלעגט ער אריינקומען צו דניאל'ן און די פריינד פלעגען אויס־טרינקען א פלעשעל קאָניאק. דאָס איז באלד געווארען א נויט־ווענדיגקייט ביי זיי. אין אָנהויב איז אָרא געווען צופרידען צו זעהן דניאל'ן א פרעהליכען און אומענדליך־גוטען.

— מיין אינגעל האָט אביסעל אויסגעטרונקען, — פלעגט זי זאָגען, אפּגעבענדיג זיך זיינע שטורמיגע צערטליכקייטען און אן אומענדליך־גליקליכע — אָבער ניט אזוי אָפט, מיין טייע־רער! מאָרגען וועט דאָך דאָס קעפּעל וועה טאָן. — איין מאָל איז אָרא געקומען שפּעט און האָט דניאל'ן ניט געפונען. זי האָט זיך איבערגעטאָן, געזעצט זיך אויפ'ן גאניק און גענומען ווארטען, ווידערהאָלענדיג אין זכרון איהר דיאלאג פון „יענקעל שמיד". באלד האָבען קליאטשקאָ און נאָך אן ארבייטער צוגע־פיהרט דניאל'ן. ער איז געווען שכור, האָט קוים זיך געהאלטען אויף די פיס און האָט געמורמעלט עפּעס ענטשולדיגונגען פאר אָרא'ן. זי האָט אויפגעציטערט ווי אין פיבער. אין א שארפען טאָן האָט זי געבעטען די געסט אוועקגעהן, האָט אליין מיט צי־טערנדיגע הענט אויסגעטאָן דניאל'ן און געלעגט שלאָפען. אויף מאָרגען איז ביי זיי געווען דער ערשטער שטומער קריג. אָרא האָט זיך אויפגעכאפּט מיט א בייזען, פינסטערען געזיכט, האָט זיך שנעל אנגעטאָן און איז אוועק, ניט זאָגענדיג קיין ווארט.

דניאל האָט זיך אנגעטאָן און איז ארויס אין גאס. עס איז געווען א הייסער נאָכמיטאָג. אומעטום זיינען די לאָדענס געווען צוגעמאכט. אויפ'ן גאס איז כמעט קיינער ניט געווען, נאָר לעבען דעם גימנאזיום אין קליינעם גארטענדעל האָבען מאר־שירט די קליינוואַרג מיט שטעקלעך אויף די פּלייצעס; איינס־צוויי, איינס־צוויי... דניאל האָט זיך אויסגעבאָדען אין ים און איז אוועק זוכען אָרא'ן. זי איז אוועק א בייזע, און דאָס האָט

איהם שרעקליך געמאַטערט. אָבער וואו קען ער זי געפינען? זי עסט אפשר מיטאָג ביי די אייגענע?

אין א שטילען געסעל לעבען גאסט־הויז שטעהט אָרא׳ס פאָטער. דאָס איז א ליבליכער אלטער מיט א גרויליכער באָרד און געדיכטע ברעמען, פון אונטער וועלכע עס קוקען ארויס פֿאַר־טרוימטע אויגען. ער טראָגט אלע מאָל א יארמולקע און איז אָנגע־טאָן אין א האלב־זיידענעם געשטרייפטען אראבישען כאלאט.

— שלום, זיידע, וואס מאכט איהר? — פרעגט דניאל — ארא איז דאָ ניט געווען.

—ברוך יהוה יום יום — ענטפערט דער אלטער — מיין טאָכטער איז שוין לאנג ניט געווען מיטאָג עסען. אפשר איז זי אין דער היים מיט דער אלטער.

דניאל געהט לאנג ארום איבער די גאסען און אנטשליסט זיך ניט אריינצוגעהן. די אלטע האָט איהם ניט ליב. ביי צופעליגע באגעגענישען ווארפט זי אויף איהם אומפריינדליכע בליקען און מורמעלט עפּעס בייז, ווי זי וואָלט איהם פארשווערען. ענדליך איז ער דאָך אריינגעגאנגען, אבער אָרא איז דאָרט ניט געווען. — זי איז אוועק, אוועק! — האָט בייז געענטפערט די אלטע, זיצענדיג אויף דער סאפע און רויכערענדיג דעם דופטיגען קאליאן.

דניאל איז געקומען אהיים, ווען עס האָט גענומען ווערען טונקעל׳. אָרא, א בארוועסע, אין א ווייסען כיטאָן, איז אומגע־גאנגען איבער׳ן צימער און געשטודירט איהר ראָל. דניאל איז צוגעגאנגען און האָט איינפאך געזאגט:

— פֿארגיב מיר, אָרא. דאָס וועט מעהר ניט פארקומען. איך האָב גאָר ניט געוואלט טרינקען, איך האָב אזוי נאַריש זיך באריהמט. נו, געגוג בייז זיין.

זי האָט געמאכט א מארטירער פּנים און האָט גארניט גע־ענטפערט. זי האָט איהם שוין לאנג מוחל געווען און האָט אומ־געדולדיג געווארט אויף איהם, קלערענדיג וואו ער קען דאָס זיין. אָבער ווי נאָר דניאל איז געקומען מיט אן ענטשולדיגונג, האָט זיך איהר פארוואלט איהם אביסעל מאטערען.

— נו, לאָז מיר דיך אַ קוש טאָן, — האָט דניאל ווידער אָנגעהויבן צערטליך — נו, זיי נים בייז!

— גאָה אַוועק — האָט זי איהם געענטפערט מיט כעס, אָפּשטויסענדיג איהם — וואָלסט נאָר געבעטען אַ קוש געטאָן אויף זיך. האָסט אויסגעזעהן העסליך, דער פּנים צוקרימט, ווי ביי אַ משוגענעם. אַ, פאַרוואָס טרינקסטו? — האָט זי פּלוצ־לונג אויסגעשריען אין אַ טראַגישען טאָן, זעהענדיג זיך, ווייזט אויס, אויף דער ביהנע, און איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

— הער אויף, אָרא, — האָט דניאל געזאָגט און געוואָלט אַוועקגעהן. אָבער זי האָט זיך אַ וואַרף געטאָן נאָך איהם און האָט איהם גענומען וואַהנזיניג קושען די ליפּען, דעם האַלז, דעם שטערן....

— איך קען נים, איך קען נים, — האָט זי פאַרשטיקט גע־מורמעלט — דו האָסט דאָך מיך פאַרמאַטערט, אינגעל מיינער, טייערער!

זיי זיינען אַ גאַנצען אָוונט אָפּגעזעסען אין דער היים, ער האָט איהר דערצעהלט אַ סך וועגען זיך, וועגען זיין טרויעריגער קינד־הייט, זיינע וואַגלענישען און שטענדיגער נויט. וויפיל נעכט ער האָט אינגעלווייז פאַרבראַכט אין שמוציגע פינסטערע לעכער מיט גנבים און וואַגאַבונדען, וואָס האָבען איהם באַטרונקען מיט בראַנפען, פאַר'סם'ענדיג דעם אינגעל'ס נשמה און קערפּער. דאָס איז געווען אַ שווערער חלום, וואָס האָט זיך געצויגען עטליכע יאָהר, ביז ער האָט זיך ענדליך אויפגעכאַפּט אַהיים.

— אָרימער מיינער, — האָט אָרא געוויינט, קושענדיג איהם. און ווידער האָבען זיי גענומען לעבען שטיל און גליקליך.

די טעג זיינען געווען הייסע. פון די קאַלאָניעס ארום האָט מען יעדען טאָג געבראַכט קראַנקע ארבייטער. ווי אַ בייזער שטורם ווינט האָט זיך דער פיבער געטראָגען איבער'ן לאַנד. אין קליי־נעם שפּיטאָל אין יפו איז שוין לאַנג נים געווען קיין אָרט, און די קראַנקע מענער און פרויען מיט געלע, אויסגעצעהרטע פּנים'ער האָט מען לאַנג געלאָזען ליגען אין שמוציגע גאַסטהייזער, אָהן קיין הילף.

אַט האָט מען צו מאַלקאָוו'ס רעסטאָראַן געבראַכט אין אַ פֿוהר צוויי קראַנקע פֿרויען, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. שוין דעם זעק־סטען טאָג ליידען זיי פֿון אַ שווערער מאַלאַריאַ. זיי האָבען גע־דינט אין וואַלד ביי אַ רייכען קאָלאָניסט, די מוטער האָט געקאָכט, און די טאָכטער איז געווען אַ דינסט. דער קאָלאָניסט האָט גע־וואָלט פֿון זיי פּטור ווערען, האָט ער געדונגען אַ פֿוהר און געהייסען זיי פֿיהרען אין יפֿו'ער שפּיטאָל. דער קוטשער איז געקומען צו מאַלקאָוו'ן, האָפֿענדיג, אַז ער וועט די קראַנקע קאָנען איבערלאָזען ביי איהם, ווייל אין שפּיטאָל איז שוין ניט געווען קיין אָרט. דער קוטשער האָט געבעטען מאַלקאָוו'ן זיי אַריינצונעמען, האָט זיך גע־שוואָרען אַז דער דאָקטאָר האָט פֿאַרזיכערט, אַז באַלד וועט זיין אָרט אין שפּיטאָל. רב משה האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: מען קאָן זיי אַזוי ניט איבערלאָזען. מאַלקאָוו האָט געזיפֿצט: וואָס זאָל מען טאָן? און האָט זיי אַריינגענומען.

אויפֿ'ן צווייטען טאָג האָט מען פֿון חדרה געבראַכט דעם שוסטער שמואל'יק. ער איז פּלוצלונג משוגע געוואָרען. דניאל האָט איהם גוט געקענט. ער ליגט אויף אַ באַנק אין אַ ווינקעל פֿון שפּיטאָל קאָרידאָר. לעבען איהם זיצען צוויי אַרבייטער מיט מידע, פֿאַרשלאָפֿענע פּנים'ער איינער פֿון זיי, מיט מעלאַנכאָלישע אויגען, איז אַליין ניט לאַנג אַרויס פֿון משוגעים־הויז.

— שלום, שמואל'יק! דערקענסט מיך?

דער משוגענער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף איהם מיט זיין ברייט־פּלייציגען שטאַרקען קערפּער, האָט אַ בליץ געטאָן מיט די אויגען און אויסגעשריען:

— גיב אַהער אַן ערלויבניס דורכצופֿאָהרען!

— גוואַלדעווע ניט! — איז אין כעס געוואָרען דער אַרביי־טער מיט די מעלאַנכאָלישע אויגען. און דער צווייטער האָט דערצעהלט, אַז נאָך נעכטען אין דער פֿריה איז שמואל'יק געזעסען ביי דער אַרבייט און געזונגען לידער. נאָכמיטאָג האָט ער פּלוצלונג ווילד אויסגעשריען: גיב אַהער אַן ערלויבניס דורכצופֿאָהרען! האָט איבערגעקערט דעם וואַרשטאַט, האָט צוואָרפֿען די קאָפּולען און אינסטרומענטען און האָט גענומען לויפֿען איבער'ן וואַלד, בֿרר־

מענדיג ווי א חית. מען האָט איהם קוים געכאַפּט. איצט ווייסען זיי ניט, וואָס מיט איהם צו טאָן. געלד האָבען זיי ניט, און זיי דאַרפען געהן צוריק צו דער אַרבייט. זאָלען שוין די הינע חברים זאָרגען וועגען דעם.

מען האָט שמואל׳יקען אַריינגעזעצט דערווייל אין א שטאָל, לעבען טויטען צימער, און דניאל איז אַוועקגעלאָפען צו א באַקאַנטען זשורנאַליסט, און זיי זיינען ביידע מיט א ליסט געגאַנגען איבער די הייזער קלייבען נדבות, אַוועקצופיהרען שמואל׳יקען אין ביירוט אין א סאַנאַטאָריום. די אונערוואַרטעטע רייזע קיין ביירוט האָט זעהר דערפרעהט דניאל׳ן.

איצט וועט ער באַזוכען אַלע די פּלעצער, וואו ער איז אַרומגעגאַנגען מיט דינה׳ן אין יענער שטאָדט, און ווידער וועלען שטילע ליכטיגע טרוימען באַלויכטען זיין נשמה.

פאָרא האָט איהם אָפּגעריערט פון פאָהרען.

— איך וויל נישט, איך האָב מורא, ער וועט דיך נאָך הרג׳ענען. זאָל און אַנדערער פאָהרען.

ענדליך האָט זי איינגעשטימט.

— נאָר זיי פאָרזיכטיג. — האָט זי איהם געקושט ביים געזעגענען.

ביינאַכט איז דניאל געלעגען מיט שמואל׳יקען אויפ׳ן דעק פון שיף און האָט ניט געקענט איינשלאָפען. ער האָט זיך דערמאָנט, ווי מיט א יאָהר צוריק איז ער געפאָהרען אין ביירוט מיט דינה׳ן. ווי דאַן, איז איצט געווען א שטילע, וואַרימע נאַכט. זיי זיינען געזעסען אויפ׳ן דעק, און זי האָט דערצעהלט, ווי אין דער יוגענד פלעגט זי זיך אָפט קריגען מיט׳ן ברודער. ער פלעגט באַליידיגען איהרע פריינדינען און דאָס האָט זי דערצאָרנט. אין דער פריה האָט זיי אין ביירוט באַגעגענט דינה׳ס ברודער, א שווינדזוכטיגער יונגערמאַן. ער האָט א קוק געטאָן אויף דניאל׳ס שלאַנקע, שטאַרקע פיגור, האָט טרויעריג א שמייכעל געטאָן און איהם געגעבען די האַנט. און די שוועסטער האָט ער לאַנג געקושט ווי ער וואָלט זי שוין לאַנג, לאַנג ניט געזעהן.

די עטליכע טעג אין ביירוט זיינען אַוועק ווי א שעהנער

חלום. דינה'ס ברודער האָט געוואוינט אין אַ גרויסען הויז אויפ'ן ברעג ים. אַרום איז געווען אַ גאָרטען מיט פּאַלמען און בונטע דופטינגע בלומען.

ענדליך האָט זיך דניאל באַפרייט פון שמואל'יקען. עס איז געווען טונקעל. ער איז אוועק איבער די באַקאַנטע ערטער, ווי איבער אַ בית עולם, וואו עס זיינען באַגראָבען זיינע בעסטע האָפ־נונגען און טרוימען. אָט איז דאָס גרויסע הויז מיט'ן גאָרטען, וואו דינה'ס ברודער האָט געוואוינט. צו איהם פיהרט אַ שמאָל שטעגעל, פאַרוואַקסען פון ביידע זייטען מיט גראָז און בלומען. די פענסטער פון הויז זיינען אָפען, און פּיאַנאָ קלאַנגען דערטראָגען זיך פון דאָרטען. אין גאָרטען שפּילען קינדער. הינטער'ן פאָנטאַן, אין שאָטען פון די אַקאַציעס, געפינט זיך אַ באַנק. דאָ האָט איהם דאָס מיידעל ווידער דערצעהלט וועגען איהר ליבע, און איהם דוכט זיך, אַז איהר שטילער שאָטען שוועבט דאָ אום. ער געהט אַריין אין הויז. אַ יונגע פרוי באַגעגענט איהם, פרעגט וועמען ער זוכט. דער סטודענט, וואָס האָט דאָ געוואוינט, איז שוין אַרויסגעפאָהרען. דניאל געהט צוריק, לאָזט ער זיך אַראָפּ מיט דעמזעלבען שטעגעל צום ים. אָט איז דער פעלז, וואו זיי זיינען געזעסען. ער זעהט אוים ווי אַ לעגענדאַרישע חיה מיט אַ שאַרפען שפּיץ.

אין דער היים האָבען דניאל'ן ערוואַרט אומאַנגענעמליכקיי־טען. ער האָט געפונען אָרא'ן אַ פאַרוויינטע. זי האָט אויסגעזעהן אויסגעמאַטערט, און איהר געזיכט האָט געהאַט אַ טרוקענעם און פינסטערען אויסדרוק. זי האָט איהם באַגעגענט קאַלט, און ווי זיין קומען וואָלט זי גאָרניט געפרעהט.

— וואָס איז מיט דיר, אָרא? — האָט דניאל געפרעגט, באַ־מיהענדיג זיך צו שמייכלען.

זי האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ לאַנגען מאַרטירער־בליק און האָט זיך צוואויינט.

— וואָס איז, אָרא? וואָס וויינסטו?

— דו נאַרסט מיך — האָט זי אָנגעהויבען. — דו האָסט מיט דינה'ן אַ קינד, און מיר האָסטו גאָרניט געזאָגט. דאָס איז

אומעהרליך. — זי האָט מיט די הענט פאַרשטעלט דאָס געזיכט און האָט זיך הויך צעוויינט, ווי אַ געשלאָגענע און באַליידיגטע מיידעלע.

— דאָס איז ניט אמת, אַרא — האָט דניאל אַרויסגערעדט מיט אַ נעפּאַלענעם שטים—ווער האָט דאָס דיר געזאָגט? מסתמא נור אריה. און דו הערסט זיך צו צו זיינע רכילות, באַליידיגסט מיך און מאַטערסט זיך אַליין אומזיסט. נו, הער אויף וויינען. לאָמיר זיך דורכריידען רוהיג.

— זיי רעדען וועגען דיר שלעכט — האָט געזאָגט אַרא, ציטערנדיג מיט די אַקסלען. — יעדען טאָג עפּעס נייעס. באַזונדערס פון זינט מיר זיינען צוזאַמען. ווי אַ וואָרים נאָגען זיי מיין האַרץ. דו וועסט מיך באַדעקען מיט שאַנד און אָוועקוואַרפען, זאָגען זיי. וואָס זאָל איך טאָן? ווייטער אַזוי איז דאָך אוממעגליך.

— איך וועל מאָרגען אַוועקגעהן אין קאַלאָניע — האָט דניאל געזאָגט אַנטשלאָסען — דאָס איז אוממעגליך.

אַרא האָט אויפגעהערט וויינען.

— איז דאָס ניט אמת? — האָט זי געפרעגט, קוקענדיג אויף איהם מיט פאַרוויינטע אויגען.

— און דו פרעגסט נאָך? — האָט דניאל טרויעריג געשמייכעלט.

פּלוצלונג האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן צו זיינע פיס און, אָנכאַפּענדיג זיינע קני, האָט זי גענומען ריידען ליידענשאַפטליך:

— מיין אינגעל! דו ביזט בעסער פון זיי. לאָמיר אַוועקגעהן אין קאַלאָניע, צי וואוהין דו ווילסט. מיר וועלען לעבען אין אַ קליינעם ווענטער ביידעל ביי די וויינגערטנער. אין די אָווענטען וועלען מיר ביים פייער הערען די פאַרבינג נאַאיווע מעשה'לאַך פון די אַראַבער, דאַן וועלען מיר צוזאַמען זאַמלען די וויינטרויבען. נו, גיב מיר דיינע ליפּען און אויגען און זאָג, וואָס האָסטו געטאָן אין ביירות. באַזאָרגט דעם משוגע'נעם, געזעהן באַקאַנטע? און איך האָב געכטען אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, אַלץ געקלערט וועגען דיר. מיר האָט אַלץ אויסגעוויזען, אַז מיין

ליבער איז אוועקגעפאָהרען ווייט, ווייט און וועט שוין ניט אזוי
גיך קומען צוריק. ווי וועל איך איצט לעבען אליין? נו, זיי ניט
בייז, איך גלויב דיר.

אין אווענט איז געקומען כאַינים. מען האָט ארויסגעטראָגען
דעם טיש אויפ'ן גאַס און געטרונקען טיי ביי לבנה ליכט. עס
איז צוגעקומען דער לעהרער פון גימנאַזיע און דער ראָמאַניסט
קאַרטשעווסקי, וואָס האָט געוואוינט בשכנות. דאָס איז געווען
נאָך אַ יונגער מענש, פעסט געבויט, מיט אַ גראָבליכען, אביסעל
הייזעריגען קול, און אַן אומאַנגענעמען שמייכעל אויף די גראָבע
זינליכע ליפען. ער איז ניט לאַנג געקומען אין פּאַלעסטינא און
האָט זיך זעהר פאַראינטערעסירט מיט אַראַ'ן. אין די אווענטען
האָט ער אָפט שפּאַצירט פאַרביי איהר הויז, מורמלענדיג אַ לידעל
און ווען אַראַ פלעגט ארויסקוקען פון פענסטער, פלעגט ער זיך
אָפּשטעלען און רעדען וועגען דעם און יענעם. דניאל'ן האָט ער
ווי נאַרניט באַמערקט.

— אַן אמת'ע אידיליע — האָט געזאָגט קאַרטשעווסקי —
וואָס פאַר אַ ווייכער זילבעריגער אווענט! מען קאָן אין דער
היים ניט איינזיצען.

עס האָט זיך באַוויזען קליאַטשקאַ אין אַן אַבאַיע מיט אַ
ביקס אויפ'ן רוקען.

— שלום! איהר רוהט זיך אָפּ?

— זעץ זיך צו — האָט דניאל געזאָגט.

— ניין, ברודער! ביי דער גימנאַזיע געהט אום עפּעס אַן
אַראַבער. עפּעס זוכט ער. ער וועט ניט גוט אָפּשניידען. —
און עפענענדיג זיין אַבאַיע, האָט קליאַטשקאַ געוויזען זיין לאַנגען
שטאַלענעם קינזשאַל מיט דעם גראַווירטען הענטעל.

— —איהר מעגט שלאָפען רוהיג — האָט ער געזאָגט, אוועק-
געהענדיג — איך וועל שוין היטען אייער גוטס.

כאַינים האָט גערעדט וועגען דעם קומענדען ספעקטאַקעל,
וועגען אידישע דראַמאַטורגען. די טעג איז צו איהם געקומען
עפּעס אַן ארבייטער און האָט איהם פייערליך איבערגעגעבען אַ

Digitized by Google

גרויסען מאַנוסקריפּט. דאָס איז געווען אַ שרעקליכע טראַגעדיע אין זעקס אַקטען.

— איך האָב ניט געקענט לעזען — האָט כאַינים געזאָגט שטיל. — ער דאַרף מאָרגען קומען נאָך אַן ענטפער, וואָס וועל איך איהם זאָגען? דאָס בעסטע פאַר איהם וואָלט געווען אַרביי־טען אויף דער ערד. ער זעהט אויס צו זיין אַ שטאַרקער יונג. ער וועט זיך זיכער באַליידיגען, ווען איך וועל איהם זאָגען דעם אמת.

זיי זיינען נאָך געזעסען ביי אַ שעה, שטיל רעדענדיג. דאַן האָבען דניאל מיט אַרא'ן באַגלייט כאַינים'ען אַהיים. אויף מאָר־גען האָט מען געבראַכט פון קאָלאָניע ליפּשיץ'ן, דניאל'ס חבר. ער האָט געהיט די וויין־גערטנער ביי אַ שייד־וועג, און ביינאַכט האָט עפּעס אַן אַראַבער אין איהם געשאָסען. די וואונד איז ניט געווען קיין געפערליכע, נאָר איידער ער איז געקומען אין שטאָט, האָט ער פאַרלאָרען אַ סך בלוט, און זיין צושטאַנד איז געווען ערנסט.

דניאל איז אַוועקגעלאָפען אין שפּיטאָל. די בלייכע שוועס־טער מיט רוהיגע באַוועגונגען האָט איהם אַריינגעפיהרט. ליפּשיץ, אַן אויסגעצערטער, מיט אַן אויסגעמאַטערטען שמייכעל אויפ'ן בלוי־געוואָרענעם פּנים איז געלעגען אין האַלב פאַרגעסענהייט און האָט שטיל געקרעכצט. דניאל איז שווייגענדיג געשטאַנען ביי זיין בעט און האָט געפיהלט אַ שאַרפען ווייטאָג. אַרום האָבען זיך געהערט קרעכצען. אַ גימנאַזיסט, איינגאַנצען באַדעקט מיט וואונדען, האָט געוויינט. אַ שווער קראַנקער תימנ'ער האָט מתפלל געווען, באַ־לויכטענדיג מיט זיין גלויבען די לעצטע טעג פון זיין לעבען. און אין דעם ברייט אָפענעם פענסטער האָט אַריינגעלאַכט די זון, שפּי־לענדיג מיט שטראַהלען אויפ'ן סופיט און אויף די ווענט. פון ים האָט זיך געטראָגען אַ לייכט, צאַרט ווינטעל, און עס האָט זיך געהערט דאָס שטיפען פון די בלויע וועלען ביי דעם זילבערינגען זאַמדיגען ברעג.

ביינאַכט האָט דניאל ניט אָפּגעטראָטען פון דעם קראַנקען'ס בעט. עטליכע מאָל איז געקומען די שוועסטער, האָט שווייגענדיג

געקוקט אויפ'ן שטאַרבענדען און איז ווידער אַוועק, אַ רוהיגע און טרויעריגע, איינגעצעצען אין ווייסען, ווי אַ שטילער מלאך.

און די נאַכט האָט זיך געצויגען פיינליך לאַנג. דער איינגעל האָט אַלץ געוויינט, און דער תימנ'ער האָט געקרעכצט. אין דער פריה האָבען די אַרבייטער אויף אַ טראַג-בעטעל אַרויסגעטראַגען ליפּשיץ'ס לייכע אין טויטען-צימער. דניאל איז נאָכגעגאַנגען און האָט שטיל געוויינט. אויפ'ן הויף זיינען געווען אַרבייטער און חברה קדישא. מען האָט דעם טויטען געוואַשען. די אַרבייטער זיינען געשטאַנען אין גרופּען און האָבען שטיל גערעדט. אויף אַן אַליוועו בוים ביים אויסגעטריקענטען ברונעם האָט הילכיג גע־צוויטשערט אַ קליין פויגעלע, שפּרינגענדיג פון צווייגעל צו צוויי־געל. עס איז געקומען כאַינים. ער איז אַריין אין טויטען-צימער און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט מען דערהערט זיין פאַרשטיקטען געוויין. באַלד איז אַרוים די פּראָצעסיע צום בית-עלמין. עפּעס אַן אַרימע פרוי מיט צופּאַטעלטע האָר און אַן אויסדרוק פון שווערען אומגליק אויפ'ן אויסגעצערטען פּנים איז געלאָפען פאַראויס, גע־בראָכען די הענט און האָט הויך געקלאָגט:

— נאָט, עפען פאַר איהם די הייליגע טויערען פון הימעל.

ביי דער זייט האָט זיך געשלעפּט אַ שוואַכער זקן, האָט געקלאַפּט מיט אַ פּושקע און אויסגערופען מיט אַ ציטערדיגען קול:

— צדקה תציל ממות! צדקה תציל ממות!

פון די געסלאַך זיינען אַרויסגעלאָפען אַראַבער איינגלאַך, האָ־בען געוואָרפען אין די פּראָצעסיע מיט שטיינער, געפייפט און גע־שריען: יהוד! יהוד!

די אַרבייטער האָבען זיי פאַנאַנדערגעיאָגט, נאָר ווי אַ מחנה שוואַרצע פויגעל פלעגען זיי ווידער אָנלויפען און מען פלעגט ווידער הערען די שימפּ-ווערטער יהוד, יהוד!

און דער ים האָט געבלענדעט אין דער זון, און מיט פרייד געשרייען האָבען די מעווען געקרייזט אין דעם ליכט פון דעם גאָלדינען מאָרגען. אויפ'ן בית-עולם האָט מען דעם מת אַריינגע־טראָגען אין זשמיבעל. עטליכע מענשען האָבען געגראָבען דעם קבר. מען האָט געבראַכט דעם טויטען, איהם אַראָפּגעלאָזען אין

גרוב און גענומען פארשיטען. אן אלטער האט געזאגט קדיש. טרויעריג איז מען ארומגעגאנגען און געלעזען די אויפשריפטען אויף די מצבות, און באלד איז מען זיך צוגאנגען אהיים.

11.

ערב יום כפור.

עס רוקט זיך אן אן אומעטיגער בין השמשות. דער ברעג פון ים איז ווייסט און מעלאנכאליש רוישען די כוואליעס. עס לויפען און עס יאגען אנגעברויגזטע וואלקענס פון צפון קיין מערב, וואו אונטער דעם רויטען זון פארגאנג דוכט זיך דער כסא הכבוד מיט די זעקס־פליגעלדיגע מלאכים ביי דער זייט. אין די אידישע גאסען זיינען שוין לאנג פארמאכט די קראמען און מענער, און פרויען מיט ערנסטע פנים'ער איילען אין שוהל אריין.

אין דעם ארימען שטיבעל, וואו עס וואוינען דניאל מיט ארא'ן איז זעהר שטיל. ארא איז פון אין־דער־פריה אוועק א בייזע און האט זיך נאך ניט אומגעקעהרט. דניאל, א דערשלאגענער, געהט אום איבער'ן צימער אוןווארט אויף איהר. הינטער דעם ווענטעל דאווענט די קראנקע בעל הבית'טע. זי האט אנגעצונדען א גרויס ליכט און דער פלאם ציטערט מיט א העלען פלעק אויף דעם דונקעלען סופים. די פרוי קרעכצט און מען הערט די ווערטער פון געבעט, וואס ווערען איבערגעריסען מיט א טרוקענעם הוסט. דניאל שטעלט זיך אפ ביים פענסטער און קוקט אין גאס אריין. אן אלטער איד, וואס פיהרט אן אינגעל פאר'ן האנט, איילט אין בית־המדרש און דניאל דערמאנט זיך, ווי אין די קינדער יאהרען פלעגט זיין פאטער מיט איהם פאהרען אויף יום כפור אין א גרויסער שטאדט. דארטען זיינען געווען א סך אידען און אין דער שעה־נער, גרויסער שוהל האבען העל געברענט ליכט אין לייכטער. דער חזן פלעגט וואונדערבאר זינגען און אלע זיינען געווען אנגעטאן אין ווייסע, לאנגע קיטלען און זיי האבען אויסגעזעהן ווי מתים, וואס פילען אן די אלטע חורבות אין די פינסטערע ווינטערדיגע נעכט.

דניאל איז ארויס פון שטוב. ארום איז געווען שטיל און

טונקעל. ער איז אוועק אין נאָהענטסטען בית המדרש, איז אָבער געבליבען שטעהן ביים טיר און האָט לאַנג זיך ניט אַנטשלאָסען אריינצוגעהן. דאָ זיינען געשטאַנען נאָך אַנדערע יונגע לייט, וואָס האָבען זיך אויך עפּעס געשעהמט איינער פאַר'ן אַנדערען אריינצוגעהן. ענדליך איז אָבער דניאל אריין אין בית־המדרש. דער גרויער חזן האָט מיט א געבראָכענער, אָבער הארציגער שטימע, געזונגען „אל תשלחנו לעת זקנה".

דניאל האָט זיך געשטעלט לעבען רב משה'ן. דער אַלטער האָט איהם אָנגעוויזען אין מחזור, וואָס איז געלעגען פאַר איהם. דניאל האָט גענומען זאָגען, צוערשט שטיל, נאָכדעם אַלץ מיט א פעסטערער שטים, אויפ'ן הארצען איז געוואָרען לייכטער, און ליכטיגע ריינע טרערען זיינען איהם געקומען אין די אויגען.

אין א שעה צוויי ארום איז ער געגאַנגען אַהיים א פרעהליכער, קלערענדיג, ווי אָרא וועט דאָס זיין צופרידען, ווען ער וועט איהר דערצעהלען, ווי ער האָט געדאַוועגט דעם גאַנצען אָוועגט. זי איז דאָך אַזוי רעליגיעז

אָבער פאַרוואָס איז נאָך פינסטער אין זייער צימער? שלאָפט זי שוין? פּלוצלונג כאַפּט איהם ארום עפּעס א זאָנדערבארער, אומפאַרשטענדליכער טרויער. ער געהט שטיל אריין אין הויז. אין פאָרהויז ביים פענסטער, אין א טיפען שטול, זיצט פאַר א ליכט די קראַנקע בעל־הבית'טע און זאָגט תהילים.

— אָרא איז אין דער היים? — פרעגט דניאל.

— ניין, — ענטפערט די פרוי. — עפּעס א איינגעל האָט געבראַכט א צעטעל.

— אַזוי, — מורמעלט דניאל און די פיס ברעכען זיך איהם, און דאָס הארץ דריקט עפּעס א שווער פאַרגעפיהל. ער געהט אריין אין צימער, צינדט אָן דעם לאָמפּ. אָט איז א קורץ צעטעלע אויפ'ן טיש. א נערוועזע האַנדשריפט, שווער פאַנאַנדערצוקלייבען זיך. ענדליך האָט ער איבערגעלייענט: „דניאל, איך געה אוועק פון דיר אויף אייביג. מיך רופט אַנאַנדער לעבען אין אַנאַנדער לאַנד. מיט דיר קאָן איך מעהר ניט לעבען. אדיע, און רוף מיך ניט. אָרא".

— וואוהין פאָהרט זי, אין וואָס פאַר א לאַנד, — קלערט

ער, ניט פֿאַרשטעהענדיג, ווי מען וואָלט איהם באַטויבט מיט אַ קלאַפּ איבער'ן קאָפּ. ער לייענט נאָך אַמאָל איבער דאָס צעטעל. וואָס פֿאַר אַ שווערער קאָשמאַר! פּלוצלונג ווערט איהם קלאָר, אַז אַרא האָט איהם פֿאַרלאָזען. אַן אומאויסשפּרעכליכער פֿיזישער וועהטאָג נעמט אידם אײנגאַנצען אַרום, דער מויל ווערט צוקרימט פֿון אַ קרומען שמייכעל. איהם ווילט זיך שרייען, צורייסען אויף זיך די קליידער, וואַרפֿען זיך אויף דער ערד אין אַן אַנפֿאַל פֿון וואהנזיניגען פּיין.

— איצט בין איך אַליין, אַליין, — מורמעלט ער, וואַרפֿט זיך אין די קליידער אין בעט און באַהאַלט דעם קאָפּ אין די קישענס, אײנהאַלטענדיג זיך פֿון וויינען. און פֿון צווייטען צימער הערט זיך דאָס קנאַקען פֿון ליכט און ווי די בעל־הבית'טע לייענט מיט אַ שטילען געוויין: „גאָט, רעטע מיך. איך בין אריין אין די טיפֿען פֿון וואַסער און דער שטראָם האָט מיך אוועקגעצויגען...‟

דניאל הערט זיך צו:

— יע, — קלערט ער. — ער איז אריין טיף און עס איז ניטאָ פֿאַר איהם קיין רעטונג. צוליב אַרא'ן האָט ער פֿאַרלאָזען זיין כלה, האָט אויפֿגעהערט צו אַרבייטען אויף דער ערד, האָט ווידער גענומען טרינקען, און די כחות פֿאַרלאָזען איהם.

ער האָט זיך פּלוצלונג צעוויינט אויפ'ן קול, ווי אַ געשלאָגען קינד. די בעל הבית'טע האָט שטיל געעפֿענט די טיר און גענומען קוקען אַ צושראָקענע מיט ברענענדיגע שווינדזוכטיגע אויגען.

— וואָס איז מיט אייך? וואָס וויינט איהר? — האָט זי געפֿרעגט, צוקומענדיג צום בעט. — אימיצער איז ביי אייך גע־שטאָרבען?

— יע, געשטאָרבען, געשטאָרבען, — רופֿט אויס דניאל — אַ שוועסטער איז ביי מיר געשטאָרבען. און איצט בין איך אַליין.

— אך, — האָט די פֿרוי אָפּגעזיפֿצט. — ס'אַרא'ן אומגליק. לענט זיך אַ קאַלטען קאָמפּרעס מיט עסיג צום קאָפּ. שווער צו לעבען. מיין מוטער איז אויך פֿריה געשטאָרבען. עס איז פֿינ־סטער אַרום, ווי אין אַ קבר. — און זי האָט זיך צוהוסט מיט אַ

לאנגען טרוקענעם הוסט, כאפענדיג זיך פאר די איינגעפאלענע ברוסט.

די פרוי איז אוועק, און באלד האט זיך ווידער דערהערט ווי זי לייענט טרויעריג תהלים.

און דניאל האט אלץ ניט געקענט איינשלאפען. די שווערע ערינערונגען פון די לעצטע צוויי מאנאטען זיינען איהם באפאלען ווי צודרינגליכע פליגען. וויפיל אומאנגענעמליכקייטען ער האט דאס איבערגעטראגען אין דער צייט צוליב גור אריה'ן און קארטשעווסקי'ן, וואס האבען איהם אלץ געהאלטען אין איין פארמיאוס'ען פאר ארא'ן. אט די קינדער ערציהער פלעגען אין די אווענטען געהן פון הויז צו הויז און בארעדען, ווי ווייבער. אפטמאל פלעגט ארא קומען אהיים א מידע, א בייזע און פרעגען דניאל'ן, צי ס'איז אמת, וואס די לעהרער דערצעהלען וועגען איהם. דניאל פלעגט זעלטען ענטפערען, פיהלענדיג זיך אין אזעלכע מינוטען שוצלאז און שוואך ווי א קינד. ער האט געגומע פיהלען, אז ארא איז איהם א פרעמדע, וועט איהם קיינמאל ניט פארשטעהן, און ער פלעגט אוועקגעהן פון הויז, שעה'ן לאנג פלעגט ער אומגעהן איבער די רוישיגע אראבער גאסען, אריינגעהן אין קאפעען, און הערענדיג די גראמאפאנען, קלערען וועגען דינה'ן, דערמאנען מיט בענקשאפט איהר ליבען געשטאלט, דאס ריינע אידישע מיידעל מיט'ן שעמעוודינען בליק און גרויסע שווארצע אויגען. עטליכע מאל איז ער אוועק אין קאלאניע, אבער אין א טאג־צוויי האט ער גלייך זיך אומגעקערט אין שטאדט.

עפעס א פיינליך, קראנק געפיהל האט איהם געצויגען צו ארא'ן, און איהם האט אויסגעוויזען, אז ער קען שוין אהן איהר ניט לעבען. און דאס באוואוסטזיין, אז זי פיהרט פריינדשאפט מיט קארטשעווסקי'ן און באגעגענט זיך אפט מיט גור אריה'ן, האט איהם געמאכט בייז און ער האט געטראגען אין זיך א שווערען צארן, ליידענדיג אפטמאל ביז טרערען. דערצו האט ער אפטמאל ניט געגוג געגעסען. ארבייט איז אין שטאדט געוועזן ווייניג. די ארטעל האט זיך פארקלענערט, און די טאטשעטשניקעס פלעגען קוים קאנען דורכקומען, ארבייטענדיג דריי־פיער טעג א וואך. ארא

האָט געגעסען ביי די אייגענע, און דניאל פלעגט אריינקומען בייטאָג צו מאַלקאָוו'ען טרינקען טהעע, און אזוי איז ער ביסלעכ־ווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרען.

אזוי האָט זיך דאָס געצויגען ביז צום לעצטען קריעג. אין אווענט איז אָרא געקומען אהיים מיט א לייכטענדען פּנים און האָט מיט פרייד דערצעהלט דניאל'ן, אז זי וועט באַלד באַקומען א סטיפּענדיע און וועט שוין איצטער זיכער קאָנען פאָהרען אין איירָאָפּא זיך לערנען. אין דעם האָט איהר זעהר פיל געהאָלפען קארטשעווסקי, וואָס האָט פארבינדונגען מיט רייכע ציוניסטען.

— אָבער דו וועסט דאָך קומען צוריק אין פּאַלעסטינא — האָט געזאָגט דניאל פאַרטאָן אין זיינע געדאַנקען.

— מיר וועלען זעהן! — האָט אָרא אויסגעצויגען. — אפשר ווען איך וועל ווערען א זעהר באַריהמטע אַקטריסע, וועל איך קומען אהער אויך אויף א קורצע צייט. קארטשעווסקי קלייבט זיך אויך פאָהרען קיין איירָאָפּא.

— אָט וועט איהר פאָהרען צוזאַמען. ער איז דאָך דיין פריינד, — האָט דניאל געזאָגט, קוקענדיג אָר'ן גלייך אין די אויגען.

— געוויס פריינד, — האָט זי זיך אָנגעצונדען, און איהר געזיכט איז פלוצלונג געוואָרען טרוקען און פינסטער. — ער מיהט זיך פאַר מיר, און דו האָסט א פינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אריינגעטאָן. און בכלל האָב איך באַמערקט, אז דו ליבסט מיך ניט און וועסט מיך געוויס שפּעטער פאַרלאָזען.

זי האָט זיך אומנאַטירליך צוּוויינט. דניאל איז אויפגע־שטאַנען און איז ארויסגעגאַנגען שווייגענדיג. געקומען צוריק איז ער ערשט אין דער פריה, ווען אָרא איז שוין ניט געווען. ער איז אוועק זי זוכען, האָט זי אָבער אין ערגעץ ניט געפונען, און קו־מענדיג צוריק אהיים אין אווענט א מידער און טרויעריגער, האָט ער אומרוהיג געוואַרט אויף איהר, צו בעטען ביי איהר אנטשול־דיגונג.

— זי איז גערעכט, — האָט ער ערקלערט, — ער שטערט איהר. זי איז א גרויסער טאַלאַנט, און ער דאַרף איהר ניט שטעהן אין וועג.

Digitized by Google

און איצט האט די שלאפלאזע נאכט זיך געצויגען אומענדליך לאנג. דניאל איז געלעגען מיט אפענע אויגען און געווארט אויף מארגען, אויסצוזוכען אראָ'ן און איינבעטען זי, זי זאל זיך אומ־קערען. ער וועט איהר דערצעהלען, ווי טיף און אומענדליך ער ליבט זי, וועט אנהויבען א נייע לעבען. זיי וועלען ביז איהר אפפאהרען אוועקפאהרען אין א ווייטע קאלאניע, וואו איינפאכע גוטע מענשען וואוינען, וואס פאר'סמ'ען ניט אנדערע מענשען דאס לעבען, און זיי וועט זיין גוט ווי אמאל.

אויפגעכאפט האט זיך דניאל מיט א קאפּווערטאג און א שוואכקייט אין קערפער, ווי נאך א פיבער. ער האט געעפענט דאס פענסטער, און העלער פריידיגער זונענשיין האט ווי א רעגען איהם באגאסען זיין פנים. אבער דאס האט איהם ניט דערפרעהט, און א פינסטערער איז ער אוועק זוכען אראָ'ן.

ענדליך האט ער זיך דערוואוסט, אז זי געפינט זיך ביים פארזיצענדען פון דראמאטישען קרייז, אבער מען האט איהם מיט עפעס אן אויסרייד ניט אריינגעלאזען, און מיט אן אראפגעלאזע־נעם קאפ איז ער אוועק צוריק. אומזיסט האט קליאטשקא, ביי וועמען חברה האבען געטרונקען, איהם גערופען אויסטרינקען לכבוד יום כפור.

— נארישקייטען, — האט קליאטשקא געפינקעלט מיט זיינע לעבעדיגע אויגען. — לויף איהר ניט נאך, וועט זי אליין קומען. מיר ווייסען די ווייבערשע קונצען. און דו האסט שוין אראפגע־לאזען די נאז. קום, וועסט אויסטרינקען, וועט דיין שטימונג בעסער ווערען. מיר האבען, ברודער, דעם קאניאק מיט דריי שטערענדלאך און א וואונדערליכען ליקער פון הימעל קאליר, און ווייןן וויפיל דו ווילסט נאר אליין.

— איך וועל ניט געהן, — האט דניאל געזאגט אנטשלאסען און איז אוועק ווייטער.

— א פארלארענער! — האט איהם נאכגעשריען קליאטשקא.

אין אווענט איז דניאל געלעגען א קראנקער און האט עפעס געפלאנטערט וועגען זיין לא יוצלה לעבען. סענדער האט איהם געלענט קאמפרעסען צום קאפ, קלערענדיג, אז זיין פריינד איז

פלוצלונג משוגע געוואָרען. שפּעטער איז געקומען כאַינים. ער האָט זיך צוגעזעצט צום קראַנקען אויפ׳ן בעט און האָט אין אַ צערטליכען טאָן געזאָגט:

— עס טויג דאָך ניט אַזוי, דניאל. ביזט דאָך אַ מאַן. וועסט קראַנק ווערען, וועט מען דיך נאָך דאַרפען שיקען אין אַ סאַנאַטאָ־ריום, און געלד איז דאָך ניטאָ.

— דאָס טענה איך דאָך, — האָט זיך אָפּגערופען סענדער פון שוועל. — און ער רייסט אַלץ זיין העמד אויף זיך און וויינט.

— נישקשה, נישקשה, — האָט כאַינים גערעדט, — ער וועט זיך נעמען אין די הענט.

— אָבער פאַרוואָס, כאַינים, האָט זי אַזוי געטאָן? — האָט דער קראַנקער זיך געקלאָגט, — מיר האָבען זיך דאָך געקענט צונעהן גוט און פריינדליך. צוליב איהר האָב איך פאַרלאָרען דינה׳ן, מיין געזונט, מיין רוה און מיינע אַלע טרוימען וועגען אַ געזונטען גוטען לעבען אויף דער איינענער ערד זיינען אויף אייביג פאַרשוואונדען. זי איז אַנגעפלויגען, ווי אַ בייזער ווינט, און האָט אַלץ איבערגעקערט אין מיין נשמה. און נאָכדעם האָט זי מיך גרויזאַם באַליידיגט און איז אַוועק צו די, וואָס רעדען אויף מיר. און פריהער האָט זי מיך בלומרשט געליבט, מיך אַרומגעריננעלט מיט ליבליכקייט און צערטליכקייט, האָט שטאַלצירט מיט מיר און איז געווען אומענדליך צערטליך, ווי אַ מוטער, ווי זי וואָלט מיך אויסגעטראָגען אונטער׳ן הארצען און געבאָרען אין ליידען. און פלוצלונג אַזוי אָפּשטויסען! און זיי וואָס האָב איך געטאָן? איך דער שלעכט אידיש. אָבער דאָס איז דאָך ניט מיין שולד. איך בין אויסגעוואַקסען צווישען רוסען, די רוסישע לי־טעראַטור האָט אויף מיר שטאַרק געווירקט. די ברייטע סטעפּעס און פליינען האָבען אריינגעוואָרפען אין מיין נשמה אומרוה און טרויער. איך האָב ליב זייערע לידער. איהר, כאַינים, האָט דאָך אויך ליב רוסלאַנד, בענקט אַהין, און אייך איז אַמאָל אָנגענעם צו רעדען רוסיש. אָבער פּאַלעסטינאַ איז מיר אומענדליך ליב, און איך וועל פון דאָנען קיינמאָל ניט אַוועקפאָהרען. דאָ וועט אונזער יפאָלק ווידער אויפלעבען. דאָס קראַנקע, העסליכע און

אומגאָרמאָלע וועט פון אונז אראָפפאַלען, און מיר וועלען ווערען יונג און שעהן. ניט אמת, כאַינים?

— געוויס, מיין פריינד! — האָט כאַינים געענטפערט.

אין עטליכע טעג ארום האָט דניאל ווידער גענומען ארויס־געהן. גאנצע טעג פלעגט ער ארומגעהן איבער די גאסען. ניט געפינען זיך קיין אָרט, און אין קאָפּ ביי איהם זיינען געבאָרען געוואָרען ווילדע פלענער פון נקמה. ער האָט באַשלאָסען צו טויטען אָרא'ן. עטליכע מאָל האָט ער זי באַגעגענט. זי איז אַלע מאָל פארביינעגאַנגען ווי אַ פרעמדע, אַן אומבאַקאַנטע, און אין אַזעלכע מינוטען פלעגט זיך איהם אונטערברעכען די פיס, און אין קאָפּ האָט פעשווינדעלט פאר שאַנד און וועהטאָג. איינמאָל האָט ער איהר געשיקט אַ לאַנגען בריעף, בעטענדיג, זי זאָל זיך אומקערען. אָבער זי האָט קורץ געענטפערט, ער זאָל מעהר ניט שרייבען. זי וועט ניט עפענען זיינע בריעף און וועט זיי שיקען צוריק.

עס זיינען אָנגעקומען שווערע טעג, און דאָ האָבען זיך אָנ־געהויבען די ווינטערדיגע רעגענס, שטורעמס און קעלטען. איצט פלעגט דניאל אריינקומען אין ארבייטער־האָטעל „סינאַי", וואו מען האָט איהם ווייניג געקענט. ביי מאַלקאָוו'ען פלעגען די טאַטשעטש־ניקעס אָפט רעדען וועגען אָרא'ן, און דאָס פלעגט איהם ערגערן ביז צו טרערען. איינמאָל איז דניאל אַוועק אין אַ קאָלאָניע, האָט עטליכע טעג אָפּגעאַרבייט אין אַן אַפּעלסין־גאָרטען, און פּלוצים האָט איהם אַ ציה געטאָן צוריק אין שטאָדט. ניט לאַנג קלערענדיג, איז ער אַוועק מיט אַ קירצערען וועג דורכ'ן פעלד. פון ים האָט געבלאָזען אַ ווינט, געראָשט מיט'ן שטעכיגען גראָז און בלומען און האָט געטריבען איבער'ן הימעל די וואָלקענס, וואָס האָבען זיך פאַרוואַנדעלט דאָ אין פאַנטאַסטישע חיות, דאָ אין מאָנסטרעזע שיפען מיט ווייסע זעגלען, וואָס שווימען אין אומ־באַקאַנטע לענדער.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, ארומגעקוקט די וויסטע געגענד און איז לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער, פאַרזונקען אין טרויעריגע גע־דאַנקען. אין אַוועגט האָט ער געוואַנדערט איבער'ן נייעם דאָרף, וועלענדיג זיין די נאַכט צוזאַמען מיט דעם שומר קליאַטשקאָ.

סאי ווי קאָן ער ניט שלאָפֿן. אָבער קליאַטשקאָ איז נאָך ניט אַרויס און דניאל האָט אויף איהם געוואַרט. ער איז געווען ביים הויז פֿון דעם פֿאַרזיצענדען פֿון דעם דראַמאַטישען קרייז. פֿאַר־בייגעהענדיג האָט ער דערהערט די שטימען פֿון עטליכע מענשען פֿון די העל־באַלויכטענע פֿענסטער. דניאל האָט דערקענט דעם הייזעריגען קול פֿון קאַרטשעווסקי'ן און איז ניט־ווילענדיג גע־בליבען שטעהן. דער ראָמאַניסט האָט גערעדט:

— איהר פֿאַרשטעהט, דאָס איז אַ געפֿערליכער און פֿאַר־דאָרבענער נפש. האָט איבערגעלעזען אַ פּאָר ביכלאַך און האַלט זיך פֿאַר אַ סטודענט. דערצעהלט אַלעמען אַ ליגען, אַז ער איז געגאַנגען אין אוניווערסיטעט. און אונזער אַרקאַ איז אַ נאַיוו קינד, און ווי כמעט אַלע רייך־באַגאַבטע אַרטיסטישע נאַטורען איז זי באַגייסטערט געוואָרען און זעהט אין דעם דניאל'ן איהר אידעאַל. אָבער זי האָט, אַ דאַנק גאָט, זיך אַרומגעזעהן אין צייט. געװעכט איז הערר גור אריה, מען דאַרף איהם ווי־עס־איז צווינגען צו פֿאַרלאָזען דאָס לאַנד.

— געוויס, געוויס, — האָט אונטערגעכאַפּט גור אריה, באַ־ווייזענדיג זיך ביים פֿענסטער, — איך זאָג דאָך דאָס שוין לאַנג.

דניאל איז געוואָרען אַן אויפֿגעקאָכטער און האָט געציטערט ווי אין פֿיבער. ער האָט זיך אָבער באַהערשט און זיך ווייטער צוגעהערט.

— מען דאַרף עפּעס צוקלערען ווי פּטור צו ווערען פֿון איהם, — האָט זיך אַריינגעמישט אַ קליינער, דאַרער, רויטער לעהרער מיט אַ דינעם הויכען קול. ער איז געווען עהנליך צו אַ נאַסען האָן.

— איך וועל זיך דורכרעדען מיט'ן רוסישען קאָנסול, — האָט געזאָגט גור אריה, — מען האָט מיר איבערגעגעבען, אַז ער וויל הרג'ענען אַרקאַ'ן. איך האָב דאָס אַליין געהערט.

פּלוצלונג האָט דניאל זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אַ געשריי געטאָן:

— לומפּען!

דערשראָקען האָבען אַלע זיך אַ וואָרף געטאָן צום פֿענסטער.

— ער שפּיאָנירט דאָ אונטער די פֿענסטער, זעהט נאָר,

ס'איז חוצפה, — איז דער לעהרער מיט'ן דינעם הויכען קול געקומען צו זיך — לאָמיר ארויסגעהן צו איהם די מינוט. מיר דאַרפען...

ער האָט ניט דערענדיגט און האָט זיך געלאָזט לויפען צום ארויסגאנג, און נאָך איהם גור אריה, קארטשעווסקי און דער פאָרזיצענדער.

— וואָס ווילט איהר פון מיר? — האָט דניאל געפרעגט שטיל, איינהאַלטענדיג זיך, ווען זיי האָבען איהם אַלע ארומגערינגעלט, — איך הער זיך ניט צו אונטער אייערע פענסטער. איך בין נאָר פארבייגעגאַנגען און האָב אומגערן דערהערט, ווי דער הערר שרייבער קארטשעווסקי רעדט אויף מיר שלעכטס.

— אן אומשולדיגע באשעפעניש, — האָט דער ראָמאַניסט זיך צולאַכט אומנאַטירליך הויך — אומגערן. דאָס געפעלט מיר. און געמיינהייטען טוט איהר אויך אומגערן?

— שווייגט, נידעריגער מענש וואָס איהר זייט! — האָט דניאל אַ געשריי געטאָן — אַניט וועל איך אייך שלאָגען. איהר זייט אַ קלעפּיגע קריכיגע באַשעפעניש, אַ שמוציגער רכילות'ניק, גור אריה, לויפט שנעלער צום רוסישען קאָנסול אָנרעדען, אַז מען זאָל מיך ארויסשיקען פון לאַנד. איהר זייט דאָך פעהיג אויף אַלץ. רעטער פון אידישען פאָלק און זיינע ריינע זיטען. אהאַ, איך האָב זיך דערמאָנט, וואָס הערט זיך נייעס אין די אראבער שאַנד־הייזלאַך? איצט זיינען די נעכט פינסטערע. איהר זייט שוין דאָרט לאַנג ניט געווען, האַ?

— ווי? — איז גור אריה געוואָרען אַן אָנגעצונדענער — איהר האָט געהערט וואָס ער האָט געזאָגט? דאָס איז אַ געמיינער ליגען. ארויסשיקען איהם פון דאַנען.

— וואַרט, וואַרט — האָט זיך פלוצלונג אָנגערופען דער פאָרזיצענדער — צו וואָס אַזוי האַנדלען? אפשר וויל ער אַליין אוועקפאָהרען און האָט ניט קיין געלט אויפ'ן וועג, וועלען מיר איהם געבען. וויפיל דאַרפט איהר? — האָט ער זיך געווענדעט צו דניאל'ן — זאָגט אָהן צערעמאָניעס.

— ניין, זאָל מען מיר שוין בעסער ארויסשיקען, — האָט

דניאל געזאָגט, — אַליין וועל איך פון פּאַלעסטינא ניט אוועק־
פאָהרען. געהט פארקלאָגט מיך פאר װעמען איהר װילט.

פלוצלונג האָט דניאל דערפּיהלט אַן אומערטרעגליכען נאָגען
אין הארצען, איהם איז געװאָרען זעהר מיאוס צו שטעהן לעבען
אָט די מענשען, און ער איז לאַנגזאַם אװעק װייטער. און זיי
האָבען שװייגענדיג און פּאַרװאונדערט איהם נאָכגעקוקט, ביז ער
איז פארשאוּנדען אין דער פינסטערניס אין אַ זייטיגער גאַס...

דער „דראַמאַטישער קרייז" האָט זיך געקליבען צו שטעלען
אין גיכען פּשעבישעװסקי'ס „צוליב גליק". גור אריה האָט װידער
געפּויקט איבעראַל װעגען אַרא'ס גרויסען טאַלאַנט און קארטשעװ־
סקי האָט אין אַן אַרטיקעל אין דער אָרטיגער צייטונג צוגעזאָגט
איהר אַ גרויסע צוקונפט. פאר'ן ספּעקטאַקל, אין אָװענט, האָט
דניאל געטראָפען אָרא'ן מיט כאַיניס'ען. ביי איהם האָט שטאַרק
געגומען קלאַפּען דאָס הארץ. ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו זיי.
זיי האָבען זיך אָפּגעשטעלט. כאַיניס איז אָפּגעגאַנגען אַן אַ זייט.

— אָרא, — האָט אָנגעהויבען דניאל, — אָרא, פאַרװאָס
האָסטו מיך פארלאָזען, איך האָב קיינמאָל נישט געדענקט, אַז דו
ביזט אַזאַ שלעכטע. אָרא קער זיך אום צו מיר און מיר װעלען
װידער זיין צוזאַמען. צו װאָס אַװעקפאָהרען פון דאַנעט. זעה,
װי איך בין מיד, אויסגעמאַטערט און נאָר דו קאָנסט מיר װידער
אומקערען מיין מוט. פאר װאָס שװייגסטו?

ער האָט זי פּלוצלונג אָנגעכאַפּט פאר די הענט און גענומען
זיי קושען. די מיידעל האָט גענומען ציטערען און איהר פּנים האָט
זיך באַדעקט מיט אַ טיפען ליידען. איהר איז דאָך געװען אַזוי
שװער צו פארלאָזען איהם. װיפיל האָט זי איבערגעלעבט ביז זי
האָט באַשלאָסען מאַכען דעם שריט. װיפיל שלאָפלאָזע נעכט האָט
זי פארבראַכט קוקענדיג אויף איהם, װי אויף אַ קראַנקען, פאר
װעמען עס איז נישטאָ קיין רעטונג. און בלייבען דאָ אין דעם װיל־
דען לאַנד האָט פאר איהר געמיינט געהן פארלאָרען. ער האָט דאָך
אין קיין פאַל נישט געװאָלט אװעקגעהן פון דאַנען און אַלץ גע־
רעדט װעגען װערען אַן ערד־אַרבייטער. און איהר לאָקט און רופט
אַן אַנדער רייך לעבען מיט זיינע װאונדערבאַרע פייערען.

— רוף מיך נישט, דניאל, — האָט זי אויסגעשריען — איך קען זיך נישט אומקערן צו דיר. — זי האָט אַרויסגעריסן איהרע הענט פון זיינע און איז צוגעגאַנגען צו כאַינים'ען. דניאל האָט זיך מיד אַראָפגעלאָזן אויף דער ערד.

אויף מאָרגען פאַרנאַכט, ווען עס האָבען זיך נאָר באַלויכטען די פענסטער פון דער מיידעלשער שולע, וואו עס פלעגען פאַרקומען די ספּעקטאַקלען, האָט דניאל'ן אַ ציה געטאָן אַהין. איהם האָט זיך דערמאַנט דער אָוונט, ווען אָרא האָט צום ערשטען מאָל געשפּילט „כאַסיע די יתומה", וואו זי האָט איהם באַוויזען איהרע וואונדערבאַרע קאָרעלען, רויטע סטענגעס, די בלויע קליידעל און די ווייסע העמדעל אויסגענעהט מיט בלימעלאַך. די צעפּ האָט זי געזאָגט וועלען ביי איהר זיין שווערע, שוואַרצע און לאַנגע ביז די קני. דערנאָך האָט זי איהם גענומען ביי די הענט און געבעטען ער זאָל איהר ווינשען ערפאָלג, און ווען ער איז אַוועק האָט זי מיט אַ ציטערדיגער שטימע געזאָגט:

— אויף ווידערזעהן, מיין אינגעל.

און נאָכ'ן ספּעקטאַקל, ביי כאַינים'ען, האָט זי אַזוי איינפאַך און האַרציג דערצעהלט וועגען זיך. ער איז דאַן אַזוי שטאָלץ געווען מיט איהר. פון אַלעמען האָט זי אויסגעקליבען איהם, אַ פּשוט'ען בחור. צו וואָס איז ער אַוועק נאָך איהר? ער האָט דאָך פריהער געקענט פאַרשטעהן, אַז זי וועט איהם פאַרלאָזען און די ענד וועט זיין טרויעריג. ער האָט אַליין צובראָכען זיין לעבען. וואָס בלייבט איהם איצט צו טאָן?

און אָרא האָט אין „צוליב גליק" געשפּילט שלעכט.

זי איז געווען נערוועז נאָכ'ן ספּעקטאַקל און האָט געדענקט, אַז דאָס האָט איהר גאָט געשטראָפט פאַר דניאל'ן. זי איז געווען איבערגלויביג. נאָר קאַרטשעווסקי האָט איהר פאַרזיכערט, אַז זי האָט געשפּילט גוט, מיט פיל טעמפּעראַמענט און האָט גערופען אַלע אַרטיסטען צו זיך צו פייערן אָרא'ס ערפאָלג. און פון דער ווייטען איז הונטער זיי, ווי אַ שטן, אומבאַמערקט נאָכגעגאַנגען דניאל און איהם האָט זיך געוואָלט שרייען, צורייסען אויף זיך די קליידער פון וועה.

ווען דניאל האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין האָטעל „סינאַי"

איז שוין געווען שפּעט ביי נאכט. ערנעץ ווייט האָט זיך געטראָגן א שטורם, עס האָבן זיך געהערט פארשטיקטע דונער־קנאַלען. אין האָטעל איז מען נאָך ניט געשלאָפן, די ארבייטער זיינען געזעסן אויף די בעטלעך און האָבן גערעדט. דניאל האָט זיך שטיל אויסגעטאָן און געלעגט. איינער פון די אַרבייטער האָט דערציילט עפּעס א געשיכטע וועגן זיין פאָטער און אן אַראַבער, א פארברעכער.

— איהר הערט, חברה, — מיין פאָטער האָט גע'שם'ט פאר א גוטהערציגען מענש אין גאנץ ירושלים. ווער האָט איהם ניט געקענט? וועמען האָט גיט געהאָלפען בערל קצב? און וואס פאר א גבורה ער האָט עס פארמאָגט. ממש א וואונדער. ס'ארא פּלייצעס און וואוקס. וואו זעהט מען היינט אזעלכע אידען. און אָט איין מאָל אין א לבנה נאכט איז מיין פאָטער ארויסגעגאנגען אויף א שפּאציר כדי צו פארטרייבען זיינע טרויעריגע מחשבות. אין דערהיים איז עפּעס ניִשט געגאנגען אלץ כשורה. האָט ער אזוי געבלאָנדזשעט און פארגאנגען אין דער אלטער שטאָדט צו דער כותל מערבי. די געסלעך זיינען דאָרט פינסטערע און שמוציגע. זיי דרעהען זיך ווי שווארצע שלאנגען און עס איז לייכט זיך צו פארבלאָנדזשען אין זיי. פּלוצלונג הערט ער, עמיץ געהט איהם אנטקעגען, און אין עטליכע מינוט ארום האָט איהם אפּגעשטעלט א יונגער אראבער. ער איז געווען זעהר אויגעדאָרט, מיט איינגעפאלענע באקען, אין אן אלטער צוריסענער אבאַיע, באָרוועס, מיט א הונגעריגען שיין אין די גרויסע שווארצע אויגען.

— באוואַדזשא, ווער ביסטו? — האָט דער אראבער געפרעגט.

— איך בין א איד, — האָט מיין פאָטער געענטפערט. — וואָס איז מיט דיר? דיר איז אודאי געשעהן עפּעס אן אומגליק. אפשר קען איך דיר מיט וואָס באהילפיג זיין?

— אָ, באוואַדזשא, — האָט דער אראבער אויסגערופען, — איך בין היינט ארויס פון תפיסה, וואו איך בין אפּגעזעסען דריי יאָהר פאר א רציחה אויס נקמה. דאָס ווייב האָט מיך פארלאָזען און איז אוועק מיט א רייכען אין א פרעמד לאנד. מיין פאָטער און מוטער זיינען געשטאָרבען און קיין ברידער און שוועסטער

האָב איך ניט. איך פאַרמאָג נאָרנישט און ווייס ניט וואַוהין זיך צו ווענדען.

— קלאָג ניט, — האָט איהם מיין פאָטער געזאָגט, — דו ביסט נאָך יונג, און ווער ווייסט, וואָסער גליק דיר איז נאָך באַשערט. — און ער האָט איהם דערלאַנגט א מעדזשידיע*). דער אראַבער איז צוגעפאַלען מיט די ליפּען צו מיין פאָטערס האַנט, און דערנאָך האָט ער שטאַרק איינגעקוקט זיך אין זיין פּנים פון דריי זייטען, און בענשענדיג איהם מיט אַלאַה, איז דער אראַבער שנעל פאַרשוואונדען.

עס זיינען פאַרביי צעהן יאָהר. מיין פאָטער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרגעסען אָן דער באַגעגעניש. איז איהם איינמאָל אויסגעקומען צו פאָהרען קיין גליל איינצוקויפען זיך אָקסען און קיה ביי די רייכע בעדואינער. מיט איהם זיינען אויך געווען מיינע צוויי עלטערע ברידער און עטליכע יונגע פאַסטוכער, אראַבער. אין גיכען זיינען זיי אָנגעקומען אין א וואונדערליכען טאָל, ניט ווייט פון ירדן, וואו עס האָבען זיך געפּאַשעט גרויסע סטאַדעס. איינקויפענדיג די בהמות, האָבען זיי זיך געצויגען צוריק אהיים, נאָר מיט אַן אַנדער וועג, און זיינען אומגעריכט אריין אין א גאַנץ אומבאַקאַנטער געגענד. אויפ'ן צווייטען טאָג האָבען זיי זיך געכאַפּט, אַז זיי האָבען פאַרבלאָנדזשעט. מיט אַמאָל האָט א רייטער זיך באַוויזען זיי אַנטקעגען. דערזעהענדיג מיין פאָטער, האָט ער פרעהליך אויסגעשריען, אָפּגעשטעלט זיך א ווײלע, דערנאָך א דרעה געטאָן דאָס פערד און אוועק אויף צוריק.

— מיר זיינען פאַרלאָרען, — האָט מיין איינער ברודער געזאָגט, — באַלד וועלען אונז באַפאַלען די בעדואינער און אלץ אוועקנעמען. ווי האָבען מיר דאָס פאַרבלאָנדזשעט.

און טאַקע אביסעל שפּעטער האָבען זיי די בעדואינער ארומגערינגעלט און זיי צוזאַמען מיט די בהמות געטריבען צו די ביידלאַך. מיין פאָטער האָבען זיי געזעצט באַזונדער, און געזאָגט, אַז באַלד וועט צו איהם קומען דער שייך.

*) מעדזשידע — א טערקישער טאַלער.

— אלץ איז באַשערט פון גאָט, — האָט מיין פאָטער גע־טראַכט. זיי זאָלען נאָר די קינדער ניט הרג'ענען.

פלוצים האָט זיך פאַרנאַנדערגעעפענט דאָסביידעל און עס איז אריין אַן אַראַבער אין אַ צוריסענער אַבאַיע, אַ באָרוועסער.

— דו דערקענסט מיך? — האָט ער געפרעגט און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן קושען און אַרומנעמען מיין פאָטער.

— איך בין דער זעלבער אַראַבער, וואָס דו האָסט מיט צעהן יאָהר צוריק געגעבען אין ירושלים אַ מעדזשידיע ווען איך בין אַרויס פון תפיסה. שטעה אויף, אַלטער, רוף אָהער דיינע זיהן, אַלץ וואָס דו זעהסט דאָ אַרום איז מיינס. איך בין רייך און באַ־ריהמט. אָ, געבענשט זאָל זיין אַללאַה, וואָס ער האָט געמאַכט איך זאָל דיר יעצט קענען אָפּדינען פאַר דיין גוטסקייט.

פון פרייד האָט זיך מיין פאָטער צעוויינט.

דריי טעג האָט דער שייך אָפּגעהאַלטען אַלעמען ביי זיך, גע־געבען צו עסען און צו טרינקען. דערנאָך האָט ער אָנגעזאָטעלט די בעסטע פערד פאַר'ן פאָטער און די ברידער, האָט זיי מיטגע־שיקט געניטע פאַסטוכער, און מיין פאָטער האָט זיך אומגעקערט קיין ירושלים ווי אַ פּרינץ, אַרומגערינגעלט מיט רייטער.

— „לאָז דיין ברויט אויפ'ן וואַסער", — פלעגט דערנאָך מיין פאָטער איבער'חזר'ן די ווערטער פון קהלת, — „ווייל אין אַ צייט אַרום וועסטו דאָס ברויט ווידער געפינען".

דער וועכטער איז אַנטשוויגען געוואָרען.

— ניט אַלע מאָל איז דאָס אַזוי, — האָט באַמערקט איינער פון די אַרבייטער.

עס האָבען זיך ווידער דערהערט קנאַלען פון דונערען.

— עס קומט אַ שטורעם, — האָט געזאָגט אַ צווייטער. — פאַר־אַ־יאָהרען אין אַזאַ נאַכט איז פאַרפאַלען געוואָרען אַ פרוי אין יאַפאָ. ביז איצט ווייס קיינער נישט וואוהין זי איז פאַר־שוואונדען געוואָרען.

— דאָס מיינסטו די פרוי בערנער? האָט זיך אָנגערופען איינער פון אַ פינסטערען ווינקעל, — איך האָב זי גוט געקענט. זי האָט דאָ אַ צייט געוואוינט אין „סינאַי".

— וואס איז דאס געווען פאר א פרוי, — האט געפרעגט דער וועכטער, — דערצעהל.

— זעהר א וואוילע און א גרויסע אידעאליסטקע, — האט פארטגעזעצט דער ארבייטער. — איינמאל אין א רעגענדיגען טאג בין איך אריין אהער, איך זעה אין א פינסטערען ווינקעל, טוליענדיג זיך אין א גרויסער שאל, זיצט א דארינקע פרוי, מיט א בלאסבלויליכען, נאר שעהנעם פנים. דאס איז געווען זי, וואס האט נאך נישט לאנג געשפילט אזא גרויסע ראל צווישען דער ציוניסטישער יוגענט. זי, וואס האט איהר גאנץ לעבען אפגעגעבען פאר איהר פאלק. זי האט מיך געפרעגט, צי איך האב איהר דערקענט. מיר האבען זיך פאנאנדערגערעדט און זי האט מיר דערצעהלט, אז זי איז געווען פארחייראט פאר א דאקטאר אן אסימילאטאר, וואס האט זיך געשעמט מיט זיין אידישער אפשטאמונג און זי איז אוועק פון איהם. זי האט געהאט א קינד, א מיידעלע, איז דאס געשטארבען. דערנאך איז זי אליין קראנק געווארען און האט זיך געפלאגט אין פילע סאנאטאריומס. ענדליך האט זי זיך דערפיהלט בעסער און איז אוועקגעפאהרען אין ארץ ישראל, אין רעם הייליגען לאנד פון איהרע בעסטע טרוימען, נאר (לא איז זי באלד געקומען אין צוזאמענשטויס מיט דער גרויזאמער ווירקליכקייט. עס איז איהר אויסגעקומען זיך באגעגענען מיט פילע קאריעריסטען פון די ציוניסטישע פארשטעהער. זי האט פון זיי דערוואַרטערט אזוי פיל גוטס, און די פרוי האט אנגעפאנגען אראפפאלען ביי זיך, און איהרע אונטערגעבראכענע פליגלען האבען זיך אינגאנצען אראפגעלאזט. זי האט נישט גערעדט קיין אידיש און האט נית געוואוסט וואס צו טאן כדי זיך צו דערנעהרען. נעהן אין א קאלניע ארבייטען האט זי נישט געהאט קיין כח, איז געקומען נויט און הונגער.

זי האט זיך געקלאגט פאר מיר און געפרעגט וואו זיינען איהרע פריינט, וואס האבען איהר געטראגען אויף די הענט? איצט איז זי אליין אין א פארווארפענעם, שמוציגען האטעל. וואו זיינען אונזערע אידעאליסטען? אלע טרוימען בלויז ווענען א ווארעמען, זאטען לעבען און פארגעסען די ליידענדע חברים. אזוי שווער און קאלט איז געווארען צו לעבען, זי ווערט פארגל־

ווערט, איהר חלום'ען זיך שווארצע פויגלען מיט גרויסע פליגעל, וואס ווייהען אויף איהר מיט'ן אטעם פון טויט.

— אזוי, אזוי, — האט זיך אפגערופען דער וועכטער, — איך האב געהערט, אז זי האט איבערגעלאזען א צעטעלע, אז זי געהט אוועק פון דער וועלט און איהר לייב גיט זי אוועק די ים־חיות. אייניגע האבען געזאגט, אז זי האט זיך געווארפען אין ים; אנדערע, אז זי איז אוועק אין א רוסישען מאנאסטיר. נאר מיר האבען געזוכט איהר קערפער, זיינען געשטאנען ביי ים אין א פינסטערער נאכט מיט ברענענדע פאקעלען אין די הענט און מיר האבען זיך איבערגערופען מיט די אראבער פון די שיפ־לאך. אלעס איז אבער געווען אומזיסט, דער ים האט נישט גע־וואלט אומקעהרען דעם קערפער פון דער פרוי.

— הפנים, אז די ים חיות האבען זי איינגעשלונגען, — האט אימיצער באמערקט, — ארניט וואלטען די כוואליעס איהר ארויסגעווארפען.

— ווער ווייס, — האט א קרעכץ געטאן דער וועכטער. — אפשר לעבט זי אין א מאנאסטיר.

אין די פענסטער פון האטעל האט גענומען פויקען דער רעגען, דערנאך האט א שיין געטאן א בליץ און עס האט זיך פארנאנדערגעטראגען א שטארקער דונער. דער וועכטער האט פארלאשען דאס לעמפעלע און זיך געלעגט.

דער שטורם איז אנגעלאפען.

12.

דער ארטעל פון די טאטשעטשניקעס האט ווידער באקומען א גרויסע ארבייט. מען האט גענומען בויען הייזער אין נייעם שטעטעל און גראבען א צווייטען ברונעם. אין ארטעל זיינען אריינגעטראטען נאך א פאר יונגע לייט און דער קינסטלער הרדי, וואס האט זיך אומגעקערט פון ירושלים אין א זעהר דערשלאג־גענער שטימונג. ער האט באשלאסעןווארפען די היילינע קונסט און נעמען זיך פאר „שווארצע" ארבייט. דאס האט איהם אזוי שטארק פארכאפט, אז ער פלעגט גאנצע טעג ליגען ביי מאל־

קאָוו׳ען און פלעגט אָהן אָן אויפהער ריידען וועגען דער נוצליכקייט פון פיזישער ארבייט. ער פלעגט דערעסען די חברים מיט זיינע שטענדיגע פראגען, ווען עס וועט זיך שוין אנהויבען די ארבייט.

— זעת, דו וועסט באלד קאלט ווערען, — פלעגען לאַכען די טאַטשעטשניקעס. — דאָס, ברודער איז נישט בילדעלאך מאָלען.

אזוי איז טאַקע געווען. הררי האָט געארבייט ניט לאַנג. ביי איהם האָבען זיך אָנגעבלאָזען מאָזאָלעס אויף די הענט. אין די אָווענטען האָט איהם געצויגען דער גאַנצער קערפּער, און אויפשטעהן האָט מען געדארפט פארטאָג, ווען עס ווילט זיך אזוי שלאָפען. און ער האָט זיך ווידער גענומען פאר זיין קונסט.

אין דער צייט איז דניאל ארוים פון שפיטאל, וואו ער איז אָפּגעלעגען אין הויכען פיבער דריי וואכען. ער האָט דאָרט געזעהן עטליכע מאָל ווי מענשען זיינען געשטאָרבען, און האָט א סך געקלערט וועגען גאָט. זאָנדערבאַרע פאנטאַסטישע חלומות זיינען אויפגעשטאַנען אין קאָפּ. איהם האָט זיך געוואָלט זיין א בעטלער, געהן מיט א צובראָכענעם טעלער פון הויז צו הויז, בעטען נדבות, ווי דאָס האָבען געטאָן די אמאָליגע זוכער פון אמת ביי די מזרח־פעלקער. אוועקגעהן אין מדבר און זיך נעהרען דאָרט מיט ווילדען האָניג. און דאן קומען צוריק צו די מענשען מיט די גרויסע ווערטער פון אמת. ער האָט זיך אינגאַנצען אריינגעטאָן אין אָט די געדאנקען, און זיין גאַנצע בענקשאפט נאָך ארע׳ן האָט איהם אויסגעוויזען קליין און אומוויכטיג, עפּעס אַזוינס פון וואָס מען מוז זיך באַפרייען. איצט האָט ער זיך נאָך מעהר באַפריינדעט מיט רב משה׳ן. אין טעג, ווען דער רעגען פלעגט קלאַפּען אין די פענסטער, פלעגען זיי זיצען ביים טיי און צוזאַמען לייענען די ביבעל.

אין נאַכט־הויז איז טונקעל און שטיל. מאלקאָוו׳ס פרוי שטעהט אויפ׳ן שוועל אין איהר טרויעריגער פּאָזע. דער אַלטער וואנט־זייגער כריפּעט אוים פיער מאָל. אין גרויסען צימער באַוויזט זי רב משה אין א יאַרמולקע און א לאַנגער וואַרעמער קאַפּאָטע. ער זעצט זיך אין א ווינקעל ביים פענסטער, און מאָל־

קאַוו'ם טאָכטער ניט איהם טיי. דער אַלטער מאַכט אַ ברכה און זופּט אָפּ אביסעל. דערנאָך טוט ער אָן די ברילען און עפענט די ביבעל. לעצטען מאָל האָט ער מיט דניאל'ן זיך אָפּגעשטעלט אויף קהלת. דניאל קומט אריין אַ ציטערענדער און אַ נאַסער.

— קאַלט, זיידעניו, — זאָגט ער — וואָלט כאָטש געווען שניי און אַ טרוקענער פראָסט, ווי אין רוסלאַנד, דאָ גיסט גאָר אַ רעגען. עס ווערט אַמאָל אַזוי אומעטיג. וואָלט כאָטש אויסגעפאַלען אַ ווייכער שניי.... אין קינדהייט פלעגען מיר פאָהרען אויף שליטעלעך... יע, וואו זיינען מיר געבליבען שטעהן?

— ביי קהלת, — ענטפערט דער אַלטער, — טרינק פריהער טיי. דו ציטערסט דאָך אינגאַנצען.

רב משה לייענט. דאַן פאַרטראַכט ער זיך. מען הערט ווי דער רעגען קלאַפּט אין די שויבען. מאַלקאַוו'ס פרוי זיפצט, און דער זייגער טיקט לאַנגזאַם: „טיק־טאַק, טיק־טאַק...״

און דניאל זיצט שווייגענדיג, צונויפדריקענדיג דעם קאָפּ מיט ביידע הענט, וועלענדיג גוט פאַרשטעהן דעם טיפען אָרט אין קהלת, וואָס רב משה האָט איבערגעלייענט.

דאַן געהען ביידע, דער אַלטער און דער יונגערמאַן, אין בית המדרש. אָפט געהען זיי צוזאַמען צו מעריב. דניאל דאַווענט איצט יעדען טאָג. זיי געהען ניט איילענדיג זיך, מיט שטילע געסלאַך, ביידע הויכע, ווי אַ זיידע מיט אַן אייניקעל.

דער רעגען האָט אויפגעהערט, און פון הינטער די בלויע וואָלקענס, אויפ'ן מערב, קוקט אַרויס די רויטע פאַרגעהענדע זון.

אָט איז דער בית המדרש. זיי געהען אריין, און רב משה וואַשט די הענט אונטער'ן קראַן. דאַן געהט ער צו דער מזרח־וואַנט אויף זיין אָרט. מען וואַרט אויף דעם צעהנטען פאַר אַ מנין אָנצוהויבען דאַווענען.

די אינגלאַך־יתומים, וואָס זאָגען קדיש נאָך זייערע קרובים, האָבען זיך צונויפגעקליבען ביים עמוד און רעדען זיך איבער אין דער שטיל. אין טונקעלען ווינקעל זיצט אַן אַלטער בעטלער און קרעכצט:

— אָ, מלך פון דער וועלט! פאָטער געטרייער!

דניאל'ן איז אומעטיג און גוט. ער פיהלט, ווי גאט'ס הימלישער גייסט פילט אָן זיין נשמה. ער וואָלט געוואָלט דאָס גאנצע לעבען דאָ זיצען און לערנען תורה. און ווי טרעפענדיג זיינע געדאנקען, זאָגט רב משה טרויעריג:

— ווי לעער און שטיל! נימאָ קיין יונגע לייט, וואָס וואָלטען דאָ געזעסען איבער דער גמרא ביז שפעט ביינאכט. אנשגעוואָרען זיינען זייערע לידער, און זיי זיינען אוועק אויף פאַלשע פרעמדע וועגען. מיר הערען אויף צו זיין דאָס אויסערוועהלטע פאָלק פון גאָט, און ישראל'ס שעהנקייט ווערט וואָס פון יאָהר אַלץ טונקעלער. וואָס וועט זיין פון אונז?

— אָ, מלך פון דער וועלט, פאָטער געטרייער! — זיפצט ווידער דער בעטלער — ערלייז מיך.

און די טונקעלקייט ווערט אַלץ געדיכטער, און דער לעצטער שטראהל פון דער זון ברענט אין פענסטער.

עס איז געווען שבת. נאָך שחרית זיינען דניאל מיט סענדער'ן אוועק אין האפען באגעגענען א דאמפפער, וואָס איז אָנגעקומען פון רוסלאנד. זיי זיינען דורכגעגאנגען די הויפט־אידישע גאַס, זיינען דורכגעגאנגען די אַלטע שטאָדט־טויערען, ביי וועלכע קאַליקעס און בלינדע האָבען מיט טרויעריגע שטימען געבעטען נדבות, און האָבען זיך באלד געפונען אין א שמאָלען פינסטערען געסעל, וואָס פיהרט צום האפען.

א קליינער דאמפפער איז נאָר וואָס אָנגעקומען און האָט אראָפּגעלאָזען דעם אנקער. די שיפער אין זייערע בלויע שאראָווארען און רויטע לייבלאך נעהמען שוין אראָפּ די פאסאזשירען. און אין האפען לויפען ארום די בעלי בתים פון האָטעלען, גאסטהייזער און רעסטאָראנען, און די טרעגער שרייען, שלעפּענדיג גרויסע לאסטען.

— דוכט זיך, אז א סך יונגוואַרג איז געקומען צו פאָהרען, — זאָגט סענדער, — זעה, שוין דאָס צווייטע שיפעל איז געדיכט אָנגעפּאקט.

— אמת, — זאָגט דניאל — דאָס איז גוט. אָט איז שוין דאָס דריטע שיפעל פול מיט פאסאזשירען, און אַלע פאָהרען צום האפען.

— זעה! — רופט אויס סענדער מיט אמאָל, אָנכאפּענדיג

דניאל'ן פאר דער האנד — דינה איז דארטען! דניאל האט א קוק געטאן אין דער ריכטונג פון די שיפלעך און האט בעמערקט דינה'ן און איהר ברודער.

— לאמיר אפגעהן אן א זייט, — האט ער שטיל ארויסגע־רעדט, באמיהענדיג זיך צו זיין רוהיג. איך וויל ניט, אז זי זאל מיך באלד דערזעהן.

זיי זיינען אפגעגאנגען אן א זייט און האבען זיך געשטעלט לעבען אן אראבער קאפע.

— וואס וועט איצט זיין? — האט סענדער געפרעגט.

— גארניט, מיין פריינד! — האט דניאל געזאגט טרויעריג — איך וועל אין גיכען אוועקגעהן אין גליל און וועל ווערען א שומר. זאל מען מיך דער'הרג'ענען. איך האב אפשר ניט ווי מען דארף געלעבט. דערפאר, האף איך, וועל איך קענען גוט שטאר־בען.

— הער אויף! — האט סענדער אויסגעטארטשעט זיינע דיקע ליפען.

עס האבען זיך באוויזען די פאסאזשירען. זקנים און זקנות, וואס זיינען געקומען דערלעבען זייערע טעג אין היילינגען לאנד, און יונגע לייט און מיידלעך מיט ברענענדיגע אויגען, וואס חלומ'ען ווידער צו באלעבען ציון מיט'ן אקער־אייזען. און אט זיינען דינה מיט'ן ברודער. זיי פיהרען אונטער'ן ארעם אן עלטערע פרוי. ווייזט אויס זייער מוטער. דינה קוקט זיך ארום. זי איז אבי־סעל אפגעצערט, און די אויגען קוקען אוים פארוויינטע. דניאל'ן האט דאס הארץ פארקלעמט. ער האט געמיינט, אז זי וועט שוין ניט קומען צוריק קיין פאלעסטינא. איצט וועט זי זיך אלץ דער־ויסען. בעסער וועט זיין, אז ער וועט וואס שנעלער פארלאזען די שטאדט. זי זאל איהם נאר באלד ניט באמערקען. אט האט זי טרויעריג א שמייכעל געטאן, עפעס געזאגט דעם ברודער, און זיי זיינען א מינוט געבליבען שטעהן...

דניאל האט ווידער פארבראכט עטליכע פיינליכע טעג. ער האט געהערט, אז דינה לײדט שטארק די גאנצע צייט און פאר־שילט דעם טאג, אין וועלכען זי האט זיך מיט איהם באגעגענט. דאס האט איהם ניט געלאזען שלאפען נעכט. ער האט אלץ גע־

זוכט אַ געלעגנהייט זיך דורכצורעדן מיט איהר. ענדליך האָבען
זיי זיך באַגעגענט אין אָווענט ביים ים, ווען קיינער איז אַרום ניט
געווען.

— דינה, — האָט ער געמורמעלט, ווען דאָס מיידעל איז גע־
בליבען שטעהן לעבען איהם, — דינה, זיי מיר מוחל. — זי האָט
אויף איהם אויפגעהויבען איהרע שעהנע אויגען, וואָס זיינען גע־
ווען פול מיט טרעהרען, און האָט גאָרניט געענטפערט.

דאַן האָט זי שטיל געפרעגט:

— וואָס איז דאָס פון דיר געוואָרען, דניאל?

און ער האָט ערוואַרטעט, אַז זי וועט איהם פאַרוואַרפען און
וועט זיך באַקלאָגען. פון איהרע אויגען זיינען נאָר אַרויס צוויי
טרעהרען, ריינע, פערלדיגע, און זיינען גערונען איבער די באַקען.

— און אַלץ איז איצט געענדיגט? דו ליבסט די אַקטריסע
אָרא?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגען, דינה... דו האָסט שוין מסתמא
געהערט, אַז זי האָט מיך פאַרלאָזען. נאָט מיינער, איך ווייס
אַליין ניט, ווי דאָס איז געשעהן. ווי אַ שטורם וואָלט אָנגעפלויגען,
און איך האָב פאַרלאָרען דעם זינג.

— פאַרוואָס האָסטו מיר וועגען דעם באַלד ניט געשריבען?

— האָט געפרעגט דינה שלינגענדיג די טרעהרען.

— וואָס האָב איך דיר געקענט שרייבען? איך האָב גע־
מיינט, אַז אַלץ וועט פאַראיבערגעהן, און איך וועל דיך ווידער
ליבען, ווי פריהער, — האָט מיט געבעט אין טאָן גערעדט דניאל,
— וואָרט, לאָמיר אָנזאַמלען כחות, אָפּרוהען זיך, וועט אפשר
אַלץ דאַן ווידער קומען צוריק. זיי מיר אַ פריינד. איצט וויל
איך פאָר אַ צייט אוועקגעהן אין גליל פאַר אַ שומר.

— אָבער וואָס וועל איך זאָגען דער מוטער און דעם ברודער?

— האָט דינה זיך צעוויינט, ציטערענדיג מיט די אַקסלען. זיי
זיינען אויף דיר זעהר בייז און ווילען מיר חתונה מאַכען מיט אַ
קאָלאָניסט, וואָס שרכנ'ט זיך שוין לאַנג צו מיר ער איז אַ זעהר
עהרליכער מענש.

אויפ'ן ברעג האָבען זיך באַוויזען מענשען.

— איך וועל אוועקגעהן, — האָט דאָס מיידעל געזאָגט, — די

מוטער און דער ברודער וועלען נאָך אויסגעפינען, אַז איך בין געוועזען מיט דיר.

— ווען וועל איך דיר ווידער זעהן, דינה? גיב מיר דיין האַנד ביים זעגענען זיך.

— איך ווייס ניט. דער ברודער וויל, מיר זאָלען אוועקפאָהרען אין קאָלאָניע. די מאַמע איז אַלץ קראַנק.

זי האָט אויפגעהויבען צו איהם איהרע שעהנע אויגען און האָט אויסגעשטרעקט די האַנד. דניאל איז צו איהר צוגעפאַלען מיט די ליפּען, מורמלענדיג:

— זיי מיר מוחל, זיי מיר מוחל...

אַ קליינער קאַראַוואַן פון קעמלען מיט איין אויפזעהער, אַ יונגען אַראַבער, און דניאל'ן, ציהט זיך איבער אַ וויסטען וועג, וואָס פיהרט דורך אַ וואַלדיגע אידישע קאָלאָניע אין גליל. אַרום און אַרום אויף אַ סך ווערסט באַגעגענט מען ניט קיין לעבעדיגע באַשעפעניש. די בלויע לופט איז פאַרגליווערט, און די צערטליכע גאָלדענע ווינטער־זון גיסט שטראַמען ליכט אויף די פאַרקלערטע פעלדער, וואָס זיינען באַדעקט דאָ און דאָרט מיט בלומען און שטעכיגען גראָז.

פון צייט צו צייט נעהמט דער אַראַבער, שאָקלענדיג זיך אויף'ן קעמעל, זינגען עפּעס אַ טרויעריגע מעלאָדיע. ער זינגט וועגען ליבע און טויט, און, ווי אין שלאָף, הערט דניאל די ריהרענדע ווערטער פון דער מיידעל, אַז זי וועט ניט אוועקגעהן פון איהר ליבען, ביז מען וועט זי ניט אָרומוואַשען מיט וואַרימע וואַסער און אַריינלעגען אין קבר...

און ווידער ווערט אויף אַ ווײַלע דער אַראַבער אַנשווייגען. די קעמלען ציהען זיך ווייטער, קלינגענדיג מיט די גלעקלאַך: דין־דין־דין!

דניאל'ן איז אומעטיג. איהם דערמאָנט זיך אַלץ די לעצטע צייט אין שטאָדט, ווי ער האָט שווער געליטען, ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז אָרא פאָהרט אין גיכען אָפּ מיט קאַרטשעווסקי'ן אין אייראָפּאַ, און דינה וועט באַלד חתונה האָבען מיט דעם יונגען קאָלאָניסט פון יהודה. זייער חתונה איז געוועזען אין יפו, אין אַ ווויסען רייכען האָטעל. די מוזיק האָט געשפּילט אַ גאַנצע

נאכט און די יונגווארג איז גאר ניט מיער געווארען טאנצענדיג. און ער איז געשטאנען אויפ'ן גאס, אונטער די פענסטער, ווי א פרעמדער, א בעטלער, און איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז אט־אט ווערט זיין הארץ צוריסען...

אין דער פריה איז ער אוועק פון שטאדט. ער האט נאר געוואלט צום לעצטען מאל זעהן רב משה'ן.

— וואוהין? — האט דער אלטער געפרעגט.

— ווייט, זיידעניו, — האט דניאל'ס קול א ציטער געטאן — אין גליל, א שומר ווערען. זייט געזונד! איך זעגען זיך מיט אייך. עס קען זיין, אז מען וועט מיך דער'הרג'ענען. איך האב אייך זעהר ליב געהאט, ווי א פאטער...

— וואס רעדסטו, וואס רעדסטו! — איז דער אלטער געווארען אונרוהיג, — גאט וועט דיך היטען. געה בשלום. אפשר דארפסטו עפעס האבען אויפ'ן וועג? זאג.

— א דאנק, זיידעניו. איך דארף גארניט.

זיי האבען זיך ארומגענומען און זיך צוקושט.

— געה בשלום! — האט נאכאמאל רב משה ארויסגעמורמעלט.

דניאל איז אנגעקומען אין א קליינער גליל'ער קאלאניע, וואס איז געווען ארומגערינגעלט מיט אראבישע דערפלאך. די אראבער פון יענע דערפלאך האבען שוין לאנג געפיהרט מיט די אידען פון דער קאלאניע א פארביסענעם, גרוויזאמען קאמף צוליב עפעס א שטיקעל לאנד, וואס די אידען זאלען האבען ביי זיי אפגענומען. צוליב אט דער געשיכטע זיינען שוין געפאלען עטליכע שומרים און די ארבייטער יונגנט, זייענדיג צוקריגט מיט די קאלאניסטען, האבען אויף א יאהר צייט ארויפגענומען די וואך פון יענער קאלאניע.

ווען די ארבייטער האבען זיך דערוואוסט, אז דניאל וויל דארט ווערען א שומר, האבען זיי גענומען איהם שטארק אבריידען דערפון, ער האט זיי גאר נישט געענטפערט און איז אוועק צום ועד און האט זיך געבעטען מען זאל איהם אנשטעלען אלס שומר.

זיי האבען איהם געפרעגט פון וואנען ער קומט, און ווען

ער האָט דערצעהלט וועגען זיך, האָט אַן אַלטער קאָלאָניסט געזאָגט:

— גוט, דו וועסט מאָרגען ארוים מיט מיין זוהן.

נאָך דניאל איז ארוים היטען נאָך די זעלבע נאַכט. ער האָט זיך נאָך אַלץ געפיהלט זעהר דערשלאָגען און איינזאַם, שטעהענ־דיג אויף דער וואך ביי די עקאַליפּטען בוימער און צוהערענדיג זיך צו יעדען קלענסטען גערויש, פלעגט ער האלטען אין איין קלערען וועגען די שווערע טעג, וואָס ער האָט די לעצטע צייט דורכגעלעבט. עס פלעגט זיך איהם אָפט דוכטען, אז ער שטעהט נאָך אַלץ אונטער'ן פענסטער פון האָטעל אין יאפפע, וואו עס קומט פאָר דינה'ס חתונה, און דאן פלעגט ער נעמען שנעל שפּאַ־נען איבער'ן פעלד, און זיין נשמה איז אויסגעגאנגען פון וועה.

און אזוי האָט זיך געצויגען ביז'ן לעצטען אָווענט.

פארנאכט איז דניאל אוועק מיט אַ צווייטען וועכטער, אַ זוהן פון אַ קאָלאָניסט, אויף עפּעס אַ שמחה'לע, וואָס איז פאָר־געקומען אין ארבייטער קיך ער האָט זיך געפיהלט גוט מיט זיינע נייע חברים, געזונגען, געטאַנצט און אַ זייגער צעהן זיינען זיי ביידע ארוים אויף דער וואך.

ביי איין עקאַליפּטען וועלדעל האָבען זיי זיך אָפּגעשטעלט. דאָרט האָבען זיי זיך געדארפט פאַנאַנדערגעהן אויף זייערע פּאָס־טענס. די נאכט איז געווען אַ פינסטערע, עס האָט געבלאָזען אַ שטאַרקער ווינט און איבער'ן הימעל האָבען זיך געטראָגען שווערע וואָלקענס.

— שלום, — האָט געזאָגט דניאל און האָט דערלאַנגט זיין חבר די האנט.

— דו וועסט זיין ביי מיר מאָרגען? — האָט געפרעגט דער יונגער קאָלאָניסט?

— יאָ, שלום, — און דניאל איז אוועק שטיל זינגענדיג אַ קאראהאָר מעלאָדיע. ער האָט זיך שוין לאַנג נישט געפיהלט אזוי גוט און פרעהליך. איהם אליין האָט דאָס געוואונדערט. ער האָט געשיינט ווידער צו האָבען געפונען רוה און גליק.

דניאל האָט זיך געשטעלט אויף זיין אָרט און האָט זיך אָנ־געשפּאַרט אָן אַ בוים.

די אראבישע וועכטער ארום זיינען שוין אויך געשטאנען אויף זייערע פּאָסטענס.

דער ווינט האט געריסט צווישן די ביימער. דניאל האט פארמאכט די אויגן און געקלערט:

— איך וועל דא היטען א פּאָר חדשים און אין פריהלינג וועל איך זיך פארדינגען צו אן אלטען קאָלאָניסט אן ערד ארבייטער, צו אקערען און זייען מיט אהם. ווי גוט עס וועט זיין צו נעהן מיט דער סאָכע איבער׳ן ברייטען פעלד. עס וועט אויפגעהן דער הויכער גאלדענער קאָרן, איך וועל שניידען און זינגען לידער. און אזוי טרוימענדיג איז ער לאנג געשטאנען מיט פארמאכטע אויגען.

מיט א מאָל האט זיך דערהערט א שאַרף צווישען די ביימער. עס איז שטיל געווארען און באלד האט זיך ווידער דערהערט א גערויש. דניאל איז צונעפאלען צו דער ערד און גענומען זיך צו הערען. עמיצער האט וועמען גערופען. דניאל האט זיך אויפגעהויבען און זיך א לאָז געטאָן נאָכ׳ן קול. מען האט אָנגעהויבען שיסען און דניאל איז אומגעפאלען.

דניאל׳ס לויה איז געווען נאָכמיטאָג. דער קליינער עולם איז געגאנגען שטיל, שווייגענדיג. מען איז פארביינגעגאנגען די אראבישע וויינגערטנער. די הויכע אראבער וועכטער אין די לאנגע אבאיעס האָבען געקוקט פרעמד און קאלט. און די פּראָצעסיע האט זיך געצויגען פּאַמעלעך איבער׳ן זאמד צום גרינעם בית עולם...

עס איז געווען א פינסטערער רעגענדיגער אָוונט. בנימין כאַיניס איז ארויס פון דער רעדאקציע פון אן ארבייטער־זשורנאל און איז א טרויעריגער אוועק צום ים. ער האט זיך נאָר וואס דערוואוסט וועגען דניאל׳ס טויט, און ער האט ניט געוואוסט, וואו אהינצוטאָן זיך. מיט עטליכע טעג צוריק איז אָרא מיט קארטשעווסקי׳ן אוועקגעפאָהרען אין אייראָפּא. דאן איז אָנגעקומען א בריף פון לאה׳ן אין וועלכען זי האט געשריבען, אז נחמה איז געשטאָרבען. דאס מיידעל איז א באָרוועסע געלאָפען איבער׳ן

פעלד, האָט באַקומען אַ לייכטע וואונד אין פוס, און אין עט־ליכע טעג אַרום איז זי געשטאָרבען פון בלוט־פאַרגיפטונג. איצט איז דניאל אויך ניטאָ.

כּאַינים איז אַוועק צום ים. די גרויסע וועלען האָבען זיך אָנגעשלאָגען אָן ברעג און בייז גערוישט וועגען עפּעס. וואָס איז פּאַסאַל און אונפאַרמיידליך. כּאַינים איז לאַנג געשטאַנען ביים וואַסער, פיהלענדיג אַ שרעקליכע איינזאַמקייט. דער שרעק פון דעם אונפאַרמיידליכען טויט האָט זיך אויף איהם אָנגערוקט פון אַלע זייטען, אָנפילענדיג זיין נשמה מיט אַן אונאויסשפּרעכליכען טרויער און בענקשאַפט.

כּאַינים האָט גענומען געהן ווייטער. אָט איז דאָס הויז, וואו עס האָבען געוואוינט די שוועסטער לאה און נחמה. די טיר און די פענסטער זיינען געווען פעסט פאַרמאַכט. שוין לאַנג, אַז קיי־נער האָט ניט געוואוינט אין הויז. כּאַינים זעצט זיך אַוועק אויף די טרעפּלעך פון גאַניק און לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. אָהער פלעגט ער אָפט קומען אַ מידער, אַ פאַרמאַטערטער, און נחמה פלעגט מיט איהרע אונשולדיגע צערטליכקייטען אַזוי לייכט צושטרייטען זיינע פינסטערע געדאַנקען. ווי וואונדער־שעהן פלעגט איהר גע־לעכטער קלינגען. דאָ האָט זיך דניאל באַגעגענט מיט אָרא'ן. עס איז אַריבער אַ יאָהר, און עס איז שוין ניטאָ נחמה און ניטאָ דניאל.ביידע זיינען אַזוי פריהצייטיג געשטאָרבען, געשטאָרבען.

כּאַינים האָט זיך שטיל צעוויינט.

און דער ים האָט אַלץ גערוישט, גערוישט...

סוף.

דער פארפאלגטער

— יפו! יפו! — האט מיט פרייד אויסגעשריען יהודית.

— ענדליך זיינען מיר געקומען. כ'געה אויפוועקען מיין ברודער.

און דאס מיידעל איז אוועקגעלאפען אין טריום, א פרעהליכע, א גליקליכע, איבערלאזענדיג אויפ'ן דעק נפתלי'ן, וועלכער איז געשטאנען א טיף פארטראכטער, אנגעשפארט אויף די גראטעס.

פריהמארגענס זיינען זיי ארויס באגעגנען דעם זונען־אויפגאנג און די ברעגעס פון הייליגען לאנד, נאך וועלכען עס בענקט דורות לאנג, אין גלות, דאס אידישע פאלק.

די זון האט זיך אויפגעהויבען, און די וואלקענס, וואס האבען זיך א גאנצע נאכט געטראגען מחנות־ווייז איבער'ן הימעל, זיינען צורונען. בלויז וואו ניט וואו, אין מערב זייט, האבען זיך, ווי יונגע מלאכים'לאך, געדרויטעלט ראזע וואלקענדלאך. דער ים, א מעכטיגער, א רוהיגער, האט זיך געצערטעלט אויף דער זון און געשמייכעלט צום בלויען הימעל.

— אט, איז דאס זונען־לאנד! — האט נפתלי א טראכט געטאן, — די וויג פון די גרויסע נביאים, דער וואונדערבארער גארטען פון אונזער יוגענד. ווייסע מעוועס האבען זיך באוויזען אין דער לויטערער לופט, נידריג שוועבענדיג איבער'ן וואסער, און באלד האט מען אויך דערזעהן שיפעלאך מיט הויך געוואקסענע אראבער, אין ברייטע, פארביגע הויזען און רויט בלויע באיקעס. אויפ'ן שיף האט זיך אויפגעהויבען א געטומעל. די מאטראזען האבען אנגעהויבען ארופלאזען דעם אנקער. נפתלי איז אראפ אין טריום. נישט געשלאפען האט ער א גאנצע נאכט און דער קאפ האט זיך איהם געדרעהט און די פיס האבען זיך איהם געבראכען; ער האט זיך געפיהלט מיד און שוואך. פאר זיינע אויגען האט

Digitized by Google

זיך א טומאן צושפרייט. יהודית איז צוגעקומען צו איהם און פרעהליך קלאפענדיג אין די הענט אויסגערופען:

— שוין געקומען צו פאהרען! געקומען צו פאהרען!

פויל און מאט זיינען געוועזען איהרע באוועגונגען; די פאר־שלאפענע אויגען האבען קוים, קוים געשמייכעלט. ער האט גע־קוקט אויף איהר און אין זיינע אויערען האבען ווי א זיסער ניגון געקלונגען איהרע רייד וועגען זייער געמיינזאמען לעבען אין אייביג גרינעם בערגינען גליל. זי איז איהם איצט שטארק געפעלען גע־ווארען.

— איך בין היינט ווי א שכור'ע — עס דרעהט זיך מיר דער קאפ.

— יהודית! — האט נפתלי א שעפטשע געטאן. — וועלען מקוים ווערען אונזערע חלומות וועגען גליל? זאג, טייערע?

— יע, מיין טייערער! גוט, וועט אונז זיין! — האט זי געענטפערט.

זי איז צוגעגאנגען צו איהר ברודער, וואס האט געפאקט זיינע זאכען.

נפתלי איז געבליבען זיצען אויפ'ן קאסטען, פארטיפט אין רעיונות.

באלד איז אריינגעלאפען אין טריום א דאר, באוועגליך אידעל מיט א קליינעם שפיציגען בערדעל.

— חיים! — האט א געשריי געטאן שמאי, יהודית'עס ברו־דער, א געזונטער, ברייט־ביינערדיגער בחור, מיט א וואוילען ליב־ליכען פנים.

— שלום!

— שלום, שלום! — ענטפערט חיים, פעסט דריקענדיג זיי די הענט. — שוין צוריקגעקומען? מען זעהט עפעס קיינעם נישט. זיינען פארהאן עפעס א סך נייע?

—צוויי זיינען אראפ אין חיפה, און אט דער בחור — האט יהודית אנגעוויזען שמייכלענדיג אויף נפתלי'ן — וועט געהן צו דיר. ס'איז דא נאך פאראן אן אלטער מאן מיט א קראנקען זוהן.

— ווייניג — זיפצט אפ חיים, א קראץ געבענדיג זיך אין בערדעל.

אַ רגע איז ער געשטאַנען פֿאַרטראַכט, נאָר פּלוצים האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צוריק אויפֿ'ן דעק.

חיים איז געוועזן איינער פֿון די ערשטע אידישע אַרבייטער אין ארץ ישראל. אַ פּאָר יאָהר האָט ער געוואַנדערט איבער די קאָלאָניעס, ליידענדיג, נישט איינמאָל, הונגער און נויט, נאָר איר־ביג מיט דער הייסער אמונה אין האַרצען, אַז דאָס איינענע לאַנד וועט ווידער אויפֿלעבען. לסוף איז ער זיך צוזאַמענגעקומען עפּעס מיט אַן אַרבייטערקע, וועלכע ער האָט איינמאָל מציל געווען פֿון אַראַבישע הענט. זיי האָבען חתונה געהאַט און געעפֿענט אין שטאָדט אַ ביליגען רעסטאָראַן פֿאַר אַרבייטער, וואוהין עס פֿלעגט זיך פֿון אַלע עקען יהודה צוזאַמענקומען די יוגענד.

אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען שוין אַלע געזעסען אין אַ שיפֿעל און שלאַנקע אַראַבער האָבען מיט געפֿילדער געוועסלעוועט. ס'איז פֿרעהלאַך. די זון לאַכט, די כוואַליעס רוישען בנעימות'דיג.

דער עלטסטער שיפֿעל־פֿיהרער, אַ שעהנער יונג האָט פֿרעהלאַך אויסגעשריען: — אַללאַ'ס טאָכטער איז ווידער געקומען צו אונז!

— אַללאַ! וואָס פֿאַר אַ אויגען זי האָט עס! — האָט דער צווייטער אויסגערופֿען, נישט אַראָפּלאָזענדיג זיין בליק פֿון דער מיידעל.

דאָס שיפֿעל קומענדיג אַלץ נעהענטער צו די פֿעלזען וואָס קוקען אַרויס פֿון וואַסער, נישט ווייט פֿון ברעג, נימט זיך אַ בויג, נאָר תיכף צוריק אַ הויב און לאָזט זיך ווידער אַראָפּ ווי זי וואָלט אָנגעהויבען געהן צו גרונט.

— אַך, ווי גוט! — האָט יהודית אויסגעשריען, פֿאַרמאַכענ־דיג נישט ווילענדיג די אויגען — מען פֿליהט ווי אין אַ חלום!

אויפֿ'ן ברעג איז נפתלי געבליבען אַליין. יהודית און שמאי זענען געווען פֿאַרנומען מיט זייער באַנאַזש. פֿון שוואַכקייט איז ער קוים געשטאַנען אויף די פֿיס און האָט זיך געמוזט צוזעצען אויף אַ קאַסטען. די לאַנגע נסיעה איבער'ן ים האָט איהם אויסגע־מוטשעט און איצט האָט זיך איהם פֿונ'ם שאַרפֿען, געזאַלצענעם ריח פֿונ'ם ים־וואַסער שטאַרק געדרעהט דער קאָפּ. ווי אין נעבעל האָט אַרום איהם גע'רעש'ט אַן אַראַבישער המון. מענשען אָנגע־לאָדענע מיט שווערער משא זיינען שורות־ווייז פֿאַרביי איהם גע־

נאַנגען, איינגעבויגענע, פאַרסאַפּעטע האָבען זיי געפּילדערט, גע־קריגט זיך.

פּלוצים האָט ער לעבען זיך דערהערט עפּעס אַ בעטענדיגען אַלטען קול. ער האָט אויפגעהויבען זיין קאָפּ און דערזעהן אַ גרויען אַרימען אידען אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע מיט אַ גרוי־אָפּגעריבענעם היטעל.

— איהר דאַרפט אַן אכסניה? פרעגט דער אַלטער. — קומט צו מיר. וואו זיינען אייערע זאַכען? איך האָב ליכטיגע, ריינע צימערען אָהן וואַנצען. ביי חיים'ען זיינען פאַראַן וואַנצען: זיי וועלען אייך דאָרט אויפעסען. וואו זיינען אייערע זאַכען?

— ביי חיים'ען — האָט קורץ געענטפערט נפתלי.

דער אַלטער איז אַוועק, און לעבען איהם זיינען, ווי אויסגע־וואַקסען, צוויי בחורים, ביידע געלע, אָפּגעריסענע און פאַראָרימטע.

—מיט דעם דאַזיגען שיף געקומען? — האָט איינער גע־פרעגט.

— יע, — ענטפערט נפתלי, באַטראַכטענדיג די בחורים, — און איהר אַרבייט דאָ?

— מיר פיבערען — האָט דער צווייטער אַ זאָג געטאָן, — אַ וואוילע אַרבייט!

— שרעקט איהם נישט; ער קען נאָך מיט'ן זעלבען שיף צוריק אַנטלויפען — באַמערקט שמייכלענדיג דער ערשטער.

— פאַרוואָס קלערט איהר אַזוי? האָט זיך נפתלי פאַר־וואונדערט.

די בחורים האָבען אויף איהם געמאַכט אַ שווערען איינדרוק און איהם איז אומעטיג געוואָרען. אין דער זעלבער מינוט זיינען אָנגעקומען יהודית מיט שמאַי'ן.

— און מיר זוכען דיך אַרום, נפתלי. קום, דיינע זאַכען וועט מען שוין ברענגען צו חיים'ען.

זיי זיינען אַוועק איבער אַ שמוציגען, ענגען אַראַבישען גע־סעל. פאַרביינגענאַנגען דעם אַלטען שטאָדטישען טויער. דאָרט, אויף דער ערד אין ווייסע קיטלען זיינען געזעסען בלינדע אַראַבישע בעטלער, טרויעריג געזונגען עפּעס אַ תפלה. זיי זיינען אַרויסגע־

קומען צום גרויסען קיילעכדיגען מארק־פלאץ, פון וואנען עס ציהט זיך א ברייטע אידישע גאס מיט הויכע, שטיינערנע מויערען אויף ביידע זייטען.

באגעגענט אויפ'ן וועג באקאנטע, האט יהודית צו אלעמען געשמייכעלט. זי איז געווען צופרידען צו זיין ווידער אין ארץ ישראל, צווישען אייגענע און נאהענטע מענשען. די פאר פאר־בראכטע חדשים אין רוסלאנד, האט זי שטארק געבענקט נאך די אייביגע גרינענדע פעלדער און נאך דער שטילער קאלאניע, וואו איהר מוטער און ברודער האבען זיך באזעצט נאך ווען זי איז א קינד געווען. זי איז אויסגעוואקסען און שטארק געווארען אין דער פריי, אין די אראנזשען־גערטנער, אונטער דער גליהענדער מזרח־זון. און נמאס איז איהר געווען דאס לעבען אין דער גרויסער שטיינערנער שטאדט, און זי האט זיך געפיהלט ווי פארשלאסען אין א גרויסער תפיסה.

פון א געוועלב איז איהר אנטקעגען ארויסגעלאפען אן אויפ־גערעגטע, יונגע, הויכע מיידעל. דערזעהענדיג זי, האט יהודית א געשריי געטאן פון פרייד און די חבר'טעס האבען זיך אנגעהויבען לאנג און היים קושען, פארווארפענדיג איינע די צווייטע מיט פראגען.

— אך, יהודית! איך האב אזוי ארויסגענקוקט אויף דיר! פארוואס האסטו מיר נישט געשריבען?

— טייערע, איך האב אליין ניט געוואוסט, ווען מיר פאהרען אדוים. ווי דו ביזט עס אויסגעוואקסען, חנה, — חאט יהודית געזאגט, ווידער קושענדיג די חבר'טע.

— און דו, יהודית, ווי שעהן דו ביזט! בליהסט! קום שנעלער צו אונז. אך, ווי די מאמע וועט זיך דערפרעהען. קום, שמאי!

יהודית האט זיך געזעגענט מיט נפתלי'ן, צוזאגענדיג איהם שפעטער קומען צו חיים'ען. ביים אוועקגאנג מיט דער חבר'טע, האט זי צו איהם שמייכלענדיג ליבליך א זאג געטאן:

— ווארט אויף מיר, נפתלי. אט געהט טאקע חיים. ער וועט דיך אפפיהרען צו זיך.

אין איינינע מינוט שפעטער האט חיים ארייגעפיהרט נפתלי'ן איען א שמוציגען מיסטיגען הויף, וואו עס האבען זיך געוואלגערט

שטיקער אייזען, האָלץ, צובראָכענע שטולען און בעטען און ביי
א פענסטער האָט געדארט א בוים.

ארײנקומענדיג האָט זיי באגעגענט חיים'ס ווייב, זלאטע, א
מראָגערינע, פון נויט־דערשלאָגענע אידענע מיט אן אויסגעצויגענע־
נעם בלאסען פנים און קראנקע אויגען. ביי איהר קלייד האָט זיך
אָנגעהאַלטען מיט שמוציגע הענטלאך א פיר־יעהריגער אינגעלע
אין אן טונטער־העמדעל.

— איך וויל נישט מאמא! — האָט ער געוויינט. — איך וויל
נישט געהן, גיב מיר אנדערע ברויט. איך וועל ניט געהן.

חיים איז געווען פארכמורעט. די לעצטע צייט זיינען די גע־
שעפטען זיינע געגאנגען שלעכט. א סך ארבייטער זיינען אוועקגע־
פאָהרען, נישט באצאָהלענדיג קיין דירה געלט און פאר'ן עסען.
אוועק זיינען די צייטען, ווען עס פלעגען פרייטאָג צו נאכט מיט
א גערויש און געזאנג עסען א מענשען פערציג ביי זיין טיש און
אמאָל נאָך מעהר. דאמאָלט פלעגען קומען מיט יעדער שיף יונגע
לייט פון דער גאנצער וועלט און געקאָכט האָט דאָס לעבען אין
לאנד און איצט קומט נאָר איין אורח.

— איין מענש, — האָט ער אונטער'ן נאָז א ברום געטאָן,
נישט קוקענדיג אויף דער פרוי.

— גוטע געשעפטען! — און זלאטע האָט זיפצענדיג אוועק־
געשלעפט דאָס אינגעלע אין שטוב.

צווייטער קאַפּיטעל.

אין מיטען פון א ניט־אויפגעראַמטען חדר איז געשטאַנען א
לאַנגער טיש, ביי וועלכען דריי ארבייטער האָבען געטרונקען טיי.
איינער פון זיי איז געווען א קרומער, א קליינטשיקער מיט שוואר־
צע וואָנסען און א מידען בלאסען פנים. ער האָט שוין א לאַנגע צייט
מעהר ניט געארבייט און געלעבט אויפ'ן חשבון פון זיינע קרובים,
וועלכע פלעגען איהם פון צייט צו צייט צושיקען קליינע סומען
פון יענער זייט ים. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם ווינקעל ביי
חיים'ען און קיינער האָט ניט געטאָרט זיך צולעגען אויף זיין גע־
לעגער. צייטענווייז פלעגט ער זיך קריגען מיט חיים'ען, דאָס
רוב איבער פּאָליטיק, נאָר זיי האָבען איינער דעם צווייטען גע־

ליבט און אַפּטמאַל, אוועקגעצייט, ווען זלאַטע, אַ מידע, איז גע־
שלאָפֿן ביים הענגענדען לאָמפּ, וואָס פֿלעגט דונקעל באַלייכטען
דעם חדר, פֿלעגען זיי פֿריינדליך שמועסען וועגען דעם שיקזאַל
פֿון טערקיי און אַנדערע לענדער, פֿאַרטרינקענדיג מיט אַ פּאָר
גלעזלאַך קאָניאַק.

דער קרומער איז אויפֿגעשטאַנען און, דער לאַנגענדיג זיין
האַנד נפתלי׳ן, געזאָגט:

— זעצט זיך, חבר, שעהמט אייך ניט; איהר זייט, דאַכט
זיך, אַ בעסאַראַביער, ניין?

— ניין — האָט נפתלי געענטפֿערט.

דער קרומער איז געווען אַ בעסאַראַביער און ביי אַלע נייע
אָנגעקומענע האָט ער נאָכגעפֿרעגט, צי זיי זיינען ניט פֿון דאָרטען.

— איהר זייט געקומען אַלס טוריסט דאָס לאַנד באַקוקען —
האָט דער קרומער געפֿרעגט נפתלי׳ן, אָנגיסענדיג זיך אַ גלאָז
טיי. — זעהר אינטערעסאַנט. אין ארץ ישראל איז פֿאַראַן וואָס
צו זעהן!

— איך בין געקומען אַרבייטען — האָט געענטפֿערט נפתלי
און איז אַנשווינגען געוואָרען.

דאָס אָרימע שמוציגע מעבעל פֿון אכסניה האָט אויף איהם גע־
מאַכט אַ שלעכטען איינדרוק.

נפתלי׳ן איז אומעטיג געוואָרען און אַ טרויער האָט זיין פּנים
באַדעקט.

— טרינקט, חבר, — האָט דער קרומער געזאָגט, — אַרבייט
וועט איהר קריגען. אין די קאָלאָניעס נעהמט מען אַרונטער די
אַראַבּישע און מען זוכט מענשען. פֿאַלט ניט אַראָפּ ביי זיך!

די פֿראַגען פֿון קרומען זיינען איהם מיאוס געוואָרען, און
ער האָט געבעטען דעם באַלעבאָס צו געבען איהם פּלאַץ וואו ער
זאָל זיך קענען צולעגען אָפּרוהען.

חיים האָט איהם אַריינגעפֿיהרט אין אַ זייטיגען חדר, וואו
אויף איינעם פֿון פֿיר בעטלעך איז געלעגען אַ קראַנקער אַרבייטער.

— ער פֿיבערט! — האָט חיים ערקלערט. — אין שפּיטאָל איז
ניטאָ קיין פּלאַץ, איהר וועט אייך לעגען אויף דעם געלעגער, עס
איז ריין.

חיים איז אַרויס, פֿאַרמאַכענדיג הינטער זיך די טיר. נפתלי

איז צוגעגאַנגען צום חולה, וועלכער האָט מיד אויפגעהויבען צו איהם זיינע ברענענדיגע, פיבער־אויגען, עפּעס שטיל אַ ברום געטאָן און ווידער זיי פאַרמאַכט. געפלאַמט האָבען דעם חולה'ס אויסגעצעהרטע, אַפּגעברענטע באַקען און זיינע ליפּען זיינען טרוקען געווען פון היץ. אויסגעדאַרט איז ער און זיינע קליידער אַלט און אויסגעשמירט.

— גאָט מיינער! — האָט נפתלי אַ טראַכט געטאָן — וואָס איז עס פאַר אַ מורא'דיגער פיבער. ווי ער וואַלגערט זיך עס דאָ איינעראַליין, הילפלאָז אויפ'ן שמוציגען געלעגער. דאָס ארבייטער־לעבען מוז דאָ זיין שווער.

— אַ טרונק! — האָט אַ קרעכץ געטאָן דער חולה — איך וועל פאַרברענט פון דורשט!

נפתלי האָט איהם דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער. ציטערענדיג האָט ער עס זשעדנע אויסגעטרונקען.

— אויסגעמוטשעט האָט מיך דער פאַרשאָלטענער פיבער — האָט ער אַ זיפץ געטאָן. — איך האָב שוין מעהר קיין כח ניט צו ליידען.

נפתלי האָט זיך צוגעלעגט, ער האָט אָבער ניט געקענט איינשלאָפען. ער האָט געטראַכט וועגען חולה און געוואָלט האָט זיך איהם וויינען.

נאָכדעם איז אריין אין צימער דער קרומער, געשטאַנען אַ פּאָר מינוט ביים חולה'ס בעטעל און איז שטיל אַוועק.

אין גרויסען צימער האָט מען געקלונגען מיט געפעס. עס בייזערט זיך אַ פרויען־שטימע, עס וויינט אַ קינד און חיים רעדט שטילערהייט. דרעמלענדיג האָט נפתלי געהערט דעם קראַנקען'ס חיד־רייד וועגען אַ הויכען ניט דערגרייכבאַרען באַרג, פון אַ בלוט־רויטען טייך און אַ פינסטערען געדיכטען וואַלד...

נאָכדעם האָט זיך אַלץ אין נפתלי'ס פאַרשטעלונג פאַרפלאָנטערט, און ער איז איינגעשלאָפען. עס האָט זיך איהם גע'חלום'ט אַ בייזער פאַרפלאָזער חלום: אַ פאַנטאַסטישע, ברודיגע קלעפּיגע חיה האָט מיט איהרע האָריגע לאַפּעס ארומגענומען זיין האַלז, ארויפגעלעגט זיך אויף זיין ברוסט און העסליך וואַיענדיג אָנגעהויבען איהם צו ווערגען. נפתלי, פיהלענדיג, אַז ער ווערט דערשטיקט אונטער דער חיה'ס לאַפּעס, קרעכצט און וואַרפט זיך. ער־

וואכט האט ער א פארשוויצטער. לעבען איהם, שמייכלענדיג, איז געשטאנען יהודית.

— האסט זיך דערשראקען? — לאכט זי, צובויגענדיג זיך צו איהם. — שטעה ניך אויף. אין א שעה ארום נעהט אפ דער דיליזשאנס.

נפתלי איז אויפגעשפרונגען. מיט א פארשלאפענעם בליק גע־קוקט אויף דער מיידעל, גלייך ווי ער וואלט זי ניט געקענט.

— וואך אויף! ווי איז מען עס אזוי פארשלאפען?

אין א האלבער שעה ארום זיינען זיי געווען ביים "האן", פון וואנען עס פלעגען אפפאהרען די פוהרען. זיי זיינען געזעסען אויף א שטיין אונטער א בוים. ארום זיי האט געטומעלט, עס האבען געשריען בעלי־עגלות; פערד האבען געהירזשעט און גע־קלאפט מיט די קאפיטעס אין דער ערד.

— בלייב אויף שבת — האט נפתלי זי געבעטען — לאמיר זיין ביינאנד כאטש נאך א טאג.

— כ'לעבען, איך קען ניט, ליבער מיינער, — האט שטיל גע־ענטפערט יהודית — די מאמעווארט אויף אונז. זי איז נעבאך דארט אליין. דו וועסט קומען צו אונז אויף שבת. א שאד, וואס אין אונזער קאלאניע איז איצט ניטא קיין ארבייט. פאר־בלייב ניט לאנג אין שטאדט. דא איז ניט גוט. א וועסטו זעהן, ווי שעהן עס איז אין דער קאלאניע. נאך פסח וועלען אנהויבען בליהען די טרויבען, ס'וועט ווערען שעהן איבעראל און דו וועסט דאן קומען צו אונז וועכטעווען די וויינגערטנער. גוט און שטיל איז אין דער קאלאניע. אפטמאל, אין לבנה־נעכט, געהען מיר גאנצע חברות אוועק אויפ'ן בית עולם, אונזער קליינער בית עולם מיט זיינע הויכע טאפאלען געפינט זיך צווישען מאנדעל און וויינ־גערטנער. איינמאל זיינען מיר דארט אפגעזעסען א גאנצע נאכט. גאט, ווי שעהן די נאכט איז דאן געווען, א ווארימע, א צארטע, און אין הויכען הימעל האבען די שטערען אזוי ליכטיג געשיינט איך בין נאך דאן געווען א קליין מיידעלע.

יהודית האט זיך פלוצים פארטראכט, און געווארען ערנסט.

נפתלי האט קוים, קוים זיך צוגעבויגען צו איהר, איינגעאטעמט דעם ריח פון איהרע האר, און איהם האט זיך שטארק געוואלט ארומ־

נעהמען זי, צופּרעסען זי צו דער ברוסט און מיט הייסע קושען באַדעקען איהר ליבליך פּנים.

— יהודית! — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן און פעסט געדריקט איהר האַנד.

— מען קוקט אויף אונז — האָט באַטערקט די מיידעל און איז אויפגעשטאַנען.

נפתלי, שאָקלענדיג זיך ווי אַ שיכור, איז איהר נאָכגעגאַנגען צו דער פוהר.

אין אַ ווײַלע אַרום איז זי, אַ טײַערע, אַ ליבהאַרציגע, געזעסען מיט'ן ברודער אין וואָגען, שמייכלענדיג צו נפתלי'ן מיט אַ צאַרטען זיי־געזונד־שמייכעל. נאָך איהר אוועקפאָהרען האָט נפתלי, אַן אומעטיגער, לאַנג געבלאָנדזשעט איבער דער שטאָדט. געהאָפּט האָט ער, אַז זי וועט איהם מיטרופען צו זיך, און געפינען פאַר איהם אַרבייט אין זייער קאָלאָניע. זי האָט זיך דאָך אַזוי האַרציג באַנומען צו איהם אויפ'ן שיף און אין אויסגעשטערנטע נעכט, זיצענדיג ערגעץ אין אַ ווינקעל אויפ'ן דעק, האָבען זיי צוזאַמען גע'חלומ'ט וועגען אַ וואונדערבאַר לעבען אין גרינעם גליל...

צום סוף איז נפתלי, אַ מידער, אַרוים צום ברעג ים אין עפּעס אַ פּוסטען אָרט. ער האָט זיך אַנידערגעלעגט אָפּרוהען אויפ'ן זאַמד. אַרום איז שטיל געווען. מחשבות וועגען דער געליבטער מיידעל האָבען ווי די בלויע כוואַליעס זיך געטראָגען צו איהם און ווייטער פאַרשוואונדען אין דער ברייטער, בלויער לופט. עס דערמאָנט זיך איהם זייער ערשטע באַגעגעניש. ס'איז נאָר ניט לאַנג. אַ וואַרימער טאָג. דער הימעל האָט געגלאַנצט מיט אַ פריהלינגס־בלויקייט. אויף די גאַסען איז געשטאַנען אַ פרעהליכער געטומעל, ווי נאָך אַ לאַנגען, כמורנעם, קאַלטען ווינטער וואָלט פּלוצים אָנגעקומען דער זוניגער פרעהליכער יום־טוב. ער איז געשטאַנען ביים האַפען און געוואַרט עס זאָל אָפּגעהן די שיף, וועלכע האָט איהם געדאַרפט אוועקפיהרען אין זיין אייגען לאַנד, קיין ארץ־ישראל. אויפ'ן האַרצען איז איהם געווען גוט און ליכטיג. פּלוצים האָט ער באַמערקט צווישען דעם רוישענדען, לויפענדען המון אַ יונגע שלאַנקע מיידעל מיט אַ שוואַרץ־חנ'עוודיגען פּנים, לעבעדיגע, שוואַרצע אויגען און מיט צוויי דיקע צעפּ. זי האָט

גערעדט העברעאיש מיט עפּעס אַ בחור, וועלכער האָט געהאַלטען אַ קאָרב אויפ'ן רוקען. נפתלי איז צו זיי צוגעגאַנגען נעהענטער.

— שמאי! — זאָגט די מיידעל — דעם קאָרב טראָג אוועק אין טריום און דעם קאַסטען וועלען מיר נאָך דעם איבערשלעפּען. איך וועל דאָ צוהיטען.

דער בחור געהאַט אוועק, און זי, אַ מידע, אַ פאַרטראַכטע, זעצט זיך אויפ'ן קאַסטען. נפתלי קוקט אויף דער מיידעל, ווי זיך עפּעס דערמאָנענדיג. זי האָט באַמערקט זיין אויפמערקזאַמען בליק און פאַרשעהמט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ. נפתלי'ן דוכט זיך, אַז ערגעץ וואו האָט ער שוין געהערט איהר קול. אָבער וואו און ווען קען ער זיך בשום אופן ניט דערמאָנען. מסתמא האָט זי זיך איהם גע'חלומ'ט אין יענע משוגענע נעכט, ווען זיי נשמה האָט מורא'דיג געבענקט נאָך ליבע, און זיין גוף האָט געציטערט און גע־ברענט פון ליידענשאַפט. ער קוקט אויף דער מיידעל און דער־מאָנט זיך אין פריהלינג אין שטילען שטעדטעל, אין די בלויע ווייט־קייט פון די גרינע, ברעגלאָזע פעלדער, אין די מאַיאָווע נעכט, ווייט ביים ראַנד פון וואַלד, און עפּעס אַ האַרציג־ליד, וואָס טראָגט זיך פון ערגעץ... און ווי ער, אַן איינזאַמער בלאָנזשעט אַרום אי־בער'ן לבנה־וועג, בענקענדיג נאָך דער שעהנער מיידעל...

אין אווענט איז נפתלי ביים דונקעלען שיין פון לאַמטערנעס געזעסען מיט זיי אין טריום. יהודית מיט'ן ברודער האָבען שטיל געזונגען נייע אידישע לידער. און מאָרגנע האָבען געקלונגען די לידער פון גרינע פעלדער, פון הייסער זון און זאָרגלאָזען פרייען לעבען, אין פינסטערען בלאָטיגען טריום — די לידער פון די קינדער פון אַלטען פאָלק, וואָס בענקט נאָך זיין היים...

דאַן איז יהודית געזעסען אַ פאַרטראַכטע, אַראָפּלאָזענדיג אויף דער ברוסט איהרע דיקע שוואַרצע צעפּ. מילד און שעהן איז זי אין דער פּאָזע געווען. עס האָט זיך גערוכט, אַז זי שעפּטשעט שטיל און צערטליך צו נפתלי'ן:

— ליבער מיינער, קוק אויף מיר און פאַרגעס אַלע דיינע דאגות און אומעט. אויסגעוועבט בין איך פון ליבע און לאַסקעס. מיינע האָר שמעקען ווי דופטיגע רויזען און דער ריח פון מיינע בריסט וועקט זיסע חלומות. שפּיגעל זיך אין מיר, ליבער מיינער!

יענע נאַכט האָט נפתלי ניט געקאָנט איינשלאָפען. לעבען

Digitized by Google

איהם, צונעטוליעט צום ברודער, איז נעשלאָפֿען יהודית. זי האָט רוהיג געאָטעמט און געשמייכעלט פֿון שלאָף. נפתלי האָט גע־קוקט אויף איהר, און זיין פֿאַנטאַזיע האָט איהם געמאָלען בילדער איינס צוויבערענדער פֿאַר דאָס צווייטע. אָט שפּרייט זיך אין דער ווייטקייט אַ ברייט פֿעלד. ער מיט יהודית'ן קלייבען, זינגענדיג, סנאָפּעס. אַ הייסער טאָג, און אַ בערגיג ווינטעל גלעט אַזוי ליב־ליך די אויפגערעקטע ברוסט. פֿון ווייטענס ציהט זיך צו די בערג אַ קעמעלען־קאַראַוואַן. ווי טרויעריגע, פֿאַרנעסענע מעשה'לעך קלינגען די גלעקלאַך אויף זייערע העלזער.

אַזוי האָט נפתלי יענע נאַכט גע'חלום'ט. אין דונקעלען טריום איז געווען שרעקליך היים. די מענשען זיינען אין אונאָרדנונג געשלאָפֿען אויפ'ן באָדען. זייערע פּנים'ער זיינען פֿאַרקרימט גע־ווען פֿון שווערע בייזע חלומות. באַלויכטענע פֿון אַ מעשענעם שיין פֿון לאַמטערנעס, האָבען זיי אויסגעזעהן ווי געהיים־גע־הרג'עטע בר מנן'ס, וועלכע מען פֿיהרט מקבר זיין אויף אַ פֿאַר־וואָרפֿענעם שוואַרצען אינזעל, אָהן תפֿלות, אָהן בלומען און אָהן בית־הקברות־געזאַנגען.

ווען נפתלי האָט אויפגעוואַכט איז די זון שוין פֿאַרגאַנגען הינטער'ן ים און דער מערב האָט מיט אַ רויטען פֿלאַם געפֿלאַקערט. עס האָט געבלאָזען אַ קאַלטער ווינט און אַן אָפּגעריסענער אַראַבער האָט געפֿיהרט איבער'ן ברעג אַ קעמעל.

אַן אונפֿאַרשטענדליכער פּחד האָט אַרומגעכאַפּט נפתלי'ן און ער איז אַוועק צוריק אין שטאָדט.

דריטער קאַפּיטעל.

אַוועגט־צייט האָט זיך ביים טויער פֿון חיים'ס אכסניא צוזאַ־מענגעקליבען אַ מחנה אַרבייטער פֿון פֿאַרשידענע קאָלאָניעס. זיי זיינען געקומען אויף שבת אין שטאָדט אַ לעב צו טאָן. צווישען זיי זיינען געווען פֿיל פֿאַרברענטע, געזונטע בחורים מיט וואָרילע פֿעטענע פּנים'ער און אַלע האָבען גרינג און פֿריי גערעדט העברעאיש. נפתלי האָט זיך געפֿרעהט, מיט ליבע קוקענדיג אויף זיי, און דער אומעט פֿון די פֿריהמאָרגענדיגע איינדרוקען איז גיך פֿאַרשוואונדען פֿון זיין נשמה.

באַזונדערס איז איהם געפעלען געווען אַ שלאַנקער יונג, אַ ועכטער, וועלכער איז וועגען עפּעס געקומען פון גליל. מיט די גראַציעזע באַוועגונגען פון זיין עלאַסטישען קערפּער און דעם ברענענדיגען גלאַנץ פון זיינע אויגען איז ער געווען עהנליך צו אַ שעהנעם, דינעם בעדואין. עפּעס אַ ווילדע גבורה האָט אַרויסגע־קוקט פון איהם און געוואָלט האָט זיך זעהן איהם רייטען אויף אַ פלינקען פערד איבער אַ ברייטען, פרייען סטעפּ.

מען האָט אויפגעראַמט די אכסניה און דאָס גרויסע צימער איז געוואָרען פרעהליך. אויפ'ן טיש, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, האָבען געברענט די שבת־ליכט. איבעראַל האָט גערוהט די יום־טוב'דיגע ריינקייט און ציכטיגקייט. חיים האָט זיך אַרומגעוואַשען, אָנגעטאָן און פאַרקעמט זיינע צעשויבערטע האָר, וועלכע זיינען אַ גאַנצע וואָך געווען צוקאַשמעט. זלאַטע האָט זיך אויך פאַרפּוצט און אויסגעצוואָגען די קינדער.

נאָך מעריב האָבען די אַרבייטער זיך אויסגעזעצט ביים טיש. זשמורענדיג די אויגען פון שיין, איז בלאַס־שמייכלענדיג אויך דער חולה אַרויסגעקומען צו דער וועטשערע. דער פיבער איז פאַרביי און ער האָט זיך געשפּירט אַביסעל בעסער.

חיים האָט איהם דערלאַנגט ריינע יויך.

— ער איז ביי מיר אַ נעפּעסטשעטער — וויצעלט ער זיך — לעבט ווי אַ פריץ, נאָר פון ריינער יויך.

נאָך די פיש און עטליכע גלעזער וויין, האָט עמיצער פון די אַרבייטער שטיל, שעהמעוודיג אָנגעהויבען צו זינגען. אַ צווייטער האָט הויך און אומעטיג אונטערגעכאַפּט, גלייך ווי ער וואָלט פּלוצים אָנגעהויבען וויינען אויף זיין ביטערען מזל. אַלע האָבען אונטער־געהאָלפען, און די יונגע, האַרציגע, שטאַרקע טענער האָבען זיך אַרומגענומען, געקרעכצט און געבעטען אַ בעסער, ליכטיגער לעבען:

— „אַך, לאַנג האָבען מיר געוואַנדערט אָהן אַ היים״ — האָט געקלאָגט דער פאַרזינגער — „אויסגעמאַטערט זיינען מיר און ווי שטערענלאָזע נעכט זיינען שוואַרץ אונזערע טעג. מאַמע ערד, לאָז אונז אָפּרוהען אויף דיין שוים. פון קאַלטע, בייזע לענדער זיינען מיר אהער געקומען. ביטער איז אין פרעמדע לענדער דעם חיימ־לאָזען וואַנדערער״.

און לאַנג נאָך האָט געוויינט און געיאָמערט דאָס ליד, פאַר־

הילכענדיג ווי א ווייטער, אומעטיגער קלאנג. זלאטע, הערענדיג דאס ליד, האט געוויינט, שטארק קושענדיג איהר קלענסטען איינגעלע, וואס איז געזעסען ביי איהר אויפ'ן שויס. ווען עמיצער האט גוט געזונגען, האט זי ניט געקאנט איינהאלטען איהרע טרעהרען. חיים האט פון פרייד געשיינט. דאס בילד האט איהם דערמאהנט די גוטע צייטען, ווען ביי זיין טיש זיינען געזעסען א סך ארבייטער און די ווענט האבען געציטערט פון די מעכטיגע קולות.

פלוצים האט אויפ'ן שוועל זיך באוויזען דער אלטער, שעהנער מיכאל, דער ליבלינג פון אלע ארבייטער. ער האט געטראגען א טשערקעסישען מאנטעל און א הויך באראשקען היטעל. פאר איהם איז אריינגעלאפען זיין גרויער הינקענדיגער הונט.

— הידד, דאס פאטער'ל קומט! — האבען אלע פרעהלאך אויסגעשריען: — הידד!

— שלום, חברים! — ענטפערט דער אלטער, צולעגענדיג די האנט צום הארצען לויט'ן מזרח'ישען מנהג. — איך האב מיך, דוכט מיר, א ביסעל פארשפעטיגט.

דער אלטער איז געוועזען אמאל זעהר רייך, און אפגעבענדיג זיין גאנץ פארמעגען אויף דער קאלאניזאציע פון לאנד, האט ער אליין געוואנדערט איבער די קאלאניעס אלס אן איינפאכער ארבייטער און וועכטער. יעדען טאג פלעגען אין זיין אומרוהיגען קאפ געבורען ווערען נייע פאנטאסטישע פלענער, ווי אזוי אפצונעהמען ארץ ישראל ביי די טערקען און אראבער. פילע האבען איהם בעהאלטען פאר א משוגע'נעם און געלאכט פון איהם. נאר די ארבייטער האבען איהם געעהרט און געליבט, און ער האט זיי גערופען: „מיינע טייערע קינדער!"

— איצט וועלען מיר מיט מיכאל'ן זינגען דאס נייע גליל'ער סאראהאר־ליד! — האט א געשריי געטאן דער קרומער.

— חיים, אויף מיין חשבון זעקס ליטער וויין! — האט באפוילען דער אלטער. — איך בין געווארען א וועכטער ביי דער אלטער גימנאזיע און וועל היינט מכבד זיין.

— הידד! — האבען אלע געשריען. — חיים גיבער!

באלד איז געווארען זעהר פרעהלאך, און דער אלטער האט אנגעהויבען זינגען איינע פון די גליל־לידער. אלע האבען אונטערגעכאפט, קלאפענדיג מיט די הענט צום טאקט. דאס ליד, א פרייז'ס,

א לעבעדיגס, האָט זיך מונטער נעטראָגען, גלייך ווי דער פּרייער ווינט אין פוסטען סטעפּ.

דער קרומער איז אויפגעשטאנען פון טיש און מיט א געלעכטער זיך אוועקגעלאָזט טאנצען, קאָמיש ווארפענדיג מיט די הענט.

נפתלי, א שכור'ער פון וויין און לידער, האָט געטראכט, קר סענדיג מיט ליבע אויף אלעמען:

— אָט זיינען זיי, אונזערע ערד־ארבייטער! וואָס פאר א קראפט עס איז אין זיי. מונטער זיינען זיי, פרעהלאך און האָפ־נונגס־פול! און דיזער אלטער! ווי יונג עס גלאנצען זיינע אויגען!

נאָך דער וועטשערע זיינען דער קרומער און נפתלי אוועק אין ארבייטער־קלוב. דער קרומער איז געוועזן שכור און האָט דעם גאנצען וועג געפּלאַפּעלט וועגען שעהנהייטען, וועלכע האָבען איהם משוגע געליבט, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס ער איז א קאליקע.

נפתלי האָט צופרידען געלאכט, אונטערהאלטענדיג איהם, ער זאָל נישט פאלען.

— א שעהנהייט אין קאאירא איז שיער נישט משוגע געוואָרען נאָך מיר, — האָט דער קרומער גערעט, דרעהענדיג זיך זיינע לאנ־גע, שווארצע וואָנסען, — און איך האָב מיר גאָר נישט געמאכט דערפון.

— איך גלויב, איך גלויב! — האָט נפתלי געלאכט.

זיי זיינען געגאנגען איבער א ניט־געפּלאסטערטער גאס, פון ביידע זייטען זיינען געווען אראבישע קאפעס, אומעטום איז געווען ליכטיג. די אראבער זיינען געזעסען אויף קליינע בייגקלאך, גע־טרונקען קאפע פון פּיטשענקע טאסעלאך און גערויכערט קאליאן, צוהערענדיג זיך צו די גראמאפאָנען, וועלכע האָבען געזונגען פאר־שידענע לידלאָך.

ווען נפתלי און דער קרומער זיינען געקומען אין קלוב, איז שוין דאָרטען א גאנצער עולם געוועזן. ביים בופעט איז גע־שטאנען אן אלטע, מיאוס'ע מיידעל. זי האָט אנגעגאָסען טיי, וואָס אן ארבייטער, דער דעזשורנער, האָט דערלאנגט צו די טישלאך. אין צווייטען גרויסען צימער האָבען בחורים קאָקעטירט מיט מייד־לאך. זיי האָבען זיך צונעזעצט, און דער קרומער האָט געהייסען דערלאנגען צוויי גלעזער טיי. צו זיי איז צוגעגאנגען דאווידזאָהן, אן ארבייטער, מיט א ניט נוטען, בייזען פּנים און קליינע,

גרויע אוינעלאך. ער האט דערלאנגט די האנט נפתלי'ן און פאר־
פיהרט מיט איהם א פריינדליכען שמועס, ראטענדיג איהם מארגען
אוועקצוגעהן אין דער נאהענטסטער קאלאניע, וואו ער וועט זיכער
באקומען ארבייט. דער קרומער האט זיך געבייזערט אויף דאוויד־
זאהן'ען, אפט איבער'חזר'ענדיג די זעלבע פראזע:

— נישט ער, זאג איך דיר, נישט ער.

נאכדעם איז מיט א געפילדער אנגעקומען א קליינע חברה
ארבייטער, וואס האבען געלעגט און געפלאסטערט די גאסען אין
דער נייער קאלאניע, וואס מען האט געבוים אונטער דער שטאט.
אייניגע פון זיי האבען זיך אויסגעגעבען פאר אנארכיסטען און
פלעגען אפט מאכען סקאנדאלען אויף די פארזאמלונגען. אנדער־
פענדיג אלעמען בורזשועז און עקספלואטאטארען. באזונדערס
האט זיך געבונטעוועט מענדעל, א בחור מיט א גרויסער אונטער־
שטער ליפ און מיט א העסליכען נאז. זיי אלע, אבער, האבען היים
ליב געהאט פאלעסטינא און העברעאיש.

נפתלי האט זיך געזעצט לעבען זיי און צוגעהערט זייערע גע־
שפרעכען. זיי האבען גערעט וועגען א טיפען ברונען, וועלכען
מען וויל אנהויבען צו גראבען. דערנאך האט מענדעל דערצעהלט
וועגען דעם יונגען וועכטער, וועלכען די אראבער האבען ניט לאנג
דער'הרג'ט אויף א פערמע און אן אומעט האט באדעקט זייערע
אפגעברוינטע פנים'ער.

דער קרומער איז ערגעץ פארשוואונדען. נפתלי איז געקומען
פון קלוב אליין צוריק. ער איז געווען טרויעריג און האט געקלעהרט
וועגען דעם ערמארדעטען וועכטער. די גאס איז געשלאפען און
געווען פוסט. בלויז דער אומעטינער ים־גערויש האט זיך פון
ווייטענס געהערט. אין אכסניה איז געווען שטיל און האלב פינ־
סטער. אויפ'ן נישט־אויפגעראמטען טיש האבען נאך געצאנקט
די ליכט און דער לאמפ האט קוים געברענט. חיים, אוועקגעהענדיג
ערגעץ, האט איבערגעלאזט די טיר ווייט אפען. נפתלי איז אריין
אין זיין חדר. ס'איז דארטען געווען פינסטער, און דער קראנקער
האט ווידער געברענט פון היץ און געווארפען זיך אין קדחת. ביים
פענסטער איז עמיצער געזעסען, צודריקענדיג מיט ביידע הענט
דעם קאפ. נפתלי האט איהם א פאר מאל ארופגעטאן, פאר נישט

Digitized by Google

באקומענדיג קיין ענטפער, האָט ער זיך שטיל אויסגעטאָן און געלעגט שלאָפען.

און אין יענער נאַכט האָט נפתלי געזעהן אין חלום דעם אַלטען מיכאל. ער שטעהט אויף א הויכען בארג מיט א שווערד אין האנט און רופט דאָס פאָלק צום קאמף. און דאָס פאָלק ארום איהם רוישט ווי דער ברויזענדער ים און קלינגט מיט זיינע בלישטשענדע כלי־זין.

פערטער קאפיטאל.

דער שבית'דיגער טאָג איז געווען א קאַלטער. א צפון־ווינט האָט געבלאָזען און דער ים האָט בייז גערוישט. אין אכסניה איז געווען נישט היימליך, די ארבייטער זיינען נאָך אין דער פריה אוועק אין שטאָט, נאָר נפתלי איז געבליבען מיט'ן קראנקען. זיצענ־דיג ביי זיין בעט האָבען זיי שטיל געשמועסט. דער קראנקער האָט איהם דערצעהלט, אז עס איז שוין צוו ייי־אָהר, ווי ער פיבערט און ער קאָן גאָר פון דעם ניט פטור ווערען, כאָטש ער האָט שוין ניט איינמאָל געביטען דעם קלימאט. און אָפּפאָהרען פון ארץ ישראל וויל ער ניט: צו מייער איז איהם דאָס אלץ.

— איך האָף געזונט צו ווערען, — האָט געענדיגט דער קראנ־קער. — דאַן וועל איך אוועק קיין גליל, איך בין נאָך דאָרטען ניט געווען.

— מיינע צוויי חברים זיינען איצט אוועקגעפאָהרען אהין, — האָט אָנגעהויבען נפתלי און איז מיט אמאָל אנטשוויגען געוואָרען.

ניט ווילענדיג האָט זיך איהם דערמאָהנט די אונאנגענעהמע סצענע. פאר זיין אָפּפאָהרען פון אדעס האָט ער זיך אין אכסניה באקענט מיט צוויי בחורים, וועלכע זיינען אויך געפאָהרען קיין ארץ ישראל. איינער פון זיי — אהרן — א געזונטער, לעבעדיגער בחור מיט א וואוילען, גוטמוטיגען פנים; דער צווייטער — עליק — א בלאסער, אין ברילען, אן אונרוהיגער, א נערוועזער. זיי האָבען זיך אָפּגערעט ארונטערצוגעהן אין חיפה און אוועקגעהן קיין גליל, וואו אויף א פערמע האָבען אהרן'ס חברים געווארט אויף איהם. ווי די שיף האָט אָנגעהויבען צוקומען קיין חיפה, האָט אהרן געזאָגט נפתלי'ן איינפאקען זיינע זאכען.

— איך פֿאָהר ווייטער, קיין יפו, — האָט נפתלי געזאָגט, און א שולדיגער שמייכעל האָט ווי פארקרימט זיין פנים.

— מיר האָבען דאָך עפּעס אָפּגערעדט, האָט בייז א זאָג געטאָן עליק.

— איך קאָן ניט, האָט איבערגע'חזר'ט נפתלי, און אוועקגע־הענדיג פֿון זיי, האָט ער זיך באַהאַלטען הינטער'ן באַגאַזש.

ווי האָט ער געקענט אוועקגעהן פון דער מיידעל, וועלכע ער האָט ליב באַקומען מיט'ן גאַנצען הארצען? קיינמאָל האָט ער נאָך נישט געפיהלט אַזאַ זיס, אַנגענעהם געפיהל.

זיי האָבען זיך קאַלט געזעגענט. עס איז געווען אַ כמורנער אָוונט און עס האָט געדעגענט. דער ים האָט שטורמיש זיך גע־בייזערט. פון ווייטענס האָבען דונקעל געלויכטען די שטאָדט־פייערלאָך. אין דער פינסטער האָבען געשריען די שיפעל־פיהרער און געהערט האָט זיך דער רויש פון רודערס.

— וואָס האָט איהר זיך פארטראַכט? האָט געפרעגט דער קראַנקער.

— גאָרנישט. עפּעס האָט זיך מיר דערמאָהנט, האָט שטיל געענטפערט נפתלי.

נאָכדעם איז געקומען דאַווידזאָן. ער האָט געשטעלט נפתלי'ן עפּעס נאַרישע פראַגען. באַזונדערס האָט ער איהם געפרעגט וועגען זיין לעבען אין רוסלאַנד און וועגען זיינע פּאָליטישע אַנשויאונגען. זיך האָט דאַווידזאָן אויסגעגעבען פאַר אַן אַנגעזעהענעם מיטגליד פון דער היגער גרופּע פּועלי ציוניסטען.

— צו וואָס דאַרפט איהר עס אַלץ וויסען? — האָט נישט אויסגעהאַלטען נפתלי. — איהר פרעגט מיך אויס ווי אַ פּראָקוראָר. איך בין אַ ציוניסט און איך בין דערפאַר געקומען קיין פּאַלעסטינאַ, דאָס איז אַלץ.

נאָך מיטאָג איז זיך צונויפגעקומען אַ חברה צו געהן אין אַ יהודא'ר קאָלאָניע. אויך נפתלי איז מיט זיי אוועק. די באַציהונגען פון די אַרבייטער צו איהם האָבען זיך פּלוצים זעהר אומגעביטען. זיי האָבען איהם נישט גערן געענטפערט אויף די פראַגען, וועלכע נפתלי האָט געשטעלט וועגען אַרבייט אין קאָלאָניע. און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערפיהרט אייגזאַם. אַז ער האָט אַ פרעג

נעטאָן אַן ארבייטער אין וועלכער קאָלאָניע זיי געהען, האָט יענער איהם בייז געענטפערט.

— וואָס נעהט עס אייך אָן?

די מיידעל, וואָס איז לעבען זיי געשטאַנען, האָט פאַרוואונ־דערט באַמערקט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַן ענטפער? מיר געהען אין דער נאָהענטסטער קאָלאָניע, קומט מיט אונז.

נפתלי איז נישט אַוועק מיט דער קאָמפּאַניע. ער איז זיי נאָכ־געגאַנגען פון ווייטענס, אַ פאַרטיפטער אין נישט פרעהליכע גע־דאַנקען.

פון ביידע זייטען וועג האָבען אַפּעלסינען גערטנער זיך גע־שפּרייט. נפתלי האָט אַ טיפען לייכטען אָטעם געטאָן. די ריחות־פולע ווייכע לופט איז איהם אריין ווי אַ פרישע סמאָלע, און זיין נשמה האָט מיט אַמאָל זיך באַלויכטען מיט שטראָמען ליכט און וואַרימקייט. איך בין דאָך שוין אין פּאַלעסטינא און גיי זוכען ארבייט אין קאָלאָניע, האָט זיך געפרעהט נפתלי. עס ווערען מקוים זיינע חלומות. און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז ער קומט איצט פון ירושלים, וואוהין ער איז געגאַנגען עולה רגל זיין אויף יום־טוב. דאָס פאָלק יובל׳ט. איבער די גאַסען פון דער הייליגער שטאָט, וועלכע זיינען באַדעקט מיט גרינע צווייגען און פעלדבלומען, דרע־הען זיך אין קאָראָהאָדען בחורים און מיידלאַך, באַקרענצט מיט ווייסע ליליען און בלויע פיילכען. די כלי־זמר קלאַפּען אין פּויקען און דאָס פאָלק, אַ שטאַרק׳ס, אַ פריי׳ס, איז זיך משמח. ווי באַצווי־בערט האָט איהם אַ שלאַנקע שוואַרץ־אויגיגע פּאַסטושקע פון הרמתים, פון וואַנען שמואל הנביא איז געקומען צו זיין פאָלק. לייכטער פון אַ גאַזעל, האָט זי זיך ווי אַ פאַרשייט ווינטעל געטראָ־גען אין קאָראָהאָד, גלאַנצענדיג אויף דער זון האָבען די איינגע־פלאָכטענע מטבעות געקלונגען אין איהרע האָר, ווי גלעקלאַך. זי האָט איהם געשענקט אַן אַדאָנים פון די איינענע פעלדער און אַ שעפּטשע געטאָן:

— קום, בחור, צו מיין פאָטערס הויז. איך פּאַשע שאָף אין גרינעם טאָל.

— גיך וועט זיך ענדיגען דער שניט און איך וועל קומען צו דיר, שוועסטער מיינע — כלה מיינע, ענטפערט ער ערשטוינט פון

Digitized by Google

איהרע שטראַהלענדע שוואַרצע אויגען. — מיר וועלען פּאַשען שאָף אין גרינעם טאָל און באַפּוצען זיך מיט ליליען. אנטלויפען וועלען מיר אין די בערג, אין פּאַלמען־וואַלד, וואו עס רוישען די שטראָמען. אַרויפקלעטערען וועלען מיר אויף חרמון, שוועסטער מיינע, כלה מיינע!

— רוף מיך, פאַרנאַר מיך, בחור מיינער, — שעפּטשעט זי, — איך וועל דיר נאָכלויפען.

אָבער מיד איז ער פון ווייטען וועג! זיין מאַנטעל איז פאַר־שטויבט, און די סאַנדאַלען צוריסען. ס'איז שוין צייט ווידער אָפּ־רוהען זיך. און ער לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטיין ביים וועג. די זון ברענט. די לופט איז פאַרגליווערט. אַרום איז אַלץ פּוסט און שטיל. און אָט קומט צו איהם לאַנגזאַם אַ גרויער זקן מיט אַ הויכען שטעקען אין האַנט. באַרווים איז ער און זיינע בגדים צוריסען.

— ברוך הבא! — באַגריסט ער דעם אַלטען. — פון וואַנען קומט דיין וועג?

— געבענשט זאָלסטו מיר זיין מיין קינד! ענטפערט דער זקן, אָפּשטעלענדיג זיך. — כ'קום פון די הרי אפרים. מיד בין איך, און עס דורשט מיך.

אַ קלינגענדער געלעכטער פון דער קאָמפּאַניע האָט מיט אַמאָל צוזייט זיינע טרוימען, און נפתלי האָט שמייכלענדיג אַ טראַכט גע־טאָן:

— ווי איך האָב זיך פאַר'חלומ'ט.

און די קאָמפּאַניע האָט גערוישט. אַ דיקליך, מיאוס געשאַרען מיידעל האָט קאָקעטירט מיט אַ שלאַנקען, ברוינעם בחור, חיציג זאָ־גענדיג:

„אמרו לו: הנן פורח,
נעול הוא ואין פותח,

און קוקענדיג איהם אין די אויגען, אָן אונרוהיגע, אַ ליידענ־שאַפטליכע, האָט זי ווייטער געזונגען:

„רמון־פז יש בין עליו, —
אך אין מי שיברך עליו"...

און ער האָט לאַכענדיג געענטפערט:

— אַלץ וועל איך זאָגען! כ'וועל זאָגען, אַז דיינע צעפּ זיי־נען ווי טייערער סאַמעט, די אויגען — ווי גאָלדענע שטערען.

— כא — כא — כא! — האט געקייכט דאס מיידעל —
וואס פאר א צעפ האב איך, איך בין דאך א געשווירענע.

די זון האט פון אונטער די וואלקענס ארויסגעקוקט. די בוי־מער ווארפען אויף דעם וועג מאדנע אוזארען. די קאמפאניע איז שוין ווייט פון שטאט. איהר אנטקעגען האט זיך געצויגען א קעמלען־קאראוואן, מיט אראנזשען, קלינגענדיג מיט די גלעקלאך. שפאנען די קעמלען לאנגזאם און פארטראכט. הינטער'ן קאראוואן פאהרט אויף א גרויסען עזעל אן אראבער. הינטער איהם שפאנט א שלאנקע, בארויסע פעלאשקע מיט א קארב אויפ'ן שעהנעם שווארצען קאפ.

— ווי שעהן און ווילד איז דא אלץ, — טראכט נפתלי, נאכ־קוקענדיג דער אראבקע, וועלכע איז נעגאנגען קלינגענדיג מיט די מטבעות איינגעפלאכטענע אין איהרע האר.

די חברה האט זיך פארקירעוועט פון וועג, און איז אוועק מיט א שמאלען שטעגעל איבער די פעלדער, באוואקסענע מיט רויטען מאן און בלויע בלומלאך. אנטקעגען זיי, א שווארצער, האלב־נאקעטער פאסטוך, מיט א ביקס אויפ'ן אקסעל, טרייבט א סטאדע ציגען. א פארטראכטער, ווייכער בין־השמשות און א שטילער ליכ־טיגער אומעט לענט זיך אויף דער ערד. הינטער'ן ים זעצט זיך די זון און מיט א ראזעווען שיין ברענט דער מערב, און די שפיצען פון די בערג פון יהודה צינדען זיך אן מיט גאלד און פורפור. דאס ווינטעל פארשמארקט זיך, פארנאנדערטראגענדיג ארום און ארום דעם זיסען ריח פון מאראנצען און מאנדעל־בוימער.

דער אווענט פאלט צו.

נפתלי געהט נאך דער חברה און זיין הארץ איז פול מיט שטילער פרייד. עס ווילט זיך איהם צופאלען צו דער ערד און קר־שען יעדעס גרעזעל.

איינער פון דער חברה האט פארצויגען א מאנאטאן־אראביש ליד, פול מיט טרויער. נפתלי'ן איז אומעדיג געווארען. די קלאג־געדיגע שטימע האט זיך צוגאסען אלץ העכער, און די טענער פון דער מעלאדיע, שטיל אפשטארבענדיג, זיינען זיך צושוואומען אין דעם פארטראכטען בין־השמשות. מיט אמאל האט זיך דאס ליד אפגעריסען. דער לעצטער טאן האט א ציטער געטאן און איז גע־שטארבען.

ס'איז טונקעל געווארען.

נפתלי האט אנגעיאגט די חברה, און ביי איינעם פון זיי גע־פרעגט:

— איז נאך ווייט צו דער קאלאניע?

— מיר געהען שוין אויף אידישער ערד. — פון וואנען ביזטו?

— איך בין ערשט נעכטען געקומען פון רוסלאנד, — האט געענטפערט נפתלי. — און איצט געה איך זוכען ארבייט אין קא־לאניע.

זיי האבען זיך צורעדט, און יענער האט איהם איינגעלאדען צו זיך, ביז ער וועט זיך געפינען אן איינגענעם ווינקעל.

— מיין שוועסטער ארבייט אין א באיארע — האט ער פאר־ענדיגט. — דארטען דארף מען, דוכט זיך, אן ארבייטער. איך וועל היינט מיט איהר איבערעדען, ארבייט וועט זיין.

זיי זיינען שוין אריין אין דער הויפט־גאס פון דער קאלאניע. פון ביידע זייטען האבען זיך געצויגען שורות שעהנע, ווייסע הייז־לעך מיט בוימער פאר די פענסטער. ס'איז געווען רוישיג. קינ־דער האבען געשטיפט. די יוגענד האט ארומגעשפאצירט זינגענ־דיג און לאכענדיג הויך אויפ'ן קול, און די עלטערע זיינען געזע־סען אויף די גאניקעס און געשמועסט צווישען זיך. א ווארעם געפיהל האט ארומגענומען נפתלי'ן, און איהם געצערטעלט, ווי די האנט פון א געליבטער, וועלכע קעהרט זיך אום נאך א לאנגער צו־שיידונג, וואלט צו איהם געשעפטשעט: מיר זיינען ווידער צו־זאמען. מיר זיינען ווידער צוזאמען.

די חברה האט זיך אויסגעמישט מיט א גרופע ארבייטער, וועל־כע האבען זיך מיט זינגעריי אומגעקעהרט פון פעלד, וואו זיי האבען פארבראכט דעם שבת,דינען טאג.

אין הימעל האבען געברענט גרויסע שטערען, ליכטיגע, ריינע ווי קינדערשע טרוימען.

— ווי גוט דא איז! — האט געזאגט נפתלי. — ווי פריי און שעהן מען לעבט דא!

—יא, גוט. — האט געענטפערט צוטראגען דער בחור מיט וועלכען נפתלי איז געגאנגען. — קום עסען.

אין א קליינעם, האלב־פינסטערען חדר, ביי קליינע טישלאך, האבען געגעסען ארבייטער. ארום זיי האבען זיך ארומגעדרעהט

דער בעל־הבית און א צעהדיעהריג אינגעל מיט א בלאסען, צאר־
טען פנים ווי ביי א מיידעלע.

— א, אסטראוּוסקי, — האט עמיצער א געשריי געטאן. —
שלום!

נפתלי האט זיך ארומגעקוקט און דערזעהן דאווידזאנען. דאס
בלוט האט איהם א זעץ געטאן אין פנים, און דאס הארץ האט ביי
איהם אנגעהויבען קלאפען שטארקער. אינסטינקטיוו האט ער שוין
גענומען האסען דעם מענשען, וועלכער האט איהם גענומען פאר־
סמ׳ען דאס לעבען.

—שלום, שלום! — האט געענטפערט אסטראוּוסקי.

— און איהר זייט דא אויך דא! — האט זיך דאווידזאן
דערפרעהט, ווענדענדיג זיך צו נפתלי׳ן, ווי צו אן אלטען באקאנטען.
— שוין פארלאזען די שטאט? גוט געטאן. אט דא, ביי אונזער
טישעל איז דא פלאץ, זעצט זיך.

נפתלי און אסטראוּוסקי האבען זיך געזעצט. צוזאמען מיט
דאווידזאנען איז געזעסען לייזער, א בחור מיט גרויסע, שווארצע
וואנצעס. עסענדיג האט ער פון צייט צו צייט געווארפען בייזע
בליקען אויף נפתלי׳ן. און דאווידזאן האט אהן אויפהער געפלאפ־
פעלט מיט אסטראוּוסקי׳ן, און פארבייגעהענדיג, גלייך ווי ער
וואלט גאר ניט אויסען געווען, געשטעלט פראגען נפתלי׳ן. מיינענ־
דיג עפעס ארויסצוקריגען פון איהם. נפתלי האט ניט ווילענדיג
געענטפערט. אסטראוּוסקי איז בייז געווארען:

— וואס ביזטו צונעשטאנען צו איהם? לאז איהם צרדות.

— פארשטעהסטו, איך האב איהם שוין ערגעץ־וואו געזעהן, —
האט ווידער אנגעהויבען דאווידזאן, — נאר וואו קען איך זיך ניט
דערמאנען. מיר דוכט זיך, אז מיר האבען זיך שוין אמאל געטרא־
פען אין רוסלאנד אויף א געהיימע פארזאמלונג.

— איהר האט א טעות. איך קען אייך ניט, — האט קאלט
געענטפערט נפתלי.

אינגיכען האט זיך דער געשפרעך איבערגעביטען און מען האט
אנגעהויבען צו רעדען וועגען די קאלאניסטען, וועלכע ווילען ניט
האלטען קיין אידישע ארבייטער.

— יעדען פריהמארגען נעהען אוועק הונדערטער אראבער
אויף די אידישע פעלדער, און מיר הונגערען. דאס איז דאך א

חרפּה — האָט זיך נעבייזערט אַן ארבייטער מיט אַן אויסגעדאַרטען געלען פּנים.

— וואָס נעהט זיי אָן אונזער קאַמף? — האָט געענטפערט אַסטראָווסקי.

— איז דאָס מעגליך? — האָט זיך פאַרטראַכט נפתלי.

נאָך דער וועטשערע האָט אַסטראָווסקי אַוועקגעפיהרט נפתלי'ן צו זיך. ער האָט געוואוינט אונטער דער קאָלאָניע, ביי אַן אראַנזשען־גאָרטען, אין אַ האַלב־צעוואָרפענער חורבה, אונטער דעם קליינעם פענסטעריל פון זיין אָרימען ארבייטער־צימערעל זיינען געשטאַנען דריי עקאַליפּטוס בוימער, וואָס האָבען אָפּט גערוישט פון ווינט.

— שוין דאָס דריטע יאָהר וואוין איך דאָ, — האָט אָנגעהויבען אַסטראָווסקי, צוקומענדיג צו דער הייזקע. — אָווענט־צייט, ווען די בוימער זיינען אומרוהיג און דער ווינטער־רעגען קלאַפּט אומעטיג אויפ'ן דאַך, האָב איך ליב צו זיצען ביים פענסטער און שפּילען אויף מיין גיטאַרע. מיר איז דאַן אומעטיג.

ער איז אַנטשוויגען געוואָרען. איבער זיי האָט געשפּרייט זיך אַן אויסגעשטערענטער הימעל, אַ טיפער, אַ זעלטען שעהנער, פול מיט וואונדערבאַרע סודות.

פון די גערטנער האָבען זיך געטראָגען שטראָמען ריח פון די־צייטיגע אראַנזשען. ס'איז געווען שטיל. שווייגענדיג זיינען זיי אריין אין הייזעל.

אַסטראָווסקי צינדט אָן דאָס לעמפּעל און דאָס צימער ווערט באַלויכטען מיט אַ דונקעלען שיין. נפתלי קוקט זיך אום. אין אַ ווינקעל איז געלעגען אַ פּיאָש און אַ סערבעל. דאָס געלעגער איז געווען אַן אַלטס, דער איינציגער שטול צובראָכען. נאָר אַ גיטאַר איז בעהאַנגען אויף דער וואַנד.

— כ'האָב זעהר ליב דאָס צימער'ל. דאָ איז אַזוי אָנגענעהם. און דו קומסט איצט פון רוסלאַנד? ביזט געווען מסתמא אין גרוי־סע שטעדט, געלעבט דאָרט. צייטענווייז איז דאָ אומעטיג, שטיל. אַלץ שלאָפט.

נפתלי איז געשטאַנען ביים פענסטער, איינגעאָטעמט די פריי־שע נאַכט־לופט און געטראַכט:

„ווי גוט וואָלט געווען צו לעבען אין אַזאַ צימער. וואָלט נאָר יהודית דאָ געווען. קאָן מען דאָ דען בענקען. פּריחמאַרבענס,

אַ פאַר׳שיכור׳טער פון די ריחות פון די פעלדער, געהסטו אַרויס אין פעלד אַרבייטען, און אין אָוונט רוהסטו זיך אָפּ אין גערטנער. מ׳דאַרף זעהן, וואָס ניכער אָנהויבען צו אַרבייטען.

— דערצעהלט מיר, ווי עס לעבט זיך איצט אין די גרויסע שטעדט — האָט ווידער אָנגעהויבען אַסטראָווסקי און זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן גלעגער, אַריינגעהמענדיג די פיס אונטער זיך, לויט דעם מזרח׳ישען מנהג.

— ביזט אַמאָל געווען אין אָדעס? דאָרט ברויזט דאָס לעבען. איך בין דאָרט אַמאָל געווען אין עקסטערן. אַ גוטע רוישיגע שטאָדט! אין אָווענט געהסטו אַרויס אין גאַס, ס׳איז ליכטיג און פרעהלאַך.
— דו בענקסט טאַקע נאָכ׳ן שטאָדטישען לעבען? האָט זיך פאַרוואונדערט נפתלי.

— עס טרעפט, אַז דו ווילסט זיך אונטערטונקען אין שטאָדטישען לעבען, — האָט געענטפערט אַסטראָווסקי. — איך בין אַ זוהן פון דער שטאָדט און עס ציהט מיך צו זיינע נאַכט־פייערען, זיי רופען מיך, צוזאָגענדיג גליק און שמחה. זיי ציהען מיך מיט אומבאַגרייפליכער קראַפט און אָפט קלעהר איך אַוועקצופאָהרען, כאָטש איך ווייס אויף זיכער, אַז ווייט פון ארץ ישראל וועל איך זיך שוין נישט קענען איינלעבען. אַך, צו וועניג ליבען מיר די ערד. וואָס פאַר אַן ערד־אַרבייטער בין איך, אַז איך טרוים נאָר פון גרויסע שטעדט! אַ געבוירענער פויער האָט ליב די ערד ווי אַן אייגענע מאַמע. ער וועט קיינמאָל ניט אַוועקגעהן פון איהר. ביי מיר אָבער, איז אָט די ליבע ניטאָ. מיין פאָטער האָט געהאַט אַ געוועלב און געבוירען בין איך אין אַן ענגען פאַרוואָרפענעם געסעל פון אַ גרויסער שטאָדט.

פלוצים האָט זיך דערהערט פון אונטערען פענסטער אַ הויכער מיידעלשער געלעכטער און אַ מענער־שטימע האָט אַ נעשריי געגעבען:

— אַסטראָווסקי, קום שפּאַצירען, וואָס האָסטו זיך אַוועקגעזעצט אין דיין הינער־שטייג.

— ווער איז? — פרעגט ער, אויפהויבענדיג זיך פון בעטעל. אין פענסטער האָט אַ קוק געגעבען אַ יונגע מיידעל אין אַ

ווייסער בלוזקע מיט געדיכטע טונקעלע האָר. הינטער איהר האָט מען געזעהן א געקרייזעלטען בחור אין א רוסישען העמדעל.

די מיידעל האָט א שמייכעל געטאָן צו נפתלי'ן און געזאָגט:

— קום, אָסטראָווסקי, נעהם אויך מיט זיך די גיטאַרע.

— אָ, בערטע! — האָט זיך דערפרעהט אָסטראָווסקי און האָט פלינק אראָפּגענומען די גיטארע פון וואַנט. — כ'נעה, כ'נעה.

ער האָט מיטגערופען נפתלי'ן.

— איך בין מיד און וויל אָפּרוהען, — האָט נפתלי געענטפערט.

געזעגענענדיג זיך האָט די מיידעל ווידער צו נפתלי'ן געשמייכעלט, און זיי זיינען אוועק לאַכענדיג און הויך רעדענדיג.

נפתלי איז געבליבען אליין. די געשטאַלט פון יהודית האָט אין זיין פאַרשטעלונג ערוואכט. אָט זיצט זי לעבען איהם, נעהמט ארום זיין האַלז מיט איהרע ווארימע הענט און באַריהרענדיג איהם מיט איהר הייסען אָטעם, שעפּטשעט זי ווערטער פון ליבע.

נפתלי האָט פאַרדרעהט דאָס לעמפּעל און צוגעלעגט זיך, די געדאַנקען פלאָנטערען זיך אין זיין מח.

— ניין, ס'איז נישט אמת. איך וועל קיינמאָל נישט בענקען נאָך אַן אַנדער לעבען. מען דאַרף זיך נאָר שטעלען צו דער ארבייט. וואָס איז מיר אַזוי הייס? אפשר האָב איך זיך פאַרקיהלט?

ער איז אויפגעשטאַנען, אויסגעלאָשען דעם לאָמפּ, צוגעמאַכט דאָס פענסטער און זיך ווידער געלעגט. ס'איז געוואָרען זעהר פינסטער.

— ווי מאָדנע רעדט אָסטראָווסקי, — טראַכט ווידער נפתלי — ווי קען מען עס נאָר בענקען נאָכ'ן פוסטען רוישיגען שטאָדטישען לעבען דאָ, צווישען די אייביגע בליהענדע גערטנער און פעלדער, אויף דער אייגענער ערד? איך האָב זיך, דוכט זיך, פאַרקיהלט און ברען איננאַנצען. נאָר נישט חלילה קראַנק ווערען און גיך אָפּשטאַרבען! איך וויל לעבען אין דיין הייליגען לאַנד, גאָט!

נפתלי האָט זיך איינגעוויקעלט אין דער קאָלדרע, פאַרמאַכט די אויגען און גע'חלום'ט האָט זיך איהם, ווי ער קריכט אין א ווינטערדיגער לבנה־נאַכט אויף א פאַרשנייטען באַרג, און קען

בשום אופן נישט ארויסקלעטערען אויפ'ן שפּיץ. און דאָרטען מיט א ברענענדיגען פאַקעל אין די הענט, דורכגענומען פון די לבנה־שטראַהלען אינ'ם אַרעאָל פון אונשטערבליכער שעהנקייט וואַרט אויף איהם יהודית. זי פאָכעט מיט'ן פאַקעל, דער ווינט שפּילט זיך מיט איהרע האָר און איננאַנצען איז זי באַשטראַהלט מיט וואונדערבאַרע פייערען.

— צו מיר, געווינשטער! מוטיגער! — רופט זי.

נאָר דער באַרג איז גליטשיג, און ער פאַלט און קייקעלט זיך אַראָפּ אין שוואַרצען תהום...

נפתלי האָט זיך אויפגעכאַפּט אין א קאַלטען שוויס. ער האָט אויפגעמאַכט די טיר און איז אַרויס אויפ'ן גאַס. ערגעץ האָבען געקוואַקעט פרעש און א וועכטער האָט געפייפט. די בוימער האָבען זיך שטיל גע'סוד'עט. א ווײַלע איז ער געשטאַנען פאַר־טראַכט, קוקענדיג ווי פון הימעל פאַלט ראַקעטען־פאַרביג א שטערען. ער האָט אַרומגענומען דעם בוים און צוגעטוליעט זיך מיט'ן קאָפּ צום שטאַם. א פּאָר טראָפּען טוי זײַנען איהם אויפ'ן פּנים גע־פאַלען און ער האָט וועגען עפּעס א שמייכעל געטאָן.

— גאָט, ווי גוט! — האָט ער געטראַכט און פעסטער צוגע־רוקט זיך צום בוים, — דאָרטען אין דער ווייטענס שלאָפט רוהיג די אידישע קאָלאָניע.

זײַנע פיס האָבען זיך פּלוצים ווי אונטערגעהאַקט און קניהענ־דיג האָט ער אין א הייליגען עקסטאַז גענומען שעפּטשען:

— מאַמע ערד, טוליע מיך צו, האָב מיך ליב, דו טרייע, איר־גענע!

נפתלי איז צוגעפאַלען מיט'ן קאָפּ צו דער ערד און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט.

פערטער קאַפּיטעל.

געקומען איז א גרויער, כמורנער פריהמאָרגען. בײַנאַכט האָט גערעגענט. שוואַרצע וואָלקענס האָבען מחנות־וויז גע־בלאָנדזשעט איבער'ן הימעל. דער ווינט האָט בייז געוויגט די בוימער אונטער'ן פענסטער. די קאָלאָניסטען זײַנען שפּעט אַרויס צו דער אַרבייט. אוועקגעהענדיג האָט אָסטראָווסקי געזאָגט נפתלי'ן.:

— נאָך דיר וועט קומען מיין שוועסטער.

נפתלי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים פענסטער. אויפ'ן וועג האָט ער געזעהן אַראָבער מיט פּיאַשען אויף די אַקסלען. קאָלאָר־ניסטען זיינען געפאָהרען אויף עזלען, מיידלאך האָבען געשפּאַנט מיט קערב אין די הענט.

נפתלי האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אין אָוונט געוואַנדערט איבער דער קאָלאָניע און אומקעהרענדיג זיך צוריק אהיים, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט.

ער האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און דערזעהן אַ מיידעל, וואָס איז מיט אַ קערבעל אין האַנט געגאַנגען צום הייזעל.

דאָס איז מסתמא זיין שוועסטער, האָט נפתלי אַ טראַכט געטאָן און איז איהר אַרויס אנטקעגען.

— שלום! — האָט איהם דאָס מיידעל מיט אַ פרעהליכער שטימע באַגעגענט. — איהר וואַרט שוין לאַנג אויף מיר? מיר האָבען זיך נישט וואָס צו איילען. היינט וועט דוכט זיך נאָכ־אַמאָל רעגענען.

זיי זיינען אוועק צו דער אַרביים. נפתלי האָט געשוויגען. די מיידעל איז געגאַנגען מיט פעסטע טריט און פון איהר שלאַנקע פיגור און שעהנעם פאַרברענטען פּנים האָט אַרויסגעוועהט אַ לייד־דענשאַפט.

— מען רופט מיך מרים, — האָט זי איבערגעריסען דאָס שווייגען, — און איך?

— נפתלי.

— נפתלי! אַ שעהנער נאָמען — האָט איבערגע'חזר'ט דאָס מיידעל.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף איהר און באַמערקט איהרע טיפע, דונקעלע קאַרע אויגען, שעהנע, געבויגענע ברעמען. זיי זיינען אַרויס אויפ'ן וועג. אויף ביידע זייטען האָבען זיך געצויגען מאַנ־דעל־בוימער. דאָרטען האָבען אידישע אַרבייטער אויפגעמאַכט גרי־בער, מיט די פּיאַשען. מרים האָט פרעהלאך אַ געשריי געטאָן:

— לעבעדיגער! וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט, בנימין?

— פון ווענען זאָל איך טראַכטען, אויב נישט פון דיר? האָט בנימין געענטפערט.

— כאַ־כאַ־כאַ! האָבען הויך געלאַכט די אַרבייטער.

אין אראנזש־גארטען אונטער א פאלאטקע האבען געוואוינט די ארבייטער, ביז דער טוי וועט זיך אפטריקענען. נישט ווייט פון זיי זיינען אויף דער ערד געזעסען אראבער און האבען הויך גערעדט. זייער ארבייט באשטעהט אין אוועקטראגען די פרוכטען אין א קאמער, וואו מען פאקט זיי אין קעסטלאך.

— איהר מעגט אהיים געהן, ס'וועט נאך היינט רעגענען, — האבען די ארבייטער זיך געווענדעט צו נפתלי'ן און צו דער מיידעל, — געהט מיר וועלען נאכקומען.

— יאללא! קומט — האט מרים געזאגט.

זי האט אונטערגעפיהרט נפתלי'ן אונטער'ן דאך. די ארבייטער האבען זיך מיט איהם באגריסט און געפרעגט, צי ער איז שוין לאנג אין ארץ ישראל. איינער פון די טרעגער, א דארער, בלאסער אינגעל, האט אנגעהויבען זיך צו קלאגען אויף דעם שווערען לעבען:

— ווי קען מען דא לעבען אז מען ארבייט בלויז צוויי, דריי טעג א וואך. מען קען דאך אוועקשטארבען פון הונגער. די באלעבאסטע פארלאנגט דירה־געלט, און דער מאגען איז אימער פוסט. מיט'ן אידעאל אליין קען מען נים לעבען.

— פאהר קיין אמעריקא, דארט איז בעסער, האט איהם געראטען לייזער.

— א דאנק פאר דיין עצה, — האט בייז געענטפערט דער אינגעל.

דאס איז געווען דער זעלבער לייזער, וועלכען נפתלי האט געטראפען אין אכסניה.

— קומט צו מיר וואוינען, האט ער זיך געווענדעט צו נפתלי'ן. איך האב א פריי געלעגער, מיין חבר איז אוועק קיין גליל.

— איך האב אבער איצט קיין געלט נים — האט נפתלי געזאגט.

— ס'מאכט נישט! איהר וועט באצאהלען דאן, ווען איהר וועט פארדינען.

אין א האלבע שעה ארום האט מען זיך געשטעלט ארבייטען. מרים האט געצייגט נפתלי'ן, ווי אזוי מען דארף שניידען די אראנזשען. אין גארטען איז געווען כמורנע. דער ווינט האט געווינט די בוימער און אפגעריסען אראנזשען. פלוצים האט זיך

ערגעץ־וואו א קייקעל געטאן א דונער און ס'האט אנגעהויבן צו רעגנען.

— שנעל אונטער'ן דאך! — האט מרים א געשריי געטאן,
— עס הויבט זיך אן א שטורם!

אלע האבן זיך געלאזט לויפן פון גארטן. דער הימעל האט זיך אלץ געדיכטער באדעקט מיט שווארצע וואלקענס. ס'האט א בליץ געטאן און דער גארטן האט זיך אויף א רגע באלויכטן מיט א שארפן שיין. נאכדעם האט א שטארקער דונער געטאן. דער רעגן האט זיך פארשטארקט. אויפ'ן שוועל פון ביידעל האט זיך באוויזן דער גרויער וועכטער, א איד מיט א פארזארגטן פנים.

— אך, קינדער! דער ווינט וועט ווידער אפרייסן די אראנ־זשען. עס וועט זיין א גרויסער היזק.

ער איז אוועק צו די ארבייטער אונטער'ן דעכעל. דער אל־טער האט געפלאפלט מיט די יונגע און יענע האבן איהם ליב געהאט פאר זיין גוטמוטיגן כאראקטער.

— ווי וועכטעוועט עס זיך, זיידעניו? — האט מרים גע־פרעגט. — האט איהר ניט מורא?

— היינטיגע נאכט איז עמיצער ארומגעגאנגען צווישען די אלעען, — האט סודות־פול אנגעהויבן דער אלטער. — איך האב געהערט טריט און בין שטיל צוגעגאנגען צום גארטן, איך האב אבער קיינעם נישט געכאפט. עס האט זיך מיר הפנים נאר אויס־געוויזן, אז מען געהט. עס פאסירט ביי נאכט, דו שטעהסט פארטראכט, און מיט אמאל דוכט זיך דיר אויס אז עמיצער שפאנט אין גארטן, און אין דער עמת'ן איז קיינער ניטא. דאס גיט דער ווינט א וויג די בוימער איידער עס פאלט אראפ אן אראנזש. ניין, איך האב נישט מורא, קינדער! שטיל און גוט איז ביי נאכט. אפטמאל דערמאנסטו זיך אין דער יוגענט און בילדער, איינס שעהנער פון דעם צווייטען, געהען פאר די אויגען פארביי. עס פאסירט אין שטילע לבנה־נעכט ווען דער גארטן שלאפט א באדעקטער מיט'ן זילבערנעם שיין, גיט מען אויך א טראכט ווע־גען טויט, וועגען אייביגען שלאף אין פינסטערן קבר. נאר מאלע וועגען וואס עס טראכט א וועכטער אין די לאנגע שלאפלאזע נעכט.

דער אַלטער איז פּלוצים אַנטשוויגען געוואָרען און אַראָפּ־געלאָזען דעם קאָפּ. דער רעגען האָט שטאַרק געפּויקט אין בלע־כענעם דעכעל.

— דאָ נישט לאַנג — האָט פאַרטגעזעצט דער אַלטער — האָט מיך אין אַ שטערענלאָזער נאַכט ארומגענומען אַ שטאַרקע בענקשאַפט. איך בין געגאַנגען ארום נאַרטען און געזאָגט תהלים. ס'האָט זיך מיר געוואָלט שרייען און וויינען. נאָט! וואָס פאַר אַ נאַכט דאָס איז געווען. ס'האָט זיך געדוכט, אַז אַלע ברואים זיי־נען אויסגעשטאָרבען און איך בין איינער צווישען טויזענטער טויטע. עס האָט זיך דערהערט אַ ווילדער געוואַלד, אַ טרויעריג וואָיען פון שאַקאַלען, אַ שאָס, און ווידער איז אַלץ שטיל געבלי־בען. ציטערענדיג, ווי אין אַ קדחת, בין איך אוועק אין ביידעל, אָנגעצונדען דאָס לעמפּעל, ס'איז אָבער געווען אָהן נאָפט און עס האָט זיך באַלד אויסגעלאָשען. איך בין געבליבען אין דער פינ־סטער. יענע נאַכט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסען — האָט אומעטיג געענדיגט דער אַלטער וועכטער.

אַלע האָבען געשוויגען.

— נו, לאָם איך געהן: כ'האָב זיך פאַררעדט, דער רעגען האָט שוין אויפגעהערט.

ער איז שנעל אוועק צוריק צום ביידעל.

— אַהיים, קינדער, — האָט מרים געזאָגט. — מען קען גאָר נישט טאָן נאָכ'ן רעגען.

זי האָט אָפּגעטראָגען די שערלאַך אין ביידעל. אַלע זיינען זיך צונאַנגען אַהיים. לייזער איז אוועק מיט נפתלי'ן.

— בלייבט שוין ביי מיר, האָט ער פאַרגעלעגט נפתלי'ן — איך געה גראָד נאַכמיטאָג אין שטאָדט אריין, איז אויב איהר ווילט, קען איך ברענגען אייער טשעמאָדאַן.

נפתלי האָט איהם געדאַנקט. נאָכמיטאָג איז לייזער אוועק און נפתלי איז געבליבען אַליין אין זיין נייעם צימער. פון אין דער פריה אָן האָט ער גאָר נישט געגעסען. אַ אַלגנע צייט איז ער געלעגען אויפ'ן געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפען. דער הונגער האָט איהם שטאַרק געפּלאָגט. אין אָוועגט איז ער ארויס אין גאָס. דער הימעל האָט זיך ווידער געוואָלקענט. עס האָט זיך געזיפּעט אַ דין־הערבסט־רעגענדעל.

איהם. אלע וואלטען דאן געזעהן, ווי זי ליבט איהם. יהודית! נפתלי האט אויפגעציטערט, גלייך ווי דאס מיידעל וואלט איהם בארירט מיט איהר יונגען, בויגיגען קערפער. און ווידער האט ער געטראכט פון זיין ווייטען שטעדטעל, זיך דערמאנט אין דעם אלטען בית־המדרש, וואו אלץ אטעמט מיט שלום און ליבע. וואו פארנאכט, שטיל ווייענדיג איבער די קעפ פון די מתפללים, שוועבט די שכינה. ווי ליב ער האט געהאט דעם אלטען שמש ר׳ ברוך׳ן, וועלכער פלעגט אפט זאגען:

— אך, שלעכטע צייטען זיינען געקומען. דאס פאלק אונזערס פארלאזט די אידישקייט און געהט פארלוירען.

עס וועט שוין ניט צוגעהן מעהר צו איהם דער אלטער, גוטער שמש און וועט שוין מעהר ניט זאגען מיט זיין ציטערדיגע, אפ־געריסענע שטימע, ווי אמאל אין די קינדער־יאהרען:

— קאלט, קינדערלאך, קאלט! קומט, הייליגע שעפעלאך מיינע, קומט צום אויווען. איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה׳לע פון גרויסען חכם שלמה. און א באנאסענער מיט׳ן רויטען פלאם פון אויווען, דערצעהלט דער שמש די קינדער א וואונדערבארע לע־גענדע פון קלוגען שלמה המלך. און אין גאט׳ס הויז איז שטיל. דער בין־השמשות איז פארבענקט, די שאטענס באהאלטען זיך אין די ווינקלען און קוקען פון דארט מיט זייערע טיפע לעבער־שווארצע אויגען, און אויף די פאנטאסטישע מיט פראסט־באמאלענע פענ־סטער שטארבט אפ די רויטע שטאלענע ווינטערדיגע זון.

נפתלי האט פלוצים אויפגעציטערט. פון ווייטען האט זיך געהערט אן אראבישער אויסגעצויגענער ניגון, באגלייט פון א פארטראכטען שטילען גלעקלאך־געקלאנג.

עס ציהט וואוהין א קאראוואן — האט נפתלי געטראכט. און דער ניגון האט וואס אמאל הילכיגער און אומעטיגער געיאמערט. דאס האט ווינענדיג זיך אויף א קעמעל, קוקענדיג אויף דער לבנה, געזונגען אן אלטער אראבער פון די פריהצייטיגע פארשטארבענע בתולות, וואס באשעהנען די ערד ווי בלומען און ליליען די טאלען. ער האט געזונגען פון דער פארגאנגענער יוגענד, פון זיין געליבטער, וואס האט איהם אפגענארט און איז אוועק אין די בערג מיט א יונגען בחור. און די גלעקלאך האבען אלץ געקלונגען:

— דין — דין! — אלץ וועט פארביי. עס וועט קומען אן אייבינע נאכט. א, אלא! דין — דין — דין!

נפתלי האט מיט צוגעמאכטע אויגען זיך צוגעהערט צום אראבער. עס האט זיך איהם נים געגלוסט אוועקצוגעהן פון דאנען. נאר מורא האבענדיג פאר דעם קאראוואן, איז ער צוריק אוועק אין קאלאניע. אויפ'ן וועג, נים ווייט פון אסטראווסקי'ס הייזעל, האט ער דערזעהן ביים גארטען א פארעל געארעמט און ליבליך ווי טייבעלאך גע'סוד'עט זיך. נפתלי האט זיי נאכגעקוקט און אין זיין נשמה האט מיט א נייער קראפט אויפגעפלאקערט די בענק־שאפט. דאס פארעל האט קושענדיג זיך, פארקירעוועט צום עסא־ליפטוס־וועלדעל און פארשוואונדען אונטער די בוימער.

נפתלי איז צוגעגאנגען צו אסטראווסקי'ס הייזעל. ער האט גע־וואלט אריינגעהן, נאר איז געבליבען שטעהן פארטראכט אונ־טער די בוימער. אין צימער איז געווען ליכטיג. אסטראווסקי איז געזעסען אויפ'ן גאלענער און זינגענדיג אקאמפאנירט אויף דער גיטארע. ער האט, ווייזט אויס, געבענקט נאכ'ן ווייטען, רוישיגען און פארבענרייכען לעבען, וואס רוישט ערגעץ ווייט, ווי א ים געהיימניספול און בייז... דארטען אין די גרויסע שטעדט.

נפתלי איז געשטאנען איינהאלטענדיג דעם אטעם. ער האט אבער מעהר ניט געקאנט אויסהאלטען. א בלאסער, מיט א שווער קלאפענדיגען הארץ, איז ער צו צום פענסטער און שטיל א זאג געטאן:

— שלום!

אסטראווסקי האט אויפגעהויבען דעם קאפ, א קוק געטאן אויף איהם און געלאסען געענטפערט:

—שלום!

און באלד ווידער אנגעהויבען זינגען, ווייך קלאפענדיג איבער די סטרונעס.

נפתלי'ן האט זיך זעהר געוואלט אריינגעהן צו איהם, אוועק־זעצען זיך לעבען איהם און פריינדליך, הארציג דורכשמועסען זיך, דערפיהלען כאטש אויף א ווייל̇ע, אז ער איז נישט עלענד אין אזא לבנה־נאכט, ווען די איינזאמקייט איז אזוי אונערטרעגליך.

— רוף מיך אריין, — האט נפתלי געטראכט. — רעד צו

מיר, ווי דו רעדסט מיט יעדען באקאנטען. א פארמאטערטער בין איך פון בענקשאפט. מיר איז שווער אימער אליין צו זיין.

נפתלי האט געוואלט אנהויבען צו רעדען, נאר זיין קול האט זיך איהם פארכאפט. עפעס האט איהם געווארגען אין האלז און ער האט געוואלט וויינען.

און איז אוועק פון פענסטער א בייזער, א באליידינטער, מיט א וועהטאג אין הארצען זיך געשלעפט אהיים.

אין דער היים אבער האט איהם נאך א שווערערע סצענע ערווארטעט.

די טיר פון זיין צימער איז געווען פארשלאסען און פון פענסטער האט זיך געלויכטען א דונקעלער שיין פון לעמפעלע. ער האט געווארפען א בליק אין צימער און פון וועהטאג שיער נישט אוועקגעפאלען. איבער זיין פאנאנדערגעעפענטען טשעמאדאן זיינען געשטאנען לייזער און נאך עפעס אן ארבייטער מיט א שווארצער באָרד און האבען געלייענט זיינע בריף און די גרויע שאטענס זייערע אויפ'ן וואנט האבען זיך געשאקעלט, גלייך ווי זיי וואלטען זיך איבערגעקרימט איינעם דעם צווייטען. די פיס האבען איהם אנגעהויבען צו ציטערען און ער האט זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד.

— נאט מיינער! — האט ער א טראכט געטאן מיט א וועהטאג אין הארצען. — וואס טוט זיך עפעס ארום מיר? פארוואס לייענען זיי מיינע בריף?

מיט אמאל האט א שרעקליכער געראנס, אז מען האלט איהם ווייזט אויס פאר א שפיאן, ווי א בליץ דורכגעשניטען דורך זיין מארך, און פון דעם געראנק האט זיך איהם געוואלט שרייען און רייסען די האר פון קאפ.

— ס'איז דאך אבער אונמעגליך, — האט ער זיך בארוהיגט, — איך האב זיך דאך קיינמאל נים באשעפטיגט מיט פאליטיק. און וואס קאן זיי בכלל דא מאן א שפיאן?

נפתלי איז אויפגעשטאנען און ווידער א קוק געטאן אין פענסטער. דער טשעמאדאן איז שוין געווען פארמאכט, און דער ארבייטער מיט דער שווארצער באָרד האט עפעס גערעדט ווא־

פענדיג מיט די הענט. נפתלי איז צוגעגאנגען צו דער טיר און אנגעקלאפט איינינע מאל.

— קום אריין! — האט זיך דערהערט לייזער׳ס שטימע, און די טיר האט זיך אויפגעמאכט.

דערזעהענדיג נפתלי׳ן, האבען זיי זיך פארלארען, אבער באלד זיך באהערשט. לייזער האט געזאגט דעם צווייטען:

— קום אריין מארגען, וועלען מיר מאכען א סוף צו דער מעשה.

— גוט, — האט יענער געענטפערט. — שלום!

דער ארבייטער איז אוועק און לייזער האט זיך רוהיג אוועקגע־זעצט, באלד אויפגעשטאנען, געעפענט דאס פענסטער און צוריק זיך אוועקגעזעצט. א שטיל ווינטעלע האט זיך אריינגעריסען אין צימער און קוים געלאשען דאס פייער פון לעמפעל.

נפתלי איז געשטאנען אנגעשפארט ביי דער וואנט. ער האט שווער געאטעמט און זיין הארץ האט שטארק געקלאפט. ער האט געוואלט א ווארף טאן זיך אויף לייזער׳ן; זיינען איהם אבער די הענט אראפגעהאנגען ווי שטעקענס. מיט שטארע אויגען האט ער געקוקט עקשנות׳דיג אויף איין פונקט. ס׳איז גע־ווען שטיל. אין די ווינקלען האבען זיך שאטענס געטוליעט. אויף דער וואנט האט הייזעריג געטיקט א זייגער.

— צייט שלאפען, — האט לייזער איבערגעריסען דאס שווייגען. — יע, איהר ווייסט, די באלעבאסטע פארלאנגט דירה־געלט. זי האט זיך היינט זעהר געבייזערט.

— כ׳האב קיין גראשען נישט, — האט ווילד א געשריי גע־טאן נפתלי. — איך האב שוין פארקויפט מיין קישען. אזוי העלפט איהר עס מיר קריגען ארבייט! אך, איהר אידעאליסטען! פאר וועמען האלט איהר מיך, הא?

נפתלי האט זיך מיט אמאל א ווארף געטאן צו זיין געלעגער, ארויסגעשלעפט זיין טשעמאדאן, איהם אויפגעעפענט און גע־שריען ווי א משוגע׳נער:

— פארלעצעס! ווער האט עס אייך ערלויבט צו גריבלען זיך אין מיינע זאכען און לייענען מיינע בריף?

לייזער איז בלאס געווארען, נערוועז צופענדיג זיינע וואנסען.

— קיינער האט זיך נישט געפארעט מיט אייער טשעמאדאן,

— האט ער אנגעהויבן. — די באלעבאסטע, ראמענדיג דעם צימער, האט איהם מסתמא אומגערן איבערגעקעהרט. שרייט נישט, מענשען וועלען זיך צוזאמענלויפען.

— ווי שעהמט איהר זיך נישט צו זאגען אזא ליגען? האט נפתלי געזאגט. — איך האב דאך אלץ געזעהן דורכ'ן פענסטער. זאגט מיר, פארוואס האט איהר עס געטאן? פאר וועמען האלט איהר מיך?

— געהט צו דאווידזאן, — האט אפגעענטפערט לייזער. — ער וועט אייך זאגען. איך ווייס גארנישט.

אין א פאר מינוט ארום איז נפתלי ארויס אויפ'ן גאס. ער האט מעהר ניט געקענט קוקען אויף לייזער'ען.

— — — — — — — — — — — —

די קאלאניע איז געשלאפען. די גאסען פוסטע. די בוימער אונטער די פענסטער פון די שעהנע פאר'חלומ'טע הייזעלאך זיינען געשטאנען פאר'כשופ'טע פון דעם לבנה־גלאנץ און געטרוימט פון אונדערגרייכבארע שטערענס, וואס לויכטען מיט א וואונדער־ליכען שיין אין די פינסטערע נעכט. רוהיג און גוט איז געווארען נפתלי'ן אויפ'ן הארצען. פארביינעהענדיג עפעס אן איינזאם שטיבעל ביים ראנד פון דער קאלאניע, אין וועלכען עס האט זיך נאך געלויכטן א פייערעל, האט ער נישט ווילענדיג א קוק געטאן אין פענסטער. אין א קליינעם חדר'ל אויפ'ן געלעגער איז געזע־סען פארטראכט א יונגע מיידעל מיט אראפגעלאזטע צעפ אויף דער ברוסט. די ווייסע נאקעטע שעהנע הענט זיינען מאכטלאז גע־לעגען אויף די קני און די בריים־אויפגעעפענטע אויגען האבען ער־געץ ווייט, ווייט געקוקט.

אפשר זיצט אויך אזוי יהודית און בענקט. און די לבנה שיינט אריין אין איהר פענסטער, האט נפתלי געטראכט. שפעטער האט ער געטראפען אין פעלד אן אראבער, א וועכטער, אין א שווארצער אבאיע מיט א ביקס אויפ'ן רוקען. דער אראבער האט זיך אפגע־שטעלט און זיך צולאכט, טשירענדיג זיינע ווייסע צייהן, פאר־זשמורעט די שווארצע, גלאנצענדיגע אויגען, ווי פון א בלענדענדען שיין. נפתלי איז געגאנגען ווייטער, אבער דער אראבער האט איהם אפגעשטעלט און קלאפענדיג איהם איבער'ן פלייצע, א זאג געטאן:

— יאללא! חאוואדזשא!

Digitized by Google

ער האט אנגענומען נפתלי'ן פאר'ן האנט און אוועקגעפיהרט צום ביידעל שווער שפאנענדיג איבער די צוגראבענע שטיקער ערד, באוואקסען מיט שטעכערס. לעבען דער ראגאזשענער ביידעל האט געברענט א פאנאנדערגעלעגטער פייער — זיי האבען זיך אוועקגעזעצט לעבען פייער און דער אראבער האט אנגעהויבען זינגען. נפתלי האט זיך איוסגעצוינגען און פארמאכט די אויגען. דער וועכטער האט איהם צוגערעקט מיט דער ראגאזשע און ווייטער געזונגען קוקענדיג אויפ'ן הימעל. נפתלי האט ווי דורכ'ן שלאף געהערט, ווי דער אראבער איז אויפגעשטאנען, ערגעץ אוועקגעגאנגען און באלד צוריקגעקומען.

און מעהר האט ער שוין גארנישט געהערט, איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז געפאנגען ביי א ווילדען שבט. מען וועט איהם באלד דער'הרג'ענען און זיין קערפער וועט מען אוועקווארפען צו די הונגעריגע שאקאלען. דערנאך האט זיך איהם גע'חלום'ט, אז אן איינזאמער בלאנדזשעט ער איבער א מדבר. איבער איהם מיט א בלוטיגען פלאם פלאקערט דער הימעל, און אויף דער ערד פאלען פייערדיגע צונגען און רינגלען איהם ארום ווי פייערדיגע שלאנגען, און דער פלאקער פון הימעל האט שוין ארומגעכאפט די גאנצע וועלט, און דער מדבר ברענט:

— נאט, ראטעווע מיך! — וויל ער אויסשרייען און קען נישט. — איך בין אליין, אליין!...

זעקסטער קאפיטעל.

נפתלי איז געלעגען קראנק אין ארבייטער אכסניה אויף זיין הארטען שמוציגען געלעגער. ער האט ביטער געוויינט פון די שווערע באליידיגונגען, וועלכע די מענשען האבען איהם פארשאפט, די מענשען פון וועלכע ער האט ערווארטעט ליבע און פריינדשאפט.

שפעט ביינאכט איז ער צוריקגעקומען פון שטאדט א פארמאטערטער און א דערשלאגענער פון דער שווערער סצענע מיט דאווידזאנ'ען אין חיים'ס רעסטאראן. ערוואכענדיג ביים פייערהויפען איז נפתלי אוועק אין שטאדט צו דאווידזאנ'ען, וועלכער האט איהם געדארפט ערקלערען די סיבה פון דער שלעכטער באציהונג צו איהם. אין רעסטאראן האט ער איהם ניט געטראפען.

חיים האָט איהם אָבער פאַרזיכערט, אַז ער וועט באַלד קומען. נפתלי האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טויער אויף אַ שטיין און גע־קוקט אויף די אַראַבער.

— וואָס וועט מיר אַ שטיינער דאַווידזאָן זאָגען ? — האָט ער געטראַכט, — אַט אַן אומגליק !

מיטאָג צייט זיינען זיך די אַרבייטער שנעל צוזאַמענגעקומען. באַמערקענדיג פון וויטענס דאַווידזאָן׳ען איז נפתלי געגאַנגען איהם אַנטקעגען. זיין האַרץ האָט גענומען שטאַרק קלאַפּען און די שליי־פען האָבען ווי מיט האַמערס געקלאַפּט.

— אַ ! — האָט אויסגערופען דאַווידזאָן. — איהר זייט דאָ ? וואָס מאַכט איהר ?

— איך וויל זיך דורכריידען מיט אייך — האָט געענטפערט אויפגערעגט נפתלי.

דאַווידזאָן איז פּלוצים בלאַס געוואָרען, זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט מיט אַ שולדיגער מינע. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וועגען וואָס עס האַנדעלט זיך.

— קומט אריין צו חיים׳ען — האָט ער פאַרגעלעגט.

נפתלי איז אוועק נאָך איהם. זיינע פיס האָבען געציטערט ווי פון פיבער. אין רעסטאָראַן האָבען ביי אַ לאַנגען טיש צעהן מענשען געגעסען. דאַווידזאָן האָט זיך געזעצט אויף זיין פּלאַץ און גענומען עסען.

וואָס פאַר אַ מסירה האָט איהר פאַרשפּרייט וועגען מיר — האָט אָנגעהויבען נפתלי, שטאַרק אויפגערעגט. — שוין באַלד אַ מאָנאַט, אַז איך גערה ארום אָהן אַרבייט און הונגער. איהר מוזט מיר זאָגען דעם אמת.

דאַווידזאָן האָט געשוויגען עפּעס נאַכקלערענדיג און פון קיך איז אַ דערשראָקענע, מיט אַ טעלער אין האַנט, אריינגעלאָפען זלאַטע.

— וואָס איז ? — האָט זי געפרעגט.

— גערה ! גערה ! ניט דיין עסק ! — האָט בייז אויסגעשריען חיים.

— הערט ! — האָט אַ זאָג געטאָן דאַווידזאָן, אויפשטעהענ־דיג פון אָרט. — אונזער גרופּע אַרבייטער האָט, איידער איהר זייט אָנגעקומען, באַקומען אַ בריף אין וועלכען מען שרייבט, אַז

אין רוסלאנד האט איהר גערינט אין אכראנקע און באשעפטיגט זיך מיט שפיאנסטווא.

אלע האבען א קוק געטאן אויף נפתלי'ן און אויפגעהערט עסען. איהם איז פינסטער געווארען אין די אויגען, גלייך ווי מען וואלט איהם דערלאנגט מיט א האמער איבער'ן קאפ.

— איך א שפיאן?! — האט ער ווי באוואוסטלאז געשעפטשעט, אנשפארענדיג זיך ביים טיש. — איך א שפיאן?

פלוצים האט ער ווילד א געשריי געטאן גלייך ווי א שארפער וועהטאג וואלט איהם אנגעכאפט און צוגעשפרונגען צו דאווידזאנ'ען.

— איך א שפיאן?! טא באווייזט עס און דער'הרג'עט מיך. איהר מוזט עס באווייזען! וואו איז דער בריף? ווער שרייבט? ס'איז א געמיינער לינען! א מסירה! איהר האט מיין לעבען פאר'סם'ט! איהר וועט עס מוזען באווייזען!

נפתלי האט זיך אראפגעלאזען אויפ'ן שטול, ארומגעכאפט מיט ביידע הענט זיין קאפ און זיך צעוויינט ווי א געשלאגען, באר שטראפטע קינד.

— שא, כאפט נישט! — האט דער קרומער זיך צושריען.

— מען דארף פריהער דערגעהן דעם אמת!

— איך ווייס פון גארניט — האט איהם ביין איבערגעשלאגען דאווידזאן. — נישט איך האב עס געשריבען און עס איז נישט מיין שולד. איך בין נישט פאראנטווארטליך פאר אנדערע.

— נישט דיין שולד! — האט אנגעהויבען עפעס אן ארבייטער, נערוועז שפאנענדיג איבער'ן צימער. — ווי קען מען ווארפען אויף א מענשען אזא שולד, ווען איהר קענט איהם נאר נים? און מיר זיינען דאס די פארשטעהער פון אידישען פראלעטאריאט אין פאלעסטינא! איהר האט נישט וואס צו טאן, זוכט איהר שפיאנען. אט כלומרשט זיינען מיר אויך רעוואלוציאנערען, און אפילו שפיאנען זיינען ביי אונז פאראן. טפשים!

אלע האבען געשוויגען.

נפתלי האט אלץ געוויינט. דער קאפ האט זיך איהם גערעהט, פאר די אויגען האבען געטאנצט אראנזשען, גרינע און רויטע פייערלאך. דער שטול איז ערגעץ וואו פארשוואונדען, דאס צימער האט זיך אנגעהויבען דרעהען און די פנים'ער פון די אר־

ביטער זיינען צושוואומען און פארוואנדעלט געווארען אין שוואר־
צע פארמלאזע וואלקענס. און ער אליין פליהט אין א שווארצען
ענדלאזען תהום...

— — — — — — — — — — — —

נפתלי האט ערוואכט אין בעט. לעבען איהם איז געשטאנען
א דאקטאר און חיים איז געזעסען אן א זייט בלאס און דערשראקען.

— ליגט רוהיג! — זאגט דער דאקטאר.

אין א פאר שעה ארום איז נפתלי אוועק פון שטאדט. און
איצט, ליגענדיג אויפ'ן בעט, האט ער געוויינט פון דער גרויזא־
מער באליידיגונג.

— צייט אויפצושטעהן! — האט דער באלעבאס א געשריי
געטאן, — באלד וועט מען קומען טיי טרינקען.

נפתלי האט זיך אנגעטאן און ארויס אין גאס. ער האט זיך
אנטשלאסען אוועקצוגעהן פריהמארגענס אין עקאליפטוס וועלדעל
און דארט זיין א גאנצען טאג ווייט פון מענשען.

די זון איז שוין לאנג אויפגעגאנגען. די שעהנע ווייסע הייז־
זעלאך פון דער קאלאניע, ארומגערינגעלט מיט אייביג גרינע בוי־
מער, זיינען געווען ארומגעוועבט מיט גאלדענע שטראהלען. אר־
מעטום זיינען געווען צועפענט די פענסטער. עס האט זיך גע־
הערט א געלעכטער און פרעהליכע געשרייען פון אויפגעשטאנענע
קינדער. עס איז געווען שבת. די קאלאניע האט אויסגעזעהן
יום טוב'דיג און דער ריח פון גערטנער און פעלדער האט אנגע־
פילט די הייזער פון די קאלאניסטען מיט א זיסער לופט פון זייער
איינענער ערד.

אויפ'ן וועג צום וועלדער האט ער געטראפען אסטראווסקי'ן
מיט דער שועסטער. ער האט אראפגעלאזען דעם קאפ און נישט
גריסענדיג פארבייגעגאנגען.

— זיי האלטען מיר אויך מסתמא פאר א שפיאן — איז
איהם דורכגעלאפען א געדאנק.

נאך מיטאג איז נפתלי געקומען צוריק אין רעסטאראן. ער
האט זיך צוגעלעגט אויפ'ן געלעגער. אלע זיינען זיך צוגאנגען
און אין הויז איז געווארען שטיל. דער מידער נפתלי איז באלד איינ־
געשלאפען. און גע'חלום'ט האט זיך איהם, אז יהודית שטעכט איהם
אריין א מעסער אין הארצען און א נאקעטע מיט צולאזענע פייער

רויטע האר, האט זי זיך געדרעהט ארום איהם אין א משונע'נעם טאנץ.

נפתלי האט שנעל ערוואכט. דעמערונג. אין רעסטאראן איז געזעסען אן אלטער בעטלער, א תימנ'ער. ער האט זיך צוגעזעצט צום אפענעם פענסטער.

פונ'ם ארבייטער דערפעל האבען זיך געהערט טענער פון קאראהאר לידער. ס'איז איהם געווארען נאך אומעדיגער.

— דארט, אין פעלד, הוליען אלע — האט ער א קלער געטאן. — זיי האבען די גאנצע וואך געארבייט און קלייבען נחת פון דער שבת'דיגער מנוחה.

איהם האט זיך געוואלט אוועק צו זיי אין וואלד, זיך דרעהען אין א קאראהאד און הויך אויפ'ן קול ארויסזינגען א קלינגענד רייצענד ליד. נור עמיץ, א באהאלטענער, א שלעכטער, האט זיך גערייצט מיט איהם:

— ביזט א שפיאן! ביזט א שפיאן! פאר דיר איז קיין פלאץ ניטא צווישען זיי.

פארביי דעם פענסטער האבען שפאצירט די קאלאניסטען-טעכטער. פרישע, געזונטע מיידלאך אין בונטע בלוזקעס מיט הויטע העלזער. אט איז איינע פון זיי פארביי מיט א ווייסען, הויבען, דינעם שוואנען-האלז און מיט א שלאנקען גאנג פון אן אראבערין פון די גליל בערג.

פון דערפעל האבען זיך געטראגען טענער פון אומעטיגע מזרח-מעלאדיען. נפתלי האט געפיהלט, אז באלד פלאצט זיין הארץ, ער מוז אוועק אין דערפעל.

ניין, ניין, זיי דארפען איהם ניט פארפאלגען. זאלען זיי דערוויזען, אז ער איז א שפיאן און דאן זאלען זיי איהם דער'הרג'ענען. זיין נשמה איז ריין. ער קען שוין מעהר אזוי ניט ליידען. ער וועט זיי דערצעהלען פון זיין ליבע צו דער אלטער היים, וואוהין ער איז געקומען אנהויבען א נייעם לעבען. זיי וועלען איהם פארשטעהן, זיי אלע האבען דאך אויך אזוי ווי ער געבענקט נאך ארץ ישראל. און פון וויטען איינגעהילט אין ווייסע נאכט-שאטענס, באפוצט מיט קרענצלאך פון ווילדע פעלד-בלומען, אין קאלירטע קליידלאך האבען זיך מיידלאך געדרעהט אין קאראהאד ווי פיל-פארבינע גרוי-

סע שמעטערלינגען, און די בחורים זיינען געשטאנען ביי די זייטען און הילכיג געפליעסקעט צוזינגענדיג א פרעהליכס.

נפתלי האט זיך אפגעשטעלט.

ניין, ניין, איצט איז נים די צייט, און דא איז נים דער פלאץ צו רעדען מיט זיי, האט ער א קלער געטאן, און אפגעהענדיג און א זייט האט ער זיך אראפגעלאזט אויף דער ערד.

ס'איז טונקעל געווארען. דא און דארט אין הימעל האבען זיך אנגעצונדען שטערען, די מיידלאך האבען אלץ געזונגען, און די ריינע קלינגענדע שטימע פון איינער האט זיך געטראגען העכער פון אלע. נפתלי האט זיך צוגעדריקט מיט'ן קאפ צו דער ערד. אין די שטילע פארטראכטע שעה'ן האט זיך איהם געוואלט באַ־קלאגען פאר אימיצען א נאהענטען אויף זיין ביטערען מזל. ווען יהודית וואלט איצט מיט איהם געווען, ער וואלט באהאלטען זיין קאפ אין די פאלדען פון איהר קלייד, און זי וואלט איהם גע־לאסטשעט. אך, פארוואס זיצט ער דא? אפשר ווארט זי דארט און בענקט נאך איהם.

נפתלי איז אלץ געלעגען און געקלערט. און די קאראהאדען־לידער זיינען שוין פארשטארבען. מיט אמאל האט ער דערהערט א רויש. ער איז אויפגעשפרונגען א דערשראקענער, ארומקוקענדיג זיך. מיט געזויש און געלעכטער, אלע צוזאמען, איז געגאנגען די יוגענד אין קאאלניע. נפתלי איז ווי פארשטיינערט געווארען אויפ'ן פלאץ, א בלאסער מיט ברייטע אפענע אויגען קוקענדיג אויף אלע־מען. און זי, די יוגענד, איז פארביי איהם א פרעהליכע און א פרעמדע.

זיבעטער קאפיטעל.

אין דער פריה איז נפתלי מיט א פעקעל אויף די פלייצעס און מיט א גראבען שטעקען אין דער האנט אוועק אין שטאדט. אויף דער פאסט האט ער געפונען א בריף מיט געלד פון דער חיים. נפתלי האט געשריבען אז ער נעהמט ארום אהן ארבייט. ער האט זיך זעהר דערפרעהט און באשלאסען צו פארבלייבען אביסעל אין שטאדט. ער האט גענומען א צימער אין דער נייער ארבייטער־אכסניא ביים סאמע ברעג ים. איהם האט זיך געוואלט אפרוהען,

צוזאמענגעהמען די כחות און דערנאך אוועקגעהן אין קאלאניע, וואו יהודית האט געוואוינט. נפתלי האט זיך שוין צוגעוועהנט צו זיין פארצווייפעלטער לאגע און ער האט אלץ אויסגעמיטען זיך צו באגעגענען מיט די ארבייטער. גאנצע טעג פלעגט ער אפליגען אויפ'ן זאמד ביים ברעג ים. צוהערענדיג זיך צום גע־היימניספולען רוישען פון די אומרוהיגע כוואליעס.

איינמאל, אין א קאלטען טאג, ווען דער ים האט בייז גע־רוישט, פארניסענדיג די ברעגען, איז נפתלי געזעסען ביים טויער פון אכסניה. פון אן ענגען געסעל האט זיך באוויזען א מאגערער בחור, א שלאנקער און א שעהנער מיט לאנגע שווארצע געקרייזעלטע האר, אהן א היטעל, א בארוויסער. ער איז צוגעגאנגען צו נפתלי'ן און געפרעגט:

— קענט איהר מיר ניט אנווייזען דעם באלעבאס?

זיי זיינען אריין אין הויז.

דער באלעבאס, א גוטמוטיגער ברייטפלייציגער איד, דערזע־הענדיג איהם האט פרעהליך א געשריי געטאן:

— זעה נאר, אלימלך איז ווידער דא!

דער בחור איז געבליבען אין האטעל און געשלאפען אין איי־נעם מיט נפתלי'ן. ביינאכט, ליגענדיג אויפ'ן געלעגער, פלעגט ער זעהר בילדער־רייך דערצעהלען אראבישע מעשה'לאך. נפתלי האט זיך צוגעבונדען צו איהם און איהם ליב באקומען. יעדען מארגען פלעגען זיי צוזאמען ליגען ביים ברעג פון ים און זיך איינהערען אין דעם געריוש פון די כוואליעס.

איינמאל, אין א רעגענדיגען אווענט, האט נפתלי מיט טרע־רען אין די אויגען דערצעהלט איהם זיין אומעטיגע געשיכטע. אלימלך האט מיט גרויסער אויפמערקזאמקייט איהם אויסגעהערט און ווען נפתלי האט געענדיגט, האט ער איהם ארומגענומען און פריינדליך געזאגט:

— אזוי זיינען, מיין פריינד, מענשען! פיהלסטו אבער אז דיין נשמה איז ריין, דארפסטו זיך ניט זארגען. הער מיך אויס, מיין פריינד, ניט ווייט פון ירדן, אין א וואונדער־שעהנעם טאל, ליגט א קאלאניע. איך קלייב מיך איצט אהינצו און אויב דו ווילסט, קום מיט. דארטען וועלען מיר אפשר באקומען ארבייט.

נפתלי האט מיט פרייד צוגעשטימט. ער האט שוין

Digitized by Google

פון לאנג באשלאסען צו געהן צו יהודית'ן און אויפ'ן צווייטען טאג זיינען זיי אוועק צו דער קאלאניע, וואו יהודית האט געוואוינט.

נפתלי איז געווען בארוהיגט און האט זיך זעהר גוט געפיהלט מיט דעם מענשען, וואס האט דערמאנט אין א פעלד־גרעזעל, וואס וואקסט א פארגעסענע ביים וועג. די זון האט זיך געזעצט. אויף זייער וועג האבען זיי אנגעטראפען אן אראבער אויף אן עזעל און נאך איהם איז נאכגענאנגען א פרוי איינגעהילט אין טרויער מיט א פארדעקטען פנים.

אלימלך איז געגאנגען לאנגזאם, מיט א ליבליכען שמייכעל אויפ'ן דונקעלען פנים. נפתלי האט געקוקט אויף די הויכע בערג און געטראכט פון יהודית'ן.

אבער ווער ווייס, צי זי וועט איהם ליבליך באגעגענען? און ס'איז איהם קאלט געווארען און זיין הארץ האט איהם שטארק גע־קלעממט.

ס'איז טונקעל געווארען. זיי האבען זיך צוגעזעצט אפרוהען. פון דער ווייטענס האט געהיימניספול און פארשטיקט גערוישט דער ים. אלימלך, ליגענדיג אויפ'ן רוקען, האט געקוקט אויף די שטע־רען, אונטערברומענדיג אן אראבישען ניגון. ער האט געטראכט וועגען גאט, וועמענס בענקענדער גייסט האט איצט געשוועבט אי־בער דער ערד. וועגען טויט, וועלכער לייזט אויף אלע פארפלאנ־טערטע סודות פון לעבען. נפתלי איז געווען פארטיפט אין זיינע טרוימען וועגען יהודית. ער האט געהערט איהר שטימע, גע־פיהלט דעם אראמאט פון איהרע האר, געזעהן דעם שמייכעל אויף איהר אפגעברענטען פנים, און איהרע ווארימע הענט האבען ארומ־גענומען זיין האלז און זי האט זיך געלאסטשעט צו איהם מיט איהר גאנצען קערפער.

וואו האט ער געטראפען דאס מיידעל? ווען איז דאס גע־וועזען? ער האט זיך דערמאנט אן א זוניגען טאג, א בלויען ים, א האפען, א שיף, א גערויש פון מענשען. ער שטופט זיך אויפ'ן האפען. אט האט איהם א שמייכעל געטאן א שווארץ חנ'עוודיגע מיידעל. דאס איז זי, נאך וועלכער ער בענקט, פון טרויטען און פאנטאזיעס איז זי אויסגעוועבט, דערפאר זיינען איהרע אויגען אזעלכע טיפע, און פון איהר קערפער וועהט מיט פריהלינג און בלומען, פריהלינג און בלומען.

— נפתלי, לאָמיר גײן! איז אויפגעשטאַנען אלימלך.

נפתלי האָט אויפגעציטערט. זײ זײנען אַװעק װײטער.

אין קאָלאָניע זײנען זײ אָנגעקומען שפּעט. אין פילע הײזער זײנען שוין געװען אויסגעלאָשען די פײערן. אומעטום איז געװען שטיל. נאָר אין אַ קלײטעל האָבען יונגע לײט געפיהרט הויך װעגען עפּעס אַ װיכוח. צװישען זײ האָט נפתלי דערקענט שמאי, יהודית'ס ברודער. זײן האַרץ האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו קלאַפּען. אפשר װײסען זײ אויך װעגען אַלעס און האַלטען מיך פאַר אַ שפּיאָן? גאָט, װאָס פאַר אַן אומגליק!

— איך װעל איהם אַ רוף טאָן, — האָט נפתלי געזאָגט. — איך האָב אָבער מורא.

— איך װעל איהם אַ רוף טאָן — האָט פאַרגעלעגט אלימלך.

דער באַלעבאָס האָט אָבער אָנגעהויבען צומאַכען די קלײט און אַלע זײנען אַרויס אין גאַס. נפתלי האָט ניט אויסגעהאַלטען און אַ פרעהליכען געשרײ געטאָן:

— שמאי! שמאי! װאָס מאַכסטו?

— אַ, זעה נאָר, — האָט שמאי פאַרװאונדערט איהם דערלאַנגט די האַנט.

— שלום! און אלימלך קומט מיט דיר! פון װאַנען אַזוי שפּעט?

— אין אַ װײטען װעג געהען מיר, — האָט אלימלך געענטפערט.

— נו, קומט צו אונז, — האָט שמאַ זײ אײנגעלאַדען, — נו, װעט זיך יהודית דערפרעהען. זי דערמאָנט דיך זעהר אָפט. מיר װאוינען אָט דאָ הינטער דעם גאָרטען.

— װײזט אויס אַז זײ װײסען גאָרניט, — האָט גליקליך נפתלי אַ טראַכט געטאָן.

יהודית האָט נאָך װעטשערע זיך אַװעקגעזעצט אויפ'ן גאַניק זיך אָפּרוהען. זי איז געװען מיד און אומעטיג. פּלוצים האָט זי דערהערט אַ פּאָר פרעמדע שטימען און זי האָט זיך זעהר געװאונדערט.

— איך ברענג דיר געסט, יהודית, — האָט איהר ברודער מיט פרײד אַ זאָג געטאָן. — טרעף װעמען!

— נעסט? — האָט זיך דאָס מיידעל פאַרוואונדערט און געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל.

ווי הארציגע מוזיק האָט זיך צו נפתלי'ן דערטראָגען יהודית'ס שטימע און אָנגעפילט זיין הארץ מיט פרייד.

— שלום, יהודית, — האָט אַ שעפּטשע געטאָן נפתלי, און זיין הארץ האָט זיך ווי אַ ריס געטאָן פון זיין ברוסט, — איהר האָט מיך ניט ערווארט?

דאָס מיידעל האָט איהם ניט דערקענט באַלד. זי איז גע־שטאַנען אַ ווייַלע און מיט אַמאָל אויסגעשריען און אָנגעכאַפּט איהם ביי ביידע הענט.

— נפתלי פון וואַנען? זעה נאָר, מאַמע! קומט אין שטוב. איך האָב זיך טאַקע ניט געריכט אויף דיר. אלימלך איז אויך מיט דיר! שלום! וואו האָט איהר זיך געטראָפען?

זיי זיינען אריין אין שטוב. די מוטער האָט זיי באַגעגענט מיט אַ גוטען שמייכעל.

— שמאי, צינד אָן די ספּיריט מאַשינקע, איך וועל מכבד זיין די געסט מיט טיי — האָט יהודית, אַ צוטומעלטע פון פרייד, געזאָגט און איהר פּנים האָט געפלאַמט. — איהר זייט מסתמא זעהר מיד? ווי לעבט איהר, נפתלי, דערצעהלט. וואָס זעהט איהר אויס אזוי שלעכט, בלאַס און מאַגער, איהר פיבערט האַ? זי האָט איינגעגראָבען איהרע אויגען אין איהם און איהר פּנים האָט זיך פאַרצויגען מיט טרויער, און ער האָט זיך געפיהלט אזוי גליקליך פון דער וואַרימער באַגעגעניש. ווי שעהן זי איז געוואָרען פאַר דער קורצער צייט!

די מוטער האָט דערלאַנגט טיי. אלע האָבען זיך געזעצט צום טיש, אלימלך האָט דערצעהלט וועגען זיינע לעצטע וואַנדערונגען. יהודית איז געזעסען לעבען נפתלי'ן און אזאַ פרייד האָט געשיינט אין איהרע אויגען, און די מוטער, קוקענדיג אויף זיי האָט גע־שמייכעלט ליבליך.

שפּעטער האָט יהודית אריינגעפיהרט נפתלי'ן אין איהר קליי־נעם ריינעם צימער. אויפ'ן טישעל אין אַ גלאָז זיינען געשטאַנען פעלד־בלומען. זיי זיינען געשטאַנען ביים אָפענעם פענסטער, פאַר וועלכען ס'האָבען שטיל געשעפּטשעט די הויכע שוואַרצע צעדער־בוימער.

— יהודית, — האט געזאגט נפתלי, — זיינען מיר טאקע צוזאמען? איז עס ניט קיין חלום?

— ווי אפט פלעג איך קלערן וועגן דיר, שטעהענדיג דא ביים פענסטער. פארוואס האסטו מיר ניט געשריבען די גאנצע צייט? ווען אלע וועלען זיך לעגען שלאפען, וועלען מיר ארויסגעהן אויפ'ן בערגעל, דארטען וועסטו מיר דערצעהלען אלעס וועגען דיר. מיר האבען זיך דאך אזוי לאנג ניט געזעהן.

— יהודית, יהודית, ווי גוט איז מיר מיט דיר! — האט ווי פאר'שכור'ט פון איהר נאהענטקייט גערעדט נפתלי. — ווי גוט עס שמעקען דיינע צעפ און דיין פנים ברענט.

ער האט זי שטיל צוגעטוליעט צו זיך און גענומען קושען איהרע אויגען, א גליקליכער ווי א קינד. ווען זיי זיינען ארויס פון צימער, האט די מוטער אויף זיי א קוק געטאן ווי זי וואלט געזאגט:

— איך ווייס אלץ, קינדער, עס מאכט ניט, איהר זייט יונג, זאל אייך גאט בענשען.

ווען אלע האבען זיך געלעגט שלאפען זיינען זיי אוועק אויפ'ן בערגעל, אנשפארענדיג זיך אין זיין ארעם, האט זי זיך געטוליעט צו איהם און באהויכט מיט איהר ווארימען אטעם. ער איז געווען צוטומעלט און דאס הייסע בלוט איז איהם שטראמען-ווייז געקומען אין קאפ.

— קום צום גרינעם בערגעל. איך האב דארטען אפט נאך דיר געבענקט, דערמאנענדיג זיך אין אונזער נסיעה, דעם טונקעלען טרוים און די נעכט אויפ'ן דעק.

אויפ'ן בערגעל איז געווען קאלט. נפתלי האט געציטערט. זיי האבען זיך באלד צוריקגעקעהרט אהיים.

— ליבער, וואס שווייגסטו? — האט יהודית איהם געפרעגט, זיצענדיג ביים פענסטער אין איהר צימער און שטיל געגלעט זיין קאפ. — איז דיר שווער געווען די ארבייט? האסט מאזאליעס אויף די הענט? דערצעהל!

— איך בין זעהר מיד — האט זיך געקלאגט נפתלי, שטעהענדיג אויף די קני און באהאלטענדיג דעם קאפ אין די פאלדען פון איהר קלייד. — מארגען, מארגען... איצט וויל איך אפרוהען.

Digitized by Google

א ווײַלע זײַנען זיי געזעסען שטיל. דערנאָך האָט יהודית איהם אויפגעהויבען און פעסט צוגעטוליעט איהם צו איהר מיידעלשער ברוסט און איהם הייס געקושט, א פאַר׳שכור׳טע פון ליידענשאַפט.

נפתלי האָט געקלערט, צי זאָל ער איהר דערצעהלען אַלץ וואָס ס׳האָט פּאַסירט. ער האָט זיך געשראָקען, אז זי וועט ווישט גלויבען זיין אָפּענהערציגקייט און ער האָט באַשלאָסען צו שווייגען. יענע נאַכט האָט ער זיך שפּעט געלעגט. פאַר׳ן שלאָף האָט איהם די מיידעל א קוש געטאָן און א מירע, א שעהמעוודינע, זיך געלעגט שלאָפען.

נפתלי האָט אין שלאָף געזעהן דאָווידזאָנ׳ען. ער האָט זיך געיאָגט נאָך איהם און געשריען:

— שפּיאָן! שפּיאָן! וואַרט, זי וועט אַלץ געוואָר ווערען און דיך אוועקוואַרפען.

אין דער פריה האָט אלימלך פאַרגעלענט נפתלי׳ן אוועקצוגעהן ווייטער אין יענער שעהנער סאָלאָניע, וואָס איז געלעגען אין טאָל.

— וואַרט צו נאָך א טאָג, — האָט געבעטען נפתלי. — אפשר וועל איך דאָ קריגען ארבייט.

אלימלך האָט צוגעשטימט.

נאָכמיטאָג זײַנען זיי אוועק צום מאַנדעל־גאַרטען, וואו יהודית האָט געאַרבייט. ביים טויער פון גאַרטען איז אויף א שטיין געזעסען א בלינדער אַראַבער.

— אהער, אהער! — האָט יהודית געשריען, דער טויער איז געשלאָסען.

זי איז ארויס אַנטקעגען, זיי אַריינגעפיהרט אין גאַרטען און געצייגט ווי זיי ארבייטען.

אַן ארבייטער האָט דערקענט נפתלי׳ן און איהם געפרעגט, ווי ער פיהלט זיך. ער איז געוועזן ביי חיים׳ען בשעת דער שווערער סצענע מיט דאָווידזאָנ׳ען.

— אַלץ איז שוין פאַרביי, — האָט נפתלי א זאָג געטאָן און זיין האַרץ איז איהם ווי פאַרקיהלט געוואָרען.

— איהר זייט שוין באקאנט? נפתלי, זייט איהר קראנק גע־וועזן? — האט יהודית געפרעגט.

— נארישקייטען! — האט ער געענטפערט — אביסעל געפיבערט.

יהודית איז געקומען פון דער ארבייט א צוטראָגענע. זי איז אריין אין איהר צימער און פארמאכט הינטער זיך די טיר. מען האט באמערקט, אז עפעס איז מיט איהר געשעהן. נפתלי האט אויף איהר לאנג געווארט, פיהלענדיג אז זי וויים שוין, ווייזט אויס, פון אלץ. יענער ארבייטער האט איהר אלץ דערצעהלט. ער איז ארויס פון איהר שטוב א צובראָכענער א דערשלאָגענער. דער אווענט איז געווען א קאלטער, א נאסער. ער האט געבלאָנדזשעט איבער דער קאלאָניע. און טרערען האבען זיך געגאָסען פון זיינע אויגען.

— וואוהין זאל איך איצט געהן? האט ער געקלערט. ווי אומ'ברחמנות'דיג זיינען צושטערט געווארען מיינע חלומות ווע־גען א נייעם לעבען אין דער אלטער היים. זי האט געגלויבט. ווי שרעקליך מוז זי איצט ליידען. זי האט געלאסטשעט און געליבט א שפיאָן. — אך, יהודית, יהודית! און ער איז ווידער אוועק צו איהר א קראנקער, ציטערנדיג פון קעלט און נאסקייט. ער איז לאנג געשטאנען ביי איהר טיר. און ווען יהודית איז ארויסגעקומען, איז ער געפאלען צו איהרע פיס, געוויינט און דערצעהלט איהר די טרויעריגע געשיכטע. ער האט געקושט איהרע פיס, און וויינענ־דיג זי געבעטען, זי זאל איהם נישט פארלאָזען.

— אָבער איך קאָן זיך דאך מיט דיר מעהר ניט טרעפען, דערוועיז זיי, אז דו ביזט אומשולדיג. געה אוועק.

נפתלי האט געפיהלט, אז ער געהט אויס פון וועהטאג. ווי א משוגענער האט ער ארומגעכאפט איהרע פיס, בעטענדיג:

— יהודית, געה ניט אוועק! אויך דו טרייבסט מיך? מיין נשמה איז ריין, דאס איז א בלבול, א געמיינער ליגען. פארשטעה, דאס איז א מאָרדנער פלאנטער. זיי האבען מיך אנגענומען פאר אן אנדערען און אומשולדיג פארפאלגט... יהודית, געה ניט אוועק! איך ליב דיך!

ער האט ביז וועהטאג געדריקט איהרע פיס, צופאלענדיג מיט'ן קאפ צו איהרע קני, געקושט איהר קלייד.

Digitized by Google

יהודית האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע הענט, זיך צעוויינט און פּריין אין שטוב. נפתלי איז געבליבען ליגען אויף דער שוועל אין האלב חלשות מיט אַן אויסגעקרימטען פּנים.

אויף מאָרגען איז נפתלי געלעגען אַ קראַנקער אין אָרבייטער־אכסניה. אלימלך איז געזעסען ביי זיין בעט.

אין צימער איז געווען פּוסט און אומעטיג. נפתלי האָט גע־דרימעלט, ער האָט געזעהן אַ נייע יום־טוב'דיגע ירושלים. איבער די גאַסען אונטער די טענער פון פּלייטען און לירעס טאַנצט מען און מען זינגט.

משיח איז געקומען,
פרעהט זיך בערג, רוישט איהר וועלדער,
איבער ציון שיינט ווידער אויף די זון,
משיח, משיח איז געקומען.

און מיט איהם איז יהודית. זי טראָגט אַ לאַנג אויסגענעהט קלייד און איהר פּנים שיינט ווי דער מאָרגען־שטערען; זי האַלט איהם פעסט ביי דער האַנט, לאַכט און עס לאַכען די חן־גריבלאַך אויף איהרע אָפּגעברענטע באַקען, און עס פרעהט זיך די יונגע ברוסט אונטער דעם אויסגענעהטען קלייד, און עס שמייכלען בליש־צענדיג איהרע ווייסע צייהן, און אלימלך טאַנצט מיט אַ מיידעל, זיינע לאָקען זיינען באַשפּריצט מיט ברענענדע רובינען, און זיי רינגלען איהם אַרום מיט אַ רינג פון פּיל־פאַרבינע שטראַהלען.

— — — — — — — —

נפתלי כאַפּט זיך אויף. שטיל. אַ שטראַהל פון דער זון שפּילט זיך אויף דער וואַנט. אלימלך, אַ באָרוויסער, געהט אַרום איבער'ן צימער און זינגט פון די רוסישע ברייטע סטעפּעס, וואָס ציהען זיך העט ווייט, און פאַרלירען זיך אין בלויען רוים.

די אויגען ביי נפתלי'ן שליסען זיך פּאַמעלאַך צו, ער הערט דעם געוויש פון די הויכע ווילדע גראָזען, אין דער ווייטער סטעפּע. איבער איהר וועהט אַ שווייגענדער אומעט. ווייט, ווייט, זעהט ער אויף אַן אַלטען וואָגען אַ פּויער מיט אַ מידען פערד, וואָס הויבט

קוים די פיס. דער טאג איז א הייסער, דאס פערדיל שלעפט זיך,
און דער פויער ציהט מאנאטאן:

— ע־ער־דא־ע־עך.

עס ווילט זיך איהם אוועקלעגען זיך אויף די גראז און איינ־
שלאפען, זאלען איבער איהם ארומשוועבען די בונט־פארבינע
שמעטערלינגען, זאלען די ביהנע זשומען דרעהענדיג זיך ארום די
בלומען. און דארטען, הינטער'ן וואלד, טראגט זיך א זילבערנער
טייך פארלירענדיג זיך אין דער ווייטקייט.

— ע־ער־דא־ע־עך.

— אך, ווי שווער. ער איז אפגעריסען פון יענע סטעפעס,
פעלדער, און פון דעם פרעמדען ליד, וואס קלינגט אזוי הארציג,
און דאס איינענע לאנד האט אפגעשטויסען פון זיך איהר פארמא־
טערטען זוהן. וואהין זאל ער געהן? צוריק אין פארוואָרפענעם
שטעטעל? דארטען האט מען איהם געליבט, אלע זיינען געווען
איהם אזוי נאהענט.

אט שטעהט דאס אלטע הייזעל פון זיין מוטער, מיט'ן שטרוי־
נעם דאך און צובראָכענעם קוימען. זי זיצט אויפ'ן שוועל און
שטריקט א זאָק. צו איהר צוגעטוליעט זיצט רחל'ע, דעם שכן'ס
טעכטערל, אזא שעהמעוודינע, מיט גרויסע פאר'חלומ'טע אויגען.
זי ווארפט אלע ווײלע א בליק אויף איהם און א לייכטער ראזעווער
קאליר באפארבט איהרע באקען...

— — — — — — — — —

און איז דער אלטער בית־המדרש ביים ברעג פון טייך. פאר־
נאכט. שטיל טוט תפילה א יונגע בעראזקע ביים פענסטער. ער
זיצט אין א ווינקעל ביים ארון קודש און אומעטיגער, דער אלטער
שמש שפאנט אום הין און צוריק און ברומט א שטילען ניגון, און
גוט איז איהם אויף דער נשמה.

ווי גוט זיינען דיינע געצעלטען, יעקב, דיין רוהע־פלאץ, ישראל.

— — — — — — — — — —

— דו שלאפסט?

נפתלי האט אויפגעעפענט די אויגען. לעבען איהם איז גע־
שטאנען אלימלך. ער האט ווידער אנגעהויבען צו רעדען וועגען
יהודית'ן. ביי דער נאכט האט זיך די היץ ביי איהם פארגרעסערט

און ווי פֿון שלאָף האָט ער געהערט, ווי אומיצער האָט איהם געלעגט קאַלטע קאָמפּרעסען צום קאָפּ. און אין דער פריה האָט איהם אלימלך אוועקגעפיהרט צוריק אין שטאָט, און אריינגעגעבען אין האָספּיטאַל.

ביים געזעגענען זיך האָט ער נפתלי׳ן ארומגענומען און איהם אַ קוש געטאָן, און אַ שלאַנקער, אַ שעהנער האָט ער לאַנגזאַם פאַר־לאָזען דעם האָספּיטאַל און איז אוועק אין יענער וואונדערבארער קאָלאָניע, וועלכע האָט זיך געפונען אין גרינעם טאָל ניט ווייט פון ירדן.

8טער קאַפּיטעל

אין די גערטנער האָט זיך צובליהט די געלע, שמעקעדיגע אקאַ־ציע. די מאַנדלען זיינען צייטיג געוואָרען און אויף די וויין־גערט־נער האָבען זיך באוויזען די הויכע ראַנאַזשע־ביידלאַך. ביים זונען־אונטערגאַנג פלעגען זיך צונויפקומען מיידלאַך צו די וועכטער און אַ באַהאַלטענער שעפּטשען האָט זיך געהערט צווישען די פינסטערע אַלעען.

עס איז געווען אַ שטילע בלויע נאַכט. נפתלי איז געשטאַנען ביי זיין ביידעל און אן אומטעיגער געקוקט אין יענער זייט פון דער קאָלאָניע, וואו יהודית איז געווען. מיט אַ פּאָר טעג פריהער איז ער ארויס פון שפּיטאָל און איז באַלד אוועקגעפאָהרען אין קאָלאָניע, מיט דער האָפנונג, אַז יהודית וועט איהם איצט באגע־גענען פריינדליך און אַז זי גלויבט, אַז ער איז אומשולדיג. אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט.

אויפ׳ן אנדערען טאָג האָט ער זי געטראָפען אין גאַס. זי איז געגאַנגען צו דער ארבייט.

נפתלי, מיט אַ שטאַרקען קלאַפּענדיגען האַרץ, איז איהר נעגאַנ־גען אנטקעגען. באַמערקענדיג איהם פון דערווייטענס, האָט זיך יהודית אָפּגעשטעלט: נאָר באַלד זיך אָפּגעקערט אָן אַ זייט און איז פאַרביי אַ פרעמדע, אַ שטאָלצע.

— יהודית! — האָט זיך נפתלי אַ יאָג געטאָן נאָך איהר. —

אָבער יהודית איז געגאַנגען ווייטער מיט האַרטע, פעסטע טריט, א שלאַנקע, א רייצענדע.

שוואַרץ זיינען געוואָרען פאַר איהם די טעג.

איינמאָל אין א שטערענלאָזען נאכט האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין צווייטען ווייןגאָרטען, וואו עס האָט געוואַכטעט דער אַלטער מיכאל.

ביים ביידעל האָט געפלאַקערט א פייער און אימיצער פון די אַרבייטער איז מיט'ן אַלטען געזעסען ביים פייער.

— מען קאָן דאָך אַזוי גאַרניט וויסען, — האָט ער דערהערט דעם אַלטענס שטים. — נאַרישקייטען! מען טאָר ניט גלאַט אַזוי באַשולדיגען א מענשען. ווען קאָן ער דאָ שפּיאָנירען?

נפתלי איז פאַרגליווערט געוואָרען.

— וואַרט! — האָט זיך געהערט א יונגע שטימע. — מיר האָבען זיך איבערצייגט. מיר האָבען באַקומען א בריף פון אונ־זערען א חבר.

— כ'גלויב ניט, — האָט איהם איבערגעשלאָגען דער אַלטער, — איהר האָט ליב צופיל צו פּלאַפּלען.

פּלוצלונג האָט זיך דערהערט א פייף און נפתלי איז אוועק צוריק אין זיין ווייןגאָרטען.

ניין, ער וועט ניט אוועקגעהן פון דאַנען. מאָג זיין האַרץ אַפילו פּלאַצען צווישען זיי. מען דאַרף זיך נאָר מיט כח אָננעהמען איבערצוטראָגען די צרות. זיי וועלען נאָך ערפאַהרען דעם אמת. קומען וועט א טאָג, ווען זיי וועלען איהם ברידערלאַך אויסשטרעק־קען די הענט. יהודית וועט קומען זיך אנטשולדיגען. זיין געוויסען איז ריין.

זאָל ער זיך ווידער אומקעהרען אַהין אין בייזען לאַנד, וואו ער האָט געפיהרט אַן אָרעם לעבען און זיך געיאָגט נאָך אַן אַטעס־טאַט? ניין. ער וועט אין ערגעץ ניט אוועק פון דאַנען. און נאָט איז מיט איהם, אַז זי האָט אַזוי גרינג געגלויבט אין דעם בלבול. אָ, יהודית, יהודית...

נפתלי האָט זיך אַראָפּגעלאָזען אויף דער ערד. אין צווייטען ווייןגאָרטען האָט ווער געזונגען אָהן ווערטער, מיט א שטאַרקער שטימע, און ס'האָט זיך געהערט א הילכיגער, זילבערנער געלעכ־

טער פון א מיידעל. דער רייצענדער, קלינגענדער געלעכטער האָט זיך געדרעהט איבער איהם, און ס'האָט זיך איהם פאַרוואָלט וויי־נען. ער־האָט ניט געקאָנט הערען די טענער, וואָס האָבען דערמאָהנט יהודית'ס געלעכטער. ענדליך איז אלץ שטיל געוואָרען און ער האָט געקאָנט ליגען א פּאַרטיפטער אין זיינע אומעדיגע געדאַנקען.

אין קאָלאָניע איז געווען א חתונה פון א יונגער, שעהנער מיידעל, א רייכען קאָלאָניסט'ס א טאָכטער. אין הויף, ביי דער כלה, האָט מען אויפגעשטעלט א דאַך פון ראָגאָזשעס, מען האָט אָנגעגרייט א סך וויין פאַר די געסט, די מוזיק האָט געשפּילט און פּאַרלאַך האָבען זיך געדרעהט אין טאַנץ. אלע וועכטער זיינען געווען שטיל אין די ווייננערטנער. ס'האָבען ניט געפלאַקערט קיין פייערען, ס'האָבען זיך ניט געהערט קיין שיסערייען, און אין שטי־לען רוה זיינען געלעגען ארום די ווייטע פעלדער.

נפתלי איז א גאַנצען טאָג געלעגען אין ביידעל. פאַרנאַכט האָט ער גענומען די ביקס און איז ארוים וועכטעווען. ער איז א פּאָר מאָל ארומגענאַנגען דעם כרם און אומגעקעהרט זיך צום ביי־דעל. ס'איז שוין געווען פינסטער און דאָס ביידעל איז געשטאַ־נען פאַרטראַכט, אַזוי ווי שעפּצענדיג: טרויעריג איז דעם איינזאַמען אויף דער וועלט, טרויעריג. און א טיפער וועה האָט אָנגעפילט זיין נשמה. און דער אָווענט איז געווען א וואַרעמער, א שטילער און א צאַרטער, ווי די לאַסקע פון א מיידעל. ניט ווייט אויף דעם קאַוואָנע־פעלד, אויף דער „מוקטע", האָט אַן אראַבישער וועכטער געשפּילט אויף א פּייפעלע און די זיסע טענער האָבען זיך אין דער בלויער לופט געטראָגען ווי ווייסע מלאכים'לאַך, וואָס זינגען צו גאָט, און טראָגען זיך איבער דער ערד, ווי אָנזאָגער פון שלום און ליבע.

דער אַראַבער האָט אלץ געשפּילט. און נפתלי האָט געקוקט אין דער קאָלאָניע, וואו יהודית איז געוועזען.

פון דער קאָלאָניע האָט זיך דערהערט דימוזיק. נפתלי האָט א ציטער געטאָן. ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז היינט איז א חתונה. דאָרטען וועט געוויס זיין יהודית און עס האָט איהם א ציה געטאָן אהין צו זעהן יהודית אין איהר יום־טוב'דיגען קלייד.

Digitized by Google

און די מוזיק האט געשפילט, און די טענער פון דער פלייט האבען געמאניעט.

— קום, אייל צו אונז, אריין אין קאראהאד מיט דיין געליבּ־טער, איהרע אויגען ברענען, ווי שטערען, און זי איז שעהן. זיווארט אויף דיר, אייל! דאס לעבען איז קורץ, און די יוגענט פארשווינדט.

אזוי, אזוי, — האט אויסגעקלאפט די פויק, און די פלייט האט ווידער געוויינט, געבעטען און גערופען.

— זיי קאנען מיך פאריאגען, — האט ער געקלעהרט, — „דאס איז ניט קיין פלאץ פאר א שפיאן", וועלען זיי זאגען, און א באליידיגטער, א פארפאלגטער, וועל איך מוזען אוועק פון דאר־טען.

צוםביידעל איז צוגעקומען אן אלטער אראבער.

— שלום צו דיר, כאוואדזשע, — האט ער געזאגט, צונעהענ־דיג צו נפתלי'ן, — פארוואס געהסטו ניט אויף דער חתונה? געה, אלע וועכטער זיינען דארט, האב קיין מורא ניט. איך וועל דא היטען.

דעם אלטענ'ס ווערטער האבען ווי גארלען געשטאכען זיין הארץ.

— ווי שעהן מען שפּילט — האט געזאגט דער אראבער און זיך אראפגעלאזען אויף דער ערד.

א ווײלע שפעטער, ווען דער אראבער איז אוועק, איז נפתלי, געיאגט פון גרויסער בענקשאפט און איינזאמקייט, אוועקגעלאפען אין קאלאניען אויף דער חתונה. איין געדאנק האט זיך געדרעהט אין זיין קראנקען קאפ, ער וועט דארטען זעהן יהודית'ן. ער וועט הערען איהר שטימע, איהר געלעכטער, אפשר וועט זי איהם א שמייכעל טאן, און פאר אלעמען אין די אויגען איהם נעהמען ביי דער האנט און אריינפיהרען אין קאראהאד.

„שפיאן, שפיאן!" — האט זיך איהם אויסגעדוכט, אז עמי־צער שרייט איהם נאך, און א פארוואונדערטער איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען וועג. ס'איז געוועזען שטיל. ס'האט זיך בלויז געהערט דער ווייטער רויש פון דער חתונה.

— נאַט מיינער! — האָט א קלעהר געטאָן נפתלי אין שרעק,
— איך געה אראָפּ פון זינען.

אויף דער חתונה איז געווען א גרויסער טומעל, און קיינער האָט איהם ניט באמערקט. ביי לאַנגע טישען האָבען די קאַלאַ־ניסטען געגעסען און געטרונקען, ארום זיינען געשטאַנען אראבער און אראבקעס, צוקוקענדיג דעם אידישען יום־טוב, די אידישע „פאנטאזיע”. די יוגענט האָט געטאַנצט. נפתלי האָט געזוכט צווי־שען דעם עולם יהודית'ן, נאָר ער האָט זי ניט געקאָנט געפינען. אפשר איז זי קראַנק? איז איהם דורכגעלאָפען א געדאַנק אין דעם מאָמענט, אָבער אָט האָט ער זי דערזעהן מיט א בחור אין א שווארצען העמדעל.

דאָס מיידעל איז געווען אין א ווייסער קלייד, מיט בלומען אין די האָר און אויף'ן ברוסט. זי האָט איהם געהאלטען פאר'ן האַנט און געשמייכעלט מיט א כשוף'דיגען שמייכעל. איהרע אויגען האָבען געגלאַנצט און זי האָט אין גאַנצען געאָטעמט מיט פריהלינג מאָרגען, א רייצענדע און שטאַרקע.

נפתלי האָט איהר נאָכגעקוקט, קוים האלטענדיג זיך אויף זיינע פיס.

מינוטען־ווייז האָט זיך איהם געדאַכט, אז ער ליגט א קראַנקער אין היץ, און דאָס דרעהען זיך עפּעס שאָטענס ארום איהם, און ער קאָן בשום אופן ניט קומען צום באַוואוסטזיין...

— מוזיקאַנטען! שפּילט א פרעהלאַכס! — האָט א געשריי געטאָן דער אלטער מיכאל און די מוזיק האָט א קלאַפּ געטאָן.

אַלע האָבען זיך גענומען פאר די הענט און געלאָזט זיך אין א קאַראהאָד צוקלאַפּענדיג מיט די פיס אין טאַקט פון די מוזיק. און יהודית מיט א בחור האָבען זיך ארויסגעריסען פון קאַראהאָד און ארומנעהמענדיג זיך האָבען זיי זיך גענומען דרעהען באזונדער, ווילד ווי דער פרייער ווינט. איהרע האָר האָבען זיך צוואוואָרפען, די בלומען זיינען געפאלען צו די פיס. אום ניט צו פאלען האָט זיך נפתלי אָנגעשפּאַרט אָן איינעם פון די שטאַנגען וואָס האָבען אונטערגעשפּאַרט דעם דאַך. און מיט אמאָל, וואַקלענדיג זיך ווי א שיכור, איז ער א טויט־בלאַסער, מיט משוגע'נע אויגען, צוגע־לאָפען צו יהודית'ן. ער האָט איהר געוואָלט עטוואָס זאָגען, אָבער

די מיידעל, דערזעהענדיג איהם, האָט א געשריי געטאָן, אוועקשלעפענדיג דעם בחור אָן א זייט.

צווישען דעם רויש און טומעל האָט קיינער גאָרניט באמערקט. נפתלי איז געבליבען שטעהן א פארשטיינערטער און באלד מיט פעסטע טריט פארלאָזען די חתונה.

געוואָלט האָט ער זיך אומקעהרען אויפ'ן כרם, נאָר ארויס־געהענדיג איז ער אוועק אין דער אַנדער זייט. אויפ'ן הארצען איז איהם פלוצים געוואָרען אזוי רוהיג און גוט. דער בייזער געדאנק אונטערצוצינדען די קאָלאָניע האָט איהם איצט אויסגעזעהן משוגע־דיג ווילד.

— הייליגע ערד, זיי מיר מוחל, — האָט א שעפּצע געטאָן נפתלי, און טרעהרען האָבען זיך באוויזען אין זיינע אויגען.

ער איז געגאַנגען שנעל. אין א פּאָר מינוט איז ער געווען אונטער דער קאָלאָניע, ביים זיתים־גאָרטען, דאָרט האָט ער זיך צוגעזעצט אויף א שטיין.

— אך, פארוואָס איז ער ניט אוועק מיט אהרנ'ען אין גליל. — דאָרט וואָלט מען דאך איהם ניט אזוי נידעריג באשולדיגט. אהרן קאָן דאך איהם גוט. שוין מאָרגען וועט ער פארלאָזען דעם כרם און אוועקגעהן קיין גליל. דאָ וועט ער אראָפּ פון זינען. פון יהודית'ן מוז ער אוועק.

עס האָט געטאָגט. אין הימעל האָבען שטיל געצאנקט די שטערען. נפתלי איז אויפגעשטאנען און אריין אין גאָרטען, שווער שפּאַנענדיג איבער דער צוגראָבענער ערד. ער האָט געפיהלט, אז א גרויסע ליבע צום אייגענעם לאַנד פלאַקערט אויף אין איהם. זאָלען זיי איהם אָפּשטויסען; די ערד, אָבער, די מאמע־ערד, וועט איהם צוטוליען ווי אַן אייגענעם זוהן.

זי וואַרט שוין לאַנג אויף איהרע איבערגעגעבענע קינדער, וועלכע זאָלען אויפאַקערען איהר אויסגעדאַרטען ברוסט און זי באַפרישען מיט זייער שוויים און בלוט.

נפתלי האָט זיך אוועקגעלעגט אויף דער ערד און זיך צוואוויינט מיט שטילע גליקליכע טרעהרען. און די בוימער שאָקלענדיג מיט די קעפּ איבער איהם האָבען ווי געשעפּצעט:

— מיר האבען דיך ליב. מיר וועלען דיך באהאלטען אין די שאטענס פון אונזערע צווייגען. ליב אונז, ווי מיר ליבען דיך.

און דער פריהמארגען האט זיך צופלאקערט און באלד איז אויפגעגאנגען די זון, באגילדענדיג די שפיצען פון יהודה'ער בערג. די ערד האט מיט א שמחה ערוואכט און די גאנצע וועלט האט זיך אנגעפיהלט מיט א געזאנג.

ווען נפתלי האט זיך אומגעקעהרט אויפ'ן כרם, האבען די וועכטער אויף דער חתונה געטאנצט דעם לעצטען טאנץ מיט ארויס־געצווינגענע קינזשאלען אין די אויפגעהויבענע הענט. ארום האבען אלע געקלאפט מיט די הענט צום טאקט און די מוזיק האט גע־שפילט א קאראהאד. געברומט האט דער באס, פרעהלאך געפויקט האט די פויק, נאר די פלייט האט געוויינט און געקלאגט, געקלאגט און געוויינט...

אין צוויי טעג ארום, מיט א פעקעל אויף דער פלייצע און מיט דער האפנונג אויף א בעסערע צוקונפט, האט נפתלי פארלאזען די קאלאניע און צופוס אוועק צום אייביג גרינעם גליל.

(שלום)

1916.

צווייטע אָפּטיילונג

Digitized by Google

שאַטענס קומען, שאַטענס געהען

דער סקולפּטאָר, שלמה פּערלמוטער, איז געקומען קיין ארץ ישראל ווי אַ טוריסט. און צום ערשטען מאָל האָט ער דערזעהן אַזיאַן אין אַ הייסען זומער־טאָג, ווען אַ פּאַרמאַטערטער פון דורשט, איז ער געגאַנגען פון גליל קיין ירושלים און איז אַריין אין אַן אָרעם דערפעל בעטען אַ טרונק.

ביי אַ ליימענער כאַטקע, אין אַ פּאַרמינדערטען שאָטען פון אַ פּאַרטריקענטען פייגענבוים האָט געדרעמעלט אַן אַלטע אַראַבקע. ער האָט זי אויפגעוועקט, געגעבען אַ קליינע מטבעה און די פרוי האָט אימיצען אַ רוף געטאָן. און אין אַ פּאָר מינוט אַרום, מיט אַ קליינעם קרוג אין האַנט, האָט זיך פון כאַטקע באַוויזען אַ יונגע, שלאַנקע פּעלאַשקע מיט אַזאַ שטריינגער שענקייט, אַז דער קינסטלער איז געבליבען שטעהן פאַרוואונדערט. און זי, איינבויגענדיג גראַציעז איהר שוואַרץ קעפּעל, האָט איהם דערלאַנגט דעם קרוג און אַ שמייכעל געטאָן, ווייזענדיג איהרע קליינע, ווייסע שטאַרקע ציינער.

דער קינסטלער האָט אַ טרונק געטאָן, נאָר ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטען דעם קרוג און געקוקט אויף דער פּעלאַשקע, וועלכע איז אָפּגעגאַנגען אָן אַ זייט און זיך אַוועקגעשטעלט לעבען דער אַלטער אונטער׳ן פייגענבוים, דערמאָנענדיג אַ שטילע, געהאָרכזאַמע געשטאַלט פון ריינער אומשולד. אַוועקגעהענדיג האָט ער זי געפרעגט, ווי אַלט זי איז, און זי האָט איהם דערצעהלט, אַז זי איז שוין דריי יאָהר פאַרהייראַט פאַר אַ באַיאָהרענטען אַראַבער, וועלכער געפינט זיך איצט אויפ׳ן וועג נאָך מעקאַ צו עולה רגל זיין אויפ׳ן קבר פון׳ם גרויסען נביא.

און דעם גאַנצען טאָג, שפּאַנענדיג איבער די וועגען פון די וויסטע בערג פון יהודה, האָט דער סקולפּטאָר געטראַכט וועגען

דער שעתנער פּעלאַשקע, וועלכע האָט איהם דערלאַנגט אַ קרינעל מיט קאַלטען וואַסער, און די נעראָנקען וועגען איהר האָבען אָנגע־פילט זיין הארץ מיט אַ שטילען טרויער און געבאָרען אין איהם בילדער פון בין השמשות׳דיגע זונפאַרגאַנגען ערגעצוואו אין אַן אומבאַוואוסטען גליקליכען לאַנד.

איינציגען איז דעם סקולפּטאָר אויסגעקומען צו פאַרלאָזען ארץ ישראל און אומקערען זיך צוריק אין יענער גרויסער שטאָדט, וועל־כע איז געווען אויסגעשמידט פון גראַניט, שטאָל און אייזען, — פון וואַנען ער איז געקומען.

אָבער אין דער שטאָדט האָט זיך אין איהם אויפ׳ס ניי ער־וועקט די נאָגענדיגע בענקשאַפט נאָך דער פאַרבינער, פול־בלוטינער שענקיים פון דעם לאַנד פון זיינע קינדער־חלומות, און שטענדיג פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן דער פעלאַשקע, וועלכע האָט איהם דערלאַנגט אַ קרינעל מיט קאַלטען וואַסער אין אַ הייסען זומער־טאָג.

אָפט פלעגט ער אָנהויבען אויסצופורעמען איהר געשטאַלט, אָבער ער פלעגט לאָזען אומפאַרענדיגט, פיהלענדיג, אַז ער איז ניט בכח צו פאַרקערפּערען דעם טיפען טרויער, וואָס האָט זיך געהילט אַרום די ראַנדען פון איהר פּנים. און דער קינסטלער פלעגט אומעטיג טראַכטען:

אויפצולעבען איהר געשטאַלט קאָנען נאָר מעלאַנכאָלישע טע־נער פון די קינדער פון איהר פאָלק, וועלכע לאַגערען אין מדבריות; און די מעלאָדיען פון די יונגע פיהרער פון די קעמלען־קאַראַוואַנען, וואָס ציהען זיך איינזאַם איבער פאַרלאָזענע וועגען אין שטילע, בלויע נעכט.

* * *

אין איינעם פון די כמורנע הערבסט־טעג האָט שלמה פערל־מוטער, דער קינסטלער, דערפיהלט, אַז די שווערע בענקשאַפט פון דער גרויסער שטאָדט, אין וועלכער ער האָט געוואוינט, האָט דורכגעדרונגען זיין נשמה מיט אַן אויסערגעוועהנליכער קראַפט. ער איז שוין געווען עלטער פון פערציג יאָהר, און די שרעק פון טויט האָט זיך אַ ציה געטאָן נאָך איהם, ווי אַ שאָטען, האָט געוואַקסט איבער זיין געלעגער, און מיט שווארצע פליגעל באַוועהט זיינע נאַכט־חלומות.

אין אַזוינע שלאָפלאָזע נעכט פלעגט ער ליב האָבען צו לייענען די ביבעל. עס פלעגען אויפשטעהן וואונדערבארע בילדער, אָנפילענדיג זיין נשמה מיט אַ רוהיגען, נאַאיווען גלויבען. אָט האָט זיך גאָט באַוויזען צו אברהם'ען ביי די דעמבען פון ממרא, ווען ער איז געזעסען ביי דער טיר פון זיין געצעלט אין דער היץ פון מיטען טאָג. דריי מענער, מלאכים, געהען איבער'ן וועג מיט גרויסע שטעקענס אין די הענט, געהען אין רייה און די פאַלדען פון זייערע לאַנגע, ווייסע קיטלען פאַלען ביז צו דר'ערד.

און דער קינסטלער האָט ווידער באַשלאָסען צו פאָהרען קיין ארץ ישראל. ער האָט פאַרקויפט זיין סטודיאָ. ער האָט זיך גע־זעגענט מיט די נאָהענטע און מיט אַ באַרוהיגטען געמיט, ווי אַ בעטלער, אַ פילגער, האָט ער זיך געזעצט אויפ'ן שיף אריבערצו־שווימען דעם גרויסען אָקעאַן און די ימים.

און ווען נאָך לאַנגע טעג פון וואַנדערען האָט ער ווידער דער־זעהן די ברעגען פון דער הייליגער ערד, האָט זיך זיין האַרץ אָנ־געפילט מיט גרויסער פרייד און רעליגיעזען עקסטאַז.

און אין יענער צייט, ווען ער איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל, זיינען אין די באַיאַרעס צייטיג געוואָרען די אַפעלסינען. און ער איז אַוועק אין איינער פון די קאָלאָניעס פון יהודה זוכען פראָסטע טאָג־ארבייט. ער האָט גרינג געפונען אַזאַ פלאַץ, און אין אַ זוניגען פריהמאָרגען איז ער אַוועק אין דער באַיאַרע, וועלכע האָט זיך געפונען ביים וועג, וואָס האָט געפיהרט צו אַן אראַבישען דערפעל. צוגעהענדיג צום גאָרטען האָט ער דערזעהן אַ באַיאָהרענטען אראַ־בער רייטענדיג אויף אַן אייזעל און אַ הינטער איהם איז געגאַנגען אַ שלאַנקע פרוי, וועלכע האָט איהם אויסגעזעהען צו זיין זעהר באַקאַנט. די פרוי האָט וואָס געזאָגט דעם אראַבער און פאַרקי־רעווענדיג זיך אַן אַ זייט האָט זי זיך געלאָזען געהן צום גאָרטען, טרעטענדיג גראַציעז און פאַמעלאַך מיט איהרע קליינע טריט פון איהרע באָרוועסע פיס. דער סקולפטאָר איז נאָכגעגאַנגען נאָך איהר, דערמאָנענדיג זיך אָן יענער פעלאַשקע, וועלכע האָט אויתם געגעבען וואַסער צום אָנטרינקען זיך אין אַ הייסען זומער־טאָג.

זיי זיינען ביידע אריין אין גאָרטען. די אידישע ארבייטער און די מיידלאַך זיינען שוין געווען אויפ'ן פלאַץ און מען האָט

געוואַרט, דער טוי זאָל זיך אויסטריקענען אויף די אַפּעלסינען. אויף דער ערד, לעבען אַ קופּע קערב, זיינען געזעסען אַראַבערינס און צוגעהערט זיך, וואָס עס האָט דערצעהלט זיי זייערע אַ יונגע חבר'טע, אַ בעדואינערין, מיט גרויסע צושראָקענע אויגען, ווי ביי אַ נאָכגעיאָגטער גאזעל.

אזיזא האָט זיך צוגעזעצט לעבען זיי, און דער קינסטלער האָט זיך געשטעלט פון דערווייטענס, אָנשפּאַרענדיג זיך אָן אַ בוים, ניט קאָנענדיג אָפּרייסען זיינע בליקען פון אזיזא'ס פּנים. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו איהר און געפרעגט צי דערקענט זי איהם, און איהר געזאָגט אַז ער איז יענער וואַנדערער, וועמען זי האָט אַמאָל געזעהן אין איהר דאָרף און געגעבען אַ טרונק וואַסער אין אַ הייסען טאָג.

— איך האָב אויך געטראַכט, אַז דאָס ביזטו, הערר מיינער!
— האָט געענטפערט אזיזא און אָנגעשטעלט אויף איהם איהרע גרויסע שוואַרצע אויגען.

אַביסעל שפּעטער האָט מען אַלעמען אַ רוף געטאָן צו דער אַרבייט. די מיידלאַך האָבען געשניטען די אַפּעלסינען פון די נידעריגע בוימער און ביי די שפּיצען פון די הויכע פלעגען שטעהן מענער אויף לייטערס. לעבען יעדערען איז געשטאַנען אַן אַראַ־בערין מיט אַ קאָרב אויפ'ן קאָפּ, וועלכע פלעגט אַוועקטראָגען די אַפּעלסינען אין געוועלב, וואו מען האָט זיי סאָרטירט און געפּאַקט אין קאַסטענס.

דער קינסטלער האָט געאַרבייט צוזאַמען מיט די אידישע מיידלאַך. ניט ווייט פון איהם, אין דערזעלבער אַלעע, איז געשטאַ־נען אזיזא און ער האָט געטראַכט:

ווי מאָדנע אַלץ קומט פאָר אין זיין לעבען. קאָן זיין, אַז ס'האָט איהם אַ ציה געטאָן צוריק אַהער כדי זיך צו טרעפען מיט דער אָרימער פעלאַשקע, וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט אמת'ער שענקייט.

אין עטליכע טעג אַרום האָט דער קינסטלער געשניטען די אַפּעלסינען פון די הויכע בוימער און אזיזא איז געשטאַנען לעבען איהם, און מיט ברענענדיגע אויגען האָט זי זיך צוגעהערט צו די צערטליכע רייד פון שלמה פערלמוטער און געהאָרכזאַם זיך גע־

לאָזט גלעטען איהר יונגען, פאַרברױנטען קערפּער, װאָס האָט גע־אַטעמט מיט זון, װינטען און אַראָמאַט פון טרוקענע שטעבעלדיגע גראָזען.

און דער קינסטלער האָט דערפיהלט, אַז נאָכט האָט איהם באַ־שטראָפט מיט ליבע צו דער אָרימער פּעלאַשקע און ער האָט זיך פאַרלאָרען, װי אַ אינגעל ביי דער ערשטער ליעבע. און אַזױ איז פון טאָג צו טאָג געװאָרען אַלץ רייצענדער און שענער. אין איהר האָט זיך דערװעקט די װילדע תאוה פון איהר פאָלק, און איהרע אױגען האָבען געברענט אַלץ ליכטיגער און געקוקט מיט אונטערטעניגקייט אויפ'ן מאַן פונ'ם פרעמדען לאַנד, װעלכער האָט זי באַצױבערט מיט גוטע װערטער. זי פלעגט איהם אַװעקפיהרען אין די װייטע, שטילע װינקלען פון גאָרטען, און אויף דער ערד, באַמאָלען פון די פאַנטאַסטישע אוזאָרען פון די בוימער און באַ־שטראַלט מיט העלע פלעקען פון דער זון, פלעגט זי אין זײנע אָרעמס מורמלען:

— ליבער, גוטער הער מײנער.

אָפטמאָל פלעגט זי קומען אין גאָרטען צו דער אַרבײט אין איהר בעסטען, טונקעל־רױטען לײװענטענעם קלײד, װאָס איז גע־װען אױסגענעהט אויף דער ברוסט מיט בלומען; פלעגט אײנ־פלעכטען אין די האָר אַ סך זילבערנע מטבעות; פלעגט אָנטאָן בראַסלעטען אויף די הענט; האָט געפאַרבט די נעגעל און זיך געצירט מיט בלױע שטערענדלעך אויפ'ן פּנים.

אַזױ איז פאַרגאַנגען מעהר װי אַ חודש, װאָס האָט זיך פאַר־בײגעטראָגען פאַר שלמה פּערלמוטער'ן װי אַ װינטעלע איבער רױזען.

אַרבײט איז געװאָרען װעניגער אין דער באַיאַרע. מען האָט אָפּגעזאָגט אײניגע פּרױען, און מיט זײ אַזױזאַ'ן. און דער קינסטלער האָט זי מעהר ניט געקאָנט טרעפען. ער האָט פאַרלאָזען די אַר־בײט און איז אַװעק װאַנדערען קײן ירושלים, באַזוכט אַלע אַלטע קברים, איז לאַנג געשטאַנען בײם כותל מערבי, צוהערענדיג זיך װי אַלטע אידען טוען תפילה און פאַלען צו מיט די קעפּ צו די ברײטע, קאַלטע שטײנער, באַװאַקסענע מיט מאָך. ער האָט אומ־געבלאָנקעט איבער די שמאָלע, טונקעלע געסלאַך פון דער אַלטער־

אלטער שטאָדט, צוקוקענדיג זיך צו די פּנים'ער פון די תימנ'ער און ספרד'ישע אידען. פרייטאג־צו־נאכט איז ער געגאנגען אין די בתי־מדרשים פון די בוכארער אידען, וואו אויף נידעריגע ווייכע קאנאפּעס, באלויכטען פון אויל־לעמפּלאך, זיצען זיי אין זייערע פיל־פארביגע בגדים און זינגען מעלאָדיש „שיר השירים", אז די ליבע איז בעסער פון וויין און א מיידעל מיט טויבען־אויגען, וואָס קוקט דורכ'ן פענסטער, איז וואונדערשעהן. ער איז דורכגעגאנגען דעם מדבר פון יריחו, וואו די זאמדען ציהען זיך ווי כוואליעס אויף א טייך, און אין לבנה־נעכט גלאנצען זיי מיט מיליאָנען אָפּ־שפּיגלענדיגע שטיינדעלאך. ער האָט זיך געלאָבט מיט'ן ים המלח, וואָס איז געשלאָפען ווי א פארצויבערטער בן מלך איינגעהילט אין שווארצען סאמעט, און האָט געשטילט זיין דורשט מיט דעם ריינעם וואסער פון פליסענדיגען ירדן.

נאָר ער האָט אלץ נים געקאָנט שטילען זיין בענקשאפט נאָך אזיזא'ן. און איינמאָל, שוין אין אָנהויב פריהלינג, איז שלמה פערלמוטער ארויס פון ירושלים און זיך געלאָזט געהן צום דארף, וואו ס'האָט געוואוינט אזיזא. אויפ'ן דריטען טאָג, ווען ער האָט זיך דערנעהנטערט צום פארטריקענטען פייגענבוים, האָט ער דער־זעהן א רעדעל וויינענדיגע פרויען ביי דער טיר פון איהר ליימענער באטקע. די שטערענס ביי די פרויען זיינען געווען ארומגעבונדען מיט רויטע טיכלאך, אלס צייכען פון טרויער ביי די קלאָגעדינס פון מזרח, און מיט אנדערע טיכלאך האָבען זיי געדרעהט פאר די אויגן, און רייבענדיג דים נאקען פארגאנגען זיך אין א געוויין:

— יא־וואַ־דאַ־די! — ווינד און וועה אי זמיר!

דער קינסטלער איז אָפּגעגאנגען אָן א זייט און זיך צוגעזעצט לעבען אן אלטען, בלינדען אראבער, וועלכער איז געזעסען אויף א שטיין הינטער די קאקטוסען ביים שטעג צום דארף.

— זאָג מיר, ליבער אלטער, ביי וועמען אין שטוב האָט גע־טראָפען אן אומגליק?

— אַ, כאַ־וואדזשע, שאַטענס קומען, שאַטענס געהען, — האָט געענטפערט דער בלינדער און גענומען דערצעהלען וועגען אזיזא'ן, — פון דעם האָט געוואוסט דאָס גאנצע דארף. זי איז געווען שוואנגער און איינע פון די אלטע פרויען האָט פאר'סמ'ט איהר.

מוטער־טראַכט. מיט אַ פּאָר שעה צוריק איז זי געשטאָרבען. אַט די אַזיזאַ, וועלכע איז געווען ביי איהר מאַן דאָס ליכט פון זיינע אויגען און די שענסטע טאָכטער פון דעם גאַנצען געגענד איז מעהר ניטאָ צווישען אונז.

שלמה פּערלמוטער האָט פּאַרגליווערטערהיים אויסגעהערט דעם בלינדען אראַבער און די וויינענדיגע שטימען פון דאָרף האָבען זיך געהערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַנוואַרפענדיג־אַ שוועדע מרה שחורה אויף איהם.

ער איז געבליבען זיצען אויפ׳ן שטיין. דער בלינדער איז אוועק אין דאָרף און אַביסעל שפּעטער האָט ער געזעהן ווי די איינוואוינער פון דעם אָרימען דערפעל האָבען זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דער מטה, אויף וועלכער ס׳איז געלעגען אַזיזאַ׳ס טויטער קערפּער. פאָראויס זיינען געגאַנגען די מענער און אַ פּאָר בלינדע און טרויעריג געזונגען תפילות. די פרויען זיינען געגאַנגען נאָך דער מטה, האָבען געדרעהט מיט די רויטע טיכלאך פאַר די אויגען, און געוויינט און געיאָמערט:

— יאַ־וואַ־דאַדי! — ווינד און וועה איז מיר!

שלמה פּערלמוטער האָט מיט טרערען אין די אויגען לאַנג נאָכגעקוקט די לויה, ווי זי האָט זיך געצויגען איבער׳ן פעלד צום ווייטען אַראַבישען בית עולם.

— שאַטענס קומען, שאַטענס גייען — האָט ער זיך דערמאָנט אָן די ווערטער פון דעם בלינדען אַראַבער און איז אוועק צוריק מיט׳ן וועג, מיט וועלכען ער איז געקומען.

שטארקער פון טויט.

און אבשלום, דער איינגסטער זוהן פון אן אריטען טעפער, איז געווען א חולה נופל. די איינוואוינער פון די וויסטע בערג פון יהודה און פילע פון זיין איינענעם דערפעל האבען איהם געהאלטען פאר א הייליגען און אין די טעג, ווען דער רוח הקודש האט געלויכ־טען אין זיינע טיפע פארבענקטע אויגען, פלעגען זיי אפט ברענגען צו איהם קראנקע ער זאל זיי טרייסטען, היילען און בעטען פאר זיי רחמים.

נאר די אלטע מוטער פון אבשלום'ען וואס איז געווען א טאכ־טער פון אן ערד־ארבייטער און געקומען קיין יהודה פון א ווייטען בליהענדען לאנד, פלעגט האלטען אין איין ווייגען און באדויערען זיין יונגענד. ווייל ער האט ניט ווי אלע אנדערע בחורים געשפילט אויף די הילצערנע פייפלאך ביי די ליימענע באטקעס פון די ברוין־לייבינע טעכטער פון זיין פאלק און פלעגט ניט געהן מיט זיי אין די קארא־הארען טאנצען, אין די שטילע פארנאכטען, ווען די גרוי־סע רויטע זון זעצט זיך הינטער די בערג. און די אלטע מוטער פלעגט אפט צוקומען צו נאט'ס הויז, וואו אבשלום איז שטענדיג געזעסען אויף א גרויסען שטיין, פארטיפט אין זיינע געדאנקען און געקוקט אויפ'ן ווייטען וועג, וואס האט זיך ערגעץ ווייט גע־צויגען אונטען אין טאל. און זי פלעגט רעדען צו איהם:

— זוהן מיינער, שטעה אויף און קום אהיים, וואו דו וועסט העלפען דיין פאטער אין זיין ארבייט. דיינע ברידער געהען אום מיט די קאראוואנען, וואס ציהען זיך פון ירושלים צום גרוי־סען בלויען ים און צוריק. זיי האבען שעהנע פרויען און געזונטע קינדער און פון איינעם פון זיי דערצעהלט מען, אז ער איז שטארק ווי א לייב, פלינק ווי א ווינט און דער מלך פון די גרינע טאלען האט איהם צוגענומען צו זיינע גבורים. און די טאכטער פון דייר־

Digitized by Google

כען סוחר אריה האלט אין איין בענקען נאָך דיר און גאַנצע אָוועג־טען זיצט זי ביים שוועל פון אונזער כאַטקע און וואַרט אפשר וועסטו צוקומען אַהיים. און אַלע זאָגען, אַז זי איז שעהן, ווי דער פריהלינג אין מיין ווייטען בליהענדען פאַטערלאַנד, און איהרע אויגען זיי־נען ווי צוויי בלויען פאַרטראַכטע טייכעלעך ביי די טויערען פון אַ צויבערגאַרטען. שטעה אויף, מיין זוהן און קום אַהיים.

נאָר אבשלום פלעגט אַלץ בלייבען זיצען לעבען גאָט׳ס הויז, טרייסטען און היילען קראַנקע, וואָס האָבען פאַרלאָרען זייער גלויבען און רוה, און געבעטען פאַר זיי רחמים.

און אַזוי האָבען זיך געצויגען טעג נאָך טעג אין דעם אָרימען שטילען דערפעל אין די בערג פון יהודה.

און איינמאָל, אין דער צייט פון די ווינטערדיגע רעגענס, איז אבשלום געזעסען אויף זיין שטיין און איהם איז געווען זעהר אומעדיג.

— גאָט, — האָט ער שטיל גערעדט צו זיך, — מיין נשמה איז פול מיט טרויער און וואוהין זאָל איך געהן צו געפינען רוה.

און ער איז צוגעפאַלען מיט׳ן פנים צו דער ערד, און דער רוח הקודש האָט גענומען ארויסלייכטען פון זיינע טיפע, פאַרבענקטע אויגען און ער איז אַזוי לאַנג געלעגען לעבען גאָט׳ס הויז, וואָס איז געשטאַנען אַ שטילע און אַ ווייסע אויף אַ בערגעל אין שאָטען פון מאַנדעל־בוימער.

דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און איז פאַמעליך אַוועק מיט דער סטעזשקע, וואָס האָט געפיהרט צום ברייטען וועג אין טאָל. ער האָט ניט געוואוסט, וואוהין און צו וואָס ער געהט און אַזוי איז ער געגאַנגען אַ גאַנצען טאָג און מיט אַמאָל האָט ער זיך דערזעהן לעבען אַ גרויסער שטאָדט און אַז די זון זעצט זיך שוין הינטער איהרע הויכע ווייסע טורעמס.

און ווידער איז איהם געוואָרען זעהר אומעטיג, און ער האָט שטיל גערעדט צו זיך:

— גאָט, דיין וועלט איז פול מיט טרויער און די מענשען ארום זיינען קראַנק און איינזאַם. מיין נשמה געהט אויס פון וועה. וואוהין זאָל איך געהן זוכען רוה?

און עס האָט איהם אַ ציה געטאָן ווייטער. אין אַ פּאָר טעג ארום איז ער אָנגעקומען קיין גליל אין אַ פרוכטבאַרען טאָל, וואָס איז

געוועןְ באַדעקט מיט אַ פּילפאַרביגען טעפּיך פון העל־רויטע מאָן־בלומען, אַדראַניסען און פיילכען.

און אין יענעם טאָל האָט געוואוינט אַן אַלטער רייכער אידישער פּרינץ. ער האָט געהאַט אַ סך צוויי הויקערדיגע קעמלען, שוואַרצע אָקסען און דינפּיסיגע ציגען. זיינע דריי זיהן זיינען געפּאַלען אין מלחמה, די פרוי איז געשטאָרבען, און ער האָט דערלעבט זיינע טעג מיט זיין בת יחידה רבקה, וואָס איז איהם געוועןְ טייערער ווי דער שיין פון זיינע אויגען.

די פּאַסטוכער פון יענעם טאָג פלעגען שטאַרק בענקען נאָך איהר, און זייער טרויער און ליבע אויסגיסען אויף פּייפלאַך אין די שטילע נעכט. נאָר צו אַלע בחורים איז געוועןְ קאַלט איהר האַרץ. און די שעהנע יונגע פּרינצעסין מיט די שוואַרצע צעפּ און שלאַנקע פיס מיט קליינע טריטלעך איז שטענדיג אַרומגעגאַנגען אַליין אָדער מיט איהר אַלטען פאָטער און אַלע אַלע אַרום און אַרום אין טאָל האָבען געוואוסט, אַז די מיידעל ליידעט פון אַ שווערער מרה שחורה און זוכט דעם טויט. און ווען אבשלום איז געקומען אין טאָל און האָט דערזעהן רבקה׳ן מיט איהר פאָטער אין אַריינגאַנג פון זייער גרויסען הויז מיט מאַרמאָרנע קאָלאָנען, איז ער געבליבען שטעהן אַ פאַרטראַכטער. און זי האָט אויף איהם אָנגעשטעלט איהר אָנגעצויגענעם בליק און געפרעגט ביים פאָטער:

— ווער איז דער יונגערמאַן? ער האָט אַ פּנים פון אַ נביא און איז וואונדער שעהן.

— דאָס מוז זיין איינער פון די פּאַסטוכער פון די וויסטענישען פון יהודה, — האָט געזאָגט, אַ קוק טוענדיג אויף אבשלום׳ען דער אַלטער פּרינץ. — זיי וואַנדערען אָפּט אַרום איבער דעם טאָל. אַלע זיינען זיי שלאַנק און שעהן און זאָגען נביאות.

— פאָטער, וואָס פאַר אַ אויגען ער האָט! — איז געוואָרען באַצויבערט די פּרינצעסין און זיי זיינען אַריין אין הויז.

און אבשלום איז געבליבען אין טאָל ביי די פּאַסטוכער. איינער פון זיי האָט איהם דערקענט און אַלעמען דערצעהלט אַז ער איז אַ נביא און היילט און טרייסט קראַנקע און בעט פאַר זיי רחמים.

און די שעהנע פּרינצעסין רבקה האָט ווידער געזוכט דעם טויט און געוויינט און געיאָמערט דורך די נעכט און אָנגעוואָרפען אַ שווערען אומעט אויפ׳ן אַלטען פּרינץ.

און איינער פון זיינע פאַסטוכער האָט איהם דערצעהלט ווע־נען אבשלום׳ען און דער פרינץ האָט געהייסען מען זאָל ברענגען דעם נביא צו איהם. און ווען אבשלום איז געקומען צום פרינץ, איז ער געווען מיד און שוואך און אין די אויגען זיינע האָט גע־לויכטען דער רוח הקודש. און דער פרינץ האָט געזאָגט:

— איך האָב איינ־איינציגע טאָכטער. איהר איז שווער דאָס לעבען און זי זוכט דעם טויט. זי איז שעהן, יונג און רייך. מען זאָגט, אַז דו היילסט קראַנקע. וואָס דו ווילסט וועל איך דיר גע־בען, נאָר טרייב אַרויס פון איהר נשמה דעם בייזען אומעט און פאַריאָג די שלעכטע גייסטער, וואָס נעהען נאָך איהר נאָך ווי אַ שאָטען און גיבען איהר ניט קיין רוה.

און אבשלום האָט געפרעגט:

— וואו איז זי, די טאָכטער דיינע?

און דער אַלטער פרינץ האָט איהם אריינגעפיהרט אין איהר צימער, וואָס איז געווען באַצירט מיט גאָלד און זילבער און מיט פיגורען אויסגעשניצט פון טייערע העלפאַנט־ביינער. און דער יונ־גער נביא איז טרויעריג שטעהן געבליבען אין טיר, ווען ער האָט דערזעהן די קראַנקע פרינצעסין. זי איז געזעסען אין אַ ווינקעל און מיט בײדע הענט געהאַלטען צוזאַמענגעדריקט איהר קאָפּ, די אויגען, ווי סאַפּירען, זיינען געווען ברייט און צושראָקען פאַנאַנ־דערגעעפענט און אַ בייזער אומעט האָט געלויכטען אין זיי.

— טאָכטער מיינע! האָט אַרויסגערעדט דער אַלטער פרינץ.

די מיידעל האָט דערזעהן אבשלום׳ען און איז אויפגעשטאַנען. איהרע צוויי דיקע שווארצע צעפּ האָט זי אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין שלאַנקען דאַרען קערפּער, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער ווייסער לייווענטענער העמד. אויף זיינע לאַנגע נעדיכטע האָר און צאַרטען לאַנגליכען פּנים מיט די גרויסע פאַרבענקטע אויגען — און געפרעגט:

— ווער ביזטו?

— שוועסטער מיינע, — האָט געענטפערט אבשלום, — איך בין געקומען פון די וויסטע בערג פון יהודה. מיין פאָטער איז אַן אָרימער טעפּער און מיך האָט נאָט באַשטראָפט מיט וועה און אוּ־מעט און געהייסען טרייסטען און היילען קראַנקע. און איינ־מאָל בין איך אַזוי געזעסען אויף מיין שטיין לעבען גאָט׳ס הויז

און מיט אמאל בין איך צונעפאלען צו דער ערד, און ווען איך בין אויפגעשטאנען, האב איך אין מיין נשמה דערהערט א קול, אז איך זאל פארלאזען מיין ארים דערפעל און געהן אין דער וועלט ליידען מיט ליידענדע, און טרייסטען זיי און בעטען רחמים. און איך בין געקומען אהער צו דיר, יונגע פרינצעסין, צו פאריאגען דיין שווערען אומעט.

און אזוי האט אבשלום נאך לאנג גערעדט צו דער קראנקער. זי האט געקוקט אויף איהם און אלץ ליכטיגער איז געווארען איהר פנים און אלץ ווייטער זיינען אפגעטראטען פון איהר די שלעכטע גייסטער און דער בייזער אומעט איז אוועקגעפלויגען אויף זיינע שווארצע פליגעל.

און אזוי פלעגט דער אלטער פרינץ אפט ברענגען דעם יונגען נביא צו זיך אין הויז. און אמאל, אין די ברענענדיגע הייסע נאכמיטאגען, ווען די שפעפעלעך אין טאל פלעגען מיט אראפגעלאזענע קעפ פויל צופען די זאפטיגע גראזען, פלעגט זיך אבשלום מיט רבקה'ן טרעפען ביים טייכעל און דאן ווידער צו איהר רערען און רופען זי דינען גאט און העלפען ליידענדע.

און איינמאל האט פלוצים אבשלום דערהערט א גרויס געוויין און יאמער, וואס האט זיך געטראגען פון פרינץ'ס הויז. די קלאגערקעס זיינען שוין אנגעלאפען ווי שווארצע פויגעל און האבען געדרעהט פאר די אויגען מיט די רויטע טיכלעך און געשריען:

— ווינד און וועה איז אונז, די פרינצעסין איז געשטארבען.

דער אלטער פרינץ איז ארומגעגאנגען איבער די פוסטע צימערען און געוויינט אויפ'ן קול.

מען האט געפונען זיין טאכטער א טויטע אין בעט.

צוויי טעג פריהער איז זי ניט ארויס פון איהר צימער און מען האט נאר געהערט, ווי זי רעדט מיט די שלעכטע גייסטער, וואס געהען נאך איהר און מאטערט זיך פון אומעט.

און אבשלום איז צוגעגאנגען צום פרינץ'ס הויז און זיך אפגעשטעלט ביים טיר.

— הערט אויף צו וויינען, — האט ער געזאגט צו די קלאגערקעס, — א נס, א גרויסער נס וועט געשעהן.

און מען האט איהם אריינגעפיהרט אין צימער, וואו די פרינצעסין איז געלעגען אויף דער ערד א טויטע, און ער האט זיך אראפ־

געלאָזט אויף די קני ביי איהר קאָפּ או, שטיל גענומען גלעטען איה־
רע האָר, די בלאַסע צאַרטע באַקען און שטערען, און האָט אַלץ
גערעדט גוטע, וואַרימע ווערטער און געבעטען זי אויפשטעהן. און
די יונגע פּרינצעסין האָט פּאַמעליך גענומען אויפמאַכען איהרע
אויגען און אַ מידער ליבער שמייכעל האָט זיך באַוויזען אויף איהרע
בלאַסע ליפּען.

און אַלע אַרום זיינען צוגעפאַלען צו דער ערד און גענומען
זינגען שבחים צו גאָט און צו זיין גרויסען נביא, וואָס איז געקומען
פֿון די ווילדע בערג פֿון יהודה.

און פֿון ראַמאַלט אָן פֿלעגען די פּאַסטוכער פֿון טאָל באַזינגען
די ליבע פֿון דער יונגער פּרינצעסין צום אָרימען טעפּעדס זוהן,
די ליבע, וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון טויט.

די בלויע פויגלען.

דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען איבער די וויסטעניִשען פון יהודה האָט זיך געטראָגען אַ שווערער הונגער און די בייזע נויט איז געשטאַנען ביי די טירען פון יעדען ליימענעם הייזעל און גע־קראַסעט און געשריען ווי די שוואַרצע ראָבען אין די פינסטערע קאַלטע הערבסט־נעכט ערגעץ וואו אין ווייטען צפון. און אין יענער צייט, אין אַ טרוקענער געגענד לעבען אַן אור־אַלטען קבר פון אַ אידישען נביא, איז געשטאַנען אַ קליין דערפעל פון עטליכע שטיבלאַך און מיט אַ ברונעם, ביי וועלכען עס איז געלעגען אַ גרויסער שטיין. די אידען פון יענעם דערפעל זיינען געווען זעהר פאַראָרימט נאָך פון פריהער. די ערד אַרום און אַרום איז געווען אַ מאָגערע, אַ שטיינערנע, און ווי זיי האָבען זיך ניט געמאַטערט איבער איהר מיט זייערע פאַרצייטיגע סאָכעס, האָט זי זיי נישט געקאָנט צו זאַט ערנערען.

און עס האָט געטראָפען אַז ביים אָרימסטען פון די ערד־אַרבייטער איז אויסגעוואַקסען אַ זוהן עזרא, און ער איז געוואָרען שעהן און שטאַרק ווי אַ יונגער דעמב אין דער גרינקייט פון פריהלינג.

און איינמאָל, אין אַ זומער־אָווענט, ווען איבער די בערג פון יהודה איז אויפגעגאַנגען אַ רויטע לבנה, האָט ביי דעם דערפעל לעבען ברונעם זיך אָפּגעשטעלט אַ קאַראַוואַן. די טרייבער פון קאַראַוואַן, מענער פון אַן אַנדער פאָלק, האָבען אָנגעטרונקען די קעמלען און שוין געוואָלט ציהען ווייטער, נאָר דאָ איז צו זיי צוגעקומען עזרא, געבענשט זייער אָנקומען, און זיי פאַרבעטען צו זיך. די טרייבער האָבען די גאַסטפריינדליכקייט מיט דאַנקבאַרקייט אָנגענומען. און אַביסעל שפּעטער זיינען עזרא, זיין פאָטער און די נעסט געזעסען ביי פייער און שטיל גערעדט וועגען די ווייטע לענ־

דער איבער די בלויע ימים, וואו מענשען באַדען זיך אין גאָלד און וואו די פרויען זיינען ווייסער פון שניי און זיסער ווי האָניג

— אָ, נאָט, — האָט עזרא אָפּגעזיפצט, און זיינע גרויסע שוואַרצע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען מיט אַ פייער פון בענק־שאַפט, און דאָס האַרץ האָט איהם אַזוי שטאַרק גענומען ציהען אין יענע ווייטע וואונדערליכע לענדער.

און נאָך האָט דערציילט איינער פון די טרייבער פון קאַ־ראַוואַן, זעהר אַן אַלטער מאַן, אַז אויף די ימים איז דאָ אַ אינזעל און דאָרטען פליהען ארום בלויע פויגלען וואָס רעדען אַ מענשליכע שפּראַך און ווייסען אַלע סודות פון דער וועלט, און ווער עס קען איינע פון זיי כאַפּען, ווערט גליקליך, רייך און באַריהמט און דער טויט קען יאָהרען לאַנג נים אַריין אין זיין הויז.

נאָר די פויגלען איז שווער צו כאַפּען, ווייל זיי ווייסען, אַז מענשען זיינען שלעכט און פליהען אימער הויך, הינטער די וואָל־קענס אין הימעל אַריין, ארום דעם כסא הכבוד.

— אָ, גאָט, — האָט ווידער אָפּגעזיפצט עזרא און איז לאַנג געלעגען פאַרטראַכט ביים פייער.

שפּעט אין אווענט האָבען זיך די געסט לאַנגזאַם אויפגעהויבען, אָפּגעזעגענט זיך מיט'ן באַלעבאָס און געזעצט זיך אויף די קעמלען.

און דער קאַראַוואַן האָט זיך אוועקגעצויגען ווייטער, מעלאַנ־כאָליש קלינגענדיג מיט די גלעקלאך אין דער טיפער שטילקייט פון דער רוהיגער זומערנאַכט.

עזרא איז געשטאַנען אויפ'ן שטיין ביים ברונעם, האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם קאַראַוואַן, און די לבנה איז שוין אַרויס פון די בערג און געשוואומען אין דערמיט פון הימעל, באַגיסענדיג די שוואַרצע וויסטע געגענד מיט אַ פאָספאָריש געהיימניספולען ליכט.

און דערנאָך איז עזרא אוועק אין צווייטען דערפעל, וואו זיין געליבטע האָט געוואוינט, די יונגע שעהנע רחל. פון ווייטען האָט ער געהערט, ווי די נויט שרייט ביי איהר טיר, ווי אַ שוואַרצע ראָב אין דער נאַכט.

— קראַ, קראַ, קראַ.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין פענסטער און זי איז אַרויס צו איהם אַ שטילע, אַ מידע, איהרע פולע ליפּען זיינען געווען בלאַס

און פארשמאכט פון הונגער און די אויגען האבען געברענט מיט א פיבערדינע שיין.

ער האט איהר דערצעהלט וועגען די טרייבער פון קאראוואן, וועגען די ווייטע רייכע לענדער אריבער די ימים און וועגען יענעם אינזעל וואו עס געפינען זיך די בלויע פויגלען, וואס רעדען א מענשליכע שפראך, ווייסען אלע סודות פון דער וועלט, און ווען מען כאפט איינע פון זיי, ווערט מען רייך, שטארק און באריהמט. און אז ער האט באשלאסען נעהן זוכען די פויגלען און שפעטער באגליקען זיין ארים לאנד.

און א גאנצע נאכט האבען זיך עזרא'ן גע'חלום'ט, וויס־ליי־בינע מיידלאך מיט בלויע אויגען, אנגעטאן אין לייכטע, זיידענע קליידער, ווי בת מלכות. אין גלייכע שורות זיינען זיי געגאנגען נאך וואסער צום זילבערדיגען פאנטאן און זייערע גאלדענע קרוינען האבען געפינקעלט מיט בריליאנטען. און דער אינזעל האט זיך איהם גע'חלום'ט און א גרויסער בלויער פויגעל האט גערעט צו איהם מיט א מענשליכער שפראך און דערצעהלט פון אוצרות וואס זיינען באהאלטען אין די בערג פון זיין לאנד, און אויף מארגען איז עזרא שוין נים געגאנגען אין פעלד אריין.

— לאזט מיר געהן אין ווייטען לאנד אריין, — האט ער גע־זאגט צו זיין פאטער און מוטער. — איך וועל ווערען רייך און באריהמט.

— וואוהין וועסטו געהן? — האט די מוטער זיך צעוויינט.
— דריי קינדער האב איך געהאט. האט איינעם א שלאנג געטויט, די שוועסטער דיינע איז בלינד געווארען, און דו ווילסט אונז אויך פארלאזען. דער הונגער איז גרויס און דו וועסט פאלען אין וועג.

נאר דער פאטער האט געזאגט:
—געה! און זאל גאט בענשען דיין וועג.

און אויפ'ן צווייטען פריהמארגען, עס האט נאר גענומען לייכטען אויפ'ן הימעל, האט עזרא זיך געלאזט אין ווייטען וועג, באגלייט מיט די ברכות פון טאטען און דעם געוויין פון דער מאמען און דער געליבטער. ער איז געגאנגען דריי טעג און דריי נעכט, ביז ער איז ענדליך אנגעקומען צו די ברעגען פון גרויסען בלויען ים. אויפ'ן וועג האבען זיך איהם פארגעשטעלט גערטנער, פאנטאנען,

גרויסע מויערען און הויכע שעהנע טורעמס. ער איז וועניג־וואס געשלאפען און כמעט פארגעסען אן שפייז.

זעהט עזרא אויפ'ן ברעג שטעהט א שעהנער, שטארקער יונג, מיט א ברוינעם פנים, מיט א דרייסטען אדלער־בליק, און קוקט אין דער ווייטקייט אריין.

— שלום עליכם! — האט עזרא געזאגט.

— עליכם שלום — האט דער יונג געענטפערט — פון וואנען געהסטו?

— איך געה פון אן ארים דערפעל אין א ווייטען לאנד אריין צו זוכען רייכקייט און באריהמטקייט. זאג מיר, וואו געפינט זיך יענע שטאט, וואס מען קאן פון דארט אריבערשווימען דעם גרוי־סען ים.

— יענע שטאט איז ניט ווייט — האט דער יונג געזאגט. — קוק, אט ווייזען זיך די שפיצען פון איהרע טורעמס. פארנאכט געהט אפ א שיף צו יענעם אינזעל, צו וועלכען דו שטרעבסט. אייל זיך, זיי געשיקט און געדענק, אז נאט איז מיט דעם, וואס וואגט.

און עזרא איז ווייטער געגאנגען און אט זעהט ער: עס זיצט אויפ'ן ברעג אן אלטער אין שמאטעס, אן איינגעדארטער ווי א סקעלעט, און קוקט אויף די כוואליעס, ווי זיי קומען מיט א האס־טיגען רוישען צו לויפען און לויפען אפ צוריק, און אזוי אייביג.

— שלום עליכם! — האט עזרא געזאגט.

— עליכם שלום — האט דער אלטער געענטפערט און אויפ־געהויבען אויפ'ן יונג זיינע טרויעריגע אויגען.

— פון וואנען געהסטו?

— איך געה פון אן ארים דערפעל אין א ווייטען לאנד זוכען רייכקייט און רוהם.

— זוהן מיינער, — האט דער אלטער געזאגט, — קעהר זיך אום צוריק צו דיין פאטער, מוטער און געליבטער און געה ווי פריער נאך דער סאכע. דער הונגער וועט פארביי און נאט וועט ווידער שיקען זיין ברכה אויף די פעלדער. רייכקייט און באריהמטקייט זיינען גלייך ווי די כוואליעס: אט קומען זיי אן און אט געהען זיי אוועק. זיי האלטען זיך נישט אויף תמיד. דאס רוישען זייערס

— ער קומט באלד, — האט זי געענטפערט.

שמעון האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין, וואס איז געלעגן ביי דער וואנט און האט זיך פארטראכט. און דאס מיידעל האט העכער אנגעהויבן זינגען, אנפילענדיג די זילבער בלויע לופט מיט די טענער פון איהר צארטען קול.

פלוצים האט זי זיך אפגעשטעלט און געפרעגט שמעון'ען:

— פון וואנען ביזטו געקומען? פריהער האב איך דיך דא קיינמאל ניט געזעהן.

—איך האב געארבייט אין יהודה, — האט ער געענטפערט.

ערגעץ אין וואלד האט אהן ווערטער געזונגען אן אראבישער וועכטער. זיין ליד האט אבל'דיג געקלאנג און שמעון'ען איז געווארען אומעדיג פון דעם מאנאטאנעם ניגון.

— דער וועכטער זינגט, — האט דאס מיידעל געזאגט. — זיין שעהנע כלה איז געשטארבען און איצט בענקט ער און קלאגט אלץ נאך איהר.

זי איז אנטשווינגען געווארען.

די פולע לבנה איז ארויסגעשוואומען פון אונטער די וואל־קענס, און דער וואלד האט ווידער אנגעהויבן שטראהלען און פינקלען.

אויפ'ן וועג האט זיך באוויזען מרים'ס פאטער. הינטער איהם, מארנע שאקלענדיג זיך, איז נאכגעשוואומען זיין שווארצער, הויקערדיגער שאטען.

— מען ווארט אויף דיר, — האט מרים געזאגט, געהענדיג איהם אנטקעגען.

גוט, מען האט מיר שוין געזאגט, — האט ער זיך געווענדעט צו שמעון'ען, — קאנסט זיך מארגען שטעלען ארבייטען.

שלום, — האט שמעון געזאגט און א נייג געטאן זיך צום מיידעל.

שלום! — האט דער אלטער געענטפערט און איז אריין מיט מרים'ען אין שטוב.

שמעון האט נאך לאנג געבלאנדזשעט איבער דער קאלאניע. אלץ שעהנער איז געווארען די נאכט. דער פארשלאפענער טייכעל אונטער'ן „גאלדענעם בארג" פון דער קאלאניע, האט זיך איבער־געגאסען מיט זילבערנע שטראמען און א טיפער סוד האט זיך

ווי אין וואלד פארבארגען. פריהמארגענס האבען די בוימער, די גרעזלאך און די פעלד־בלומען, ניסענדיג פון שמחה אלמאדטרערען, אנגעהויבען זינגען צוזאמען מיט די פויגעל א מארגען־תפלה דער אויפגעהענדער זון. די ערד האט זיך אקאמפאנירט. די גאנצע וועלט איז פול געווארען מיט א געזאנג, און פון די בלויליכע הימלען האט גאט צו דער ערד א שמייכעל געטאן.

2.

שמעון איז פריה ארויס צו דער ארבייט.

די זון האט געשפילט מיט איזומרוסען אין דעם טוי־נאסען גראז. פון ים האט געבלאזען א ווייכער ווינטעל, וועקענדיג אין הארצען שטילע טרוימען. אין דער זעלבער רגע איז פון וואלד ארויס אויפ'ן וועג מרים.

— מרים, שלום! — האט זיך שמעון דערפרעהט.

— שלום! — האט דאס מיידעל נעענטפערט, אראפלא־זענדיג איהרע אויגען. — איך האב ליב שפאצירען פריהמארגענס און קלייבען בלומען. איך באפוץ מיט זיי מיין צימער.

— זיי שאטען צו די אויגען, — האט שמעון געזאגט. — טראג זיי ניט צו צום פנים. דאס זיינען אנעמאנען.

— איך ווייס. און אט האב איך געפונען א בלויע פיילכען. זעה נאר ווי צארט זי איז.

געשטאנען איז מרים איהם אנטקעגען א צויבערענדע, א שעהנע און שטראהלענד איז געווען דער גלאנץ פון איהרע אויגען, און די יונגענד איהרע איז געווען ווי א ראזיגער פריהמארגען אין וואלד. שמעון האט אנגענומען דאס מיידעל פאר'ן האנט. זי האט אויפגעציטערט און א שוואכע רויטקייט האט זיך אנגעצונדען אויף איהרע דונקעלע באקען.

— איך בין איצט געגאנגען און וועגען דיר געטראכט, — האט ער געזאגט, ארייגקוקענדיג דער מיידעל אין די אויגען.

זי האט איהר קאפ אראפגעלאזען און די בלום איז ארויסגע־פאלען פון איהר האנט. איבער זיי איז דורכגעפלויגען א מחנה פויגלען, הויך צווימשערענדיג.

— שפּעטער וועל איך קומען אין גאָרטען און מיר וועלען צוזאַמען שניידען די אַפּעלסינען, — האָט מרים געזאָגט.

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ און איז פאַרשוואונדען הינטער די בוימער. ער האָט איהר לאַנג נאָכגעקוקט און געטראַכט:

— אפשר וועט זי מיך ליב באַקומען.

אַ געדיכטע, שאָטענדיגע אַלעע האָט אַרומגערינגעלט די באַיאַרע, וואוהין שמעון איז געגאַנגען אַרבייטען. ביים טויער פון גאָרטען, אויף אַ שטיין, איז געזעסען דער וועכטער, אַ יונגער, ברייט־ביינינער, אָפּגעברענטער בחור.

— אשר, איז נאָך קיינער ניט פאַראַן? — האָט שמעון אַ פרעג געטאָן.

— דאָרטען זיינען חנה און בנימין, — האָט דער וועכטער אָפּגעענטפערט. — שמעון, האָסט געמערקט ווי חנה ווערט מיט יעדען טאָג שענער. אַז זי גיט אַ קוק אויף דיר, איז גלייך ווי די זון וואָלט אין פּנים אַ שיין געטאָן. אָך, איז דאָס אַ מיידעל.

חנה איז געווען די בעסטע אַרבייטערקע אין קאָלאָניע. אַן אָפּגעברענטע פון דער זון, אַ בויגזאַמע ווי אַ יונגע צווייגעל, מיט אַ ליבען, רופענדען שמייכעל אויף די פולע ראָזע ליפּען. די יונגע אַרבייטער האָבען געבענקט נאָך איהר און קיינער פון זיי האָט ניט געוואוסט וועמען זי וועט אָוועקגעבען איהר האַרץ.

— שושנה קומט! — האָט שמעון געזאָגט — באַלד וועלען מיר זיך שטעלען אַרבייטען.

אויפ'ן וועג האָט זיך באַוויזען מיט אַ קערבעלע אין האַנד שושנה, די טאָכטער פון אָרימען שניידער. זעלטען ווען זי פלעגט זיך מיט עמיצען חבר'ן, און אַן איינזאַמע, אַן אומעדיגע האָט זי שוין צייט איינינע יאָהר געוואַנדערט איבער די קאָלאָניעס.

— עס איז אַזוי לאַנגווייליג, — האָט ווידער אָנגעהויבען דער וועכטער. — און צו חנה'ן איז נישט צוצוטרעטען. זי איז אַן אומרוהיגע. אָך, מען דאַרף נאָר אַוועק ערגעץ־וואו ווייט און אַן אַלץ פאַרגעסען.

ער האָט מיט ביידע הענט צוזאַמענגעדריקט זיין קאָפּ. אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, זיצענדיג אָנגעשפּאַרט ביי אַ בוים און צוהערענדיג זיך צום קלענסטען גערויש, פלעגט ער חלום'ען וועגען חנה'ן. אָט געהט זי איהם אַנטקעגען אין פעלד אַ געזונטע,

א גליקליכע מוטער מיט א קינד אויפ'ן אָרעם ווען ער נעהט צוריק פון דער ארבייט א מידער, מיט א קאָסע אויפ'ן אקסעל. זי איז שוין ניט ווייט פון איהם און דאָס ראָזע קינד ציהט זיינע דיקע הענטלאך און לאכט. און ארום און ארום שאָקעלט זיך שטיל דאָס פארטינע, הויכע ברויט און די ·זון פארגעהט הינטער די איינענע בלויע בערג.

ווען דער טוי האָט אָפגעטרוקענט אויף די אָראנזשען, האָבען זיי אָנגעהויבען ארבייטען. שמעון און בנימין זיינען געגאנגען מיט לייטערס און האָבען געשניטען די פירות פון די שפּיץ־בוימער. די מיידלאך האָבען געשניטען מעהר אונטען. לעבען יעדען איינעם איז געשטאנען אַן אראבקע מיט א קאָרב אויפ'ן קאָפּ, אין וועלכען זי פלעגט אָפּטראָגען די אָראנזשען אין א גרויסען הילצערנעם קאמער, וואו מען האָט זיי סאָרטירט, גע־וויקעלט אין פּאפּיר און געפּאקט אין קעסטלאך.

שושנה האָט געארבייט שווייגענדיג. חנה האָט געזונגען ווי א פוינעל ביים זונעַדראויפגאנג, אויך געפלאפּלעט אָהן אַן אויפהער מיט איהר שווארץ אויגינער פאטמא, וועלכע האָט געהאט קויליַן־ברענענדיגע אוינען און געזונטע ווייסע צייהן.

— חנה, לאָמיר זיך ביימען מיט די אראבקעס, — האָט זיך א ווייצעל געטאָן בנימין. — מיינע האָט אַן אויסזעהן פון א מכשפה.

— זי וועט צו דיר ניט געהן, — האָט חנה מיט א געלעכטער געענטפערט.

— פאטמא, וועסט געהן צו מיר?

— לא (ניין), — האָט די אראבקע געענטפערט, א שאָקעל געבענדיג מיט'ן קאָפּ אזוי, אז די אָנגעהאנגענע מטבעות האָבען א קלונג געטאָן.

די זון האָט באלויכטען מיט איהרע לעבעדיגע שטראַהלען די באַרע, וואָרפענדיג פארשידענע צייכנונגען און גאָלדענע פּלעקען איבער די שמאָלע אלעען פון גאָרטען.

פּלוצים האָט חנה אָנגעהויבען זינגען, און בנימין האָט באלד אונטערגעכאפּט דאָס ליד. איינהערענדיג זיך האָט שמעון גע־חלום'ט וועגען מרים'ען.

— קום צו מיר, געליבטער מיינער, — רופט זי איהם. — לאָמיר געניסען פון דער ליבע ווי לאנג מיר זיינען נאָך יונג

און נישט אויסגעלאָשען איז נאָך דער פייער פון אונזער בלוט. די שטערען וועלען מיט זייער שיין אונז באַלייכטען, די בוימער וועלען אונז מיט א חופה באַדעקען, די גראָזען און בלומען וועלען זייערע שמעקענדע ריחות צוגיסען.

פאַרנאַכט איז מרים א פאַרטראַכטע, א שטילע אַוועק אין גאָר־טען, וועלכער האָט מיט זיינע שלאַנקע קיפּאַריסען געדונקעלט זיך אויפ'ן זוים פון דער אונטערגעהענדער זון. דעם גאַנצען טאָג האָט זי געמאַטערט אַן אונפאַרשטענדליכע בענקשאַפט און זי האָט אַליין דערמאָנט די פריהמאָרגענדיגע באַגעגעניש מיט שמעון'ען.

— ער איז א ליבער, — האָט זי געקלערט.

ס' איז שוין געווען שפּעט, ווען זי איז געקומען אין באַיאַרע. די אַראַבּקעס האָבען שוין אָפּגעטראָגען די לעצטע קערב אַראַנזשען. שמעון האָט איהר געגעבען א שער און זי האָט גענומען פּלינק שניידען די אָראַנזשען, ווערטלענדיג זיך מיט חנה'ן. שמעון איז געשטאַנען נעבען איהר און זי פלעגט איהם אָפּט אָנריהרען מיט איהר יונגען, שעהנעם קערפּער. און געשמעקט האָט פון איהר קערפּער א ריח פון וואַלד און גרינע פעלדער און יעדעס מאָל ווען דאָס מיידעל פלעגט זיך צוריהרען צו שמעון'ען, האָט א זיסע מידקייט זיין האַרץ אַרומגענומען.

חנה איז פּלוצים שטיל געוואָרען און א נעדיכטער שאָטען האָט באַדעקט איהר פּנים.

אָוועגט־צייט, אין דער אַרבּייטער־קיך, האָט חנה, מאָדנע שמייכלענדיג, א פרעג געטאָן שמעון'ען:

— פון ווען אָן האָסטו זיך עס באַפריינדעט מיט מרים'ען? זי איז זעהר א שעהנע, נישט אמת?

— יאָ, א שעהנע, — האָט שמעון געענטפערט און איז אַנט־שווינען געוואָרען.

3.

עס איז געווען א קאַלטע נאַכט. א בייזער ווינד האָט גע־בלאָזען און דער וואַלד, ווי א ים אין א שטורעם, האָט טעמפּ גע־רוישט. שמעון איז געזעסען אין א ווינקעל פון זיין אָרימען חדר. בנימין, ליגענדיג אויפ'ן געלעגער, האָט געקוקט אויפ'ן פאַררויכערטען באַלקען און אונטערגעזונגען עפּעס א ניגון אָהן

ווערטער. אזוי האט ער ליב געהאט צו זינגען אין שעה'ן פון איינזאמקייט, ווען זיין נשמה האט זיך ערגעץ וואו געצויגען און פון בענקשאפט געוויינט. און הערענדיג איהם האט שמעון וואכענדיגערהייד גע'חלום'ט, און געדוכט האט זיך איהם, אז פארשוואונדען איז דער חדר, דער וואלד און בנימין.

— אומעדיג איז מיר — האט פלוצים א זאג געטאן בנימין, און אויפשטעהענדיג פון בעט האט ער אנגעהויבען שפאנען איבער'ן חדר — וואס פאר אן אומרוהיגע נאכט! אין אזעלכע נעכט איז גוט צו חלום'ען מיט א געלעכטער וועגען פריהלינג... און מיר... מיר וועלען פארפאלען ווערען דא אהן לעבען. מיר איז קאלט, און אונז אלעמען איז דא קאלט אהן ליבע. נישטא קיין מיידלאך ביי אונז. און ארום — דער וואלד, דער ים, די גרינע בערג, לאנקעס באדעקט מיט בלומען. עס איז געווען א צייט, ווען אונזערע מיידלאך האבען געפאשעט שאף און געהיט די וויינגערטנער. זיי האבען געזוכט זייערע געליבטע אין די בערג, זינגענדיג „שיר השירים" און איצט, מידע און בלאסע, פיהרען זיי טרוקענע, קלוגע שמועסען. אויך מיר, שמעון, טויגען נים פאר א ניי, געזונט לעבען. מיר זיינען זעהר צובראכען, ביי אונז איז ניט פאראן קיין שטארקער רצון. דא דארף מען האבען געזונטע, גלויבענדע מענשען.

ער האט זיך ווידער א ווארף געטאן אויפ'ן געלעגער, און באהאלטען זיין פנים אין קישען. און נוצלאז האט זיך איהם געדוכט איז זיין ארביים אין איינענעם לאנד, און געגלוסט האט זיך איהם אלץ ווארפען און אוועקגעהן.

— אוועקפאהרען ערגעץ ווייט — האט ער ארויסגערעט, אראפדרעהענדיג דעם קנויט פון לעמפעל.

שמעון האט געשוויגען. ער האט געטראכט גאר וועגען עפעס אנדערש. מרים האט איהם גראד אנגעטראפען אין דער פריה אין וואלד פאר'ן אוועקגעהן. געבענדיג איהם א בלום, האט זי שטיל געזאגט:

— קום אריין צו מיר אין אוונט, דער טאטע איז אין דער פריה אוועקגעפאהרען אין שטאט אריין און וועט מסתמא דארט לאנג פארבלייבען. וויסט, אונזער ווייסער פערד איז גע'פגר'ט

און דער פֿאָטער וויל קויפֿען א נייעם. ער וועט ניט אזוי גיך קומען צוריק.

היינט אין אָוונט וועט ער זיין אין איין צימער און וועט איהר קאָנען זאָגען ווענען זיין ליבע. ווי פרעהליך און אומרוהיג זיין הארץ קלאפּט. נאָכדעם האָט זיך געצויגען א לאנגער אומ־ענדליכער טאָג! אָט האָט דער זונען־אונטערגאנג באדעקט מיט א העל־רויטען גלאנץ דעם גאנצען הימעל און איינגעהילט אין דעמערונג די בערג־שפּיצען. אין זעלבען טאָג, געהענדיג פֿון דער ארבייט, האָט חנה געזאָגט:

— שמעון, היינט וועט זיין א פֿינסטערע נאכט. איך וועל צו דיר קומען, און מיר וועלען געהן ווייט אין וואלד אריין, צום ים צו. איך האָב ליב פֿינסטערע נעכט. מיר וועלען הויך זינגען און שיסען. גוט? — איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען און א רויטקייט האָט איהר פּנים באדעקט.

— היינט וועל איך ניט געהן — האָט שמעון א זאָג געטאָן — קום מאָרגען, חנה.

—איך וועל אליין געהן. עס איז דאָך אזוי גוט איבער׳ן וואלד צו בלאָנדזשען אין א שטארק פֿינסטערער נאכט.

און מרים האָט פֿארפּוצט איהר צימער מיט בלומען און אָנ־געטאָן איהר שעהנסטע שבת׳דיגע קלייד. פֿארנאכט האָט זי זיך פֿארקלערט צוגעזעצט צום פֿענסטער. דער לעצטער שטראהל פֿון דער אונטערגעהענדער זון האָט באגילט איהר בלאָנדען קאָפּ, גליטשענדיג זיך איבער איהר פּנים. דערנאָך איז אָנגעקומען דער אָוונט. מרים זיצט נאָך אלץ ביים פֿענסטער און ווארט. אָט האָט מען שוין די לעצטע ליד אין ארבייטער־סיך אָבגעזונגען, דער פֿייער פֿון זייער קעראָסין־לעמפּעל איז אויסגעלאָשען. אפשר איז ער קראנק געוואָרען — טראכט אומרוהיג דאָס מיידעל. נאָר ניין, אימיצער איז פֿון אונטער די ביימער ארויסגעגאנגען אויפ׳ן וועג.

—דאָס איז ער. ער קומט, ליבער מיינער!

זי האָט פֿלינק פֿארמאכט דאָס פֿענסטער און אָנגעצונדען דעם לאָמפּ. א שטילער עניות׳דיגער קלאפּ אין טיר. זי האָט אויפ־געציטערט.

— קום אריין!

— שלום! וואו האסטו אנגענומען אזוי פיל בלומען?
זי האט איהם דערלאנגט ביידע הענט.

— ביי דיר איז ווי אין א גארטען — האט שמעון ווייטער גערעדט, האלטענדיג איהרע הענט און קוקענדיג איהר אין איהרע בלויע אויגען.

זי האט איהם געבעטען זעצען זיך און געעפענט דאס פענסטער. אויפ'ן הויף האבען געראוישט די קיפאריסען, ווייט אין וואלד האט געשריען אן איינזאמער נאכט־פויגעל, און ערגעץ וואו האבען געוואיעט שאקאלען.

— דער ים רוישט! — האט שטיל אנגעהויבען מרים. — ס'איז אומעטיג אין אזא מין אווענט. אט איהר, ארבייטער, זינגט אלע צוזאמען אין קיך ביי דער וועטשערע און אייך איז פרעהליך... און מיר איז אזוי אומעטיג.

מיט אמאל איז זי אנשוויגען געווארען.

— מיר איז ניט אומעטיג — האט שמעון געזאגט, — איך טראכט תמיד וועגען דיר. זינט איך האב דיך דערזעהן, קלער איך נאר וועגען דיר.

דאס מיידעל האט ברייט פאנאנדערגעמאכט איהרע אויגען און אראפגעלאזען דעם קאפ.

א ווײלע האבען זיי געשוויגען. אין וואלד האט נאך אלץ געשריען דער איינזאמער נאכט־פויגעל און געוואיעט האבען די שאקאלען.

— דו ביסט שעהן, מרים, און דיינע אויגען זיינען ווי די פיילכען אין אונזער וואלד.

— רעד נישט אזוי — האט זי א שעפטשע געטאן און צוגעגאנגען צום פענסטער. נאר ער איז איהר נאכגעגאנגען, אנגענומען איהרע הענט און אנגעהויבען זי קושען. זי האט זיי ניט אוועקגענומען און איז געשטאנען פאר איהם א שטילע, ווי א אומעטיגע תפלה. א פרייד האט איהם ארומגענומען און ער האט גענומען רעדען וועגען זיין ליבע. זי האט זיך צוגעטוליעט צו איהם און פארמאכט די אויגען, א גליקליכע, מיט א שמייכעל אויף די ליפען.

— ליבער מיינער — האט זי קוים, קוים געשטעפטשעט — טייערער מיינער!

Digitized by Google

4.

שבת. אין א טיפע, שווארצע מחשבה איז פארזונקען דער עקאליפטוס־וואלד. נידריג איבער'ן גרויען ברויזענדען ים זיינען געשוואומען פארמלאזע, דונקעלע וואלקענס און א געדיכטער נעבעל האט באדעקט די ווייטע גליל בערג.

נאך מיטאג האבען איינינע ארבייטער, און אויך שמעון, גע־קלערט אוועקגעהן צום זומפ אויף נעיענ נאך ווילדע קאטשקעס, אבער ס'האט אנגעהויבען שפריצען א רעגענדיל און יעדערער איז אוועק צוריק אהיים. חנה איז געגאנגען מיט שמעון'ען. שוין לאנג, אז זי האט זיך געקליבען איהם עפעס זאגען, אבער זי פלעגט זיך אלץ נים אנטשליסען. און אין דעם פארוואלקענטען טאג האט איהר הארץ שטארק געקלעמט פון וועהטאג. מיטאג צייט איז זי געזעסען א פארטראכטע, און אומזיסט האט דער שומר פון באיארא געזונגען די שעהנסטע לידער, זי איז די גאנצע צייט געזעסען און געשוויגען.

שוין פון פריהמארגען אן האט זיך שמעון געפיהלט שוואך. דער קאפ האט איהם וועה געטאן און דער גאנצער גוף האט געגאנגט.

— איך פיבער, — האט ער געזאגט, א ציטער טוענדיג.

חנה האט אנגענומען איהם ביי די הענט און געזאגט:

— געה, לעג זיך צו, שמעון. איך וועל שפעטער קומען צו דיר.

דער רעגען האט גענומען שטארקער גיסען. זיי האבען זיך אוועקגעשטעלט אונטער'ן בוים.

— דו, חנה, האסט שטארקע, אנגעמאזאליעטע הענט. אן אמת'ע ארבייטערקע ביסטו. און בנימין קלאגט זיך נאך אויף אונזערע מיידלאך.

— ער איז נארעבט — האט זי געענטפערט. — זיינען דען די קאלאניסטאן־טעכטער ארבייטערקעס? מרים האט צארטע, ווייסע הענט. נו, געה און לעג זיך, שמעון.

— יא, זי איז אינגאנצען אזא צארטע, א ווייסע ווי א מלאך— האט שמעון געזאגט און א ליכטיגער שמייכעל איז דורכגעלאפען איבער זיין פנים.

חנה האָט זיך פּלוצים אומגעקערט צוריק און פֿאַרשווינדענדיג הינטער די בוימער איז זי אַוועק צום ים. נאָך דעם איז זי אַריין צו שושנה׳ן און געקלאָגט זיך אויף איהר ביינקשאַפֿט און ביידע מיידלאך האָבען שטיל געוויינט.

שמעון איז אַוועק אהיים.

— וואָס פֿאַר אַ מאָרנע זי איז — האָט ער געטראַכט, ציטער־ענדיג פֿון קעלט.

אין צימער האָט ער זיך אַנידערגעלעגט אויף זיין האַרטען געלעגער און צוגעדעקט זיך מיט׳ן אַלטען פּאַלטאָ. דער פֿינסטערער טאָג האָט מיט אַ האָפֿנונגסלאָזען בליק פֿון גוסס געקוקט אין קליינעם, רונקעלען פֿענסטער, און האָט אָנגעפֿילט דאָס צימער מיט אַ שווייגענדען טרויער.

— מרים, דו וועסט ניט קומען צו מיר? — האָט שמעון גערעט פֿון היץ. — מיר איז הייס און שטיקענד.

פֿאַרנאַכט איז געקומען חנה. שטיל איז זי אַריינגעגאַנגען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען זיין געלעגער. אין צימער איז געווען פֿינסטער.

— שמעון, דו שלאָפֿסט? — האָט זי געפֿרעגט און אָנגעבויגען זיך איבער איהם.

— דאָס ביסטו, חנה? ווען ביסטו געקומען? ווי פֿינסטער עס איז.

— אָט באַלד וועל איך אָנצינדען דעם לאָמפּ — האָט חנה געזאָגט.

אין די שויבען פֿון די פֿענסטער האָט נאָך אַלץ געקלאַפּט דער רעגען. חנה האָט אָנגעצונדען דאָס נאַפֿט־לעמפּעל און דער אָרימער אַרבייטער חדר האָט זיך באַלויכטען מיט אַ דונקעלען שיין. די שאָטענס האָבען פּלוצים אויפֿגעציטערט און זיך פֿאַררוקט אין די ווינקלען. חנה האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן ברעג פֿון זיין געלעגער און אָנגעהויבען שטיל צו רעדען:

— שמעון ווייסט, איך קלייב זיך קיין גליל; קום מיט מיר, ליבער! מיר וועלען זיך באַזעצען ערגעץ אויף אַ באַרג, פֿון וואַנען מיר וועלען קאָנען זעהן אונזער לאַנד. אויסבויען וועלען מיר זיך אַ קליין הייזעל אונטער די שאָטענס פֿון די אַלטע בוימער

און וועלען לעבען א שעהן ארבייטער לעבען. וואס פאר א תכלית איז וואנדערען איבער די קאלאניעס?

שמעון האט געהערט און געקוקט אויף חנה'ן. ער האט באַמערקט, אז איהרע אויגען זיינען רויט פון טרעהרען, און האט זיך זעהר פארוואונדערט.

— חנה, האסט געוויינט? — האט ער געפרעגט.

— יא, מיין פריינד! דאס קומט זעלטען מיט מיר פאר. מיט אמאל איז מיר געווארען שווער און די טרעהרען האבען זיך אליין אנגעהויבען גיסען. איך וועל דיר אמאל דערצעהלען, פארוואס איך האב געוויינט. אט, ווען מיר וועלען געהן אין גליל.

— אויף פסח קלייב איך זיך קיין ירושלים. און נאכדעם אפשר אויך אין גליל. טרוימען איז אזוי שעהן, אבער דאס לעבען איז דארט שווער, און ווער ווייס, צי איך וועל דארטען קאנען ארבייטען.

— צו וואס זשע ביזטו אהער געקומען צו פאהרען, ווען עס שרעקט דיר דאס שווערע לעבען?

— ניט דאס איז עס — האט שמעון מיער געענטפערט, — גארניט דאס.

אין אוונט האט שמעון געקראנגען היץ. חנה איז ניט אפגעטראטען פון איהם און געוואכט אויף בנימינ'ען. זי האט אראפגעדרעהט דעם לאמפ. שמעון האט צייטענווייז געקרעכצט. דאן פלעגט זיך די מיידעל אנבויגען איבער איהם, שעפטשען איהם ליבליכע ווערטער און פעסט, פעסט צודריקען איהרע ליפען צו זיין הייסען, ברענענדיגען שטערען.

— וואו זיינען מיר? — האט שמעון געפרעגט.

איהם האט זיך געדוכט, אז ער איז אין א טאל, וואו עס שטעהט א ווייסע שוהל באדעקט מיט שטראמען פון לבנה שטראהלען. וואו ניט וואו, ווי איינזאמע וועכטער, שאקלען זיך שטיל די הויכע פאלמען. פון וויטענס זעהט זיך איבער א פארגעסענעם קבר אן איינזאמער קיפארים. דער בענקענדער רוח אלהים שוועבט אין דער לאזור לופט איבער דער ערד. ער געהט אריין אין שוהל. עס איז פינסטערלאך. אויף דער בימה ברענט א ליכט, ווארפענ־

דיג א טונקעלען שיין אויף א זיך שאָקלענדען זקן, וועלכער שעפּט־שעט א תפלה.

— דאָס איז מיין טאטע! — וויל ער א געשריי טאָן און קאָן ניט.

5.

אין איינינע וואָכען ארום איז געווען א יום טוב אין קאָלאָניע. דער וואלד האָט זיך באַלייכט מיט א פאַנטאַסטישען פלאַם פון פלאַקערענדע צוליינטע פייערען. די בחורים און די מיידלאך, האלטענדיג זיך פאר די הענט, האָבען געפיהרט ארום זיי קאראהאָדען. זיי האָבען געפּאטשט אין די הענט, געשאָסען אין דער לופטען, צורייסענדיג די נאכט שטילקייט און דאָס שווייגען פון די פעלדער.

מרים האָט אין דעם יום טוב אָווענט געלויכטען מיט אַן אויסערגעוועהנליך שעהנקייט. טאַנצענדיג אין קאָראהאָד, האָט זי געהאלטען שמעון'ען פאר'ן האנד, און ער איז געווען ווי אין א נעבעל פון דער נאָהענטקייט פון זיין געליבטער מיידעל.

ווען די יונגענד האָט זיך צוזייט איבער'ן וואלד, האָט שמעון שטיל א שעפּטשע געטאָן מרים'ען:

— קום צום ים.

און זיי זיינען פארשוואונדען אונטער די בוימער, וואו עס האָט זיך צווישען די באיארעס און וויינגערטנער געשלענגעלט דער וועג צום ים. אין דער נאכט האָבען ניט געוואָיעט די שאַקאַלען, אָנגעשראָקענע פון דעם יום טוב'דיגען שיסען, און ניט אויבערגערופען האָבען זיך די וועכטער אראבער, וועלכע האָבען רוהיג געדרעמעלט אין זייערע ביידלאך.

מיט מידע טריט זיינען זיי געגאַנגען און געשוויגען. לידער טענער האָבען זיך געטראָגען פון דער קאָלאָניע, שטיל און לאַנזאַם אָפּשטארבענדיג איבער זיי. שמעון האָט דערקענט צווישען זיי חנה'ס קול. זי האָט ליידענשאַפטליכער און העכער פון אלעמען געזונגען:

„חבקיני נא,
נשקיני נא
על עין ועל פה".

זיי זיינען צוגעגאַנגען צום ברעג ים וואָס איז געווען באַ־נאַכטן מיט אַ פאַנטאַסטישען לבנה־שיין. און זיך אַפּגעשטעלט פאַרוואונדערטע און באַצויבערטע. עס האָט געשייגט ווי אויף זיינע כוואַליעס וואַלטען שווימען וואַסער־מיידלאַך. מיט זילבערנע פאָדים פלעכטען זיי זייערע גרינע, רויטע, בלויע האָר, באַפּוצט די ברוסטען מיט גאָלדענע בלומען און וועבען אַ פאַר׳כשופ׳טען וועג צו לעגענדאַרען שלאָס פון ים־קעניג. מיט שטראַהלען נעה־מען זיי אַדורך זייערע קערפּערס און פינקלענדיג מיט ברענענדיגע אַלמאַזען, לאַכען זיי הויך און ווייזען די שטערען זייערע ווייסע ציינער. שטיל, מיט אַ פאַרשלאָפענעם געמורמעל, האָבען זיך גע־קייקעלט די כוואַליעס צום ברעג, געקושט איהם, און ווידער גע־טראָגען זיך צו דער ברייטער ווייטקייט, פון וואַנען זיי פלעגען לויפען צוריק צו איהר.

— ווי גוט דאָ איז נאָר איך האָב מורא — האָט מרים גע־זאָגט און צוגעדריקט זיך צו שמעונ׳ען.

— האָב ניט מורא, טייערע! די קאָלאָניע איז דאָך ניט ווייט פון דאַנען. קיינער וועט אונז ניט אָנריהרען.

— דער טאַטע קאָן מיך זוכען. ער קוקט מיר נאָך און לאָזט מיך ניט ארבייטען אין פעלד און איך וויל ארבייטען, ווי חנה ארבייט, אין וויינגערטנער און אין באַיאַרעס.

מיר וועלען אַוועק פון דאַנען אין אַן אַנדער קאָלאָניע און וועלען דאָרטען ארבייטען צוזאַמען — האָט שמעון געזאָגט, ארומנעהמענדיג דאָס ציטערענדע מיידעל.

— ניין, איך קאָן ניט פאַרלאָזען מיינע עלטערען.

שמעון האָט זיך שווייגענדיג אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, צו־פוסענס פון מיידעל און באַהאַלטען זיין קאָפּ אין די פאַלדען פון איהר קלייד. עס איז איהם געוואָרען זעהר אומעדיג און מיט אַ ווענטאָג האָט איהם געדריקט דאָס האַרץ.

— שמעון, ליבער, שטעה אויף — האָט דאָס מיידעל געבעטען זיך.

און ער האָט אָנגעהויבען צו קושען זי, ציטערענדיג ווי אין אַ פיבער. און מרים, אַ דערשראָקענע, האָט געבעטען:

— ליבער, קום אַוועק פון דאַנען. איך האָב מורא!

6.

דער יום טוב אין קאלאניע האט זיך ביז׳ן פריהמארגען פארצויגען. די יונגענד האט אהן אן אויפהער געטאנצט און געזונגען. און מרים, א באשפריצטע פון נאכט־טהוי, האט ווידער געדרעהט זיך מיט שמעונ׳ען אין קאראהאר...

אויף מארגען, נאכ׳ן יום טוב, איז מרים קראנק געווארען אויף געלען פיבער און מען האט זי אוועקגעפיהרט אין דער צווייטער קאלאניע, וואו עס איז געווען א שפיטאל.

איהר צימער איז געווארען פוסט און פארוועלקט זיינען געווארען די בלומען אויפ׳ן פענסטער.

א שטילער, שווייגענדער אומעט האט באהערשט שמעונ׳ען און אין א פאר טעג האט ער זיך פארענדערט. זיין פנים האט זיך אויסגעצויגען און זיינע אויגען איינגעפאלען. ער האט פארלאזען די ארבייט און איז ביי דער נאכט אוועק פון וואלד, מיט׳ן וועג וואס געהט קיין יהודה. ער איז געגאנגען, ניט וויסענדיג וואוהין און נאך וואס ער געהט.

א פינסטערע נאכט אהן שטערן. א ווינט טרייבט ערגעץ אין די בערג אריין די וואלקענס און ווינט מיט צארן די צעדערען אונטער די פענסטער פון שפיטאל. די קאלאניע שלאפט און ווייט ארום האבען זיך איינגעהילט די פעלדער און בערג. אין דער קליינער שפיטאל־פאלאטע איז שטיל און האלב פינסטער. דאס נאפט־לעמפעל באלייכט מיט א נסיסה־שיין די קראנקע, די ווייסע ווענט און דעם גרויען סופיט. מרים׳ס בעטעל שטעהט אין ווינקעל. די קראנקע ליגט מיט אפענע אויגען. געל און פינסטער זיינען די פיילכען בלויע אויגען. דאס פנים און דער גאנצער גוף איז געל און אויסגעדארט. ביים געלער דרעמעלט די מידע שוועסטער. עס שטעהען ביי דער זייט נאך צוויי בעטען. אין זיי ליגען פרויען, פון וועלכע איינע איז שוין כמעט געזונד, און שלאפט רוהיג.

שטיל.

נאר ווען ניט ווען הערט זיך א שוואכער קרעכץ פון דער

קראנקער, און דער ווינט ווינט שטארקער די בוימער פון אונטער׳ן פענסטער.

— קוקט, קוקט ווי גוט מיר טאנצען — רעדט מרים פון היץ. — דאס איז מיין געווינשטער! דאס איז מיין געליבטער! קוקט ווי שעהן ער איז, מיט וואס פאר א פייער עס ברענען זיינע שווארצע אויגען... אך, ווי ס׳איז הייס!

דאס דרעהט זי זיך מיט שמעון׳ען אין קאראהאד ארום צר־לייגטען פייער, וואס בריהט זיי מיט זיינע פונקען. די קאלאניס־טען שטעהען ארום און זינגענדיג מיט קלינגענדיגע טענער, פאט־שען זיי אין די הענט און שרייען:

— הידר! הידר!

און זי טאנצט אהן א אויפהער מיט שמעון׳ען ארום דעם פייער און די קאלאניסטען שרייען און זינגען.

עטליכע שעה פאר׳ן טויט האט זי געזעהן א שווארץ, צואקערט פעלד, איבער וועלכען עס הענגט א שווארצע נאכט. זי האט זיך פארבלאנדזשעט און שפענענדיג אלץ געזונקען אין טיפען זומפ.

אין מורח האט זיך דער פריהמארגען אנגעצונדען.

1911

חאדרא.

ווי א טרויעריג מזרח־מעשה׳לע, באצירט מיט בלייכע ליליען און קאלטע הערבסט־בלומען איז זי צו מיר געקומען אין א לבנה־נאכט, שטילשווייגענד מיר ארייגעקוקט אין די אויגען, ארומגעהילט מיט צארטע לאסקעס מיין צעוועהטאגטע נשמה, מיך געקושט שמייכלענדיג און מיט א שטיל צארט ווינטעלע זיך אוועקגעטראגען אויפ׳ן שניי־ווייסען חרמן אין איהר גרינעם פראכטפאלען שלאס.

געקומען אין א שווייגענדע נאכט, איינגעהילט אין טרויער. אויף מיר איז ארויפגעפאלען אן אומעט. ווייט הינטער דער קאלאניע בין איך געזעסען אויף דער ערד נעבען מיין וועכטער־ביידעל און צוזאמען מיט א יונגען אראבער געהיט די וויינגערטנער, חלום׳ענדיג וועגען מיין קראנקע, שעהנע געליבטע, וואס בלאנדזשעט ארום אין לעבען, אזוי ווי איך אהן א ציל און אהן א וועג...

אין ביידעל, קוקענדיג פארטראכט אויף די שטערען, איז געזעסען שאכאט. ער האט מרה־שחורה׳דיג געזונגען וועגען זיין פארשטארבענע פרוי איישע. זי איז געוועזען שלאנק ווי א צעדער־בוים אויפ׳ן הויכען בארג און שעהן, ווי די נאכט פון ליבע און טרויער אינ׳ם טאל פון שרון.

מיר זיינען געזעסען שווייגענדיג. די שווארצע נאכט איז וואס אמאל געווארען אלץ מעהר געהיימניספולער און פאנטאסטישער. זי האט אוועקגעטראגען אין איהר איינענער וועלט פון ליבע און שעהנהייט. עפעס נישט ווילענדיג האט זיך געטראכט וועגען טויט, וועגען איינזאמע פארוויאניטע בלומען אויף אלטע קברים. און מיך האט עס עפעס ווי געצויגען צו דעם אלטען וועכטער איבראהים. דארט איז געוועזען א מיידעל חאדרא, זי האט מיך באצויבערט מיט איהר אויסערגעוועהנליכער שעהנהייט און גראציע. איהר פאטער, דער פאסטוך, איז דער׳הרג׳עט געווארען פון

Digitized by Google

א ווילדען בעדואין. זי האט זיך אויפגעהאלטען ביי איהר זיירדען אין וויינגארטען, פארהילכענדיג מיט איהרע לידער די גאנצע גרינע אומגעגענד און הויכקייט. א סך טערקישע לידעס האט פאר איהר געפאדערט דער אלטער און אומזיסט איז געווען די מיה פון די וועכטער, וועלכע האבען זיך צוגאסען אין די נאכטליכע לידער אויף זייערע פאסטוך־פייפעלעך...

— שאראט, קום צו איבראהים׳ען, — האב איך געזאגט מיין אראבער.

— טאיב (גוט) — האט ער געענטפערט שמייכלענדיג: יאללא! קום צו איהם.

מיר זיינען שווייגענדיג געגאנגען איבער א שמאלער סטעזשקע צווישען די קוסטען איבער א ווייטען וועג, וועלכער איז פארפאלען געווארען אין די בערג, האט זיך געצויגען א קאראוואן.

— דין, דין, דין — האבען געקלונגען די גלעקלאך, און עפעס וועמעס א שטארקע יונגע שטימע האט מאנאטאנע געצויגען פונ׳ם טוים פון זיין געליבטע און איהר צושטערטעס הויז, פון זיין ביטערען שיקזאל און איינזאמקייט, צוזינגענדיג:

„יאל־לע־יעלי, יעל־לע־יעלי״. אך, נאכט דו מיינע!... און ס׳האט זיך אין דעם ליד געפיהלט א מידער טרויער פון א איינגעשלאפענעם לאנג פארגעסענעם לעבען. ווי די ערבסט־זוהן וואלט באלויכטען דעם וואלד און אויף זיינע הויכע שפיצען וואלטען פארגעהן איהרע לעצטע שטראהלען.

— דין, דין, דין — זיינען ערגעץ פארשטארבען די גלעקלעך און פונקט ווי א ווייטע לעגענדע איז אפגעשטארבען דאס ליד.

איבראהים האט אויף אונזער גרוס געענטפערט מיט א גוטען שמייכעל. צודרוקענדיג זיין האנט צום ברוסט, האט ער געענטפערט:

—פרידען צו אייער קומען.

מיר האבען זיך אנידערגעזעצט ארונטערגעהמענדיג די פיס אונטער זיך. אראפגעלאזען האלב אויף די קניען, האט ער זיך

געזעצט אנטקעגנען אונז ביי דעם האלב־פארלאָשענעם פייער און ווי תפלה־טוענדיג האט ער געקוקט אויף די פלאמען, וועלכע האבען פון צייט צו צייט אויפגעשפרונגען, באלויכטענדיג מיט א רויטען אפשיין זיין קלוג, רוהיג, פארברענט געזיכט און ברוינע נאקעטע ברוסט.

איך האב חאדרא׳ן ארומגעזיכט מיט די אויגען.

צום פייער איז צוגעקומען איינגעהילט אין שמאטעס א האלב נאקעטע שמוציגע אלטע פרוי. א פארגאסענע מיט ליכט פון דער לבנה און פון פייער, איז זי געווען ענליך אויף א מכשפה פון א וואלד־לעגענדע. פלוצלונג האבען ווייכע טענער אנגעהויבען גלעטען מיין נשמה.

— איך ליב דיך, מיין טייערער, מיין געוואונשטער!

דאס האט געזונגען חאדרא. זי איז געווען אין וועכטער־ביידעל.

— אללאה, אללאה! האט שאכאט אפגעזיפצט און, איינגעהר־לענדיג זיך אין זיין פלעד, איז ער אנטשוואונען געווארען.

— גיב מיר צו טרינקען, איבראהים.

— חאדרא, דערלאנג דעם קרוג, — האט דער אלטער א גע־שריי געטאן.

איך האב אויפגעציטערט. מיט א קליינעם קרוג אין די הענט איז זי ארויסגעקומען, א ברוין־הויטיג, געהיימניספול וועזען פון גרענצלאזע מדבריות, איינגאנצען באגאסען מיט דעם מעלאנכאלישען גלאנץ פון דער לבנה. דערלאנגענדיג מיר דעם קרוג, האט זי גראציעז איינגעבויגען דעם קאפ קלינגענדיג מיט די מטבעה׳ס פון איהר צירונג און געשמייכעלט:

— דו ביזט שעהן, חאדרא, — האב איך איהר שטיל ארייג־געזומט.

— אלץ איז פון אללאה, מיין הערר — האט געענטפערט דאס מיידעל. צוגענומען דעם קרוג איז זי אוועק און א זייט און זיך אנידערגעזעצט אונטער א מאנדעל־בוים, מיך אנקוקענדיג מיט איהרע גרויסע רונדע אויגען, אין וועלכע עס איז געווען פארבאר־גען ווילדע תאוה, ליבעס־דורשט און ווילדע טאפפערקייט.

מיר איז קאלט געווארען און צוטוליענדיג זיך צו שאכאט׳ן, האב איך פארמאכט די אויגען.

און איך האָב דערזעהן חאַדראַ'ן אַדורכגעדרונגען מיט לבֿנה שטראַהלען, מיט אַ קרוין פון אונשטערבליכער שעהנהייט אויף איהר שוואַרצען קאָפּ אָפּגעשאָטען מיט ברענענדיגע רובינען. אויף אַ הימלישע סטעזשקע געהט זי אַנטקעגען דעם העל־רויטען מאָרגען־שיין פון דער אויפגעהענדער זוהן. איך שטרענג מיך אָן אום אויפצושטעהן, נאָר עפּעס איינער אַ שרעקליכער מיט אַ גרויסער מעכטיגער האַנד האָט מיך צוגעשמידט צו דר'ערד און מיר איז אַזוי שווער, אַזוי שווער צו אָטעמען... ארום מיר איז אַ זאַמד־דיגער מדבר, אַ מידער וואַנדערער, אויסגעמאַטערט פון דורשט, געה איך פונ'ם טויטען ים נאָך ירחון. דער זאַמד איז אָנגעגליט, די זון ברענט אָהן רחמנות, פאַרלירענדיג די לעצטע קרעפטען, פאַל איך אַנידער אויף דעם הייסען ברענענדיגען זאַמד.

— אַך, וואַסער, וואַסער!

און די מדבר פאַרוואַנדעלט זיך אין אַ בליהענדען טאָל. אַרום הויבען זיך אויף גרינע בערג, אומעטום פליסען קלאָרע טייכ־לעך, בליצענדיג און שפּילענדיג קעגען דער זון. שטאָלצע שלאַנ־קע פּאַלמען ציהען זיך הויך אין הימעל אַריין. עס בלאָזט אַ קיהל ווינטעלע.

— שטעה אויף, מיין אינגעל, — רופט מיך חאַדראַ, דער־לאַנגענדיג דעם קרוג, — טרינק, דאָס וואַסער איז קאַלט און פריש. מיר זיינען דאָ אַליין, מיין ליבער. דאָרט, אין די בערג, ליגט אַ קליינער טאָל, איינגאַנצען באַדעקט מיט אַדאָניסען. אַהין וועלען מיר אַנטלויפען, כ'וועל דיך ערלויבען צו קושען מיין ברוינעם קער־פּער, כ'וועל דיר שענקען מיין ליבע, וועלכע איז ברענענדיגער ווי די פלאַמען... איהרע גרונדלאָזע אויגען בליצען און אַטעמען מיט פייערדיגע ליידענשאַפט. און פּלוצלונג כאַפּט זי מיך פאַר די האַנד און מיר טראָגען זיך אַוועק מיט אונבאַגרייפליכער שנעלקייט.

— — — — — — — — — —

איך האָב אויפגעוואַכט. הויך איז געשטאַנען די לבֿנה און שטיל אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד. דאָס פייער איז שוין איינ־גאַנצען פאַרלאָשען געוועזן. איבראַהים, די אַלטע און שאַכאַט זיינען געשלאָפען. קעגען דעם אָפּגלאַנץ פון דער לבֿנה האָבען זיי אויסגעזעהן וואונדערבאַר און לעגענדאַריש. איך בין שטיל צוגעגאַנגען צום וועכטער־ביידעל. אויף אַ דאַגאַזשע, אויסגעצוי־

נען ווי אַ סטרונע, איז תאדרא געשלאָפֿען. זי האָט געאָטעמט גלייך און רוהיג. אַ לבֿנה־שטראַהל, וואָס האָט דורכגעדרונגען דורך די צוריסענע ראַנאַזשע, האָט פֿאַר׳גנבֿ׳ענדיג זיך אַן אַ זייט, באַלויכטען איהר געזיכט מיט׳ן צויבער־שמייכעל אויף איהרע האַלב־אָפֿענע ליפּען. איך בין צוגעפֿאַלען צו איהר און אָנגעהויבען צו קושען איהרע ליפּען, די אויגען, דעם האַלז און די ברוסט. זי האָט ערוואַכט און אַ געשריי געטאָן, נאָר באַלד איז זי אַנשווינגען געוואָרען, צודריקענדיג מיך מיט אַ ווילדער קראַפֿט צו איהר ברוסט...

פֿאַר זונען־אויפֿגאַנג האָט זיך מיר גע׳חלומ׳ט אַ גרינער אינזעל אין דערמיט פֿון שטורמישען ים. אין אַ קריסטאַלענעם שלאָס אויף אַ געלענער פֿון ראָזע אויפֿגעטויכט וואַלקענדלעךליג איך אויסגעמאַטערט פֿון תאדרא׳ן.

ווי אַ טרויעריגע מזרח־מעשה׳לע, באַצירט מיט בלייכע ליליען און קבֿרים־בלומען פֿון הערבסט, איז אין אַ לבֿנה־נאַכט געקומען צו מיר די נעטין פֿון שעהנהייט. שטילשווייגענדיג מיר אריינגע־קוקט אין די אויגען, ארומגעהילט מיט צאַרטע לאָקען מיין צע־וועהטאָגטע נשמה, געקושט מיך שמייכלענדיג און זיך אַוועקגעטראָגען אויפֿ׳ן שניי־ווייסען חרמון אין איהר גרינעם פּראַכטפֿולען שלאָס.

1909

צום נביא'ס קבר

דאָס איז געווען נאָך דעם ווי די ענגלישע סאָלדאַטען זיינען אריין אין ירושלים און פארנומען יהודה. איבער'ן גאַנצען לאַנד האָט געשוועבט טויט און טרויער, און די טרעהרען פון די אונ־טערדריקטע האָבען זיך געגאָסען אָהן אויפהער, איינזאַפּענדיג זיך אין דער ערד ווי דער מאָרגען און אָווענט־טוי.

און אין יענע אומרוהיגע טעג האָט אין קליינעם דערפעל, וואָס ליגט צונעטוליעט ביים פוס פון די בערג פון אפרים, געוואוינט אן אָרימע פעלאַכין מיט איהר יונגער שעהנער טאָכטער, כאַדידזשע. דאָס מיידעל איז אַלט געווען פערצעהן יאָהר, און האָט זיך פאַר־רעכענט פאר דער שעהנסטער אין דער אומגעגענד.

פריהער, ווען עס האָט נאָך געלעבט איהר פאָטער, דער שלאַנ־קער און שטאַרקער מוסטאפא, האָבען מוטער און טאָכטער ניט געוואוסט פון קיין נויט. זיי האָבען באַארבייט ניט קיין גרויס פעלד, וואָס האָט זיי גענערט, און דאָס רוהיגע לעבען פלעגט זיי פון ציוט צו צייט שענקען זייגע פריידען, און זיי פלעגען דאנקען אללא'ן און דעם גרויסען נביא מאַכמעד.

זיינען אָנגעקומען שווארצע טעג, און מען האָט מוסטאפא'ן פארטריבען אין מלחמה, און מוטער און טאָכטער זיינען איבער־געבליבען אליין ווי פילע און פילע אנדערע פרויען. די מוטער האָט אומאויפהערליך געוויינט, ביז איהרע אויגען זיינען האַלב בלינד געוואָרען פון טרעהרען, און אויפ'ן פנים האָבען זיך אוועק־געליינט די שאָטענס פון שמערץ און טרויער. דאָס איינציגע פעלד איז פארוואקסען געוואָרען מיט שטעכיגע גראָזען און אין די מאָרגען־ און אָווענט־שטונדען האָט שוין דאָרט מעהר ניט געהערט זיך די פרעהליכע שטימע פון דער יונגער כאַדידזשע, און נאָר די הונגעריגע שאקאלען האָבען געבלאָנדזשעט איבער די ניט־

Digitized by Google

צואַסערטע פּאַסען, און אומהיימליך געוואָיעט דורך די נעכט, ווי זיי וואָלטען באַקלאָגט דעם טויט פון דעם פעלאַך, וואָס איז געפאַלען אין אַ פרעמדען לאַנד.

איינמאָל האָט זיך דער אַלמנה גע'חלום'ט אַ שווערער חלום— און אויסגעטריקענטער ווי אַ סקעלעט, מיט פינסטערע לעכער אָנ־שטאָט אויגען, דורך און דורך אַ פאַרוואונדעטער, אַ פאַרבלוטיגטער, איז צו איהר געקומען איהר מאַן, מוסטאַפאַ. ער האָט געקלאָגט, געשלאָגען זיך מיט'ן קאָפּ אָן וואַנט, און אַלץ גע'טענה'ט, אַז די ערד וויל ניט צונעהמען זיין קערפּער, און זיין נשמה קאָן קיין רוה ניט געפינען.

די אַלמנה האָט זיך אויפגעכאַפּט מיט אַ געוויין און געזאָגט צו כאַדידזשע:

— קינד מיינס, איך האָב געזעהן אַ שרעקליכען חלום — דיין פאָטער קאָן ניט געפינען קיין רוה נאָכ'ן טויט. לאָמיר געהן נאָט בעטען אויפ'ן קבר פון נביא, און פון דאָרטען וועלען מיר אוועקגעהן אין די ערטער, וואו די אידען באַאַרבייטען זייערע פעלדער און גערטנער. ביי זיי וועלען מיר געפינען אַרבייט, און אַזוי וועט גאָט אונז אויפהאַלטען ביים לעבען.

און אין עטליכע טעג אַרום, ווי נאָר די בערג פון יהודה האָבען זיך אָנגעצונדען מיט פּורפּור און גאָלד, זיינען מוטער און טאָכטער אַרויס פון איינגענעם דערפעל און געלאָזט זיך אויפ'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט צום נביא'ס קבר. די אַלמנה איז געגאַנגען און געוויינט, אַלץ אומקוקענדיג זיך צוריק אויפ'ן דאָרף, וואו די טעג פון איהר יונגער זיינען פאַרגאַנגען, און וואו איצט איז פאַר־לאָשען געוואָרען דאָס פייער פון איהר הויז, — און אָט געהט זי צום נביא'ס קבר מיט ליידיגע הענט ווי אַ בעטלערין. און עס פלעגט זיין פריהער, ווען מוסטאַפאַ האָט געלעבט, פלעגען זיי עולה רגל זיין יעדעס יאָהר צום נביא'ס קבר, פיהרענדיג מיט זיך פון אַלעס גוטען: פּאַלמען־בלעטער, שמעקעדיגע גראָזען, פיל־פאַרביגע בלומען און טייערע בשמים, און דאָרטען, אויפ'ן קבר, האָט מען געגעסען, געטרונקען און אויסגעזונגען אַלערליי ליבע־געזאַנגען, און ביינאַכט איז מען געזעסען אַרום די פייערען ביי דער ווייסער געהיימניספולער מאָשעע, געדויכערט קאַליאַן, און די אַלטע אַראַבער, וואָס זיינען געווען אין מעקאַ, האָבען דערצעהלט

די נסים פון דעם נביא'ס לעבען, און נאָהענט איבער א פעלז האָט געמורמעלט א וואַסערל, און אין הימעל איז געשוואומען די שטילע גרויסע לבנה, באַלייכטענדיג נאָט'ס וועלט מיט אַ זילבערנעם כישוף־שיין.

— ווי ביטער איז אונז איצט,—האָט די פעלאַכין אָפּגעזיפצט און האָט זיך ווידער צוואויינט.

זיי זיינען געגאַנגען איבער אַ וויסטען פעלד, וואָס איז געווען פאַרוואַקסען מיט שטעכיגען גראָז, דערנער און ווילדע בלומען. עס האָט געבלאָזען א מאָרגען־ווינטעל, די זון איז שוין אויפגעגאַנגען, דאָס דערפעל איז געבליבען ווייט פון הינטען, און די אפרים־בערג האָבען זיך פאַרצויגען מיט א בלייכען, דינעם וואָלקען־שלייער.

מיטאָג צייט זיינען זיי צוגעקומען צו אן איילבירט־וועלדעל און האָבען זיך אוועקגעזעצט אָפּרוהען און דערפרישען זיך מיט ברויט און וואַסער. עס איז פאַרביינגעגאַנגען אן אלטער אראַבער און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואוהין געהט איהר, פרויען? — האָט ער געפרעגט.

— איך בין אן אלמנה, — האָט די פעלאַכין געענטפערט. — מיין מאַן איז געפאַלען אין שלאַכט, און דאָס איז מיין טאָכטער, און מיר געהן בעטען גאָט אויפ'ן נביא'ס קבר.

— זאָל אייך אללא בענשען אין אייער וועג, — האָט דער אלטער געזאָגט, און האָט זיך אנידערגעזעצט.

— גאָט האָט פאַרלאָזט אונזער פאָלק, — האָט ווייטער גערעט דער אַלטער און ער האָט אָנגעהויבען צו דערצעהלען, ווי איבער'ן גאַנצען לאַנד געהט ארום טרויער, ביטערער מזל, און שווערער, בייזער הונגער, און די קערפּער פון די טויטע הייליגע מוסולמאַנער פוילען אויף די פעלדער און וועגען, און שוואַרצע פויגעל דרעהען זיך סטייעס־ווייז איבער זיי, און קראַקען מורא'דיג ווי איבער אומריינע נבלות, און די פרעמדע סאָלדאַטען פאַרגוואַלטיגען זייערע ווייבער און טעכטער און שטעקען זיי אָן מיט מיאוס'ע קראַנקהייטען.

— אללא, אללא, — האָט געזיפצט די אלמנה. און דאָס פנים ביים אלטען האָט אויסגעזעהן אַזוי אומעטיג, אויסגעמאַטערט און

נוס, אז זי האָט איהם אָנגענומען פאַר א היילינגען און איהם דערצעהלט איהר חלום.

— אלץ איז פון גאָט, — האָט געענטפערט דער אַלטער. — געה און טו תפילה, און דער גרויסער נביא וועט דערהערען דיין געבעט.

די מוטער און טאָכטער האָבען זיך טיף פאַרנייגט פאַר איהם.

— געהט בשלום, — האָט דער אלטער געזאָגט, און איז זיך אוועק זיין וועג, אָנשפּארענדיג זיך אויף א הויכען שטעקען.

און די פרויען זיינען ווייטער געגאנגען דורך דעם אוילבירט־וועלדעל, טרעטענדיג פּאַמעלאך אויף דעם הייסען זאמד. די זון שטעהט שוין זעהר הויך, די בלויע לופט איז ווי פאַרגליווערט, ווייט ארום הערט זיך קיין שאָרך. די אַלטע, פיל־פאַרצווייגטע אויסגעבויגענע בוימער זיינען פאַרזונקען אין א טיפען שלאָף, און עס איז אַזוי הייס און שווער צו געהן.

און אָט זיינען זיי ארויס פון וואלד. פון ווייטענס האָט זיך געזעהן א פעלד, באַדעקט מיט ווייסע סאָלדאַטסקע ביידלאך. עס האָבען זיך באוויזען וועגענער, פערד, און אויטאָמאָבילען. עס האָבען זיך דערהערט שטימען. כאַרידזשע האָט זיך א ווײַלע אָפּגעשטעלט. די מוטער האָט זי גענומען פאַר די הענט און געזאָגט:

— קום ווייטער, טאָכטער מיינע, עס קאָן נאָך צופאַלען דער אָווענט אויפ׳ן וועג, און די צייט איצט איז אַזאַ אומרוהיגע.

און זיי זיינען אוועק ווייטער, און ארויס אויפ׳ן ברייטען סולטאנער וועג.

פּלוצלונג האָט זיי אָנגעיאָגט א גרויסער, מיליטערישער אויטאָמאָביל. זיי זיינען דערשראָקען אראָפּ פון וועג. דער אויטאָמאָביל האָט זיך אָפּגעשטעלט, און א הויכער, ברייט־פּלייציגער סאָלדאַט איז צוגעגאנגען צו כאַרידזשע.

— וואוהין געהסטו, בינטי? — האָט ער געפרעגט, איינ־עסענדיג זיך אין איהר מיט א פאַרשוואומענעם, תאוה־נעזיכט.

— כאַוואַדזשאַ, מיר געהען תפילה טאָן צום נביא׳ס קבר — האָט די אַלטע געענטפערט.

דערווייל איז צוגעקומען נאָך א סאָלדאַט, וועלכער האָט גערעט אביסעל אראביש.

זעצט זיך מיט אונז, און מיר וועלען אייך אונטערפיהרען, דער וועג איז דאָך אזא לאַנגער און שווערער, — האָט ער פאַר־געלענט.

— זעה נאָר וואָס פאר א אויגען די קליינע האָט, — האָט דער ערשטער סאָלדאַט צוגעוואונקען.

און באַדידזשע איז געשטאַנען פאר זיי מיט אן אראָפּגע־לאָזענעם קאָפּ, א דערשראָקענע ווי א יונגע הירשין. איהר גאַנצער, שלאַנקער, בוינזאמער קערפּער, מיט די קליינינקע, שטייפע בריסט, אַנגעטאָן אין א לאַנגן וואָלענעם קלייד, וואָס איז געווען אויסגע־נעהט מיט בלויע בלימלאך, מיט דעם יונגען מיידעלשען מאַטואיר־טען פּנים, מיט די מטבעות איינגעפלאָכטען אין די האָר, האָט די סאָלדאַטען צורייצט.

— וואָס מאכסטו מיט איהר לאַנגע רייד? — האָט דער ערשטער, אומגעדולדיג, געזאָגט. — שלעפּ זי מיט געוואַלט, אויב זי וויל נים מיט גוטען.

— ניין, ווארט אביסעל, — האָט דער צווייטער געזאָגט, און האָט ווידער אָנגעהויבען איינרעדען די אראבקעס צו פאָהרען מיט זיי.

אויסגעמאַטערטע פון לאַנגען וועג און דורשט, און באַרוהיג־טע פון די גוטע ווערטער, האָבען זיי ענדליך נאָכגעגעבען און געלאָזט זיך נעהמען פון די סאָלדאַטען אין אויטאָמאָביל, וועלכער איז גלייך אָפּגעפאָהרען ווייטער.

צעהן יונגע, שטאַרקע סאָלדאַטען האָבען גלייך ארומגעריג־נעלט דאָס מיידעל, און זי איז געזעסען אויפ׳ן ברעט ווארפענדיג פון אלע זייטען דערשראָקענע בליקען. די סאָלדאַטען האָבען אָנגעפאַנגען גראָב צו וויצלען זיך, און יערער האָט געקוקט אויפ׳ן מיידעל מיט א זשעדנעקייט פון א חיה און גערוקט זיך צו איהר אלץ נעהנטער.

— לאָזט זי אָפּ, איך בעט אייך, זי איז דאָך נאָך א קינד, — האָט די מוטער, וויינענדיג גענומען בעטען און קושען די הענט ביי די סאָלדאַטען. נאָר עמיצער האָט זי אוועקגעשליידערט אָן א זייט און עס האָט זיך אָנגעהויבען א ווילד־ציניש געלעכטער, וואָס האָט פארשטיקט די געשרייען פון באַדידזשע׳ן.

* * *

א ביסל שפעטער האָט זיך דער אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט און צוויי סאָלדאַטען האָבען ארויסגעטראָגען כאַדידזשע׳ן א האלב טויטע, האָבען זי אוועקגעלעגט לעבען וועג, אויפ׳ן זאמד, און דער אויטאָמאָביל איז זיך אוועק ווייטער.

די מוטער האָט זיך א וואָרף געטאָן צו איהר טאָכטער, און רייסענדיג זיך די האָר פון קאָפּ, איז זי פארגאַנגען אין א ביטערען געוויין, שרייענדיג:

— אָ, יאמא, יאמא, יאמא! מאמע! מאמע!

ווען די וויינטרויבן בליהען

איך געה היטען די וויינגערטנער. די שמוציגע שטאָרט מיט איהרע שמאָלע גאַסען און געסלאַך איז שוין ווייט פון מיר. ביי די זייטען פונ'ם סולטאַנער וועג האָבען זיך ברייט צעוואָרפען און זיינען אויעק העט ווייט פעלדער און פעלדער מיט דאָזעווע פלאַקס און מיט בלומען־קעפּלאַך, וואָס זיינען לייכט און לופטיג ווי די פעדערלאַך. פאַר די אויגען האָט זיך א שפּרייט געטאָן די בלויע קייט פון די בערג פון יהודה מיט זייערע וואונדערבאַרע פאָרמען — און עס איז מיט אמאָל געוואָרען אזוי גרינג און פריי צו אטעמען.

אָט איז די קאָלאָניע. פון דער ווייטענס זעהט מען שוין די ווייסע שול מיט די גרויסע פענסטער, אין וועלכע עס שפּינעלט זיך אָפּ די אונטערגעהענדע זון; און ביי דער זייט, לעבען די קאַליפּטען בוימער, שטעהט א קליין שטיבעלע. דאָס איז די באָד. באַלד לעבען דעם שטיבעלע שטעהט א ברונען, וואוהין פרויען קומען מיט עמער און קריגלעך און וואו קינדער שפּילען זיך מיט'ן עזעלע וואָס שטעהט דאָרטען. ארבייטער מיט „פּיאַשען" אויף די פּלייצעס קומען אהין פון אלע זייטען זיך דערפרישען מיט דעם קאַלטען וואַסער. דער וועכטער פון דער באָד, רבי ברוך, אַן אלטער אויסגעדינטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, קען אלע בחורים ביי די נעמען.

— נאָר ניט אלע מיט אמאָל, חברה, — קאָמאַנדעוועט ער. — שטעהט „סמירנאָ". פאַר אלעמען איז קיין פּלאַץ ניטאָ. העי, בנציון, דו ביזט מיר שוין שולדיג דריי מעטאַליק. דו מיינסט, אַז ווייל איך בין שוין א זקן, האָב איך שוין קיין זכרון ניט? ניין, גוטער ברודער, האָסט א טעות!

איך געה ווייטער, צום ארבייטער־רעסטאָראַן. דער שטילער,

Digitized by Google

פארטראכטער, אין בלויען איינגעהילטער בין־השמשות, ווערט אלץ געדיכטער און געדיכטער און מען באמערקט גאר ניט, ווי עס קומט אָן אַ שטילער, ווארימער אויף־דער־נאכט. די בוימער אונ־טער די פענסטער ווערען לעבעדיגער, שטיל שאָקלען זיי די צווי־גען און ווארטען אויף דעם זילבער־טוי. אַ גאנצען טאָג האָבען זיי זיך אונטער די שטראהלען פון דער הייסער זון געבראָטען און שטארק געבענקט נאָך אַ קיהלען ווינטעלע, קוקענדיג פארשמאכט אויפ׳ן הימעל, צי עס רוקען זיך ניט אָן קיין וואָלקענס.

אין דעם ארבייטער־רעסטאראן איז נאָך קיינער נישטאָ. די בעל־הבית׳טע גרייט דעם לאַנגען טיש.

— איהר זענט אהער געקומען אויף אַ לאַנגער צייט? — פרעגט זי מיך.

— ביז מען וועט די וויינטרויבען אראָפּנעהמען פון די וויינ־גערטנער, — ענטפער איך. די שומרים עסען אלע ביי אייך?

— כמעט אלע, — ענטפערט זי. — באלד וועלען זיי קומען אהער.

פונ׳ם שכנ׳ישען צימער הערט מען ווי פון יענער זייט וואַנט פארווינט אַ פרוי אַ קינד זינגענדיג מיט אַן אנגענעהמער שטימע.

שטעל איך זיך אוועק ביים אָפענעם פענסטער, און אויפ׳ן הארצען ווערט מיר עפּעס אזוי גוט, אזוי רוהיג.

עס קומט אָן פון דער ארבייט דעם בעל־הבית׳טעס טאָכטער, רבקה. זי איז אַ געזונטע, פעסט־געבויטע מיידעל, מיט צוויי בלויע אויגען און מיט אַ שווארץ חנ׳עוודינען פּנים.

ווי זי איז נאָר אריינגעקומען, האָט זי אין אַ ווינקעל אוועק־געשטעלט דאָס קוישעלע, און אין מיטען דרינגען האָט זי זיך פאנאנדערגעלאכט, און דאָס גאנצע צימער איז דערפון גלייך פול געוואָרען מיט פרייד און מיט דעם ריח פון פרישען גראָז.

— מאַמע, איך בין שרעקליך הונגעריג, — זאָגט זי.

דערנאָך ניט זי אַ קוק אויף מיר, צולאכט זיך ווידער און פרעגט:

— איהר זייט ווידער געקומען צו אונז?

און מאָרגען היט איך שוין די וויינגערטנער. איך זיץ אויף די טרעפּ פון וועכטער־ביידעל און קוק פון דערווייטענס אויף דער

קאַלאַניע, וועלכע שפּרייט זיך פאַר מיר, איינגעהילט אין דעם גרינס פון די מאַנדלען און אַראַנזשען־גערטנער.

עס רוקט זיך אָן דער בין השמשות. אין דער בלויער לופט שוועבט אַ שטילער אומעט. אַ שטיל ווינטעלע בלאָזט און שאָקעלט די צווייגען, און עס דאַכט זיך, אַז שטילערהייט זייגען זיי מתפלל: „דערבאַרעמדיגער גאָט! דערבאַרעמדיגער גאָט!" און העט־ווייט איבער'ן ים, מיט בלוטיגער רויטקייט אין זיך איינגעזאַפּט, רוקען זיך פאַרשיידענערליי משונה'דיגע וואָלקענס, איינער אַ גרויסער, מיט פּורפּורנע קאַנטען, קוקט אויס ווי אַ ריזיג גרויסער פויגעל מיט איין פוס און מיט אַ לאַנגען שאַרפען שנאָבעל. אַ צווייטען קוקט אויס ווי אַן אור־אַלטער גאָט פון מצרים, אויף וועלכען עס פאָהרט רייטענדיג אַ אינגעלע מיט רויטע בעקעלאַך און מיט צושפּרייטע הענט. און די איבעריגע קוקען אויס ווי די גייסטער, וועלכע היטען די אוצרות פון די בערג.

„עס וועט היינט זיין אַ פינסטערע נאַכט", — קלער איך מיר. און עס פאַלט אויף מיר אַ שרעק.

פון דער קאַלאַניע דערטראָגען זיך צו מיר אויף די פליגלען פון'ם ווינט אָפּגעריסענע קלאַנגען פון מענשליכע קולות. איך וויים, אַז מיט וועכטער האָט זיך שוין ניט איינמאָל אָן אומגליק געטראָפען, און איצט קומט מיר אַלץ אויפ'ן זינען די אַלע וועכטער, וועלכע זיינען דער'הרג'עט געוואָרען. איך זעה זיי מיט די אויגען און האַלט אין איין קלערען וועגען זיי.

עס איז געוואָרען פינסטער.

איך באַהאַלט דעם לייטער צווישען די בוימלאַך און הויב זיך אָן ארומדרעהען ארום דעם וויינגאָרטען. די מורא, וואָס לויערט פון אַלע ווינקעלאַך ארום, צווינגט מיר ארומצוקוקען זיך אין אַלע זייטען. דער ווינט הויבט אָן בלאָזען שטאַרקער. איך געה צו צום וועכטער, וואָס געפינט זיך ניט ווייט, צו דעם אַלטען קאַפּלאַן. ער שטעהט איינגעבויגען איבער אַ קליין פייערל און גרייט פאַר זיך צו עסען, און אויף דער ערד, איינגעהילט אין אַן „אַבאַיע" ליגט דער יונגער אַראַבער לאַסעם, און עפּעס אַזוי אומעטיג און האַרצרייסענד זינגט ער אויס אַ מעשה'לע וועגען אַ הייליגען דערוויש, וועלכער האָט לאַנג געוואַנדערט איבער דעם מדבר, אויסגעהעגדיג נאָך אַ טרונק וואַסער;

א מעשה'לע וועגען דעם, ווי נאַט האָט זיך אויף דעם הייליגען דערוויש דערבאַרעמט און איהם צוגעשיקט א קאַלטען וואַסער־קוואַל אונטער'ן שאָטען פון א הויכען פאַלמען־בוים, וואו דער נביא האָט זיך פאַר איהם באַוויזען.

האַלבע נאַכט.

איך געה איבער די אַלעען פון דעם מאַנדעל־גאָרטען, וואָס ליגט צואוואָרפען ביי דעם בערגעל פונ'ם ווייִנגאָרטען. די בוימער רוישען, און מיר דאַכט זיך אַלץ, אַז אַראַבער באַפאַלען די קאָלאָניע און הרג'ענען דאָרטען אויס מענער, פרויען און קינדער. אַלעמאָל דוכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי פון דאָרטען שרייט מען פאַר־צווייפעלט: „ראַטעוועט"!

אָבער איך באַרוהיג זיך אַליין:

„עס, נאַרישקייטען! דאָס רוישט בלויז דער ווינט און די שאַקאַלען וואָיען".

— איך דערפיהל, ווי איך בין זעהר מיעד. עס ווילט זיך שלאָפען. זעץ איך זיך אוועק אויף דער ערד, און באַלד הויבען מיר זיך אָן צו פּלאָנטערען אין קאָפּ עפּעס אַזעלכע משונה'דיגע, פאַנטאַסטישע זאַכען. עס פאַלט מיר איין, אַז איך בין א וואַנדע־רער אין די וויסטע בערג. ניין — איינער פון דעם חיל פון יהושע בן נון; מיך האָט מען געשיקט אַלס מרגל צו זעהן וואו דעם שונא'ס מחנות געפינען זיך; ווען די זון וועט אויפגעהן אין מזרח, וועט יהושע בן נון דעם שונא'ס מחנות באַפאַלען; איך וועל זיך אין דער שלאַכט שטאַרק אויסצייכענען און ווען איך וועל זיך מיט נצחון אומקערען צוריק אהיים, וועלען מיר אַקעגען געהן מיט טענץ און געזאַנג די שוואַרץ־הויטיגע טעכטער פון יהודה, פונקט ווי יפתח'ס טאָכטער איז ארויס מיט פויקען און טענץ.

— שלאָפסט?

איך גיב זיך א כאַפּ אָן איבערגעשראָקענער, איך דערזעה, ווי לעבען מיר שטעהט דער עלטסטער שומר פון דער קאָלאָניע.

ענדליך הויבט אָן טאָגען. א געדיכטער טוי פאַלט אויף דער ערד, און דער ליכטיגער מאָרגען־שטערן צוברענט זיך העל אין מזרח, באַפוצענדיג אין פּורפּור און אין גאָלד די אַלע וואָלקענס, וואָס האָבען זיך ביינאַכט אַהן א ציעל און אַהן א תכלית ארומגע־בלאָנקעט איבער'ן הימעל אין דער פינסטער.

פאמעלאך לאז איך זיך נעהן צום וועכטער־ביידעל. איבער'ן גאנצען קערפער פיהל איך א מין זיסע מידקייט און עס ווילט זיך מיר אזוי שלאפען. פון די קוסטעס, וועלכע זיינען מיט טוי באַשפריצט, טראגט זיך א דופטינער ריח. אן איבערגעשראָקענער שאקאל אנטלויפט און באהאלט זיך הינטער די ווייגגערטנער.

מיט עטליכע שטונדען שפעטער דערפיהל איך, ווי די שטראהלען פון דער זון וועקען מיך. איך טו זיך אַ שנעל און נעה באלד אוועק באדען זיך אין א נאהענטער באיארע. דארטען געפינט זיך א ברייטע „בירקא", פון וואנען די וואסער שטראָמט דורך רינוועס אין גארטען אריין, באפרישענדיג די בוימער. ביי די טויערען פון דער באיארא שטעהט א בארפוסע בעדואינער מיידעל, וועלכע קוקט אזוי שטאלץ ווי א שטרענגע פרינצעסין.

— פון וואנען ביזטו?

— איך בין פון די בערג, חאווארזשע,—ענטפערט זי, עפענענדיג דעם טויער.

אין גארטען ארבייט רבקה און צוויי יונגע לייט. מיט „פיאַשען" צוגראבען זיי די ערד ארום די בוימער. ווען זי דערזעהט מיך, גיט זי א ווארף דעם "פיאזש" אין א זייט און גיט זיך א גלייך אויס מיט איהר גאנצען, שלאנקען, פעסטגעבויטען קערפער, פון וועלכען עס אטעמט פשוט מיט כח און גבורה.

— אויף דער נאכט וועל איך קומען צו דיר אין ווייגגארטען,

— זאגט זי מיר.

די ארבייטער לאכען:

— אזוי, אזוי.

זיך אויסגעבאדען, נעה איך צוריק צום ווייגגארטען, און אויפ'ן וועג רייס איך געלע, שמעקענדיגע בלימעלאך. און בייטאג ליג איך א פארמאטערטער פון היץ, אין שאטען, ביים ביידעל און קוק אין דער ווייטקייט. ווייט־ווייט פונ'ם ווייגגארטען, דארטען וואו עס זעהען זיך די בערג פון יהודה, נעהען ערגיץ איינזאמע וואנדרער און פון צייט צו צייט ציהען זיך ווערבליודען־קאראוואנען. די בלויע לופט איז ווי פארגליווערט. די קוסטעס דרעמלען, אטעמענדיג מיט דעם נעשמאקען ריח פון די בליהענדע ווייגטרויבען.

— אט דארטען, — קלער איך מיר פויל, — פאהרט זיך אן אראבער אויף אן עזעלע און נאך איהם שלעפט זיך א פרוי, אנגע־

טאַן אין שווארצען. ווי קליין זיי קוקען אוים פון דער ווייטענס!
עס קאָן זיין, אז די אראבערין איז גראָד זעהר א שעהנע און האסט
דעם אלטען מאן, וועלכער צווינגט זי נאָכצוגעהן נאָך איהם א
באָרפוסע אויף די הייסע שטיינער פון דעם ווייטען וועג... און
אפשר איז דאָס נאָר אן אלטע מאמע מיט א קראנקען זוהן, און
זיי איילען זיך ביירע קיין מעקא בעטען נאָט אויפ'ן נביא'ס קבר.

אויף דער סטעזשקע, צווישען די קוסטעס, באווייזט זיך משה'־
לע דער שומר. ער איז א קאָלאָניסט'ס א זוהן. א שטארקער, א
נעזונטער בכור'ל מיט צוויי שווארצע אוינעלאך און מיט א קאָפּ,
וואָס איז שטענדיג פול מיט טרוימען און חלומות. זיין פריינד, דער
אלטער קאפלאן, שלאָפט איצטער. לאסעס איז אוועק צו זיין
ווייב אין דאָרף, און משה'לע האָט דאריבער ניט פאר וועמען אי־
בערצוגעבען זיינע טרוימען וועגען די פארשיידענע וואונדערבארע
מדינות, וועגען די זעלטענע אוצרות אין די ווייטע בערג — די
טרוימען, וועלכע ווערען געשאפען אין זיין מוח אין די פינסטערע
נעכט, ווען ער היט די ווייַנגערטנער.

ער זעצט זיך אוועק און פרעגט:

— ווי אזוי לעבען מענשען דאָרטען, פון יענער זייט ים?
דערצעהל מיר! דאָרטען היטען אויך אידען די ווייַנגערטנער און
אראבער באפאלען זיי ביינאכט?...

— אלע, אלע באפאלען די אידען. אָבער היטען היטען זיי
פרעמדע ווייַנגערטנער און די בעלי־בתים האָבען זיי דאָרטען ניט
ליב...

— פאר וואָס? — פארטראַכט זיך משה'לע.

דערנאָך פרעגט ער:

— איז דאָס אמת, וואָס לאסעס זאָגט, אז אין די בערג זיינען
באהאלטען גאָלדענע אוצרות און ווען מען געפינט זיי, קאָן מען
ווערען רייכער אפילו פונ'ם סולטאן?

— אמת, אמת.

די זון לאָזט זיך ארונטער אלץ נידעריגער און נידעריגער. די
בוימלאך האָבען זיך ווי פונ'ם שלאָף אויפגעכאפט און עס האָט זיך
דערהערט ווי זיי שעפטשען שוין זייער פארנאכטיגע תפלה. דער
טאָג ווערט פאמעלאך פארשוואונדען און אין די פעלדער צולעגען

זיך די פארנאכטיגע שאָטענס און די שפּיצען פון די בערג פון יהודה ווערען באנילדעט פון די לעצטע שטראהלען פון דער זון.

— מען דארף ווידער געהן היטען די וויינגערטנער!

* * *

רוהיג און געמיטליך געהען זיך די טעג. איך האָב דאָס גע־פיהל, גלייך ווי איך וואָלט אין א פריהלינגס פריה־מאָרגען אויף א ברייטען פעלד נעגאנגען דער זון אנטקעגען. מיט די וועכטער טרעף איך זיך זעלטען. די צייט פארברענג איך מיט משה׳לען און מיט׳ן אלטען קאפּלאן, מיט וועלכען איך האָב ליב צו שמוע־סען וועגען גאָט, וועגען דער שעהנער וועלט און וועגען אנדערע פראגען. דער אלטער האָט א סך געזעהן אין זיין לעבען, א סך געטראכט און איצט איז ער צופרידען דערפון, וואָס ער היט די וויינגערטנער אין אייגענעם לאנד.

אָפּטמאָל, אין די אויפדערנאכטען, קומט צו מיר רבקה. פון דער וויטענס, נאָך איידער זי קומט צו צום וויינגאָרטען, זינגט זי א ליד און איך דערקען איהר שטימע. ווען זי קומט צו, צולעגען מיר א פייער, זעצען זיך אוועק דערביי — און וואָס מיר צורעדען! זי האלט אין איין שטעלען פראגען: פאר וואָס עס חלום׳ען זיך מענשען אזעלכע משונה׳דיגע חלומות? וואָס איז ליבע? וועגען דעם קלערט זי שטענדיג... זי איז נאאיוו ווי א קליינע מיידעלע, די רבקה. דערנאָך, זאָגט זי, אז זי איז מיד און לעגט זיך אוועק לעבען פייער.

— רבקה, דו שלאָפסט? — פרעג איך, אָנבויגענדיג זיך איבער איהר.

זי אטעמט שטיל און א קוים מערקבארער שמייכעל שוועבט אויף איהר ליבליכען פנים.

— דו שלאָפסט?

זי ענטפערט נים.

און דאָס הייסט, אז איצט מעג מען איהר געבען א קוש...

אָפּטמאָל, נאָך איהר אוועקגעהן, זיץ איך לאנג ביים פייער, וואָס טליעט נאָך קוים־קוים און טרוים. מיר דוכט זיך, אז איך געה מיט איהר צו א וויטען היימישען דאָרף. אין דרויסען איז

שרעקליך הייס. מיר זיינען מיד, דערזעהען מיר, ווי ביים וועג וואקסט א צעדערבוים, זעצען מיר זיך אוועק אין זיין שאָטען. ארום און ארום זאמלען די שניטער און שניטערקעס די סנאָפּעס אויף די פעלדער הינטער די פעלדער זעהט מען די ווייסע, דאָרפישע שטיבלאך און די גרינע גערטנער ארום זיי.

— עס איז נאָך ווייט ? — פרעגט רבקה, ארויפלעגענדיג איהר מידען קאָפּ אויף מיין אקסעל.

— הינטער יענעם בארג, אין א טיפען טאָל, שטעהט דאָס שטיבעלע, וואו מיין מאמע וואוינט. דאָרטען ווארט זי אויף אונז.

עס נעהט פארביי א בעטלער אין׳א צוריסענעם מאנטעל. ער איז באָרפוס. די טרוקענע, שווארצע הויט פון זיינע פיאטעס איז צושפּאָלטען. ער קוקט אויף די שניטערס און, אויפהויבענדיג די הענט צום הימעל, זאָגט ער ארויס הויך אויס׳ן קול:

— גאָט, בענטש זייער ארבייט!

— דאָס איז א נביא, — שעפּטשעט שטיל רבקה. — לאָמיר זיך צוריהרען צו זיינע צוריסענע קליידער.

דערנאָך געהען מיר צו צו די שניטערס, און מיר זיינען אזוי מיד.

— איך בין דורשטיג, — זאָגט רבקה.

די שניטערס רינגלען אונז ארום און דערלאנגען אונז קריגעלאך מיט קאלטען וואסער.

— טרינקט, טייערע! — הערען זיך שטימען פון אלע זייטען.

— טרינקט, דאָס וואסער איז פריש.

א יונגע שניטערין מיט גרויסע זילבערנע אויערינגלאך, שרייט אויס אין דער הויך:

— אך, איך האָב געטראָפען! דאָס זיינען פארליבטע!... איך דערקאָן דאָס אין זייערע אויגען... לאָמיר זיי מיט בלומען באווארפען!

— מיט בלומען! מיט בלומען! — כאַפּען אלע אונטער. — זיי זיינען ביידע יונג און שעהן.

און פונקט ווי א רעגען פון לעבעדיגע העל־קאָלירענע זומער־פויגעלאך הויבען פעלד־בלומען אָן צו פאלען אויף אונז. מיר ווערען פשוט דערטרונקען אין בלומען. און רבקה בעט זיך: „לאָמיר אוועק פון דאנען. זיי וועלען אונז מיט די בלומען דערשטיקען”.

אַט אַזוי טרוים איך, זיצענדיג ביי דעם פייער, וואָס טליעט נאָך קוים־קוים.

אויף די אַנדערע ווייננערטנער שפּאַצירען אַרום די וועכטער. פון דער קאָלאָניע קומען צו זיי מיידלאַך. מען זינגט אַרום די פאַנאַנדערגעלענטע פייערען, וואָס ברענען אַזוי פרעהלאַך, און אָפט טאַנצט מען ביז'ן ווייסען טאָג אַריין.

* * *

ענדע יולי.

פון די נערטנער הויבט מען אָן אַרונטערצונעהמען די וויינ־טרויבען. בחורים, מיידלאַך און קינדער, אַלע אָנגעטאָן אין ווייסען, מיט ברייטע שטרויענע קאַפּעלושען, אַרבייטען פלייסיג, לאַכענדיג און זינגענדיג. שלאַנקע "פּאַלאַשקעס" מיט זילבערנע מטבעות אין די לאַנגע צעפּ, האַלטען אין איין טראָגען קוישען מיט וויינטרויבען אין די וועכטער־ביידלאַך, פון וואַנען עס ציהען זיך אָהן אָן אויפהער קעמעל־קאַראַוואַנען צום קעלטער, וואו מען אַרבייט שוין ביי טאָג און ביינאַכט.

איך אַרבייט מיט רבקה'ן צוזאַמען. כדי צו זיין באַשיצט פון דער זון, האָט זי זיך דעם קאָפּ מיט אַ ווייסען טיכעל אַרומגעבונדען, און דאָס פּאַסט איהר זעהר שעהן. מיר האַלטען זיך די גאַנצע צייט צוזאַמען און איך באַלעווע זיך אַלץ מיט איהר. מיט אַ קוש צוקוועטש איך וויינטרויבען ביי איהר אויף די ליפּען, אָפּפאַרבענדיג זיי מיט אַ נעדריכטען טונקעל־רויטען זאַפט. זי וועהרט זיך, בייזערט זיך כלומרשט און לאַכט, און דאָס פּאַסט איהר זעהר שעהן.

— גענוג שוין, גענוג שוין! דו ביזט צופיל פאַרשייט!

— נאָך איינמאָל! — בעט איך זיך ביי איהר און נעהם זי אַרום.

די אַרבייט איז געענדיגט.

אַלע וועכטער מאַכען אַ גרויסע שמחה. מען טרינקט וויין, מען טאַנצט, מען זינגט, מען דערצעהלט זיך מעשה'לאַך און מען שיסט אין דער לופטען, אַרויפוואַרפענדיג אַ שרעק אויף די שאַ־קאַלען, וועלכע רוקען זיך ברוגזה, שטילינקערהייט, מיט ברענענ־

דינע אוינעלאָך און מיט צובלאָזענע עקען נעהנטער צו די ווייַנגערט־נער.

פארטאָג צינדען די וועכטער אונטער די ביידלאָך. דאָס ברענ־נען זיי א קרבן צו דעם גאָט פון ליכט און פרייד. באַלויכטען פון דער רויטער שיין שטעהען זיי אַלע אין א ראָד און זינגען חזי "שבועה", און אויף די בערג פון יהודה צינדען זיך אָן די ערשטע שטראהלען פון דער זון.

* * *

איך קער זיך אום צוריק אין שטאָט. אויף די ווייַנגערטנער איז אַלץ שטיל, אָפּגעשטאָרבען. ביי דער טיר פון דער ארבייטער־קיך שטעהט רבקה און קוקט, ווי איך לאָז זיך געהן צופוס אויף דעם וועג, וואָס פיהרט אַוועק פון דער קאָלאָניע.

איך שטעל זיך אָפּ און שריי אויס, מאַכענדיג צו איהר מיט דער האַנט:

— שלום!

און זי ענטפערט:

— שלום! פארגעס ניט און קום איבעראיאָהר.

און איך געה ווייטער.

דער יאסמין־אראמאט

ווען אין ירושלים האָבען זיך די וויינטרויבען צובליהט, האָט מיך א ציה געטאָן צו די קאָלאָניעס פון יהודה.

ווי נאָר די היץ איז אָפּגעפאלען און דער טאָג האָט קיהל אָן אטעם געטאָן, בין איך ארויס פון מיין הויז און זיך געלאָזט געהן צו די אַלטע שטאָדט־טויערען. דאָרטען צווישען א גרופּע בעטלער און בלינדע אראבער, וואָס זיינען געזעסען אויף דער ערד מיט מעשענע שיסעלאך אין די אויסגעשטרעקטע הענט און זינ־געגדיג געבעטעלט, האָב איך זיך אביסעל אָפּגעשטעלט, געלאקט פון דער אור־אַלטער הייליגער שטאָדט, וואָס איז געווען איינגע־טונקט אין דעם העל־גאָלדענעם ליכט פון דער פארגעהענדער זון.

נאָכדעם בין איך אוועק ווייטער. און ווען איך בין שוין געווען אין די בערג, האָט די זון זיך שוין אָנגעפאנגען צו זעצען און מיין נשמה איז אָנגעפילט געוואָרען מיט יענעם שטילען הייליגען טרויער, וואָס שוועבט ארום שטענדיג איבער אָט דעם וויסטען פארלאָזענעם לאנד.

איך בין געגאנגען לאנגזאם, ווי א בעטלער, מיט א טאָרבע אויף די פּלייצעס, מיט א שטעקען אין האנט, ווי א פּילגער, וואָס איז געקומען אהער פון א ווייטען לאנד מתפלל צו זיין אויף די קברים פון די גרויסע נביאים און טרעטען אויף די שטעגען, וואו עס האָבען אמאָל געבלאָנדזשעט די פּאסטוכער פון ישראל, זינגענדיג שיר השירים...

איך בין געגאנגען לאנגזאם, און די זון האָט זיך שוין אינ־גאנצען געזעצט הינטער דעם איינזאמען פּאלמען־בוים אויפ׳ן בארג און דער אווענט איז צוגעפאלען.

עס איז מיר ארויף אויפ׳ן זינען א גריכישער מאָנאסטיר, וואָס שטעהט דאָרטען אויפ׳ן וועג, וואו מיר פלעגט אָפט אויס־

Digitized by Google

קומען צו נעכטיגען און די געשטאַלט פון אַ שטילען מאָנאַך, מיט וועמען איך האָב זיך געהאַט באַפריינדעט, איז פאַר מיר אַרויס־געשוואומען. און איך האָב באַשלאָסען ביי איהם אָנקלאַפּען אויפ'ן וועג.

איך בין געגאַנגען און וועגען איהם געקלערט, און די נאַכט איז געוואָרען אַלץ פינסטערער. קליינינקע שאַקאַלען מיט פייער־דיגע, הונגעריגע אויגען האָבען מיר געהאַלטען אין איין איבער־לויפען דעם וועג, באַהאַלטענדיג זיך אין די שפּאַלטען פון די בערג.

שפּעט אין אָווענט בין איך צוגעקומען צו אַן אַראַבישער קרעטשמע, וואו אין שאָטען פון הונדערט־יאָהריגע דעמבעס האָט געפּלאָסען אַ קוואַל פון קאַלטען וואַסער. דאָרט איז געשטאַנען אַ קאַראַוואַן, וואָס האָט געפיהרט טייערע טערקישע טעפּיכען, זיידענס, סאַמעט צו די ירושלים'ער סוחרים. די פיהרער פון קאַראַוואַן האָבען אָנגעטרונקען די קעמלען און זיך געקליבען ווייטער אין וועג. ביים אַריינגאַנג פון דער קרעטשמע איז געזעסען אַן אַלטער אַראַבער, דער בעל־הבית, און גערויכערט קאַליאַן. ער האָט מיך געפרעגט, צי האָב איך קיין מורא ניט צו געהן אַליין, און ווען איך האָב זיך אָפּגעזעגענט מיט איהם, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן:

— געה אין פרידען.

אַרום האַלבע נאַכט בין איך צוגעקומען צום גריכישען מאָ־נאַסטיר, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון אַן אַראַבישען שטעד־טעל. איך האָב אָנגעקלאַפּט. ווי שטענדיג האָט מיין באַקאַנטער מאָנאַך מיר געעפענט דעם טויער און מיר פריינדליך אויפגענומען:
נומען:

— איהר וואַנדערט אַלץ אַרום אַליין דורך די נעכט, — האָט ער אַ זאָג געטאָן. — ווייזט אויס, איהר בענקט נאָך עמי־צען.

מיט'ן לאַמטערענדעל אין האַנט, האָט ער מיך אַריינגעפיהרט אין זיין צעל און דאָרטען אָנגעצונדען אַ קעראָסין־לעמפּעל. אין ווינקעל אויף דער וואַנד האָב איך דערזעהן אַ גרויסען זילבערנעם קרוצעפיקס.

— זיצט, — האָט ער געזאָגט און מיך גענומען פאַנאַנדער־פרעגען, ווי עס לעבט זיך מיר.

זיין טונקעל פארטראכט פנים איז געווען בלאס, און מיר האט זיך געדוכט, אז עס איז אויסגעדארט געווארען פאר דער קורצער צייט, וואס איך האב איהם ניט געזעהן.

ער האט זיך געזעצט לעבען מיר. א מערקווירדיגע רוהיג־קייט האט געשטראמט פון אט־דעם מענשען. און זיין ווייכע ברוסט־שטימע האט איינגעוויגט, ווי א היימיש לידעל... לאנג זיינען מיר געזעסען און גערעדט. ער איז עפעס געווען באזונ־דערס טרויעריג אין יענער נאכט. אפט זיך פארטראכט און אלץ געווארפען בענקענדע בליקען אויף דעם גרויסען, זילבערנעם קרר ציפיקס, וואס איז געהאנגען אין ווינקעל. נאכדעם האט ער מיר גענומען דערצעהלען וועגען א טערקישער מיידעל, וואס איז איבער איהם געשטארבען. דאס איז געווען מיט א יאהר צוויי צוריק. ער האט געוואוינט אין סמירנא. ער איז דארט געווען א לערער אין א שולע. אין יענעם הויז, וואו ער האט געהאט א צימער, האט אויך געוואוינט א נייטארין, מיט וועלכער ער פלעגט זיך אפט טרעפען. איינמאל רופט זי זיך צו איהם אן:

— קומט, איך וועל אייך באקענען מיט א זעהר רייכער און שעהנער טערקישער מיידעל, איכ'ל זאגען, איהר זייט מיינער א ברודער.

ער האט זיך דערפרעהט. אט־די געהיימניספולע וועזענס, מיט די פארהילטע פנים'ער, האבען איהם שטענדיג צו זיך געצויגען. אין עטליכע טעג ארום איז די נייטארין מיט איהם אוועק. דעם גאנצען וועג האט זי זיך מיט איהם גערייצט, אז די טערקישע מיידעל וועט איהם אזוי באצויבערען, אז ער וועט מיט איהר גאר אויפהערען צו ריידען. זיי זיינען צוגעקומען צו א קליינינקער ווילע, ארומגערינגעלט מיט א גרויסען גארטען, לעבען ים. שוין פון דערווייטען האט ער דערשפירט א שטארקען גערוך פון יאסמין, וואס האט איהם אנגעהויבען צו טומלען דעם קאפ. די נייטארין האט איהם איבערגעלאזט לעבען טויער, און אליין איז זי אריין אין הויז. אין עטליכע מינוט ארום האט אן אלטע דינסט איהם אריינגערופען. דורכגעהענדיג דעם גארטען, האט ער אומעטום געזעהן א סך יאסמין־קוויטען און זייער אראמאט האט איהם אלץ מעהר צוטומעלט זיין קאפ. זיי האבען געבליהט קופעסווייז, און די אנדערע בלומען האבען זיך פארלוירען אין זייער ווייס־

נעלען קאַליר. ער איז אַריין אין הויז. אין אַ נידעריגען צימער, באַהאַנגען מיט טײַערע טעפּיכער, האָט איהם איישאַ באַגעגענט. איהר פּנים איז געווען אָפּגעדעקט, און געווען איז ער טונקעל־ברוין און ווייך, ווי סאַמעט. זי האָט געטראָגען אַן אויסגענעהט קלייד און קליינינקע שיכלאַך מיט גאָלדענע אוזאָרען.

— דאָס איז מיין ברודער, — האָט די נייטאָרין געזאָגט — ער האָט אייך געוואָלט זעהן.

איישא האָט אַ שמייכעל געטאָן, דערלאַנגט איהם די הענט און אָנגעפאַנגען צו רעדען פראַנצויזיש. און איהרע אויגען, שוואַרצע ווי קויל, האָבען אויסגעדריקט ניינעריגקייט און פרייד. נאָכדעם האָט מען איהם איבערגעלאָזט אליין און מען איז אַריין אין אַ צווייטען צימער צו מעסטען אַ קלייד. און ער האָט זיך אוועקגע־שטעלט ביים פענסטער און פאַרטראַכט געקוקט אין גאָרטען, וואו דער שטראָם פון אַ גרויסען פאָנטאַן האָט געפינקעלט, ווי אַ רעגען־בויגען אין די שטראַהלען פון דער פאַרגעהענדער זון. און ווען די מיידלאַך זיינען צוריק אַריין אין צימער, האָט אַ דינסט אַריינ־געבראַכט קאַפע אין קליינינקע פאַרצעלייענע טעפעלאַך. זיי האָ־בען זיך ארומגעזעצט ארום טיש. איישא האָט איהם געפרעגט, וואָס ער טוט, און זי האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט די שולען, וועגען וועלכע ער האָט איהר אָנגעפאַנגען צו דערצעהלען. זי האָט זיך נעהאַלטען איינפאַך, פריי, און אין געשפּרעך האָט זי ארויסגעצייגט אַ סך באַלעזענקייט. ער איז געווען באַצױבערט.

פאַר'ן אוועקגאַנג האָט זי איהם געגעבען אַ בינטעל יאַסמין־קווייטען און געזאָגט אַז דאָס איז איהר באַליבטע בלום, און זאָל ער צו איהר קומען. אויפ'ן צווייטען טאָג אין דער זעלבינער צייט איז ער שוין געווען ביים טויער פון איהר גאָרטען. זי איז געזעסען לעבען פאָנטאַן און איהם באַמערקט, איז זי אויפגעשטאַ־נען און אַריין אין הויז. דאָס הארץ איז איהם איינגעפאַלען, נאָר עס האָט זיך באַוויזען אַ דינסט און איהם אַ רוף געטאָן. איישאַ האָט איהם ווידער באַגעגענט אין דעם זעלבינען צימער.

— מיר טוט הנאה, וואָס איהר זייט געקומען, — האָט זי געזאָגט, — נאָר זייט פאָרזיכטיג, אַז מיין פאָטער זאָל אייך ניט באַמערקען. נאָכדעם האָט זי איהם אוועקגעזעצט לעבען זיך אויף אַ ווייכער סאָפאַ און אָנגעפאַנגען דערצעהלען וועגען זיך, ווי זי

וואוינט אליין, און אז צייטענווייז באפאלט זי א בענקעניש ביז
טרעהרען פון אזא איינזאמקייט. ער האט אויף איהר געקוקט
און דער פאר'שכור'ענדער יאסמין־אראמאט, מיט וועלכען, ווי
איהם האט זיך געדוכט, איהר גאנצער יונגער קערפער איז געווען
דורכגעזאפט, האט איהם ווי איינגעווינט.

אזוי האבען זיי זיך אנגעפאנגען צו באגעגענען אלע
אווענט. די דינסט האט געהיט ביים טויער, דער פאטער זאל
פלוצלונג ניט אנקומען. אפטמאל פלעגט זי אין א הויכען זיל־
בערנעם בשמים־לעמפעל רויכערען טייערע געווירצען, וואס האט
נאך שטארקער געוועקט אין זיי די תאוה.

איינמאל, אין איהר געבורטס־טאג, האט ער איהר געבראכט
א גאלדענעם מעדאליאן. זי האט איהם ניט געוואלט נעהמען.

— איך פארלאנג נאר דיין ליבע, — האט זי געזאגט. און
ווען זיי זיינען ארויס אין גאס, האט זי צו זיך צוגערופען אן
ארימען אינגעלע, איהם א קוש געטאן אין קאפ און איהם אוועק־
געגעבען דעם מעדאליאן...

עס זיינען אוועק טעג נאך טעג. איינמאל איז ער געקומען
צו איהר און דערצעהלט, אז זיין מוטער, א פרומע אלטע פרוי,
בעט איהם קומען אהיים און חתונה האבען. דאס האט ער גע־
שפאסט, נאר איישא האט אויפ'ן צווייטען טאג דורך דער דינסט
איבערגעגעבען, אז זי קען איהם איצט ניט זעהן. ער איז בייז
געווארען און איז אוועק. אזוי האט זיך אנגעפאנגען זייער ער־
שטער ברוגז. א סך טעג האט ער זי ניט געזעהן. נאכדעם
האט ער איהר אנגעשריבען א בריף, אז ער פאהרט אוועק און
וויל זי זעהן. זי האט איהם געענטפערט„ אז ער קען קומען. זי
האט איהם באגעגענט שווייגענד. זי איז געווען בלאס, טרערען
האבען געפינקעלט אין איהרע אויגען. זי האט איהם נאר געפרעגט,
וואס ער וויל. ער איז צוגעפאלען צו איהרע פיס, געקושט דעם
זוים פון איהר קלייד און געבעטען איהם פארגעבען. מיט די
אויגען נאר האט זי אנגעצייגט אויף דער טיר, אז ער זאל אוועק־
געהן. ער איז ארויסגעגאנגען און הינטער זיך דערהערט איהר
געוויין. ער איז אפגעפאהרען. אין עטליכע טעג ארום האט
ער דערהאלטען א בריף פון דער נייטארין, אז איישא איז גע־
שטארבען. זי האט זיך פאר'סמ'ט. מען האט זי געפונען אין דעם

Digitized by Google

נידעריגנען צימער אויף דער ערד, באַשאָטען מיט יאַסמין. פאַר איהם האָט זי איבערגעלאָזט אַ קורץ צעטעלע: „איך האָב דיך ליב געהאַט".

ווען איך האָב פאַרלאָזען דעם מאָנאַסטיר, איז שוין די זון פון לאַנג געהאַט אויפגעגאַנגען. מיין באַקאַנטער מאָנאַך האָט פאַר מיר געעפענט דעם טויער.

— געהט אין פרידען, — האָט ער מיר געזאָגט, ער איז געשטאַנען פאַר מיר אַ בלאַסער, פול מיט הכנעה, אין דער לאַנגער שוואַרצער ראַסע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. איך האָב איהם די האַנט, און בין אַוועק צו דער אידישער קאָלאָניע, וואו די וויינ־טרויבען האָבען זיך שוין געהאַט צובליט.

Digitized by Google

Digitized by Google

דריטע אָפּטיילונג

די קליינע פאולינא

דער דאָקטאָר פילאָזאָף סטאַראָבינסקי איז געווען א מענש ניט קיין באַוועגליכער, מיט זעהר א בלאַסען פּנים, אויף וועלבען עס האָט שטענדיג געשוועבט א שטילער און גוטמוטיגער שמייכעל.

אין דער אימיגראַנטען קאָלאָניע האָבען אלע געקוקט אויף איהם ווי אויף א מאָדנער בריאה. מיט קיין פרוי האָט מען איהם קיינמאָל אין ערגעץ ניט באגעגענט, און אויף דעם חשבון פלעגען טאָקי די סטודענטען גאנץ אָפט אפלאכען פון איהם; מען פלעגט דערצעהלען אזא חכמה:

איינמאָל האָט איהם א גאַסען־מיידעל אפגעשטעלט אין גאַס און איהם פארגעשלאגען, ער זאָל מיט איהר געהן פארברענגען; האָט ער, דער דאָקטאָר פילאָזאָף, פאר איהר זיך גאנץ העפליך א נייג געטאָן, און אנטשולדיגענדיג זיך געענטפערט, אז ער איז א וועגעטאַריאנער און עסט ניט קיין פליישינס...

יעדען פריה־מארגען, פונקט ניין א זייגער, פלעגט ער, מיט א פארטפעל אונטער׳ן אָרם, אוועקגעהן אין דער גרויסער ביבליאָ־טעק, און דארטען האָט ער זיך לאנג אין אלטע ביכער געגריבעלט, ארבייטענדיג איבער זיינע פילאזאפישע ווערק, און אין די אויף־דער־נאכטען פלעגט ער לאנג זיצען אין א קאפע־הויז, וואו מוזיק שפּילט און פון דערווייטענס געקוקט אויף שעהנע, רייך־פארפוצטע פרויען, וועלכע ער האָט שטענדיג באטראכט, ווי וועזענס, צו וועל־כע ער קען ניט צוקומען.

נאָך אזעלכע פרויען פלעגט ער געוועהנליך שטארק בענקען אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען זיין קערפּער האָט, ווי א העהליש פייער געברענט פון תאוה; ווי א קינד האָט ער געטרוימט, אז ער קומט אריין אין פאר׳כשופ׳טע שלעסער, וואו עס געפינען זיך שעהנע און שלאנקע פרויען, וועלכע ווארטען אויף איהם און צערט־לען איהם אזוי שטארק.

איינמאָל אין אָבענד, ווען סטאַראָבינסקי האָט געשפּאַצירט בײם ברעג טײך, האָט ער מיט אַ מאָל דערהערט אַ געשריי פון אַ פרוי. ניט ווייט פון איהם האָט עפּעס אַ שכור זיך צוגעטשעפּעט צו אַ יונגער מיידעל. דער דאָקטאָר פילאָזאָף האָט זיך מיט כעס אַ לאָז געטאָן צום שכור. יענער האָט זיך דערשראָקען און איז אוועק.

די מיידעל האָט מיט דאַנקבאַרע בליקען אַ קוק געטאָן אויף סטאַראַבינסקי'ן און געזאָגט:

— איהר זייט אַזאַ גוטער. אַ דאַנק אייך!

בײ'ם עלעקטרישען לאַמטערן האָט ער זיך מיט איהר אָפּגע־שטעלט, און דאַן האָט ער דערזעהן, אַז זי איז זעהר אַ שעהנע.

— ווי צויבערליך זי איז! — האָט סטאַראַבינסקי אַ קלער געטאָן, איינקוקענדיג זיך אין איהר קיילעכדיגען, טונקעלען פּנים מיט דעם קליינינקען פּוכקען מײלכעל, וואָס האָט זיך ווי אַ פּורפּור־בלום גערויטעלט.

— אפשר ווילט איהר מיט מיר אַריינגעהן אין אַ קאַפּעע? — האָט ער שעהמעוודיג אַ פרעג געטאָן.

— און איהר זיינט ניט אַזאַ שלעכטער, ווי אַנדערע? — האָט די מיידעל, לאַכענדיג, געפרעגט, אַנשטעלענדיג אויף איהם שאַרף די צוויי דיכטיגע שוואַרצע אויגען איהרע מיט די לאַנגע געדיכטע וויעס.

איהר שטימע איז געווען אַביסעל הייזעריגלאַך, אָבער זעהר אַנגענעם און לאַשטשענד.

זיי זיינען ביידע אַוועק אין אַ קאַפּעע, און אויפ'ן וועג האָט די מיידעל געפּלוידערט, פּונקט ווי אַ פויגעלע פאַרטאָג; און דערביי האָט זי איהם געהאַלטען אין איין אַריינקוקען אין די אויגען. אין צעהן מינוט צייט האָט זי איהם אַלץ דערצעהלט וועגען זיך. אַלט איז זי זעכצעהן יאָהר. איהר פאַטער, אַן אָרימער איטאַליענער, איז דער'הרג'עט געוואָרען אין שלאַכט. איהר מוטער געפינט זיך אין אַ סאַנאַטאָריום פון שווינדזיכטיגע. איהר באָבע איז אַ בייזע, זי האָט זי אַרויסגעטריבען. איצט איז איהר ניט גוט; שוין צוויי יאָהר, זינט זי איז אַ דיענסט אין פרעמדע הייזער. אין איין רייכען הויז, וואו זי האָט געדינט, האָט דער בעל־הבית זי פאַרגוואַל־

טינט; דערביי האָט ער איהר מיט אַ שמאַטע דאָס מויל פאַר־שטאָפּט, אַז זי זאָל ניט שרייען, און אויף מאָרגען האָט ער איהר געקויפט אַ העלע, ראָזעווע קלייד און שעהנע האַלבע שיכלאַך מיט הויכע אָפּזאַצען, און מיט אַ שטיקעל צייט שפּעטער האָט ער זי אַרויסגעטריבען... זי האָט זיך דאַן איבער די גאַסען אַרומגע־בלאָנקעט אַ נידערגעשלאָגענע, אַ פאַרוויינטע, איז צוגעגאַנגען עפּעס אַ יונגערמאַן, אַ מאָהלער, און האָט זי גענומען צו זיך... אַ נאָ־קעטע האָט זי פאַר איהם פּאָזירט. דער מאָהלער איז געוועזען אַ גוטער מענש, אָבער ער איז אַוועקגעפאָהרען ערגעץ ווייט אין אַן אַנדער לאַנד — און זי איז ווידער געבליבען איינע אַליין, עלענד; איצט איז זי שוין דאָ דריי טעג אין דער שטאָדט און קיין געלט האָט זי ניט. נו, בלאָנקעט זי זיך גלאַט אַזוי אַרום איבער די גאַסען.

דערציילענדיג דאָס האָט די מיידעל געהאַלטען אין איין לאַכען, גלייך זי וואָלט דאָ איבערגעגעבען זעהר אַ קאָמישע און אַנגענעמע פּאַסירונג פון איהר לעבען. און סטאַראָבינסקי איז גע־ווען צוטומעלט און געדוכט האָט זיך איהם, אַז פון דער מיידעל'ס צוויי שוואַרצע אויגען רייסען זיך ממש צו איהם אין האַרצען אַריין עפּיס אַזעלכע וואַרימע שטראַהלען פון גליק, און די גאַנצע וועלט ווערט אַ צויבערליכער וואונדערבאַרער גאָרטען.

אין יענער נאַכט האָבען די ווענט פון דעם אָרימען צימער, אין וועלכען דער דאָקטאָר פילאָזאָף האָט געוואוינט, צום ערשטען מאָל געהערט עפּעס אַזעלכע מאָדנע, נייע ווערטער...

אויף דער ווייכער זאָפע איז געלעגען די האַלב־נאַקעטע שעה־נע מיידעל פּאַולינאַ. איהר הענט, די אַקסלען און די ברוסט זיינען געווען ענטבלויזט, און די שפּורען פון הייסע קושען האָבען זיך נאָך אויף זיי געריטעלט. דער מיידעל'ס אויגען האָבען זיך מיט אַ באַזונדער מין גלאַנץ איבערגעצויגען, פּונקט ווי אַ שטערען אין אַ וואַרימער זומער־נאַכט, און לאַכענדיג האָט זי געקוקט אויף סטאַראָבינסקי'ן, וועלכער איז ביי איהרע פיס געלעגען און גע־פיהלט, ווי די ליידענשאַפט נעהמט ביי איהם צו דעם פאַרשטאַנד.

און אין צווייטען צימער האָט די אַלטע בעל־הבית'טע גע־

וואָרטשעס, געווען בייז און עטליכע מאָל אַלץ דאָס זעלבע פֿאַר זיך איבערגע׳חזר׳ט:

— עך, הערר סטאַראָבינסקי... הערר סטאַראָבינסקי...

אין דער פֿריה זיינען זיי ביידע אַרויס אין גאַס. פּאָולינאַ האָט דעם דאָקטאָר פֿילאָזאָף פֿעסט געטוליעט צו זיך האַלטענדיג זיין אָרם. און ווען די באַקאַנטע האָבען איהם דערזעהן אין גאַס מיט אַזאַ שעהנער מיידעל, זיינען זיי געבליבען שטעהן איבער־ראַשט.

— נו, אונזער פֿילאָזאָף איז שוין קאַפּוט! — האָט זיך אָפּגערופֿען איינער.

— אָבער וואו האָט ער דאָס געפּאַקט אַזאַ שעהנינקע? — האָט זיך געוואונדערט אַ צווייטער. — היינט נעה וויס!...

די נייעס האָט זיך גלייך פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער קאָלאָניע, און אַלע האָבען שוין געהאַט פֿון וואָס צו ריידען.

אָבער סטאַראָבינסקי׳ס גליק האָט לאַנג ניט געדויערט.

דעם זעלבען טאָג איז פּאָולינאַ אַוועק, זאָגענדיג, אַז זי געהט זוכען אַרבייט — און מעהר איז זי ניט געקומען.

אומזיסט האָט סטאַראָבינסקי דעם גאַנצען אויף־דער־נאַכט געוואַרט. זי איז ניט געקומען.

איבער אַלע גאַסען איז ער זי געגאַנגען זוכען. עטליכע מאָל האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אַרום דעם וואָקזאַל, וואו די גאַסען־מיידלאַך שפּאַצירען; יעדעס מאָל, ווי ער האָט נאָר פֿון דער־וויטענס דערזעהן אַ פֿרויען־פֿיגור, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי פּאָו־לינאַ׳ס, האָט ער זיך געלאָזט געהן שנעל — אָבער זי האָט ער אַלץ ניט געפֿונען.

האָבען זיך אָנגעהויבען אונערטרעגליך שווערע, שלאָפֿלאָזע נעכט. פֿאַר די אויגען האָט איהם אַלץ געשוועבט די געשטאַלט פֿון דער קליינער פּאָולינאַ, וועלכע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט איהם פֿאַרשאַפֿט אַזוי פֿיל פֿאַרגעניגען... ער האָט אַלץ ניט געקענט פֿאַרגעסען יענע נאַכט, ווען זי איז אַ האַלב־נאַקעטע געלעגען אויף דער ווייכער זאָפֿע און פֿון איהר יונגען קערפּער

האט זיך געטראגנען אזא פאר'שיכור'ענדער אראמאט, אז די נשמה איז אויסגעגאנגען פון זיסע ליידען און וועה...

אזוי זיינען אוועק טעג און טעג. און סטאראבינסקי איז שרעקליך א תל געווארען, און ער האט אנגעהויבען צו געהן נאך מעהר איינגעבויגען. און ווען באקאנטע האבען איהם געפרעגט, וואו ס'איז אהינגעקומען די מיידעל, מיט וועלכער ער האט דאן געשפאצירט, האט ער פארביסען די ליפען און איז אוועק, ניט ענטפערענדיג א ווארט.

ביז עס איז ענדליך געקומען א פריהמארגען, און די אלטע בעל־הבית'טע האט איהם דערלאנגט א בריף:

שנעל און אומגעדולדיג האט ער דעם בריף געעפענט. דאס איז געווען א בריף פון פאולינא'ן.

זי האט געשריבען:

„ליבער הערר:—

„מעג איך זיך ערלויבען אייך אנצושרייבען א פאר ווערטער? איהר דענקט אודאי, אז איך האב אייך אינגאנצען פארגעסען. אבער דאס איז ניט אזוי. ווען איך בין פון אייך אוועק, האב איך, דעם זעלבען טאג, געפונען א שטעלע, אבער מעהר ווי עטליכע טעג האב איך ניט געארבייט. איך האב זיך פארקיהלט, געווארען ערנסט קראנק און מען האט מיך געמוזט צונעהמען אין האספיטאל. דאריבער האב איך צו אייך ניט געקענט קומען. איך האף, אז איהר האט ניט פארגעסען די קליינע פאולינא. קומט צו מיר. אויב אימיצער וועט אייך פרעגען, פון וואנען איהר קענט מיך, זאלט איהר זאגען, אז מיר פלעגען עסען אין איין פאנסיאן. איך האף, אז איצט וועלען זיך אייערע געדאנקען אריבערטראגען אין דעם האספיטאל, וואו די קליינע פאולינא וועט זיך אזוי דערפרע־הען איבער אייך".

און אומרוהיגער האט זיך סטאראבינסקי גענומען ארומדרע־הען איבער'ן צימער הין און צוריק. שפעטער האט ער געקויפט מאראנצען, טייטלען און אויך א בוקעט בלומען, און איז אוועק אין שפיטאל.

Digitized by Google

די טיר פון דער פּאַלאַטע, וואו פּאולינא איז געלעגן, איז געווען אָפען, און אַזוי שנעל ווי סטאַראָבינסקי איז נאָר אַריין, האָט ער זי גלייך דערזעהן.

אַ פריידענס־געשריי האָט זיך פון איהר הארצען ארויסגעריסען, און ער איז, מיט אַ קלאַפּענדען הארץ צוגעגאַנגען צו איהר.

ליגענדיג אַ קראנקע אין בעט, האָט זי אויסגעקוקט נאָך שעהנער; איהרע שווארצע האָר האָבען זיך ווי שלאַנגען געשפּרייט איבער'ן ווייסען קישען, און דער אויסדרוק פון איהר בלאַסען פּנים איז געווען אַזאַ שטילער, אַזאַ אונטערטעניגער.

— גוט מאָרגען, פּאולינא! — האָט סטאַראָבינסקי געזאָגט, דערלאַנגענדיג דער מיידעל דעם בוקעט בלומען, — וואָס מאַכט איהר?

ער האָט געוואָלט אַ שמייכעל טאָן, אָבער דאָס פּנים האָט זיך ביי איהם פאַרקרימט ווי פון אַ שטאַרקען וועהטאָג.

ארום און ארום האָט זיך געהערט אַ שטיל שעפּטשען. אין דער לופט האָט זיך געטראָגען דער שאַרפער און שווערער גערוך פון רעצעפּטען, און אַ נאָגענדע בענקעניש וואָס דערמאָנט אָן טויט האָט זיך מיט אַ מורא'דיגער שווערינקייט אויפ'ן הארצען געלעגט.

— וואָס פאַר אַ גוטער מענש איהר זיינט! — האָט די מיידעל געזאָגט, און זי האָט גענומען ריידען וועגען זיך: — דאָ איז אַזוי אומעטיג! ביינאַכט קען מען ניט שלאָפען, און ווי אויף צולהכעיס זיינען די נעכט אַזעלכע לאַנגע, אַז ס'איז אַ שרעק. ארום און ארום האַלט מען אין איין קרעכצען; מענשען וויינען, און עס געהט ניט אוועק דער טאָג, אַ מענש זאָל דאָ נישט שטאַרבען... נעכטען איז דאָ געשטאָרבען אַ יונגע מיידעל, מיט אַזעלכע צוויי שעהנע בלאָנדע צעפּ... איהר טוט וועה דער האַלז, און אַלע מאָל דוכט זיך איהר אויס, אַז אָט־אָט נעהמט איהר אויס דער אָטעם. און פאַרוואָס חלום'ען זיך איהר אַלץ אַזעלכע שרעקליכע חלומות? אַלע נאַכט קומט איהר די געשטאָרבענע באָבע צו חלום, שטעלט איהר אַרויס אַ לאַנגע צונג און מאַכט עפּעס אַזעלכע משונה'דיגע העויות, פּונקט ווי אַ בייזע מכשפה אין וואַלד... און אונטער'ן

פענסטער ווײנט אימיצער אלע נאכט, בעט זיך אזוי רחמנות'דיג און דראפעט די שויבען...

— און ווען דער פריהמארגען קומט אן, ווערט מיר גרינגער אויפ'ן הארצען, — האט זי מיט א זיפץ א זאג געטאן, — און איהר זייט אזא גוטער וואס איהר זייט געקומען!... איצטער בין איך קראנק, אבער ווען איך וועל געזונט ווערען, וועל איך קומען צוריק צו אייך און מיר וועלען וואוינען צוזאמען... איהר ווייסט, איך קען זעהר גוט קאכען...

דריי מאל אין וואך איז סטאראבינסקי געקומען אין האספי־טאל זעהן די קליינע פאולינא, און יעדעס מאל האט ער איהר אן אנדער מתנה געבראכט. די לעצטע גראשענס פון זיינע קליינע פארדינסטען האט ער אויסגעגעבען און אלץ געקלערט: — הלואי זאל זי שוין וואס גיכער געזונט ווערען!

אבער פאולינא'ן איז וואס א טאג געווארען אלץ ערגער און ערגער. און דא איז נאך געקומען דער הייסער זומער; א קראנקהיים, פון וועלכער מענשען זיינען געפאלען ווי פעלד־בלומען אונטער א שניט־מעסער, האט זיך איבער דער שטאדט פארשפרייט; איבער די גאסען האט מען אלע מאל געזעהן לויות און לויות, און ארום האבען זיך די צווייגען פון די בוימער געבויגען אונטער דער שווערער משא פון פרוכטען, אויף די פעלדער האבען זיך די קארן־זאנגען געלאזט ווינגען פון ווינט און דאס גראז האט מיט גרינקייט דאס אויג פארכאפט.

ביי סטאראבינסקי'ן האט די אונטערשטע ליפ א ציטער גע־טאן און ער האט דערפיהלט ווי אין מוח האט זיך איהם עפעס אפגעריסען. ער האט זיך צוגערוקט צו דער וואנט, כדי ער זאל ניט אומפאלען. דערנאך האט ער זיך שטיל ווי א שאטען ארויס־גערוקט פון האספיטאל...

* * *

נאך פאולינא'ס ארון איז נאכגעגאנגען בלויז איין מענש. דאס איז געווען דער דאקטאר פילאזאף סטאראבינסקי, אנגעטאן

איז ער געווען אין זיינע בעסטע קליידער און אויפ'ן ארבעל פון זיין גרויען רעקעל איז געווען אנגעניים א שווארצער באנד.

די פארביינעהענדע שווייצארער האבען ארפגענומען די היט־לען, און באגלייטענדיג דעם ארון מיט די בליקען, האבען זיי שטיל איינער דעם אנדערען געזאגט:

— דאס איז א רוסישער! ...

עדעלווייס. *

יעדעס יאָהר, ווי נאָר עס זיינען אָנגעקומען די זומערדיגע וואַקאַציעס, פלעגט דער יונגער סטודענט שמואל, וואָס האָט שטודירט אין איינעם פון די שווייצאַרישע אוניווערסיטעטען, אַוועק אין די בערג. דאָס איז געווען אַ יונגערמאַן, אַ שטאַרק נעבויטער, אַ שלאַנקער, מיט בלויע אויגען און העל־בלאָנדע האָר, עהנליך אויף אַ רוסישען בחור פון די ברייטע סטעפּעס

איינמאָל אין אָנהויב הערבסט, ווען די היצען זיינען שוין מעהר ניט געווען און ־אויף לאַנג האָבען זיך אָפּגעשטעלט נאָלדענע טעג אין דעם קליינעם לאַנד, איז שמואל געקומען אין אַ דערפעל „צוויי־טייכלעך" און זיך באַזעצט אין אַ פויערשע הירזעל ביי יענעם וועג, וואָס האָט געפיהרט צו די בערג, וואו עס בליהען די צאַרט־סאַמעטענע, קיינמאָל ניט וועלקענדע, עדעלווייסעס.

גאַנצע טעג האָט ער אַרומגעוואַנדערט איבער דער געגענד און געזונגען אַ גליקליכער, וואָס דאַרף זיך מעהר איצט ניט פאַרנעמען מיט לערנען זיך. געגאַנגען איבער'ן וואַלד רעדענדיג אַליין מיט זיך און מיט דער פולער ברוסט איינגעאָטעמט דעם דופטיגען ריח פון דער סמאָלע וואָס האָט פון די ביימער געטריפט, האָט געוועקט דעם ווידער־קול אין די בערג, און, אַריינקלייבענדיג זיך אין די פאַסטוכשע ביידלעך, דערצעהלען די אַלט־בערגיגע איינוואוינער וועגען די וואונדער פון די ווייטע לענדער.

אָפטמאָל איז ער אַוועק אין פעלד מיט בחורים און מיידלעך און מיט זיי צוזאַמען שנעל געאַרבייט פון באַגינען ביז פאַרנאַכט.

---

* עדעלווייס — ווייסע סאַמעטענע בלימלאַך, וואָס וואַקסען אין די אַלפּענבערג.

אזוי האָט שמואל פאַרבראַכט זיין וואַקאַציע. א פרעהליכער און א געזונטער, הנאה־האָבענדיג פון יעדער שעה אין זיינע פרייע טעג, באַצירענדיג מיט זונען־בלומען זיין יוגענד.

ביי יענער פויערטע, וואו שמואל האָט געוואוינט, זיינען געוועזן דריי זיהן. איינמאָל איז דער איינגסטער פון זיי אוועק אין די בערג קלייבען ערעלוויים און זיך מעהר ניט אומגעקערט. די ברידער זיינען אוועק איהם זוכען. ערשט אויפ'ן צווייטען טאָג, פאַרנאַכט־צו, האָבען זיי געפונען זיין צוריסענעם קערפער אין שניי באַשפריצט מיט בלוט.

מיט דריי טעג שפּעטער האָבען די איינוואוינער פון קליינעם דערפעל „צוויי טייכלעך", שטיל און אומעטיג מקבר געווען דעם איינגעל. נאָכ'ן ארון זיינען געגאַנגען אַלטע אין שווארצען, און די פויערים, — אין זייערע בעסטע קליידער. און ארום און אַרום זיינען געשטאַנען די הויכע אַלפּען. זייערע שניי־שפּיצען האָבען פאַרבלענדענד געבלאַנקט אויף דער זון. און זייער שעהנקייט איז געווען ניט פאַרבלענדענד.

און דערפאַר איצט, ווען איהרע צוויי זיהן מיט שמואל'ן האָבען זיך אוועקגעלאָזען אין די בערג רייסען ערעלוויים, איז די פויערטע געשטאַנען אויפ'ן שוועל און, באַגלייטענדיג זיי, האָט זי געוויינט און תפילה געטאָן, אז גאָט זאָל זיי זייער לעבען היטען. און די בחורים מיט די ראַנצעס און שטריק אויף די פּלייצעס, אַנגעטאָן אין די גרויסע בערג־שיך, זיינען מיט הילכיגע טריט געגאַנגען אַלץ העכער, וואַרפענדיג הויכע אויסגעשרייען אין דער נאַכט און זינגענדיג זייערע לאַנדס־לידער, ווי א פּאַסטוך רופט צוזאַמען א טשערעדע בהמות, ווי זיי איילען זיך אויף זיין רוף, קלינגענדיג מיט די גלעקלעך דין־דין־דין; ווי א מיידעל באַגעגענט זיך מיט איהר געליבטען ביים באַרג־קוואַל און, ווי א ווינטערדיגער שטורם טראָגט זיך פון די אַלפּען און שטורמט און ברויזט און פאַרוואַרפט מיט שניי די קליינע דערפלעך.

שפּעט ביינאַכט האָבען זיי געטראָפען א שווייצאַרישע קאָמפּאַניע און צווישען זיי האָט שמואל דערקענט א רוסישע מיידעל,

וועלכע איז איצט פון רוסלאנד געקומען צו גאסט צו איהרען א ברודער, א פאליטישען עמיגראנט. די קאמפאניע איז געגאנגען צום „שווארצע"ן טייך, נאר זיי זיינען אראפ פון וועג און איצט, טרעפענדיג די בחורים, האבען זיי באשלאסען נעהן מיט זיי קלייבען עדעלוויים.

שמואל'ן האט זעהר דערפרעהט די צופעליגע באגעגעניש מיט דער רוסישער מיידעל, וועלכע האט אויסגעזעהן צו זיין זעהר שעהן. זיי זיינען געגאנגען צוזאמען. און אין יענע פלעצער, וואו זיי פלעגט אויסקומען צו פארקירצען דעם וועג, האט ער איהר געהאלפען אריבערשפרינגען די וואסערלעך, וואס לויפען פון אלע זייטען פון דער הויך און מורמלען אונאויפהערליך אין דער שטילקייט פון דער נאכט.

זי האט מיט צוטרוי יעדעס מאל געלאזט זיך אננעהמען ביי דער האנט. איהר איז געפעלען געווען זיין שטארקע, שלאנקע פיגור, זיין ברוסט־שטימע און זי האט געפיהלט זיין אפענעם קוק פון זיין יונגען פנים. ער האט דערצעהלט וועגען זיך, וועגען זיין שטודיר־ארבייט און ווי ער פארברענגט די צייט אין די בערג און זי, הערענדיג איהם, האט קלינגענדיג געלאכט און איהר קול פלעגט אויפגעכאפט ווערען פון ווידער־קול פון אלע זייטען בערג.

און שמואל האט אלץ גערעדט: ווי וואלט זיך איהם וועלען נט זעהן איהר פנים און פארוואס איז די נאכט אזוי פינסטער. וואלט כאטש די לבנה אויפגעגאנגען. און דאס מיידעל האט לאכענדיג געענטפערט: אזוי איז בעסער, זאל ער זיך טראכטען, אז זי איז זעהר שעהן, ווייל דער מארגען וועט איהם ברענגען א שרעקליכע ענטוישונג. ער וועט דערזעהן א וואלד־מכשפה, מיט געלע קעצישע אויגען, מיט א צוקנייטשטען פנים און א דאר־פויגעלשען נאז. און דאמאלס וועט ער פון איהר אנטלויפען. נאר ביז באנינען מוז ער זי היטען פון אלע בייזע בערג־גייסטער.

און זי האט איהם ווידער צוטרויליך דערלאנגט איהרע ווייכע ווארימע הענט, און ווי א קינד געלאכט, ווען ער פלעגט זי אריבערטראגען איבער א ברייטען וואסערל. די נאכט האט גע־

Digitized by Google

נומען בלייבען. שטיל האָבען זיך גענומען אויסלעשען די שטער־
רען אין הימעל. עס האָט זיך אָנגעצונדען דער מזרח. און די
שפּיץ פון די בערג האָבען זיך באַגאָסען מיט גאָלד. און אָט אין
די מאָרגען דעמערונגען האָט דער סטודענט באַמערקט, אַז זיין
באַגלייטערין איז אַ בונטע שעהנהייט. און זי, קוקענדיג אויף
איהם, האָט שמייכלענדיג געשעפּטשעט מיט איהר קליינעם פּוכ־
לעם זאַפּטיגען מיילכעל:

— אמת, אַ מכשפה? אַ וואַלד־מכשפה פון אַ פינסטערער
אַלטער חורבה.

מיט'ן אויפגאַנג פון דער זון איז די מיידעל געזעסען אויף אַ
שטיין און געקוקט אויף די פעלזען, וואו שמואל, צוגעבונדען צו
אַ שטריק, האָט געקליבען פאַר איהר עדעלווייס. באַלד האָט ער
זיך אומגעקעהרט צו איהר און דערלאַנגט אַ בלימעל און אויף
זיין צאַרט גרויען סאַמעט האָט זיך געטונקעלט אַ טראָפּען בלוט.

— ביי מיר דרעהט זיך היינט זעהר דער קאָפּ, — האָט ער
געזאָגט דערלאַנגענדיג איהר די עדעלווייס — איך האָב שוין מעהר
ניט געקענט קלייבען, אפילו די האַנט פאַרבלוטיגט. באַהאַלט
דאָס בלימעל צום אָנדענקונג פון אונזער צופעליגער באַגעגעניש.

אביסעל שפּעטער האָט זיך די שווייצארישע קאָמפּאַניע גע־
נומען קלייבען צום „שוואַרצען" טייכעל און די מיידעל האָט גע־
זאָגט דעם סטודענט ביים געזעגענען:

— אין אַ פּאָר טעג אַרום קעהר איך זיך אום אין רוסלאַנד.
נאָר אין קומענדיגען יאָהר וועל איך ווידער זיין דאָ און דאַן
וועל איך אייך אַ קוש טאָן פאַר די עדעלווייס.

עס זיינען געקומען די הערבסט רעגענס מיט די ווינטען, נאָך
זיי האָבען גענומען ברויזען די ווינטערדיגע שטורעמס, פאַר־
וואַרפענדיג מיט שניי די וועגענס אין קליינע דערפלעך. שמואל
איז שוין לאַנג געווען אין שטאָדט, געגאַנגען הערען לעקציעס,
האָט געשניטען טויטע אין אַן אַנאַטאָמישען טעאַטער. אין די
אָווענטען פיל געלעזען און אינגאַנצען פאַרגעסען יענע שעהנע
רוסישע מיידעל, וועלכע ער האָט געטראָפען ביינאַכט אין די בערג.
נאָר איינמאָל איז געקומען פון איהר אַ בריף. זי האָט איהם

דערמאַנט אַן דער עדעלוויים, וואָס ער האָט איהר געשענקט. געבעטען, ער זאָל איהר שרייבען, ווי עס לעבט זיך איהם. דאָס הארץ פון סטודענט איז פול געוואָרען מיט פרייד. ער האָט זיך דערמאַנט אין איהר און דערהערט איהר געלעכטער אין די בערג. זיי האָבען זיך אָנגעהויבען דורכשרייבען. מיט יעדען טאָג האָט ער אַלץ מעהר און מעהר גענומען בענקען נאָך איהר.

ער האָט איהר געשריבען וועגען זיינע חלומות און זעהונגען און וועגען זיינע טראַכטונגען און פאַנטאַזיעס. דערצעהלט איהר פון זיינע קינדער־יאָהרען, געמאָלען איהר אַן אָרים, פאַרשטיקט שטעדטעל. די אַלטע אידישע בית־מדרש'ן, וואו ער האָט פאַרבראַכט פיל טעג פון זיין פריהער יוגענד. און זי האָט איהם געשריבען וועגען איהרע אונקלאָרע מיידעל'שע פאַרלאַנגען, וועגען מוזיק און שעהנקייט און וועגען דעם, אַז זי זוכט מענשען, נאָר זי קען זיי ניט געפינען און דערפאַר וויינט זי אַזוי אָפט.

ווידער איז געקומען דער פריהלינג מיט זיינע רופענדע ווייטקייטען. דערנאָך דער צייטיגער זומער און שמואל האָט געקראָגען אַ בריף פון אסיען, אַז זי איז אין אַ נאָהענטער שטאָדט, זאָל ער קומען צו איהר.

ביינאַכט איז דער סטודענט געזעסען אין וואַגאָן און געטראַכט וועגען דער רוסישער מיידעל, און דער צוג האָט זיך געטראָגען אַלץ ווייטער און ווייטער.

אין דער פריה איז ער אוועק צו איהר.

זי האָט איהם דערזעהן פון ווייטען פון באַלקאָן, האָט זי איהם אַראָפּגעוואָרפען אַ בריף. ביי שמואל'ן איז דאָס הארץ איינגעפאַלען.

— זי וויל מיך ניט זעהן, — האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

נאָר דאָס מיידעל האָט געשריבען, ער זאָל אויף איהר פאַרנאַכט וואַרטען אויף דער גרויסער בריק, זי וועט איהם ברענגען רויטע פעלד־בלומען. זי איז דאָ מיט איהר מוטער און ברודער און וויל זיך מיט איהם דאָ, פאַר זיי, ניט טרעפען.

שמואל איז אַ גאַנצען טאָג געגאַנגען איבער די גאַסען און האָט געשמייכעלט, און פאַרביינעהער, קוקענדיג אויפ'ן גליקליכען

בחור, האבען אויך נים ווילענדיג געשמייכעלט. צופעליג האט ער באנגעגענט א באקאנטע מיאוסע סטודענטקע פון זיין אוניווערזיטעט. ער האט זיך דערפרעהט מיט איהר און, ווען זיי האבען זיך פאנאנדערגעשיידט, האט זי געזאגט:

— איך האב נאך אייך קיינמאל אזא וואוילען און ליבליכען נים געזעהן.

אט זעצט זיך שוין די זון. שמואל שטעהט שוין אויף דער בריק און, אנגעשפארט אן די פארענצע, קוקט ער אראפ אונטען, וואו עס לויפען די בלויע כוואליעס און ווי אויף זיי וויגען זיך שטיל ווייסע שוואנען. זיי שווימען צו צו איהם, ציהען אוים זייערע שלאנקע העלזער, ווארטען, מען זאל זיי עפעס געבען און שווימען ווידער אפ.

א בונט רויטער פאס אין מערב איז שוין אויך פארלאשען געווארען. דער אווענט קומט. פוןביידע זייטען בריק האבען זיך אנגעצונדען די פיל־פארביגע עלעקטרישע לעמפלאך. די גאסען האבען זיך באלויכטען. דער טראמוואי רוישט. אומיצער שרייט, לאכט און דארטען אויפ'ן טייך זינגט מען אוים די שיפלעך.

דער סטודענט, פארטראכט, קוקט אלץ אויף די כוואליעס. שטיל איז צוגעגאנגען צו איהם אסיא און לייכט א ריהר געטאן איהם מיט די בלומען איבער'ן פנים. ער האט זיך א קעהר געטאן צו איהר און דערפרעהט א געשריי געטאן. זי איז געשטאנען פאר איהם א שלאנקע, א שעהנע, אנגעטאן אין א ווייסען זומער־קלייד. ער האט זי א כאפ געטאן פאר ביידע הענט. זי האט די בלומען געלאזט פאלען. ער האט זיי אויפגעהויבען.

זי איז געווען גאר רוהיג. אזוי ווי זי וואלט איהם געזעהן נעכטען און אייערנעכטען. און ער, פון אויפרעגונג, האט גערעדט ווי פון וועג, ביז וועהטאג האט זיך איהם געוואלט צוזאמענדריקען זי אין זיינע ארעמס. דעמאלט האט זי איהם גענומען פאר א האנט און אוועקגעפיהרט אויפ'ן קליינעם האלב־אינזעל ביים טייכוויזער. זיי האבען זיך אוועקגעזעצט דארט אין א שטילען ווינקעל ביי די סאמע כוואליעס און ער האט איהר גענומען דערמאנען וועגען דעם קוש, וואס זי האט איהם צוגעזאגט צו

געבען, און די מיידעל, צארט דערוווייטערנדיג איהם פון זיך, האט איהם צוגעזאגט צו געבען דעם קוש ביים געזעגענען זיך.

דער ווייסער שוואן פלעגט אלע ווײלע בגנבה צושווימען, זיך צוהערען, ווי דער סטודענט בעט לאסקעס ביי דער מיידעל און קושט איהרע הענט, שטעהענדיג אויף די קני, און דערנאך אפשווימען א שטאלצער.

און אסיא פלעגט לאכען:

— זעה, ווי דער שוואן שפיאנירט.

אונבאמערקט איז אוועק די זומער־נאכט. זיי האבען זיך גע־דארפט איינגיכען צושיידען. שמואל האט דערפיהלט, אז אן אומ־ענדליכער טיפער טרויער צו איהר שענקייט וועט איהם שוין קיין מאל ניט אפלאזען.

זיי זיינען אויפגעשטאנען, פארלאזען דעם האלב־אינזעל.

— מיר, חפנים, וועלען זיך שוין מעהר קיינמאל ניט זעהן, — האט זי שטיל געזאגט, — אין עטליכע טעג ארום פאהרען מיר אלע אוועק צוריק אין רוסלאנד.

שמואל האט גארניט געענטפערט. איהם איז געווען אומעדיג ביז טרערען.

זיי האבען זיך גענומען פאר די הענט, ווי קינדער, און מיט פויל זיס־מידינע טריט אוועק צום וואקזאל.

— איהר וועט מיר שרייבען? — האט ער געפרעגט, און זיין שטים האט געציטערט פון טרויער.

— איך ווייס ניט, — האט זי געענטפערט.

אויפ'ן וואקזאל זיינען זיי געזעסען אין א ווינקעלע און ווארט־טענדיג אויפ'ן צוג האבען זיי געשוויגען. אלע ליכטיגער איז געווארען דער פריהמארגען און אויף אונזיכטבארע פליגעל זיינען אוועקגעפלויגען די נאכט־מחשבות.

דער צוג איז געקומען. זיי זיינען ארויס אויף דער פלאט־פארם.

ער האט איהר דערלאנגט די האנט.

מיט אמאל האט די מיידעל ארומגענומען זיין קאפ און איהם געגעבען א לאנגען קוש.

Digitized by Google

דער סטודענט איז ווי פאר'שכור'ט ארײן אין וואגאן. ער האט ארום זיך גאר ניט געזעהן, נאר געפיהלט דעם זיסען קוש פון מיידעל, דעם אראמאט פון וועלכען ער האט דערנאך געדענקט דעם גאנצען לעבען.

און אסיא האט זיך אומגעקעהרט אין רוסלאנד, און שמואל האט שוין מעהר קיינמאל פון איהר נאר ניט געהערט.

איין טאג.

זיינע קינדער־יאָהרען האָבען זיך געצויגען אין א פינסטערען קעלער פון א לאַנגער שמוציגער גאַס, וואוהין די זון פלעגט נאָר אמאָל, פאַרנאַכט, ביים פאַרגעהן, שטיל און אומעטיג א שיין טאָן מיט גאָלד אויף די גרויע שווייגענדע ווענט פון די הויכע מויערען, וואָס זיינען פאַרכמורעט געשטאַנען נאָהענט איינע געגען אַנדערע.

זיינע עלטערען האָבען געלעבט שלעכט און אָרים און דער פאָטער, א ברייט-פלייציגער יונג מיט א פּנים פון א פאַרברעכער, פלעגט טרינקען, שפּילען אין קאָרטען מיט גנבים און אָפט קומען אהיים א שיכור'ער און שלאָגען דער מאַמען. דאַן פלעגט ער זיך באַהאַלטען אין א ווינקעל, ציטערען ווי אין א פיבער און ווי א הונגעריגע ווילדע חיה ארויסקוקען פון דאָרט מיט צושראָקענע גרויסע אויגען.

פון אלע זיינע ברידער און שוועסטער איז ער געוועןן דער שוואַכסטער און דער איינגסטער, און פלעגט פון זיי אימער כאַפּען קלעפּ און מוזען געהן גנב'ענען נאַשערייען פון די טישלאַך, וואָס שטעהען ביי די טירען פון די קלייטען אויפ'ן ראָג פון דער גאַס.

ווען ער איז אונטערגעוואַקסען, האָט איהם זיין פאָטער אָפּ־געגעבען צו א שוסטער אויף דריי יאָהר אין אַן אַנדער גאַס, וואָס איז געוועןן אויך אזוי שמוציג, לאַנג און האַלב פינסטער, ווי די גאַס, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען.

דאָרט האָט מען איהם ווידער אָפט געשלאָגען און פאַר די אַר־ביימער, וואָס פלעגען פאַר'שכור'ען זייער געלד, פלעגט ער ווידער מוזען געהן גנב'ענען בולקעס און זויערע אוגערקעס אין די קלייטען אויפ'ן ראָג פון דער גאַס.

און אזוי איז ער געוואַקסען, א בייזער און א פאַרביטערטער, מיט האַס צו אַלעמען און צו אַלץ ארום און ארום. זיין דאַר פּנים

Digitized by Google

איז אַלעמאָל געווען בלאַס און טרוקען, די וואַסערדיגע אויגען האָבען געקוקט טרויעריג און צושראָקען און אַ ביטערער ושעדנער שמייכעל האָט זיך אָפט באַוויזען אויף זיינע ליפּען, ווען ער פלעגט זיצען ביי דער אַרבייט אַ שווייגענדער און טראַכטען גאָט ווייסט וועגען וואָס.

דערנאָך איז געקומען זיין יוגענד. ער איז געוואָרען אַ בחור מיט ברייטע פּלייצעס און שטאַרקע מוסקולען און איהם האָט זיך פאַרוואָלט פאַנאַנדערלאָזען זיינע פליגעל און אוועקטראָגען זיך אין דער וועלט אַריין העט וויט, וואו עס ציהען זיך ברייטע פעלדער מיט הויכע רוישענדע גראָזען. און ער איז אוועק פון זיין שטי־קענדער שטאָדט און פון זיין לאַנגער, שמוציגער, האַלב טונקעלער גאַס.

און דאָרט, אין די נייע פלעצער, וואוהין ער איז געקומען, האָט ער געטראָפען נייע מענשען, וואָס האָבען שטענדיג פיל און שעהן גערעדט וועגען קאַמף מיט די שוואַרצע כחות, וואָס דריקען און מאַטערען די אָרימע און שוואַכע. ער איז צוגעשטאַנען צו זיי.

אין זיין נשמה האָט ווידער אויפגעפלאַקערט אַ האָס. ער פלעגט אַלץ טאָן וואָס די נייע מענשען האָבען איהם געהייסען און לעזען זייערע ביכלאַך און צוהערען זיך צו זייערע רייד, ווי דאָס וואָלטען געווען שעהנע און גוטע געזאַנגען צו גאָט, וואָס לויטערען און מאַכען גרינג אויף'ן הארצען און שטילען דעם האָס.

און אַמאָל איז ער אַרויס אויף די גאַסען פון אַ גרויסער שטאָדט מיט די נייע מענשען זינגען נייע לידער וועגען אַ פרייען לעבען. נאָר מיט אַמאָל זיינען אָנגעלאָפען קאָזאַקען אויף ווילדע פערד און מ'האָט אַלעמען גענומען שלאָגען און איהם האָט מען אַ צובלוטיגטען דערנאָך געבראַכט אין אַ טורמע און דאָרטען פאַרשפאַרט אין אַ פינסטערען נאַסען חדר, הינטער אייזערנע גראַ־טעס. און עס האָבען זיך אַ ציה געטאָן שווערע איינזאַמע טעג נאָך טעג און אין דער נשמה זיינער האָט אַלץ געפלאַקערט אַ בייזער האַס צו אַלץ און צו אַלעמען אַרום און אַרום.

איינמאָל אין פריהלינג האָט מען איהם געפיהרט מיט'ן עטאַפּ פון איין טורמע אין דער צווייטער. די גרופּע אַרעסטאַנטען איז געווען אַ קליינע, פון עטליכע מענשען, און מיט זיי זיינען מיטגע־גאַנגען נאָר צוויי סאָלדאַטען. עס איז געווען נאָך גאַנץ פריה.

פוןביידע זייטען וועג האָבען זיך געצויגען פעלדער מיט פרישען גרינעם גראָז און בונטע בלומען און אין הימעל האָבען נאָך דאָ און דאָרט געוואַנדערט ווייסע און פרעהליכע וואָלקענדלאַך, ווי זיי וואָלטען געאיילט אהיים נאָך אַ לוסטיגער שמחה'לע.

די אַרעסטאַנטען און סאָלדאַטען זיינען געווען גוט געשטימט און איהם האָט זיך געוואָלט שרייען אויס ווילדער פרייד, וואָס האָט די גאַנצע צייט פון פאַרטאָג זיך געריסען פון זיין נשמה. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען, וואָס ער איז געגאַנגען איבער אַ ברייטען וועג און די בלויע ווייטקייט האָט זיך צו־שפרייט פאַר איהם ביז אין הימעל אריין און געלאָקט און גערופען און מיט איהר שטיל ווינטעל דערצעהלט וועגען ענדלאָזע סטעפען, איבער וועלכע עס רייטען אַרום גבורים און זינגען מעכטיגע לידער, וואָס פאַרנעהען ווייט, ווייט — אין אַלע עקען פון דער וועלט.

און ווען בייטאָג האָט מען גענומען שפּריצען אַ רעגענדעל און דער עטאַפּ האָט זיך אוועקגעלייגט אָפּרוהען אונטער אַ קופּע בוימער, האָט ער זיך מיט אמאָל אַ לאָז געטאָן לויפען און מען האָט איהם ניט געקענט כאַפּען. און אַזוי האָט ער זיך אין אַ פּאָר שעה אַרום דערזעהן לעבען אַן אַלטען רוסישען פרויען מאָנאַסטיר ניט ווייט פון אַ וואַלד.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אַרומגעקוקט. ווייט אַרום האָט מען קיינעם ניט געזעהן. ער האָט זיך אויסגעצויגען אויפ'ן גראָז און גענומען איינאָטעמען דעם געשמאַקען אַראָמאַט פון דער ווייכער וואַרימער ערד און האָט מיט אַמאָל דערפיהלט, אַז ער איז מיד און הונגעריג. נאָר איהם איז געווען גוט אויפ'ן האַרצען און וואונדערבאַר לייכט ווי אין איהר וואָלט קיין האַס ניט געווען.

ער איז אויפגעשטאַנען און איז אוועק צום מאָנאַסטיר. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין טויער און אַן אַלטע מאָנאַשקע אין שוואַרצען איז אַרויס פרעגען, וואָס ער וויל, דער וואַנדרער. דער נאָך האָט זי איהם אַרויסגעטראָגען אַ גרויס שטיק פעטען חזיר מיט ברויט און אַ טרונק בראָנפען.

— אַ דאַנק, מאַטושקאַ, — האָבען געציטערט ביי איהם די הענט פון פרייד.

און ווען ער האָט זיך אָנגעגעסען, איז ער אוועק צום וואַלד און זיך געלייגט שלאָפען. און דער שלאָף איז באַלד ווי אויף פליג־

לען אַנגעפלוינגען און גענומען פאַנאַנדערשפּרייטען פאַר איהם מאָדנע וואונדער־שעהנע געשטאַלטען און בילדער און ווען ער פלעגט מינוטענווייז האַלב אויפמאַכען די אויגען, האָט ער געזעהן איבער זיך אַ ברייטען, טיפען, בלויען הימעל און פון דערווייטען דעם מאָנאַסטיר מיט זיין הויכען ווייסען גלאָקען טורעם און מיט דעם קופּערנעם קופּאָל און זילבערנעם צלם, און ביים טויער איז געשטאַנען אַן אַלטע פרוי אין שוואַרצען און געהאַלטען אַ שטיק ברויט אין האַנט פאַר גאָט'ס אַ וואַנדרער.

דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען און איז אַריין אין וואַלד. די שפּיצען פון די בוימער אַרום האָבען שטיל גערוישט. עס האָט געשמעקט מיט נאַסען גרינעם מאָך, מיט סמאָלע און מיט שוועמלאַך. און אין האַרצען האָט געזונגען די פרייד וואָס ער איז פריי, און אַרום איז אַזאַ שעהנע וועלט און די גרויסע שטיקענדע שטעדט זיינען ווייט, ווייט פון איהם.

מיט אַמאָל האָט ער דערזעהן ווי פון הינטער די בוימער האָט זיך אויפ'ן וועג באַוויזען אַ יונגע מאָנאַשקע מיט אַ קלומאַקעל אין האַנט. ער האָט אויפגעציטערט און איז געבליבען שטעהן. אַ זיס פּיינליכער געפיהל, וואָס האָט שוין לאַנג געמאַטערט איהם אין די נעכט, האָט ווי אַ גרויסע כוואַליע זיך צונאָפען איבער זיין יונגען קערפּער. און די מאָנאַשקע איז צו איהם צוגעקומען אַלץ נעהנטער. ער האָט זי אָפּגעשטעלט און געפרעגט פון וואַנען זי געהט. זי האָט אויסגעזעהן צו זיין נאָך זעהר יונג מיט אַ רונד, אָפּגעברענט געזיכט און פאַרריסען געזעל. זי האָט זיך דערשראָקען, ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען, און געוואָלט געהן ווייטער. ער האָט איהר פאַרשטעלט דעם וועג און איז געוואָרען ווילד. זי האָט געוואָלט נעהמען שרייען, האָט ער זי אַ שטופּ געטאָן און זי איז געפאַלען צווישען צוויי בוימער אין פייכטען מאָך.

און ווען ער האָט זיך אַביסעל שפּעטער אויפגעהויבען פון דער ערד, איז די מאָנאַשקע געלעגען אַ דערשטיקטע און אַ פאַרבלוטיגטע, און ער, שרייענדיג ווי אַ ווילדע חיה, האָט זיך געלאָזט לויפען פון וואַלד מיט צושויבערטע האָר און דער אָווענט ווינט איז איהם געפלוינגען אַקעגען אין גערויש מיט די הויכע פרישע גראָזען און מיט די בוימער פון וואַלד.

און ווען, אין אַ יאָהר אַרום, אין פריהלינג, איז מען פאַר־

טאָג געגאַנגען איהם אין טורמע אויפוועקען צו פיהרען צו דער תליה פאַר'ן מאָרד, האָט ער גע'חלום'ט וועגען דעם איינציגען טאָג אין זיין לעבען, ווען ער איז געווען פריי און געטראָפען אין וואַלד רייזנגע מאַנאַשקע. און אויף זיין פנים האָט געשוועבט אַ שמייכעל...

רחמנות

אָפט פלעגט ער פאַרבייגעהן איהרע פענסטער אין די פריה־מאָרגענס אויפ'ן וועג צום פּאָליציי־צירקעל, אַט דער יונגער דאַ־רינקער פּריסטאַוו, מיט'ן בלאַסען פּנים און פיבערדיגען גלאַנץ אין די גרויסע פאַרבענקטע בלויע אויגען. און יעדעס מאָל, ווען ראָזע, אַ מיידעל פון אַ פרומער אידישער פאַמיליע, האָט ניט־ווילענדיג באַמערקט זיין טרויעריגען בליק, האָט איהר ארומגע־כאַפּט אַ מאָדנער געפיהל פון רחמנות און שרעק, און שטונדענווייז פלעגט זי דערנאָך וועגען איהם קלערען.

נעוועהנליך פלעגט ער פאַרבייגעהן זעהר פריה. מיט אַ סידור אין האַנד פלעגט זי זיך זעצען ביים פענסטער און וואַרטען און בעטען גאָט, אַז ער זאָל איהר פאַרגעבען איהרע זינדיגע גע־דאַנקען. די פרישע רויטע ליפּען פון דער שעהנער מיידעל האָבען געשעפּטשעט אַ תפילה, און די אויגען האָבען אַלץ געקוקט אין גאַס און געזוכט צווישען דער מענגע פאַרבייגעהער די באַקאַנטע פיגור פון דעם יונגען פּריסטאַוו מיט דעם פיבערהאַפטען גלאַנץ און די פאַרבענקטע גרויסע אויגען.

אַמאָל פלעגט זי איהם גאָר פאַרגעסען אויף אַ לאַנגער צייט, נאָר טיף אין דער נשמה האָט שטיל געבליהט אַ רחמנות צו אימיצען, וואָס איז קראַנק, פאַר'סמ'ט פונ'ם ברוטאַלען לעבען, און וואָס טראָגט אין האַרצען דעם גיפט פון האַס.

און איינמאָל האָט געטראָפען, אַז אין שטאָדט האָבען רע־וואָלוציאָנערען דער'הרג'עט אַ הויכען באַאַמטען. דאָס איז געווען אין אַ פריהלינגס־מאָרגען. דאָס מיידעל איז אויפגעשטאַנען פריה, זיך אוועקגעזעצט נעבען אָפענעם פענסטער, לאַנג ארויסגעקוקט אין גאַס אויף די בוימער, וואָס האָבען איבער נאַכט צעעפענט זייערע קנאָספען און אויף די מענשען, וועמעס פּנים'ער האָבען

Digitized by Google

נעשטראַהלט מיט האָפנונג — און איהר איז געוואָרען גוט און פרעהלאַך.

פלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ פּאַרטויבענדע אויפרייסונג. די גאַנצע גאַס איז איינגעוויקעלט געוואָרען אין רויך און מענשען מיט ווילדע קולות האָבען גענומען לויפען אין אַלע זייטען, ארומ־געכאַפּט מיט אַ זינלאָזען שרעק. שנעל האָט זי פאַרקלאַפּט דאָס פענסטער, זיך אַ וואָרף געטאָן אין דעם צווייטען צימער רופען איהר עלטערען ברודער. דערנאָך זיינען זיי ביידע אַרויסגעלאָפען אין גאַס און אין דעם רויש און טומעל פון דעם לויפענדען המון, האָט זי מיט אַמאָל דערזעהן די באַקאַנטע פיגור פונ'ם פּריסטאַוו. ער איז געלאָפען ווי אַ משוגע'נער און האָט געשריען, פאָכענדיג מיט דער בלאַנקער שווערד. און נאָך איהם זיינען געלאָפען פּאָלי־ציסטען מיט גרויסע רעוואָלווערען אין די הענט און געשאָסען אין דעם אומקריכענדען רויך וואָס האָט נאָך אַלץ איינגעוויקעלט די גאַס.

און אַ ביסעל שפּעטער האָבען שוין אַלע אַרום געוואוסט, אַז אימיצער האָט געוואָרפען אַ באָמבע און גע'הרג'עט אַ הויכען באַאַמטען זיין קוטשער און אַ קליין מיידעלע אַ גימנאַזיסטקע.

עס האָבען זיך אָנגעפאַנגען אַרעסטען. מען האָט געזוכט די שולדיגע און מען האָט זיי נים געקענט געפינען. און דעמאָלט האָט די פּאָליציי באַשלאָסען אומצוברענגען עטליכע בחורים פון די בעסטע אידישע פאַמיליעס. צווישען זיי האָבען זיי אין זינען געהאַט אויך ראָזע'ס ברודער, אַ קינסטלער, פון אַ יאָהר דריי־און־צוואַנציג.

* * *

דאָס איז געווען אויף מאָרגען נאָך דער לויה פון די דער־הרג'טע. עס איז געווען פרייטאָג. פון אין דער פריה אָן האָט זיך אין הימעל באַוויזען אַ טונקעל בלויער וואָלקען מיט מאָדנע אויסטערלישע עקען, אַקוראַט, ווי אַן אומגעהויערע לעגענדאַרישע חיה וואָלט אויסגעצויגען איהרע שוואַרצע לאַפּעס און געוואָלט פאַרדעקען דעם גאַנצען הימעל. נאָכדעם איז אַראָפּ דאָס ערשטע פריהלינגס־רעגענדעל. דאָס מיידעל מיט'ן ברודער זיינען גע־שטאַנען ביים פענסטער און זיך געפרעהט, ווי קינדער... און

יענעם גאַנצען טאָג האָט די זון געהאַלטען אין איין באַהאַלטען זיך הינטער די וואָלקענס, און אַזוי איז אָנגעקומען דער פאַר־טראַכטער בלויער בין־השמשות. די מוטער האָט אָנגעצונדען די שבת ליכט אין די גרויסע זילבערנע לייכטער. אין גראַמען צימער האָט זיך דערפיהלט די מנוחה פון שבת. נאָך ליכט־בענ־שען האָט זיך ראָזע צוגעזעצט צום פענסטער וואַרטען אויפ׳ן פאָ־טער, וועלכער איז מיט ביידע ברידער אַוועק אין בית המדרש מקבל שבת זיין.

פון׳ם בית המדרש איז ער געקומען אַ פאַר׳דאגה׳טער און דערצעהלט, אַז מען האָט אַרעסטירט צוויי אידישע בחורים פון בכבוד׳ע פאַמיליעס. מען באַשולדיגט זיי אין דעם מאָרד פון׳ם חויכען באַאַמטען.

די שבת סעודה איז פאַרביי אומעטיג אין יענעם אָבענד. עס האָט זיך געדוכט, אַז שאָטענס האָבען זיך באַהאַלטען אין די ווינקלען און שושקען זיך: „אַ צרה, אַן אומגליק וועט קומען אויף דעם הויז”...

שפּעט אין אָבענד האָט מען פּלוצלינג אָנגעקלונגען און ווען מען האָט, אויף דעם באַקאַנטען קול פון הוידזוועכטער, אויפגע־עפענט די טיהר, האָבען זיך אין וואָהנונג אַריינגעריסען עטליכע פּאָליציי באַאַמטע מיט צוויי זשאַנדאַרען.

ראָזע האָט זיך שוין געקליבען צו געהן שלאָפען. זי האָט דערהערט די פרעמדע שטימען, און גלייך פאַרשטאַנען, אַז מען איז געקומען אַרעסטירען איהר ברודער און איז פאַרצאַפּעלט גע־וואָרען ווי אַ פאַרוואונדעטע. טולענדיג איהר האַלב־נאַקעטען און פיבערדיגען קערפּער אין אַ גרויסער שאַל, איז זי אַרויסגעגאַנגען פון איהר צימער, און דער ערשטער, וואָס האָט זיך איהר געוואָר־פען אין די אויגען איז געווען דער באַקאַנטער יונגער פּריסטאַוו מיט זיין פאַרבענקטען בליק. ביי איהר זיינען אָפּגענומען געוואָ־רען די פיס, און זי האָט זיך פון אָרט ניט געקענט ריהרען. איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די בלאַסע דינע ליפּען פון׳ם פּריסטאַוו האָבען וואָס אַ שעפּטשע געטאָן און ער האָט אומבאַמערקט זיך פאַר איהר פאַרנייגט.

זי האָט עפּעס וואָס געוואָלט ענטפערען, נעהמען בעטען, אַז איהר ברודער איז אומשולדיג, נאָר עפּעס אַ הייסער שטראָם

איז איהר אונטערגעקומען צום האַלז, פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, און זי האָט זיך היסטעריש צוואויינט. נאָכהער האָט זיך אַלץ אַנגעהויבען דרעהען און שווינדלען פאַר איהר, און נאָר זיינע אויגען האָבען געבליסטשעט גרויס, ווי שטערען, פאַרביינקטע, פאַרברענטע אין אַ זשעדנעם פיבערהאַפטען פייער.

און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט אין הויז געהערשט אַ טיפע שטילקייט. דער פאָטער וואָס האָט זיך איהר אויסגעוויזען מיט אַמאָל פאַרעלטערט אויף אַ סך יאָהרען, איז שטיל נעגאַנגען איבער איהר צימער און שווער געזיפצט.

אין צעהן טעג אַרום האָט מען איהר ברודער מיט נאָך פיר בחורים אויפגעהאַנגען אין אַ הינטער־ווינקעל פון טורמע הויף. און ביים זונען־אויפגאַנג, בעת די קערפּער זיינען שוין געווען פאַרשאַטען איז אָנגעקומען אַ באַנגאַדינונג, און דעמאָלט איז איינע פון די מוטערס פון די אומשולדיג פאַר'משפּט'ע אַראָפּ פון זינען און זיך אַרויסגעוואָרפען פון פענסטער פון אַ הויכען מויער.

די אַלע טעג, וואָס האָבען זיך געצויגען ביז דעם טויט־שטראָף, האָט אַ שווידערליכער קאָשמאַר געדריקט דאָס מיידעל און זי איז געלעגען קראַנק. און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז אַלץ האָט זיך שוין געענדיגט, איז זי שטיל אויפגעשטאַנען און, צוזאַמען מיט פאָטער און מוטער און מיט'ן איינגערען ברודער, קריעה געריסען און זיך געזעצט שבעה. און אין די טעג פון טרויער פלעגט זי ריידען צו זיך אַליין:

מיין ברודער איז קראַנק געווען... לאַנג געלעגען און געקעמפט מיט'ן טויט און נאָך האָט ביי איהם צוגענומען די נשמה... מען האָט איהם אויפגעהויבען און אָוועקגעלייגט אויף שטרוי... צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצען טוך און אָנגעצונדען ליכט ביי זיין צוקאָפּענס... אַלע נאָהענטע זיינען געשטאַנען אַרום איהם און געוויינט... דערנאָך האָט מען איהם אָוועקגעטראָגען אויפ'ן בית־עולם און דער וועג האָט זיך געצויגען אַ לאַנגער... פאָראויס זיינען געגאַנגען תלמוד־תורה יתומים און געזונגען: "צדק לפניו יהלך"... אַ סך יונגע בחורים שטאַרבען... איהר ברודער איז אויך אַזוי געשטאָרבען, און אָט זיצט זי נאָך איהם שבעה...

איינגיכען האָט איהר פאָטער באַשלאָסען, אַז די קינדער מיט

דער מוטער זאָלען אָפּפאָהרען קיין אויסלאַנד. די מוטער איז
קראַנק געוואָרען, און דאָקטוירים האָבען איהר געראַטען אָפּפאָהרען
וואָס ניכער אין די בערג.

עס איז געקומען דער טאָג פון אָפּפאָהרען. עס איז געווען
ענדע מאַי. אַ גרויסע קאָמפּאַניע מיט בלומען איז געפאָהרען זיי
באַגלייטען צום וואָקזאַל. איינער פון זיי, אַ גימנאַזיסט, וואָס
איז געווען פאַרליבט אין ראָזאַ'ן, האָט די גאַנצע צייט טרויעריג
געקוקט אויפ'ן מיידעל האַלטענדיג אין האַנט אַ גרויסען בוקעט פון
שמעקענדיגען בעז.

אויפ'ן וואָקזאַל איז געווען רוישיג און טומלדיג. דער צוג
איז שוין געשטאַנען גרייט. עס האָבען זיך געהערט די אויסגע־
שרייען פון די טרעגער. עס האָט זיך ווער מיט וועמען געזעג־
נענט. עס האָבען זיך געהערט קלאַנגען פון קושען. און אויף דעם
אַלעמען האָט זיך געטראָגען דער וואַרימער אַראָמאַט פון די
פריהלינגס־פעלדער, נעבען וועלכע עס איז געשטאַנען דער וואָקזאַל.

ראָזע האָט זיך מיט אַלעמען שוין אָפּגעזעגענט און, שוין
אויפהייבענדיג זיך אויף די טרעפּלאַך פון וואַגאָן האָט זיך איהר
מיט אַמאָל אָפּגעדוכט, אַז זי זעהט צווישען עולם דעם באַקאַנטען
יונגען פריסטאַוו, נעבען וועלכען עס שטעהט אַן אַלטינקע פרוי
און צלמ'ט איהם ווי זי וואָלט איהם מיטגעגעבען אהר ברכה אויפ'ן
ווייטען וועג.

און די גאַנצע נאַכט האָט זיך איהר אינ'ם שטיקענדען וואַגאָן
גע'חלומ'ט זיינע גרויסע פאַרוועהטאָגטע אויגען און עפּעס אַ יונ־
גער קול האָט געקלונגען, גערעדט וועגען רחמים.

* * *

זיי זיינען געקומען אין דעם קליינינקען בליהענדען לאַנד
פון די שנעע־ווייסע אַלפּען־בערג. דאָרטען האָבען זיי געהאַט
פריינד. זיי האָבען דאָרט אַביסעל פאַרווײלט, און נאָכדעם האָבען
זיי געדונגען אַ הייזקע ביי אַ פראַנצויזישען פויער אין די סאַוואָיער
בערג.

עס איז געווען אַ זומערדיגער מיטעג־טאָג, ווען זיי זיינען
אהין אָנגעקומען. אַלע פרויען און מענער זיינען געווען אויף

די הײ־פעלדער. פון דער קלײנינקער סטאַנציע האָט מען זיך נאָך נעדראַפּט צו פוס אויפהויבען העכער. דאָס דערפעל איז נעלעגען כמעט בײם סאַמע שפּיץ פון באַרג, נעבען א סאָסנאָווען וואַלד.

אויפנעהויבען האָבען זײ זיך לאַנגזאַם. ראָזע האָט איצטער אויסנעזעהן זעהר שעהן. איהרע באַקען זײנען לײכט אָפּגעברענט געוואָרען, און איהרע לאַנגע שוואַרצע האָאַר זײנען נעווען פאַרפלאָכטען אין צוויי צעפּ, וואָס האָבען איהר געמאַכט פיל יונגער. די איבערגעלעבטע צרות האָבען אַרויפגעלעגט אויף איהר פּנים א שטילען טרויער. און זעהענדיג איצט די ווילדע און פרײע גרויסקײט פון די בערג אַרום, איז זי אין תּאַרצען געוואָרען נאָך פרומער

עס האָט זיך־פאַר זײ אָנגעפאַנגען א שטילע צײט. די טעג זײנען געווען לויטערע, זוניגע, און דאָס מײדעל מיט'ן ברודער פלעגען אָפט מאַכען קלײנע שפּאַצירען אין די נאָהענטע טאָלען און בערג. נאָר אמאָל פלעגט זיך אויפהײבען א ווינט, שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך פאַרזאַמעלט, אומגעקראָכען אויף די בערג־רוקענס. עס איז אָנגעלאָפען א שטורם. און דעמאָלט פלעגט בײז רוישען דער וואַלד, דונער־קראַכען פלעגען אויפטרײסלען די הײזקעס, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אַלע בײזע בערג־גײסטער האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אויף מלחמה און נעברומט און נעוואָיעט. די אַלטע פויערטעס פלעגען אָנצינדען לעמפּלאַך פאַר די איקאָנעס און שעפּטשען תּפילות.

און אײנמאָל האָט זיך אין דערפעל באַוויזען א יונגערמאַן אין א רוסיש העמדעל. ער איז צונעגאַנגען צום טיהר פון א פויער, האָט דאָרטען לאַנג געזעסען. די פויערטע האָט איהם צונעפיהרט צו א קלײנער הײזקע, און אין עטליכע טעג אַרום האָט ער זיך דאָרטען באַזעצט. און ווען ראָזע האָט איהם דערזעהן אמאָל בײ זײן טיר איז זי געבליבען פאַרגאַפט. דאָס איז נעווען דער בלאַסער שווינדזיכטיגער פריסטאַוו, וואָס האָט איהר אַזוי אָפט פאַרפּאַלגט מיט זײנע גרויסע פאַרבענקטע אויגען.

און ווידער האָט זי אָנגעהויבען ווענען איהם צו טראַכטען, נאָר האָט איהם אַלץ אויסנעמיטען. ער אָבער פלעגט יעדען טאָג

פארבייגעהן זייער שטיבעל, ארייגקוקען אין די פענסטער, זיך אפאפשטעלען און הוסטען און לאנגזאם ווייטער געהן צום וואלד.

אזוי האבען זיך געצויגען די טעג.

* * *

דאס איז געווען, בעת די זאנגען האבען זיך שוין געהאט נעברוינט אויף די פעלדער. עטליכע יונגע פויערים פונ'ם קליין בארניג דערפעל זיינען פארטאג אוועק אין וואלד און אויפ'ן וועג האבען זיי זיך אנגעשטויסען אויף א טויטען קערפער פון א הייםלאזען אלטען מאן. זיי האבען איהם באטראכט, ניט געפונען אויף איהם קיין סמנים פון רציחה, זיך אומגעקעהרט אהיים און דערצעהלט, וואס זיי האבען געזעהן, און דאס גאנצע דארף איז ארויס קוקען אויפ'ן טויטען קערפער פונ'ם וואנדרער, וואס איז געווען עהנליך אויף אן איטאליענער. זיי האבען זיך אלע ארומגעשטעלט און עטליכע מינוטען שווייגענדיג געהאלטען די היטלען אין די הענט. דער מת איז געלעגען מיט'ן פנים ארויף. דער פריהמארגען ווינט האט באוועגט זיינע גרויע האאר, און א בלויער פארשוואלענער פינגער פון א פוס האט ארויסגעשטארצט פונ'ם צוררסענעם שוך.

די פויערים האבען דעם טויטען קערפער איבערגעטראגען אין דערפעל און אוועקלעלענט איהם אין א שטאהל. אין דריי טעג ארום האבען זיי אנגעטאן זייער יום טוב'דיגע בגדים, איינגעשפאנט א פערד אין א וואגען, ארויפגעשטעלט א טרונע, וועלכע זיי האבען אליין צוזאמענגעקלאפט און אפגעפארבט אין שווארצען, און די לויה פון דעם היימלאזען וואנדרער האט זיך געריהרט ארויף צום בארג, וואו עס האט זיך געטוליעט זייער קליינער בית עולם.

אין דעם גאנצען טאג נאך דער לויה האט זיך ראזע נעפיהלט זעהר טרויעריג. פארנאכט איז זי לאנג געזעסען אויף דער שוועל פון טיר. עס איז צוגעפאלען א ליכטיגער לבנה־אבענד. פון וואלד האט זיך דערטראגען אן איינזאמער סוקרדוף. זי האט זיך אויפגעהויבען און איז ארויס אויפ'ן וועג, זיך אפגעשטעלט ביים קוואל נעבען שטיינערנעם צלם. איבער'ן וואלד האט זיך באוויזען די לבנה, און אפגעווארפען אויסטערלישע

שאָטענס פון די בוימער אויף די ערד. אין פענסטער פון פּריסטאַוו'ס הייזקע האָט אַ שיין געטאָן אַ קליין פייער'ל פון אַ קעראָסין־לעמפּעל, און ראָזע האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט איהם שוין עטליכע טעג ניט געזעהן. זי איז אַוועק ווייטער און פאַר איהר האָט זיך אַנפּלעקט דער סאַוואָיער טהאָל פּאַרטרונקען אין זילבער־שיין. פון דערווייטען האָט זיך אַלץ געהערט דער קוקער רוף, און איהר האָט אַ ציה געטאָן צוריק אין דערפעל.

פאַרביינגעהענדיג דעם פּריסטאַוו'ס הייזקע האָט ראָזא זיך אָפּגעשטעלט. דאָס הארץ האָט איהר שטאַרק אָנגעהויבען צו קלאַפּען, און דאָס געפיהל פון טרויער און איינזאַמקייט, וואָס האָט איהר באַהערשט דעם אָוועגט האָט איהר צוגעפיהרט צו זיין טיר. זי האָט שטיל אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט ניט געענטפערט. זי האָט שוין געוואָלט אַוועקגעהן, און ווידער אָנגעקלאַפּט. און ווען זי האָט דערהערט זיין הייזעריג קול, האָט זי אויפגעעפענט די טיר און געבליבען שטעהן ביים שוועל.

דער קראַנקער איז געלעגען אויף אַ ברייטער אַלטער הילצערנער בעט, און ביים קאַרגען ליכט פון לעמפּעל געלייענט דאָס עוואַנגעליום. ער האָט אויסגעזעהן זעהר מאָגער... די איינגעפאַלענע באַקען זיינען געווען פאַרוואַקסען מיט הארטע האָאר, און געפלאַמט מיט רויטע שווינדזיכטיגע פלעקען.

דערזעהן דאָס מיידעל האָט ער אַרויסגעלאָזט דאָס בוך פון האַנט, זיך אויפגעהויבען אויפ'ן בעט און, ווי ער וואָלט אויף איהר געוואַרט, הייזעריג אַרויסגערעדט:

ענדליך זיינט איהר דאָך געקומען, האַ! — איך האָב געוואוסט, אַז איהר וועט היינט קומען. קומט אַריין, וואָס זיינט איהר געבליבען שטעהן ביי דער טיהר, אָט שטעהט אַ בענקעל, זעצט זיך נעבען מיין בעט איך פיהל זיך עפּעס די טעג שוואַך און מוז ליגען.

ראָזע איז צוגעגאַנגען צום בעט און זיך צוגעזעצט אויף אַ שטול.

דער קראַנקער האָט ווידער אָנגעהויבען:

— איך האָב געוואוסט, אַז היינט וועט אַ וואונדער געשעהן. און צו מיר וועט אַ מלאך קומען. איך האָב דעם גאַנצען אָוועגט

געליטענט דאָס עוואַנגעליום און, ווי אין די קינדער־יאָהרען, גע־
גלויבט, אַז גאָט האָט לעבעדיג געמאַכט טויטע, זעהענדיג־געמאַכט
בלינדע.

און איהר זייט אַזאַ גוטע וואָס איהר זייט איצטער געקו־
מען... און פאַרוואָס האָט איהר מיך פריהער אַזוי אויסגעמיטען?
און איך פלעג פאַרביינקען אַלע טאָג אייער שטיבעל און געוואָלט
זיך מיט אייך באַפריינדען.

ער האָט זיך פאַרהוסט. ראָזאַ האָט איהם אונטערגעטראָ־
גען אַ גלאָז מילך.

— אַ דאַנק, — האָט ער געזאָגט, אַוועקלעגענדיג דעם קאָפּ
אויפ'ן קישען.

— אייך רופט מען, דאַכט זיך, ראָזאַ אַבראַמאָוונאַ, ניט
אמת? אַט אַזוי ליגענדיג גאַנצע טעג קלעהרט מען אַלץ און
מען קלעהרט.... אַמאָל לעבט פּלוצלונג אויף דאָס קליין היימיש
שטעדטעל מיט די ברייטע סטעפּעס ארום, דער אַלטער קלויסטער
מיט'ן הויכען הילצערנעם גלאָקען־טהורם... איהר ווייסט, מיין
פאָטער איז געווען אַ גלאָקען־ציהער, און איך פלעג אַזוי ליב האָבען
אין די זונטאָגדיגע פריהמאָרגענס הערען דעם גלאָקען־קלאַנג, וואָס
רופט דעם עולם אין גאָט'ס הויז... אַ גוטער מענש איז געווען מיין
פאָטער, אָבער אַ שיכור אַ גרויסער און געשטאָרבען איז ער יונג.
דאַן האָט זיך אָנגעהויבען מיין וואָגלעניש, קעלט, הונגער... ביז
איך בין ענדליך געוואָרען אַ שרייבערל אין פּאָליציי־צירקעל...
ער איז אַנשווינגען געוואָרען און האָט זיך איינגעגעסען מיט זיינע
פיבערהאַפטע אויגען אין איהר שעהנער, שלאַנקער פיגור...

אַביסעל שפּעטער האָט ער ווידער גערעדט:

— עס איז אַזוי שווער איינזאַם צו ליגען, אין די שלאָפלאָזע
נעכט, ווען עס קומען אַרויף אויפ'ן זינען די געשטאַלטען פון אומ־
שולדיגע, וואָס דו אַליין האָסט אומגעבראַכט.

ליבע ראָזאַ אַבראַמאָוונאַ, זעצט זיך צו נעהענטער צו מיר,
גיט מיר אייער האַנט, ס'איז צאַרטע ווייסע הענט ביי אייך און
אַ פּנים, אַזאַ שטילער, אַ פרומער... אויף אייך, אידישע מיידלאַך,
ליגט עפּעס אַזאַ מאָדנער חן אויסגעגאָסען...

ער האָט נאָך לאַנג אַזוי גערעדט און דערצעהלט וועגען זיך
מיט טרעהרען אין אויגען און ראָזאַ'ס האַרץ איז פול געוואָרען מיט

רחמנות. זי האָט זיך צו איהם צוגעבויגען און שטיל געגומען גלעטען זיין קאָפּ.

— איהר זייט אזאַ וואוילער איהר וועט נאָך געזונט ווערען, געזונט ווערען...

און ווען זי איז אוועק פון איהם איז איהר געווען אזוי גוט און גרינג אויף דער נשמה ווי זי וואָלט אימיצען געראַטעוועט פון א שווערען טויט. און א פרייד האָט אָנגעפיהלט איהר הארץ. אין וואלד האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער איינזאמער קוקו רוף.

Digitized by Google

די מיידעל פון די בערג.

אין אַ שטיל געסעלע, ביים עק פון אַ לאַנגער, ברייטער גאַס, איז געשטאַנען אַ צוויי־גאָרענדיגע הילצערנע שטיבעלע, און ביים פענסטער האָט דאָרטען אַ גרויסער בוים געוואַקסען. יעדען פריה־לינג האָט זיך דער בוים פאַנאַנדערגעבליהט און דערמיט דערמאַנט אַלע מענשען ארום און ארום, אז איצט איז געקומען די צייט פון ליבע און געזאַנג, און עס האָט זיך ברייטער ווי אַלע מאָל די בלויע ווייטקייט גענומען שפּרייטען.

הינטען איז געווען אַ קאַפּע־הויז און אין די איבעריגע אָרימע צימערלאַך האָבען זיך איין ענגשאַפט געשטיקט אידישע סטודענ־טען, און אויך אַ באַיאָהרענטער אימיגראַנט, אַ שכור, פון וועמען די ווייב איז אַוועק. און אויבען האָט געוואוינט די בעל־הבית'טע אליין, אַ גרייז־גרויע אַלטיטשקע, מיט אַ ווייסען הינ־טעלע, און אויך עטליכע נאַסען מיידלאַך.

דער אימיגראַנט איוואַנאָוו פלעגט גאַנץ אָפט ביי זיך אין צימער גאַנצע שמחות פּראַווען, און אויף די שמחות זיינען אַלע מאָל געווען די סטודענטען, די נאַסען מיידלאַך פונ'ם אויבער־שטען שטאָק און אויך די רוסישע פּראָסטיטוטקע טאַטיאַנאַ.

אליין איז טאַטיאַנאַ געווען אַ מענש מיט אַ נוטער, ברייטער נשמה, אַ געוועזענע פּויערטע — און ווי זי קומט קיין אויסלאַנד — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. אין דער רוסישער קאָלאָניע האָבען זי אַלע געקענט; מיט אַלעמען איז זי געווען נאָהענט באַפריינדעט, און אין איהר פרייען לעבען האָט זי זיך געהאַט איהר איינענעם שטייגער: די אָרימע סטודענטען פלעגט זי זיך איבערגעבען אומזיסט, און גאַנץ אָפט פלעגט זי זיי נאָך מכבד זיין מיט אַ מיטאָג און אליין זיך אָנ'שכור'ען און טאַנצען אַ „קאַזאַטשאָק" און ווייגענדיג זינגען אַרעסטאַנטען־לידער וועגען

Digitized by Google

ענגע תפיסות און ביטערען מזל. ביי אנדערע אבער פלעגט זי נעהמען א סך געלט און דערנאך אוועקגעהן צו איוואנאוו'ען פרא־ווען א הוליאנקע.

איינמאל, אין א שטילען פריהלינגס־אווענט, ווען דער בוים איז א צובליהטער געשטאנען און דערמאנט די מענשען וועגען ליבע און געזאנג, איז טאטיאנא געקומען צו איוואנאוו'ן מיט א יונגער שווייצארישער מיידעל.

געהאלטען האט זיך די יונגע מיידעל זעהר שטיל און שעה־מעוודיג, און טאטיאנא האט אויף רוסיש וועגען איהר דערצעהלט, אז זי האט אמאל געהאט א געליבטען, א מוזיקער, וועלכער האט צוגעזאגט, אז ער וועט זי נעהמען און זיין ווארט ניט געהאלטען; אז ער איז פון איהר אוועק ערגיץ ווייט אין אן אנדער שטאדט — און אז פון דעמאלט אן איז זי אזא שוויינענדיגע און מאכט דעם איינדרוק ווי זי וואלט מורא געהאט פאר מענשען.

די מיידעל האט פאר זיך א צימער געדונגען אויפ'ן אויבער־שטען שטאק; און כאטש די סטודענטען האבען זיך מיט אלע מעגליכקייטען געסטארעט צו פארפיהרען א נעהענטערע באקאנט־שאפט מיט איהר, האט זיך זיי דאס בשום אופן ניט איינגעגעבען, און, ווילענדיג ניט ווילענדיג, איז זיי אויסגעקומען בלויז צו טרוימען וועגען איהר, דער בערג־מיידעל מיט די צוויי דיקע גאל־דענע צעפ און מיט דעם שעהנעם, חן'עוודיגען גאנג, וואס דריקט אויס א וועלט מיט ליידענשאפט און רייץ.

די נאסען־מיידלאך, וועלכע האבען אין די שכנ'ישע צימערלאך געוואוינט, האבען זי זעהר ניט ליב געהאט דערפאר, וואס זי איז געווען אזא שטאלצע און זיך שטענדיג געהאלטען פון דערוויי־טענס. „וואס איז דאס פאר א מין פויגעל!" — האבען זיי זיך גע'חידוש'ט, — „יעדען פריהמארגען געהט זי אוועק און אויף דערנאכט, ווען זי קומט צוריק אהיים, פארשפארט זי זיך אין צי־מער און האט מורא די נאז צו ווייזען!"

איינמאל איז צו איוואנאוו'ען אויף א הוליאנקע צופעליג אריינגעפאלען א יונגער אידישער מאהלער. דאס איז געווען זעהר א לעבעדיגער, שווארץ חן'עוודיגער בחור; מיט אן אפענעם פנים, וואס קוקט שטענדיג אויס שטארק באגייסטערט, גלייך ווי אלץ, וואס

ער זעהט מיט זיינע אויגען אויף גאט'ס וועלט איז אזוי וואונדער־באר און שעהן, פונקט ווי אין א קינדער־מעשה'לע.

דאס געלט אויף דער הוליאנקע האט געגעבען טאטיאנא; אליין איז זי געווען זעהר פרעהליך, און אויסערגעוועהנליך גוט געשטימט.

— הוליעט, חברה! — האט זי לוסטיג געשריען, — דאס געלט האב איך היינט ביי א רייכען „העכט" געפאקט...

דער מאהלער האט אויך געגעבען געלט אויף עטליכע פלעשער וויין, און די שמחה איז געווארען נאך גרעסער.

— אך, ווען די שעהנע מיידעל פונ'ם אויבערשטען שטאק וואלט דא איצט געווען! — האט פלוצים אויסגעשריען איינער פון די סטודענטען. און א צווייטער האט דערצעהלט, אז נעכטען אויף דער נאכט האט ער זי ביים ברעג טייך געטראפען; זי איז, א פארטראכטע, געשטאנען אנגעשפארט אן די אייזערנע שטאכע־טען און געקוקט אויף די כוואליעס; איז ער צוגעגאנגען און האט איהר עפעס געזאגט, אבער זי האט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף איהם.

האט דער מאלער ליינעריג א פרעג געטאן:

— ווער איז זי? און וואו וואוינט זי, די שעהנע מיידעל?

האט מען איהם געענטפערט, אז ער זאל גאר ניט וואגען אפילו צו טרוימען וועגען איהר.

די חברה איז וואס אמאל געווארען לעבעדיגער און פרעהליכער און טאטיאנא האט שוין, ווי שטענדיג אין אזא פאל, געזונגען איהרע ארעסטאנטען־לידער און זיך געריסען צו טאנצען.

ביים יונגען מאלער האט זיך, פונ'ם וויין, דער קאפ אביסעל פארדרעהט. ער האט דערפיהלט, ווי די פיס ווערען ביי איהם שוואכער, האט ער זיך אויפגעהויבען און שטילערהייד ארויס אין קארידאר.

אין קארידאר האט א קליינינקס נאדפייערעל געברענט, און אין דער האלב טונקעלקייט האט זיך אנגעזעהן די טיר, וואס פיהרט אין דעם קאפע־הויז, און אויך די אויסגעבויגענע טרעפ, וואס פיה־רען ארויף אויפ'ן צווייטען שטאק.

אנגעשפארט אן דער וואנט איז דער מאלער געשטאנען א ווײלע, און דערנאך האט ער שוין געוואלט אריינגעהן צוריק אין

Digitized by Google

צימער, אָבער אין דער מינוט האָט ער דערהערט פרויען־טריט אויף די טרעפּ, און באַלד האָט זיך געוויזן די שלאַנקע שווייצאַ־רישע מיידעל.

ווי ער האָט זי נאָר דערזעהן, איז איהם גלייך איינגעפאַלען, אַז דאָס איז ז י, די שעהנע מיידעל, וועגען וועלכער די סטו־דענטען האָבען גערעדט.

— וואוהין געהט איהר? — האָט ער זי געפרעגט קוקענדיג אויף איהר צערטליך מיט די צוויי גוטע אויגען.

זי האָט זיך פאַרשעהמט, געבליבען שטעהן אין גרויסער פאַר־לעגענהייט און געענטפערט שטיל:

— איך האָב געוואָלט געהן אין קאַפע־הויז, טרינקען אַ גלאָז לימאָנאַד...

דער מאַלער האָט זי צערטליך ביי דער האַנט אָנגענומען.

— וואָס פאַר שעהנע בלאָנדע צעפּ איהר האָט!

זי האָט מיט'ן גאַנצען קערפער אַ ציטער געטאָן און איז רויט געוואָרען ביז איבער די אויערען.

— זייט ניט אַזאַ שעמעוודיגע, — האָט ער איהר צערטליך געזאָגט, — קומט אַריין צו אונז, וועלען מיר צוזאַמען פאַרברענ־גען. נאָר אויב איהר ווילט ניט, — האָט ער דרייסט־צוגעגעבען, — וועל איך אַרויסקומען צו אייך. פאַר מיר דאַרפט איהר קיין מורא ניט האָבען, איך וועל אייך קיין שלעכטס ניט טאָן.

און ער האָט איהר גלייך גענומען דערצעהלען:

ער איז אַ קינסטלער. ניט לאַנג צוריק איז ער אַהער פון פּאַריז געקומען. דאָ האָט ער כמעט קיינעם ניט, און ס'איז איהם זעהר אומעטיג; אַהער אין דער געזעלשאַפט איז ער אַריינגע־פאַלען צופעליגערווייזע...

און זי איז לעבען איהם מיט אַן אַרונטערגעלאָזענעם קאָפּ גע־שטאַנען, געהערט, וואָס ער רעדט און גאָרניט געענטפערט...

— אָבער אין מיין צימער איז ניט אויפגעראַמט... — האָט זי נאָך אַ קורצען שווייגען אַ שוואַכען תירוץ געגעבען.

— דאָס מאַכט ניט! האָט ער געזאָגט, און אָננעמענדיג זי ביי דער האַנט, איז ער מיט איהר אַרויף אויפ'ן צווייטען שטאָק.

בּיי דער טיר האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און איהם געבעטען,

Digitized by Google

אז ער זאָל אַ ווײַלע וואַרטען, ביז זי וועט דאָס צימער אויפראַמען, אָבער דער האַלב שכור'ער מאָלער האָט האַסטיג די טיר אויפגעפּראַלט און איז אַרײַן אין צימער.

די מיידעל האָט זיך נאָך מעהר פאַרלאָרען, און, ווי זי וואָלט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי טוט, האָט זי די לאָמפּ פאַרלאָשען...

און נאָכדעם איז שוין אַוועק אַ נאַכט פון ליבע...

די פּשוט'ע בערג־מיידעל האָט אייַנגעהילט דעם מאָלער אין אַזעלכע הייסע און צאַרטע לאַסקעס, אַז דער גאַנצער קערפּער האָט ווי אין אַ העלישען פייער געברענט...

און פונ'ם אונטערשטען שטאָק האָט מען אַ גאַנצע נאַכט ביז'ן ווייסען טאָג אַרײַן געהערט קולות. איוואַנאָוו און די סטודענטען האָבען שכור'ערהייט געשריען:

„וואו איז אונזער מאָלער אהינגעקומען?"

און אין דערפריה, ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער מאָלער האָט גענעכטיגט ביי דער שעהנער מיידעל, אויפ'ן צווייטען שטאָק, זיינען זיי אַלע געווען שטאַרק איבערראַשט.

— איך האָב דאָס באַלד פאַרשטאַנען! — האָט זיך אָנגערופען אייַנער פון די סטודענטען. — בלויז פאַר אונז האָט זי געשפּילט די ראָלע פון אַ צנועה...

— דאָס בעסטע עפּעלע עסט דער חזיר אויף!... — האָט מיט פאַרדרוס געזאָגט אַ צווייטער סטודענט

— אָבער ווער האָט זיך דאָס געקענט ריכטען אויף איהר, אויף דער שעמעוודיגער בערטאַ'ן! — האָט איוואַנאָוו געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ און געבויגען מיט די אַקסלען.

נאָך דעם האָבען שוין די סטודענטען דרייסטער אָנגעהויבען צוצושטעהן צו איהר, און אַלע מאָל, ווען זיי האָבען זיך נאָר מיט איהר געטראָפען, האָבען זיי אויף איהר געקוקט מיט אַזעלכע בליקען, וואָס האָבען אָהן ווערטער געזאָגט אַזוי:

„איצט ווייסען מיר שוין, ווער דו ביזט"...

אָבער זי האָט זיך אַלץ אויף זיי ניט אומגעקוקט; שטיל און באַשיידען פלעגט זי אַלץ פאַרבייגעהן אַ שלאַנקע, אַ רויצענדע און שטעלען אויף דער ערד אַזעלכע טאַקטפולע טריט, וואָס האָבען אין זיך געהאַט אַ ים מיט חן.

פאר'ן מאלער מיט דער בערג־מיידעל האט זיך אנגעהויבען א וואונדערבארע צייט. יעדען טאג האבען זיי זיך געטראפען. זי האט ליב געהאט צו שפאצירען מיט איהם אויף יענע שטילע וועגען, וואו גערטנער ציהען זיך פון ביידע זייטען, און פון די רייכע הייזער, וואס שטעהען אין גרינס איינגעהילט, טראגען זיך די קלאנגען פון מוזיק.

אבער לאנג האט די וואונדערבארע צייט ניט געדויערט. דער מאלער האט גאר ניט פארדינט און ער אהט געזאגט דער מיידעל, אז ער מוז אוועקפאהרען ערגעץ אין אן אנדער שטאדט.

זי איז בלאס געווארען און גאר ניט געענטפערט. און מיט עטליכע טעג שפעטער, ווען ער איז אויף דער נאכט צו איהר געקומען, האט זי איהם דערלאנגט הונדערט פראנק, זאגענדיג, אז דאס האט זי באקומען פון איהר מוטער...

ביינאכט האט זי איהם פלוצלונג אויפגעוועקט און איהם דערצעהלט, אז איהר האט זיך גע'חלומ'ט, אז זי איז אין דערהיים, אין דעם דארף, וואס שטעהט צווישען די בערג; זי קומט אריין אין דעם ווערקשטאט, וואו עס ארבייט איהר פאטער, דער סטאליאר, און זעהט ווי א גרויסער, שווארצער הונט באלעוועט זיך מיט די סטרוזשקעס; דער הונט לויפט איהר אקעגען מיט א גדולה און לעקט איהר די הענט; און דער טאטע, א בייזער, אן אנגעכמורעטער, קוקט אויף איהר ווי אויף א פרעמדער.

"עפעס האב איך אזוי מורא! — האט זי געזאגט טוליענדיג זיך צו איהם. — דאס איז א שלעכטער חלום!"

אין דער פריה האט דער מאלער פלוצלונג דערהערט א רויש אין קארידאר, און באלד נאך דעם — א שטארקען קלאפ אין טיר

צוויי געהיים־פאליציאנטען זיינען אריינגעקומען, און נאך זיי האבען זיך אין צימער אריינגעשפארט די סטודענטען, נאסעך מיידלאך און די בעל־הבית'טע.

בערטא'ן האט מען ארעסטירט.

ווען מען האט זי דורכ'ן קארידאר דורכגעפיהרט, האבען די מיידלאך איהר נאכגעקוקט מיט אזעלכע בליקען, גלייך ווי זיי וואלטען אן איהר א נקמה דערלעבט, און איינער האט גאר אנגעקוואלען:

— איצט ווייסען מיר שוין, וואס פאר א פויגעל דאס איז!

* * *

רי בארנ־מיידעל איז אפגעזעסען אין געפענגניש דריי חדשים, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האט אין א פאנסיאן צוגע׳גנב׳עט הונדערט פראנק. אפפאהרענדיג מיט׳ן עטאפ אהיים, האט זי דעם מאלער צוגעשיקט א בריוועלע.

„איך האב דיך ליב", איז אין בריוועלע געשטאנען... און מעהר גארנים.

Digitized by Google

נאַט, דערבאַרם זיך!

דאָס לעבען פון דער פּאַליטישער אימיגראַנטקע חנה, האָט זיך אין דער שווייץ געצויגען ווי אַן אונענדליך אומעדיגער וועג אין אַ הערבסט־טאָג. אַ קליינע, ניט קיין שעהנע, אַ באַשיידענע, איז זעלטען ווער עס האָט זיך מיט איהר אָפּגעגעבען. זי האָט שטענדיג געפּיהלט אַ שווערע איינזאַמקייט. די מענשען אַרום איהר פּלעגען זיך איהר אויסדרוקטען שווערע און בייזע. און דאָס מיידעל האָט שטערבליך געבענקט, ניט געפינענדיג פאַר זיך קיין פּלאַץ אויף דער ערד.

און היינטיגען אווענט איז חנה גאָר באַזונדערס ניט געווען מיט זיך. זי איז געזעסען ביים פענסטער פון איהר אָרימען צימער און געקוקט אויף דער נאַס אַרויס. די נאַכט איז געווען אַ הערבסטיגע, אַ פייכטע, אַ דין רעגענדעל האָט זיך געצויגען און דער ווינט האָט געיאָגט איבער די טראָטואַרען געלע טויטע בלעטער, אָראָפּגעפאַלענע פון די קאַשטאַנען־בוימער, וואָס וואַקסען ביי די זייטען.

הינטער דער וואַנט, אין צווייטען צימער, האָט אַ סטודענט געשפּילט אויף אַ פידעל און געהוסט. חנה האָט זיך דערמאָנט דעם באַל וואו זי איז געווען נעכטען ביינאַכט. זי איז געווען אָנ־געטאָן אין די בעסטע קליידער, באַפּוצט מיט אַ בלומעל און איז געגאַנגען צום באַל מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, קוקענדיג אויף דער ערד, זיך האַלטענדיג נאָהענט ביי די ווענט, ווי זי וואָלט אַ בלינדע געווען. און ווען עס האָט זיך געוויזען דאָס שעהן באַלויכ־טענע גרויסע הויז, וואו די אימיגראַנטען פּלעגען תמיד מאַכען זייערע אָווענטען און ספּעקטאַקלען, האָט זי אַ קלער געטאָן:

— צו וואָס בין איך געקומען אַהער?

נאָר פון דער אָפּענער טיר האָבען זיך מיט אַמאָל דערהערט

Digitized by Google

די טענער פון א רופענדער מוזיק, וועלכע האבען ארומגעטוליעט די נשמה מיט א ווייכער צארטקייט, פאר'כישופ'ט דעם געדאנק און אוועקגעלאקט אין א וועלט פון איבערערדישע חלומות. איהר האט זיך מיט אמאל פארוואלט ביז וועהטאג, צו געפינען זיך אין רוישיגען פיל־פארביגען המון, זיך פארדרעהען אין א ווילדען טאנץ און גלאט אזוי קלינגענדיג לאכען אהן אן אויפהער.

זי האט גענומען א בילעט און איז אריין אין זאל. אימיצער האט א זאג געטאן א צוויטען הינטער איהר:

— זעהט וואס פאר א מיאוס'קייט! פון וואנען נעהמען זיי זיך?

די מיידעל איז שטעהן געבליבען, און אויף א מאמענט האבען זיך ביי איהר א בויג געטאן די פיס. זי האט געוואלט גיך ארויס, נאר די קלאנגען פון דער מוזיק האבען זי געלאקט און זי איבערגערעדט, און זי איז געגאנגען ווייטער ווי איז א נעבעל.

אין זאל איז דאן געווען ליכטיג, רוישענדיג. דארט האבען העל געברענט פארשידענפארביגע פייערען. די ווענט זיינען געווען באצירט מיט גירלאנדען פון בלומען, עס האט געשמעקט מיט פיילכען, מיט פעלד־ליליען, און דער אראמאט זייערער האט זיך געטראגען ווי כוואליעס און די קעפ פארדרעהט, דערמאנענדיג עפעס ווייטעס און טייערעס, וואס איז געווען און וועט שוין ניט זיין. אונטער די מעלאדישע טענער פון ארקעסטער האבען זיך פארלעך געדרעהט. מיידלאך און פרויען, אנגעטאן אין גרינגען דורכזיכטיגען ווייס־ראזינען געוועב, דורך וועלכען עס האבען זיך געזעהן די ליניען פון זייערע קערפער, האבען אויסגעזעהן באגעהרליך און שעהן.

חנה איז עטליכע מאל זיך דורכגעגאנגען אין זאל, נאר קיינער האט זי ניט אפגעשטעלט, אייניגע באקאנטע סטודענטען האבען געטאנצט מיט אנדערע מיידלאך. איהר איז געווארען אומעדיג און זי האט זיך פארשלאגען אין א ווינקעל לעבען א צווייגינער בודע, וואו א שווארץ חנ'עווידיגע יונגע מיידעל אין א ציגיינער־קלייד האט „געטראפען" אלעמען אויף די הענט.

די מוזיק פלעגט אלע ווילע אויפהערען און ווידער אנהויבען. חנה האט ווידער געקלערט מיט א בענקשאפט: פארוואס, פארוואס בין איך געקומען אהער?

Digitized by Google

דערנאָך איז זי אַריבערגעגאַנגען אין אַ צווייטען ווינקעל.
דאָ איז געשטאַנען דער בופעט און אַרום די קליינע טישלעך זיינען געזעסען קליינע גרופּען און געטרונקען. פילע פון זיי זיינען שוין געווען שיכור'לאַך, און זייערע שטימען האָבּען געקלונגען הויך און פרעך. עפּעס איינער אַ יונגער בחור אין אַ בלויען העמדעל האָט זיך מיט דער פויסט געקלאַפּט אין ברוסט און געשריען:
— דאָס זיינען מיר די ליידענדע פאַר'ן פאָלק!
און אַ צווייטער, אין ברילען, האָט איהם איבּערגעשריען:
— דו ליינגסט.. אַלע זייט איהר פאַרקויפטע נשמות.
ביי אַן אַנדער טישעל האָט אַן אַלטער אימיגראַנט מיט אַ הייזעריגען ציטעריגען קול זיך געזונגען וועגען דעם פּויער, דעם ברויט־געבער, „אָט שטעהט ער, אויף דעם גרויסען רוסישען טייך, דער פּויער, דער ברויטגעבער, און קרעכצט אַ פאַרשמידטער אין קייטען און די נאַכט אַרום איז אַ הערבסטיגע, אָהן־שטערענדיגע, מען זעהט קיין פייערעל ניט אין דער ווייט".
— עך, האַרצינער, — האָט אונטערגעכאַפּט אַ צווייטע שטימע, אַ יונגע, אַ פיהלענדע.
ביי חנה'ן האָט זיך דאָס האַרץ אַ שלאָג געטאָן, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגעל. די טרערען האָבען זיך אַ דרעה געטאָן אין איהרע אויגען. זי וואָלט זיך צוגעזעצט, נאָר גראָד האָט זיך אַ סקאַנדאַל אָנגעפאַנגען ביים צווייטען טישעל. אַלע האָבּען זיך אַ וואָרף געטאָן אַהין און עס איז ענטשטאַנען אַן אַלגעמיינער געשלעג. חנה'ן איז געוואָרען אונערטרעגליך צו זיין דאָ און זי איז אַוועק אַהיים.
און ביז איצט איז זי ניט אַרויס אין גאַס.
הינטער דער וואַנט האָט אַלץ געשפּילט דער סטודענט. חנה האָט פאַרמאַכט דאָס פענסטער און גענומען שפּרייזען איבער'ן צימער. די געדאַנקען האָבּען זיך געפּלאָנטערט ביי איהר אין קאָפּ און איהר אַלץ קיין רוה ניט געגעבען. אין די אויערען האָט אָהן אַן אויפהער געקלונגען: איך גלויב ניט אין אייערע אידעאַלען, ניט איהר דאַרפט זיין די אָנזאָגער פון אַ בעסערער צוקונפט פאַר דער וועלט.
פון צייט צו צייט פלעגט זי פּלוצלונג בלייבען שטעהן אין

מיטען צימער און זיך אַרומקוקען, ווי זי וואָלט ערשט איצט צום ערשטען מאָל אהער אריינגעקומען. די נאַקעטע טריבע ווענט, דאָס אייזערנע בעטעל, דער טיש מיט א ציטונג באַדעקט, און צוויי שטולען — דאָס איז אַלץ. ווי אין א טורמע — האָט זי געטראַכט, — נאָר דאָרטען זייענדיג איז אָבער אין דער נשמה ניט געווען אַזוי פיל טרויער און ס׳האָט זיך אַלץ אַזוי געגלויבט אין דאָס גוטע און דאָס ליכטיגע.

עס האָט זיך גערוכט, אז זאָלען נאָר די ווענט איינפאַלען און דאָס לעבען וועט מיט אמאָל אַנהויבען בעסער ווערען און מעהר וועט זי ניט זיין קיין איינזאַמע, קיין באַליידיגטע. און יעצט איז אין דער נשמה א קבר און לאַנג זיינען שוין פאַרלאָשען אַלע חלומות, און ס׳איז אויסגעגאַנגען דער גלויבען אין מענשען.

זי האָט זיך א וואָרף געטאָן אויפ׳ן בעט, זיך פאַנאַנדערגעוויינט, ציטערענדיג מיט איהרע קינדישע פּלייצעס.

אין טיר האָט זיך דאַן דערהערט א פאַרזיכטיגער קלאַפּ. זי איז אויפגעשפּרונגען, די אויגען אויסגעווישט זיך און נעבעטען אריינקומען.

אויפ׳ן שוועל האָט זיך באַוויזען דער סטודענט מיט דער פידעל אין האַנט. דאָס איז געווען א יונגער בחור, מיט א שמאָלען דאַרען פּנים און גרויסע פיבערהאַפטע אויגען.

— איך שטער אייך ניט? — האָט אָנגעהויבען דער סטודענט.

— ניין! איהר קענט אריינקומען, — האָט בלאָס שמייכלענדיג געענטפערט דאָס מיידעל און אינסטינקטיוו גענומען פאַרבעסערען איהרע האָר.

אוועקלעגענדיג די פידעל אויפ׳ן טיש, האָט זיך דער סטודענט אוועקגעזעצט. חנה האָט אויסגעגלאָצט אויף איהם איהרע אויגען און ניט געוואוסט וואָס צו ריידען ווייטער. דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע, וואָס ער איז געקומען צו איהר. זי האָט איהם ווייניג געקענט. פאַר דער גאַנצער צייט וואָס זיי זיינען זיך געווען שכנים, האָט זי מיט איהם איינגאַנצען עטליכע מאָל גערעדט באַגעגענדיג זיך אין קאָרידאָר.

דער בחור האָט זיך ארומגעקוקט:

— שלעכטע צימערען אין דעם הויז, פייכטקייט און איך הוסט אַלץ.

ער האָט אַ ריהר געטאָן אַ סטרונע און ווייך אַ קוק געטאָן אויף חנה׳ן.

אַ מאָדנער, אַנגענעהמער און אומרוהיגער ציטער האָט אַ כאַפּ געטאָן איהר גאַנץ וועזען. ס׳האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז אָט וועלען אַריבער די מאַטערענדע בענקשאַפט און די אומ־צופרידענהייט, און עס וועט ווערען אַזוי גוט און גרינג.

ביידע האָבען געשוויגען.

ערגעץ־וואו האָט געדראַפּעט אַ מויז.

דער סטודענט האָט ניט אויפגעהערט ריהרען די סטרונעס און ס׳האָט זיך געהערט, ווי דער ווינט וואַרפט טראָפּענס רעגען אין די שויבען.

ווידער האָט זיך די מיידעל דערמאָנט אויף דעם נעכטיגען באַל, דעם דופט פון די פּיילכען, פון די ווייסע פעלד־ליליען און די פאַרטראַכטע טענער פון דער מוזיק. ווי האָט זיך איהר איצט געוואָלט כאָטש אַ טראָפּען גליק. אָט וועט זי באַלד צוגעהן צום סטודענט, איהם אַרומנעהמען, אַזוי שטיל, אַזוי צאַרט ווי אַ מאַמע און דורכפיהרען די האַנט דורך זיינע האָר און איהם אַ סך גוטע וואַרימע ווערטער זאָגען.

נאָר געזעסען איז זי מיט אַן אָראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, מיט מידע, אוועקגעוואָרפענע הענט אויף די קני און ניט געוואוסט וועגען וואָס צו ריידען.

ניט געפינענדיג וועגען וואָס מיט איהר צו ריידען, איז דער סטודענט נאָך אַביסעל געזעסען און איז אַוועק. הינטער דער וואַנט האָט זיך ווידער דערהערט די פידעל.

חנה׳ן איז געוואָרען פאַרדרוסיג, פאַרוואָס זי האָט איהם אַזוי גיך אָפּגעלאָזען. אפשר בענקט ער אויך, און זוכט אויך אימיצען אַ נאָהענטען. עטליכע מאָל איז זי פאַרזיכטיג צוגעגאַנגען צו זיין טיר געוואָלט איהם רופען, נאָר יעדעס מאָל אָפּגעשטאַנען אַ ווייל און זיך שטיל צוריק אומגעקערט אין צימער.

ענדליך איז אין סטודענט׳ס צימער געוואָרען פינסטער און שטיל.

חנה האָט אויפגעפּראַלט די פענסטער. מיט דער גאַנצער ברוסט האָט זי איינגעאָטעמט די נאַסע נאַכט־לופט. איהר איז געווען שטיקענד. זי האָט געברענט אין היץ. דער ווינט האָט איהר אין

פנים אריינגעשמיסען טראָפּענס רעגען, מיט איהרע האָר זיך אַ שפּיל געטאָן.

דערנאָך האָט זי פאַרלאָשען דעם לאָמפּ און לאָזענדיג דאָס פענ־סטער אָפען, האָט זי זיך אַ ניט־אויסגעטאָנענע אַ וואָרף געטען אויפ'ן בעט. דער ווינט האָט זיך געריסען אין צימער'ל און ס'האָט זיך געהערט ווי אויפ'ן גאַס האָבען גערוישט טרויעריג די נאַסעטע בוימער אָהן האָפנונג אויף אַ פריהלינג.

לאַנג איז חנה געלעגען מיט אָפענע אויגען. דאָ האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי איז אין טורמע און אויף מאָרגען וואַרט אויף איהר די תליה. זי הערט די שווערע טריט אין קאָרידאָר: דאָס נעהמט מען נאָך איהר. דאָ האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז זי איז אין דערהיים ביי די איהריגע, זי ליגט קראַנק און די אַלטע מוטער בויגט זיך איבער איהר אַ באַזאָרגטע. און זי קלאָגט זיך אויף איהר ביטערען מזל, אויף די צובראָכענע חלומות און אַז איהר ווילט זיך שוין מעהר ניט לעבען, און די מאַמע שעפּטשעט אַלץ:

— גאָט וועט רחמנות האָבען אויף אונז.

און אַזאַ טיפער, אונענדליכער גלויבען שטראַלט אַראָפּ פון איהר אַלטען צוקנייטשטען פּנים, און אַליין הויבט זי אויך אָן צו גלויבען און חזר'ט איבער מיט דער מאַמען:

— גאָט, גאָט וועט דערבאַרעמען זיך אויף אונז.

* * *

אין דער פריה, ווען דער סטודענט איז אַרויס אויפ'ן גאַס, האָט ער מיט אַמאָל דערהערט אַ שווערען, טעמפּען פאַל. ס'האָט זיך אויסגעדוכט ווי ערגעץ נאָהענט האָט געפּלאַצט אַ גומע־דרייף פון אַן אַטאָמאָביל־ראָד, אַ פרוי, געהענדיג מיט אַ קאָרב אויפ'ן מאַרק, האָט היסטעריש אַ געשריי געטאָן און געלאָזט זיך לויפען צו דעם בוים, וואָס איז געשטאַנען הינטער חנה'ס פענסטער. דער סטודענט איז איהר נאָכגעלאָפען. אויפ'ן טראָטואַר איז געלע־גען די טויטע חנה, איהר פּנים איז פאַרגליווערט געווען אין אַ טי־פען גלויבינגען עקסטאַז און איבערוועהט מיט הייליגע וואונדער־באַרע חלומות.

דער סטודענט האָט זיך פאַר'ן קאָפּ געכאַפּט און זיך צע־וויינט ווי אַ קינד.

דריי טעג דערנאָך איז געווען חנה'ס לויה. ביים טויער פון מאָרג, האָט זיך צונויפגענומען אַ גרופּע אימיגראַנטען, געשטאַנען און צווישען זיך שטיל גערעדט. ענדליך איז אַרויסגעטראָגען גע־וואָרען איהר אָרון און אַוועקגעשטעלט געוואָרען אויפ'ן וואָגען. דער גע'הרג'עטערט מאַמע, אַן אָרימע פּראָסטע אידענע, וואָס איז נאָר וואָס געקומען פון רוסלאַנד, האָט זיך געשטיקט מיט געוויין, דערנאָך ברעכענדיג מיט די הענט האָט זי אָנגעהויבען הויך קלאָ־גען, אַזוי ווי אין דער היים, ווען דער בר מנין ליגט אויף דער ערד, ליכט ברענען צוקאָפּענס, און אַרום קלאָגען די קרובים.

צוויי מיידלאַך האָבען די אַלטע גענומען פאַר די הענט, און די לויה האָט זיך אַוועקגעצויגען צו דער פאַרשטאָדט, וואו ס'האָט זיך געפונען דער אַלטער אידישער בית עולם. דער טאָג איז גע־ווען אַ טריבער. בייז האָט געברומט דער טייך און זיך געטראָ־גען העט ווייט. אביסעל ביי דער זייט פון דער פּראָצעסיע איז געגאַנגען אַן אַלטער איד פון חברה קדישא און אָהן אַן אויפהער קרעכצענדיג, האָט ער גערעדט פאַר זיך:

— זיך אַליין דער'הרג'ענען איז אַ גרויסע עבירה, אַ גרויסע עבירה, — דאָס האָבען זיך אונזערע קינדער איבערגענומען פון אַנדערע פעלקער.

אָט איז דער בית עולם. ביים אַריינגאַנג איז אַ קליין פעלדעל און צוויי הויכע טאָפּאָלען ציהען זיך אין הימעל.

דער טויטען־וואָגען האָט זיך אָפּגעשטעלט.

עטליכע מענשען האָבען גיך אַראָפּגענומען דעם אָרון און צו־געטראָגען צום אָפּגעגעם קבר. די מאַמע האָט געוויינט. אומעדיג האָבען גערוישט די ביימער. אַלע זיינען געשטאַנען שטיל מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ. דער אַלטער איד האָט קדיש געזאָגט און אַלע־מען האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער, גיכער צוריק אין שטאָדט צו וואַרימע, נאָהענטע פייערען.

אויף דער וואָלגאַ.

עס איז געווען אַ וואַרימע נאַכט.

איך בין געשטאַנען אויפ'ן דעק פון שיף, וואָס איז געשוואו־מען אויפ'ן גרויסען רוסישען טייך, און האָב געטראַכט וועגען יע־נעם בייזען קאַלטען לאַנד, פון וואַנען מיר האָט זיך איינגעגעבען ניט לאַנג צוריק צו אַנטלויפען.

ארום אויפ'ן שיף איז געווען אַן עולם מענשען, צווישען וועל־כע עס האָט זיך נעהערט אַ גערידער געשפרעך, געלעכטער, שעהנע ציהענדע פאָלקס־לידער וועגען ברייטע סטעפּעס, וועגען אַן איינ־זאַמער בעריאָזקעלע, און וועגען אַ גיט־אָפּגעקאַשעטען ערד־פּאַס, אַ פאַרלאָזענעם. פון אַ זאַל אין צווייטען קלאַס האָבען זיך געט־טראָגען בענקענדע און ליידענשאַפטליכע פּיאַנאָ־טענער, און ס'האָט זיך אויסגערוכט, אַז זיי געהען אויס פון מענשליכע טרערען און טרויער.

מיט אַמאָל האָב איך באַמערקט, ווי עפּעס אַ פרוי איז צוגע־גאַנגען, זיך אָפּגעשטעלט לעבען מיר, זיך אָנגעשפּאַרענדיג אָן די פּאַרענטשעס... כאָטש אין דער פינסטער האָב איך ניט געקענט גוט איהר פּנים זעהן, האָט זיך מיר דאָך אויסגעוויזען, אַז זי איז מיר זעהר באַקאַנט. עפּעס מיט אַן אומענדליכע נאָהענטקייט האָט אַ וועה געטאָן אויף מיר פון איהר גאַנצער הויכער שלאַנקער פיגור.

— איז אפשר דאָס שורעטשקאַ? — האָב איך אַ קלער געטאָן, זיך איינקוקענדיג אין איהר און אין מיין געדאַנק האָבען אויפגע־וועקט זיך די טעג פון מיין פריהער יוגענד. ס'איז אויפגעשטאַנען דאָס אַלטע פריצישע הויז מיט דער וועראַנדע, אַרומגעהילט מיט די קריכענדע פּלאַנצען און ווילדע בלומען. פאַרנאַכט, די פענסטער פון הויז ברענען מיט פאַרבשייענדענדיגען גאָלד ליכט פון דער פאַר־געהענדיגער זון. אַ מיידעל אין ווייסע קליידער, מיט אַראָפּגעלאָ־

Digitized by Google

זענע אויף דער ברוסט שווערע צעפּ פון דער פאַרב פון צייטיגען קאָרן, שטעהט ביים פאַרטקעלע פון פּלויט און קוקט ווייט אין פעלד, פון וואַנען די פעלד־ארבייטער מיט זייערע מוידען קעהרען זיך אום זינגענדיג פון דער ארבייט. און איך, אַ אינגעל, האָב זיך באַהאַלטען אין אַ זייט הינטער אַ בוים און קאָן די אויגען ניט אָפּרייסען פון איהר ליבען אביסעל אָפּגעברענטען יונגען פּנים. און אַזוי שטאַרק שלאָגט מיין האַרץ.

— איז אפשר דאָס שורעטשקאַ?

און די פרוי קוקט אַלץ פאַרטראַכט אין דער ווייט אויף יענער זייט וואָלגאַ, וואו עס בלאַנדזשען איינזאַמע פייערלעך פון די דאָ און דאָרט פאַנאַנדערגעוואָרפענע דערפלעך.

מיר האָט זיך זעהר פאַרוואָלט אָנהויבען רעדען מיט איהר, נאָר כ'האָב אַ טראַכט געטאָן, אפשר איז עס גאָר ניט זי. נאָר מיט אמאָל האָט זיך אַ קאָלער געטאָן, ווי אַ פיל פאַרבינער ראַקעט, אַ גרויסער שטערן איבער'ן הימעל, און די פרוי האָט ניט ווילענדיג אויסגעשריען:

— זעהט, זעהט!

און איך האָב דערקענט שורעטשקע'ס קול. אַ גרויסע פרייד האָט מיך אַ בלענד געטאָן און איך האָב געפרעגט:

— דאָס זייט איהר, שורעטשקאַ סטעפּאַנאָוואַ?

זי האָט אייניגע מינוטען געקוקט אויף מיר פאַרוואונדערט, דערנאָך דערקענט און אויסגעצויגען ביידע הענט און בלאַס־שמייכלענדיג האָט זי עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט:

— זעהט ווי גרויס איהר זייט געוואָרען. איך געדענק דאָך אייך אַלס אַ אינגעל.

מיר האָבען זיך פאַנאַנדערגערעדט, דערמאָנט דאָס שטילע שטעדטעל ביי דער וואָלגאַ, וואו עס וואוינען איהרע עלטערען און וואו איך האָב ביי אַ פאָטאָגראַפער געדינט אַלס אַ שיק־אינגעל.

— צעהן יאָהר איז שוין אוועק זינט דאַן — האָט אַ זאָג געטאָן שורעטשקאַ, — ניט קיין באַזונדערע האָפנונגען איז דאָ אין דער צוקונפט.

שוין עטליכע יאָהר ווי זי איז אַ דאָרף־לעהרערין, לעבט אָרים און איינטאָניג. דער פאָטער איהרער איז געשטאָרבען און זיין גאַנץ פאַרמעגען איז אוועק אין שטויב, און מיך האָט אויסגעמאַטערט

די טורמע און ווער ווייס, וואס מיך ערווארט נאך דעם אנטלויפען פון יענעם קאלטען בייזען לאנד.

מיר זיינען אוועק אן א זייט און זיך צונעזעצט.

— דערצעהלט, דערצעהלט פון יענער צייט, ווען מיר פלעגען זיך אזוי אפט טרעפען — האט געבעטען שורעטשקא מיט א מאטער שטימע, דריקענדיג מיין האנט.

און איך דערצעהל איהר, ווי איך האב זי אמאל אין דער יר־נענד ליב געהאט.

אט בין איך ווייטער א איננעל. עס איז א מאי־מארגען; אין שטום שלאפען נאך אלע, אויפ'ן טייך ציהען די „בורלאקעס" שווע־רע משאות: „אוכנעם, גיב נאך אמאל..." און אזוי טרויעריג הערען זיך זייערע שטימען, און די ערשטע זונען־שטראלען האבען מיט א נעלעכטער אריינגעקוקט אין צימער און א שפיל געטאן אויף די ווענט. איך ליג מיט אפענע אויגען און טראכט וועגען שורעטשקע'ן, צו וועלכער, דעם בעל־הבית זוהן, א הויכער דארער בחור, א נימנאזיסט, האט מיך נעכטען געשיקט מיט א בריף. איך האב א לויף געטאן צום פריצישען הויף; דארט איז אלץ אזוי וואונדערבאר, אין מיטען נארטען שפריצט א פאנטאן און די בלר־מען אויף די בייטען זיינען אזעלכע פיל־פארבינע און דופטינע, און איך נעה צו צו דער פארטקע פון צוים און קלינג אן. שורעטשקע לויפט מיר ארויס אנטקענען און פיהרט מיך אריין אין הויז. איך גיב איהר דעם בריף. זי לעזט איהם ניך דורך און לאכט, און צום סוף צורייסט זי איהם אויף קליינינקע שטיקלעך און זאגט:

— אט א מאדנער.

איך וויל אוועקגעהן, נאר זי פארהאלט מיך, נעהמט גלעטען מיין קאפ און זאגט:

— וואס פאר א וואויל איננעל.

און די האנד ביי איהר איז אזא ווייסע, א ווארימע, און אזוי שעהן ווי ביי א מלאך. און מיר ווערט אזוי גוט פון איהר צערט־לען. איך שטעה מיט אן אראפגעלאזטען קאפ, אין מיינע אויגען זיינען טרערען, און זי פרעגט מיך, פון וואנען איך בין געקומען, און איך דערצעהל איהר, אז איך בין א יתום און מיין מאמע איז זעהר ארים און האט ניט געהאט וואס צו געבען מיר עסען. לאנג האב איך געוואנדערט איבער דער וואלגא, וואלגערענדיג זיך אי־

בער די פינסטערע שענקען און פינסטערע נאַכטלעגער מיט שלעפער און גנבים.

אין דעם זעלבען טאָג, פאַרנאַכט, נאָך דער ארבייט, געה איך אין דער אַלעע, ביי דער וואָלגאַ וואו שורעטשקאַ שפּאַצירט ארום מיט גימנאַזיסטען. מיט זיי איז אויך מיין בעל־הבית זוהן. איך זיץ אויף אַ זייט און בין מקנא די גרויסע בחורים, וואָס קענען רעדען מיט איהר אַזוי פריי. און איהר געלעכטער קלינגט אַלע ווילע אַזוי ווי אַ גלעקעלע אין דעם דעמערינג פון דעם אָנקומענדיגען אָווענט. און מיר ווערט אַזוי אומעטיג. מאָרגען אין דער פריה מוז איך ווייטער געהן מיט דער בעל הבית'טע אויפ'ן מאַרק, שלעפּען שווערע משאות און דערנאָך אַ גאַנצען טאָג ארבייטען אין דער פינסטערער לאַבאָראַטאָריע און אַזוי אַלע טאָג, אַלע טאָג.

— זעהט, איך האָב גאָרניט געוואוסט אז איהר האָט מיך אַזוי ליב געהאַט — האָט שטיל געזאָגט שורעטשקע. — אייער בעל־הבית'ס זוהן איז מיר געווען אַזוי אונאַנגענעהם. ער איז געווען אַ גודנער בחור און פלעגט מיר דערעסען מיט זיינע בריף.

— הערט ווייטער, ווי ס'איז געווען. גאַנצע טעג פלעג איך פאַרברענגען און חלומ'ען וועגען אייך, איהר זייט מיר פאָרגעקומען ווי אַ לעגענדאַרע פרינצעסין און אָפּט, פאַרנאַכט, פלעג איך שטעהן הינטער'ן פאַרקאַן פון אייער הויז און צוהערען זיך צו אייער שטימע, ווי איהר, לאַכענדיג לויפט ארום מיט די קינדער איבער'ן גאָרטען. איך פלעג איבערפיהרען די ארבייטען אין פאָטאָגראַפיע און ענדליך האָט מיך דער בעל הבית ארויסגעטריבען און ווידער האָב אַיך אָנגעהויבען צו וואַנדערען איבער דער וואָלגאַ היימלאָז און אָהן אַ ציל.

— מיין אָרימער, און אַלץ איבער מיר — האָט געזאָגט שורעטשקאַ. — ווען איך וואָלט דאָס געוואוסט!

זי האָט שטאַרק אַ דריק געטאָן מיין האַנט און ביידע האָבען מיר געשוויגען. ארום האָט מען אַלץ גערוישט און געזונגען. די שיף האָט שטיל געשניטען די בלויע כוואַליעס פון דער וואָלגאַ. מיר זיינען פאַרביי געפאָהרען דעם פעלז פון סטיענקאַ ראַזין.

עמיץ האָט גענומען אויפ'ן קול זינגען:

„אויפ'ן וואָלגאַ שטעהט אַ פעלז
באַוואַקסען מיט דיקען מאָך איז ער“.

אלע זיינען געשטאַנען און געקוקט אין דער פינסטערניש, פון וואַנען ס'האָט זיך טונקעל אויסגעטיילט אַ גרויסער פעלז און ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז סטיענקאַ ראַזין זיצט אויף איהם פאַר־זונקען אין טיפע מחשבות.

פלוצלונג האָט שורעטשקע אַ זאָג געטאָן:

— איהר ווייסט, אויף דער נעקסטער סטאַנציע מוז איך אַרויסגעהן, און מיר וועלען זיך וואהרשיינליך שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן.

זי איז געשטאַנען נעבען מיר אַ שטילע און אַ טרויעריגע און האָט בלאַס געשמייכעלט. די שורעטשקע, וועלכע איך האָב אַזוי ליב געהאַט אין מיין קינדהייט. איך בין צוגעפאַלען מיט די ליפען צו איהר האַנט.

אביסעל שפּעטער איז זי אַראָפּ פון שיף און איך בין ווידער געבליבען אליין און האָב אפילו פארגעסען צו פארלאַנגען פון איהר דעם אַדרעס. זי האָט מיר גאָרניט געזאָגט וועגען דעם און דער פּאַ־ראָכאָד האָט מיך געפיהרט אַלץ ווייטער פון יענעם קאַלטען לאַנד, פון וואַנען איך בין ערשט ניט לאַנג אַנטלאָפען.

די קינסטלערין און דער געלערנטער

דער געלערנטער, דוד קויפמאַן, האָט געלעבט איינזאַם אין אַ פאָרשטאָדט פון פאַריז. דאָרט האָט ער אין אַ קליינער כעמישער לאַבאָראַטאָריום שוין עטליכע יאָהר געאַרבייט אויף עפּעס אַ גרויסער ערפינדונג.

אין'ם קרייז פון כעמיקער, אַין וועלכע ער איז געווען באַקאַנט, האָט מען אָפט גערעדט, אַז ער זאָגט צו אַ סך אין דער צוקונפט, און וועט מסתמא צום סוף אויך פאַרנעמען אַ פּלאַץ אַלס פּראָפעסאָר אין איינעם פון די אייראָפּעאַישע אוניווערזיטעטען.

גאָר דערווייל האָט קויפמאַן געלעבט זעהר אָרעם, אויף די קנאַפּע מיטלען, וואָס זיינע נאָהענטע פלעגען איהם שיקען פון אַ קליינער פּוילישער שטעדטעל, זיין געבורטס־אָרט און וואו ער האָט אין דער יונגענד פאַרבראַכט אין דער ישיבה.

באַקאַנטע האָט ער אין דער גרויסער פיל־פאַרבינגע פאַריז גע־האָט וועניג. די געוועזענע אוניווערזיטעט־חברים, ענדיגענדיג זייער שטודיום, זיינען זיך שוין לאַנג פאַנאַנדערגעפאָהרען און מיט נייע מענשען צוזאַמענגעהן זיך האָט איהם געשטערט זיין געוואוינהייט צו שווייגען, זיין צוטראַגענקייט און אומגעשיקטקייט אין זיינע באַוועגונגען.

ער איז שוין געווען אַריבער דרייסיג און אויסגעזעהן האָט ער אַ סך עלטער. זיין גאַנג איז געווען אַן איינגעבויגענער, נאַכלעסיג געקליידעט, און דער שניפּס איז קיינמאָל ניט געווען אויפ'ן פּלאַץ. זיין געזיכט אָבער איז געווען אַ לעבעדיגעס, אַ בלייכעס מיט אַ באַגייסטערטער שעהנקייט, וואָס מען זעהט אָפט אויף די בילדער פון אידישע קינסטלער, ווען זיי מאָלען אַ קלויזניק, אַ זיצענדיגען ביי אַ ציטריגען פייערל פון אַ חלב־ליכטעל אין נאַכט'ס הייז, פאַרטיפטען אין העכערע וועלטען.

Digitized by Google

דאס בחור'שע לעבען האט איהם געמאטערט, און אפט האט
איהם ארומגעכאפט א פייניגענדע בענקשאפט נאך פרויען־לאס־
קעס און נאך א רוהיגען געמיטליכען פאמיליען־לעבען, וואס ער
וועט, ווי ער האט געדענקט, קיינמאל ניט דערגרייכען דורך זיין
ארימקייט און דורך זיין ניט קאנען צונויפקומען זיך מיט מענשען.

און אט אזעלכע טעג זיינען געווען די שווערסטע אין זיין
לעבען. ער האט זיך געפיהלט אין זיי צובראכען, מיד, און די
נעכט האט דער קערפער געברענט אין היץ און געפיבערט, און אין
א כאאס פון חלומות זיינען געשפרונגען ארום איהם נאקעטע,
שאנדלאזע פרויען און צוזאגענדיג געלאקט און גערופען און גע־
לאכט. און זייערע האר, פאלענדיג און זיך קרייזלענדיג ווי שלאנ־
גען, האבען געברענט ווי פייער.

אפט איז ער געגאנגען אויף די בולווארען, וואו עס האבען
ארומגעבלאנקעט גאסען־מיידלאך. לאנג האט ער זיך דארט גע־
דרעהט הין און צוריק מיט'ן היטעל אין דער האנט, זיך ענטשול־
דיגענדיג און רויטווערענדיג, האט אפגעשטעלט עפעס א מיידעל
און פארגעשלאגען פארברענגען מיט איהם אזוי זיך, ווי פריינד,
ווען ביידען איז אומעדיג און מען איז אליין.

אין מעהרסטע פאלען פלעגען זיך די פאריזעריננס אויסלאכען
פון איהם.

— פון וועלכער געגענד ביזטו געקומען? — האבען אויך אנ־
דערע געפרעגט און פארלאזענדיג איהם, א ווארף געטאן:

— זיי געזונד, מיין אלטיטשקער.

איינמאל ווען דער געלערנטער קיפמאן האט געקראגען פון א
גאסען מיידעל אזא ענטפער, איז איהם געווארען זעהר טרויעריג.
ער איז לאנג פארטראכט געשטאנען אויף'ן מיטען בולוואר מיט'ן
היטעל אין האנט, און ווי ער וואלט דעם וועג פארלארען, ניט
געוואוסט וואוהין צו געהן ווייטער.

דערנאכדעם איז ער זיך פאמעלעך צוגעגאנגען צו א טראמוויי־
סטאנציע. עס איז געווען א זונטאג. פון טראמוויי איז ארויס איינע
נאך די אנדערע יונגע פארלעך און זיך געלאזען געהן מיט'ן ברעג
פון דער סענא, וואו אין דער נאהענט האט זיך געהערט מוזיק און
א פרעהליכער גערויש פון דער מאסע.

קיפמאן איז געשטאנען אנגעלעהנט אן א בוים און געקוקט

Digitized by Google

אויף די פאַרביינעהער. די פּנים'ער ביי די מיידלאַך און פרויען זיינען געווען איבערוועהט מיט פריהלינג־טרוימען. ביי די מעהר־סטע אויף דער ברוסט און אויף די גאַרטלען האָבען זיך געזעהן קליינע בוקעטען פון בלויע פיילכען, און אַלע פרויען האָבען זיך אין יענעם טאָג אויסגעוויזען אין זיינע אויגען באַזונדערס שעהן און רייצענד.

ער איז אוועק אין לוקסענבורגער גאַרטען. דאָרט, אין לאַטיר־נישען קוואַרטאַל צווישען קינסטלער און סטודענטען, פלעגען זיך געפינען מאָדעל־מיידלאַך, וועלכע האָבען איהם געקענט און האָבען גערן אַמאָל מיט איהם פאַרבראַכט איינינע שעה. ער האָט געהאָפּט אויך איצט צו טרעפען אימיצען פון זיי. אומעטום אין גאַרטען, צווישען די אַלעעס און ביי די פאָנטאַנען זיינען געווען אַ סך גאַ־סען־מיידלאַך, וועלכע האָבען געלאַכט און איבערגעוואָרפען זיך מיט וויצען מיט די קינסטלער, וואָס זיינען געזעסען דאָרט אַרום און גערויכערט זייערע לולקעלעך. נאָר קיין באַקאַנטע האָט ער ניט געטראָפען. ער האָט אַביסעל אַרומגעוואַנדערט אַרום דעם ברייטען פאָנטאַן, וואו די קינדער האָבען אָפּגעלאָזט שיפעלעך שווימען. דער־נאָך איז ער אוועק צו לוקסענבורגער מוזעאום. ביים אַריינגאַנג האָט ער דערזעהן ניט קיין גרויסע סטאַטוע פון שוואַרצען בראָנז: דוד מיט'ן קאָפּ פון גלית הפלשתי. און ביי דער סטאַטוע איז גע־שטאַנען אַ שלאַנקע פרוי מיט אַ שטרויענעם הוט אין האַנט. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ רוסישע קורסיסטקע. איהר פּנים איז געווען רונד און ליב, מיט זומער־שפּרינקעלעך, איהר נעזעל רייצענד, און מיט אַ ווייסען שלאַנקען האַלז. דאָס איז געווען אַ באַוווסטע מאַלערין פון דער נייער דעקאַדענטישער שולע. אַ פרוי, אַן עקסצענטרישע מיט אַן אָריגינעלען אונרוהיגען כאַראַקטער און מיט אַ צאַרטען טיפען טרויער אין דער נשמה איבער אַלץ וואָס איז פאַרשווינדענ־דיג שעהן.

קיפּמאַן האָט אָנגעשטעלט אויף איהר זיינע גרויסע פאַר־טרויערטע שוואַרצע אויגען. זי האָט דערפיהלט זיין בליק און אַ קוק טוענדיג אויף איהם, איז זי איבערראַשט געוואָרען פון דער גייסטיגער שעהנהייט אויף זיין לאַנגען בלייכליכען פּנים.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן: דאָס מוז זיכער זיין אַ מאָדערנען

מענש, א צודרעהטער, ביי וועלכען דער שניפס וועט זיך שוין אזוי ביז'ן טויט אריין אויפ'ן ריכטיגען פלאץ ניט געפינען.

און ער איז געשטאנען און געפרובט טרעפען: ווער קען זי זיין?

ער האט מורא געהאט מיט איהר אנהויבען צו ריידען: אפשר איז זי ניט פון יענע. זי קען זיך באליידיגען. און ער האט ניט געוואוסט, וואס ער זאל דא טאן און זי איז איהם אזוי געפעלען געווארען. איהרע געדיכטע גאלדענע האר האבען געפינקעלט אויף דער זון, דאס געזעל האט געררייצט און איהר גאנצער שלאנקער פיגור איז געווען אזוי אנציהענד.

די קינסטלערין האט א שמייכעל געטאן און צוגעגאנגען צו א נאהענטער באנק און זיך אוועקגעזעצט. זי האט באמערקט, אז ער וויל מיט איהר אנהויבען ריידען און מיט נייגעריגקייט גע־ווארט, וואס וועט זיין ווייטער.

קיפמאן איז צוגעגאנגען און זיך אויך געזעצט אויף דער אנ־דערער זייט באנק. אנטקעגען זיי, ביי א גרויסען שטיינערנעם בארעליף, עפעס פון אן אלטען גריכישען בילד פון פאסטוכער לעבען, האט שטיל געמורמעלט א פאנטאן, ארומגעזעצט ביי די ברעגען מיט געלע פעלד־בלומען־צעבערלעך.

עס איז צוגעגאנגען א ארים מיידעלע מיט קערבעל בלומען. קיפמאן האט געקויפט א בוקעטעל. ס'זיינען פארביי עטליכע לאנ־גע מינוטען, איז ער פלוצים אויפגעשטאנען, אראפגענומען דאס היטעל און מיט די פיילכען אין די הענט, רויט ווערענדיג און זיך פלאנטערענדיג אין די רייד, האט ער איהר פארגעשלאגען צו פאר־ברענגען מיט איהר דעם טאג.

שמייכלענדיג האט זי איהם אויסגעהערט, געבעטען זיך זע־צען לעבען איהר און געפרעגט, ווער ער איז.

ער האט איהר אין קורצען דערצעהלט וועגען זיך. די קינסט־לערין איז געווארען ערנסט און איינגעשטימט געהן מיט איהם.

— נאר פארבעסערט אייער שניפס, — האט זי געזאגט שטיל לאכענדיג, — און וואוהין וועלען מיר געהן?

עטליכע מינוטען שפעטער זיינען זיי שוין געזעסען אין טראמ־וואי, וואס האט זיי געפיהרט צו זיין הויז. זי האט קאקעטירט,

Digitized by Google

זיך געשפּילט מיט איהם, און זיך אלץ געסטאַרעט צו שפּילען די ראָלע פון א גאַסטענדמיידעל.

און ער האָט זיך געשעמט און זיך געדרויטעלט, און אין דער נשמה איז ער געווען אומגעהייער גליקליך, אז דער מזל האָט איהם היינט צוגעשיקט אזא ליבעס וועזען.

אויפ'ן וועג זיינען זיי אריין אין א רעסטאָראַנט טרינקען קאַפע. דערנאָך האָבען זיי געקויפט וויין און נאַשערייען, און ווען ס'האָט גענומען טונקעל ווערען, זיינען זיי אריין אין הויז.

זי האָט ארומגעקוקט זיין צימער און אויסציהענדיג איהרע ליפּען ווי צו א קוש, האָט זי געזאָגט:

— וואָס פאַר אן אומאָרדנונג!

נאָכדעם האָט זי אריינגעקוקט אין זיין קליין לאַבאָראַטאָריום, וואו עס האָבען זיך געפונען פאַרשידענע גלעזער און מעסט־גלעזלאך. זי האָט אויפגעמאכט א שענקעלע, וואו עס האָבען זיך געפונען פאַרשידעערליי פאַרבינע זאַלצען און ווען זי האָט באמערקט אין ווינקעל א קליין דרייפוסעל מיט א פייערעל, און אויף איהם עפּעס א פליסיגס אין א גלעזעל, האָט זי א זאָג געטאָן:

— אינגאַנצען, ווי א יאָהר־צייט נאָך א טויטען אין א פינ־סטערען ווינקעל.

זי האָט גענומען ריין מאכען דאָס הויז און צוגרייטען נאַשע־רייען, אלץ רעדענדיג און פונאַנדערפרעגענדיג זיך וועגען זיין לעבען. און ווען זיי האָבען זיך געזעצט עסען, האָט זי זיך גע־טוליעט צו איהם ווי א קאַץ, און ער, א פאַר'שיכור'טער האָט גע־קושט איהר שטערען, איהר האַלז און נאָר געוואָלט ביי איהר גע־וואהר ווערען, ווי אזוי זי, אזא אינטעליגענטע, איז געקומען צו אזא לעבען.

עס איז איהר איינגעפאַלען דערצעהלען איהם א מעשה וועגען א מאַטראָז, וואָס האָט זי פאַרפיהרט און אליין אוועק אין א ווייט לאַנד. און ער איז געווען געריהרט, ווי א קינד געגלעט איהר קאָפּ און אלץ שעפּטשענדיג גוטע ווערטער, וועלכע זיינען איהם נאָר געקומען אויפ'ן געדאַנק.

דערנאָך האָבען זיי פאַרהאַנגען די פענסטער, פאַרלאָשען דעם

לאָמפּ און אָנגעצונדען פייער אין קאַמין. און זיי ביידען האָבען זיך אוועקגעזעצט אויף א קאַסטען, אנטקעגען שיין. מינוטענווייז האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז לעבען איהם זיצט א פרוי, וועלכע ער האָט שוין לאנג ליב, נאָך וועלכער ער האָט שטאַרק געבענקט און זי איז איצט געקומען צו איהם. האַלטענדיג איהרע הענט, האָט ער איהר שטיל דערצעהלט וועגען זיין קליינעם אידישען שטעדטעל, וואו ער איז געבוירען געוואָרען; וועגען דער ישיבה, דערנאָך ווי ער איז אוועק זיך לערנען אין אויסלאַנד, ווי ער האָט געהונגערט זייענדיג א סטודענט, און וועלכע גרויסע האָפנונגען ער האָט איצט אין דער צוקונפט. און זי האָט פאַרטראַכט געקוקט אין זיין פּנים און געטראַכט וועגען דעם איינזאַמען לעבען פון׳ם אינטערעסאַנטען מענשען.

ווען זי איז פון איהם אוועק, איז שוין געווען שפּעט אין אָוועגט. ער האָט איהר ארויסבאַגלייט פון הויז, דערנאָך זיך אומגעקערט אין לאַבאָראַטאָריום און איז לאנג געשטאַנען פאַרטראַכט ביים דריי־פיסעל וואו עס האָט שוין עטליכע טעג געברענט א פייערל.

און ביי נאַכט, אין כּאָאָס פון חלומות זיינען ווידער געשפּרונגען ארום איהם שאַנדלאָזע נאַקעטע פרויען און געלאַכט און געלאַכט, און זייערע רויטע האָר, אראָפּפאַלענדיג ווי שלאַנגען, האָבען גע־ברענט ווי פייער.

* * *

אויף מאָרגען איז צו איהם געקומען א איינגעל און איהם איבערגעגעבען א גרויסען בוקעט ראָזען מיט א בריוועלע. אין בריוועלע איז געשטאַנען:

„איך בין די יעניגע, וואָס האָט נעכטען אָוועגט פאַרבראַכט אין אייער הויז. קומט צו מיר און מיר וועלען ווידער פאַר־ברענגען אַן אָוועגט און דאָס מאָל — אין מיין סטודיאָ, אויפ׳ן בולוואַר „סען זשערמען".

אינ׳ם בריוועלע איז געלעגען א וויזיט־קאַרטעל מיט׳ן נאָמען פון א באַוואוסטער מאַלערין.

א שטורם

דער זומער איז געווען אַ הייסער, און א טרוקענער. די תבואות אויף די פעלדער זיינען געווען קליין און באדעקט מיט גרויען שטויב. אויף די לאַנקעס האָבען זיך די בהמות ארומגע־בלאָנקעט טרויעריגע און אומעטיגע, און די בוימער אין די גערט־נער זיינען געשטאַנען פארשמאַכט און אלץ געקוקט צום הימעל, צי דער ווינט יאָגט נים אָן געדיכטע וואָלקענס.

איבער'ן שטעדטעל האָבען זיך געטראָגען אלערליי קראנק־הייטען, און פון טורמע, וועלכע איז געשטאַנען ווייט און אין א זייט, וואו דער וועג פארקידעוועט זיך צום קריסטליכען בית־עולם, האָט מען אָפט געזעהן ווי אין די שווארצע דושנע נעכט עפענען זיך אויף איהרע שווערע אייזערנע טויערען און פון ראָדטען אין שווארצע סאָסנע־טרונעס טראָגט מען ארויס מתים און אָהן סבֿרות־לידער און אָהן תפילות ציהען זיך לויות אויס'ן וועג וואָס פיהרט צום ארעסטאַנטען־בית עולם.

אין איינער פון די כמורנע טורמע־קאמערען, שוין לאנג וואר־טענדיג פאר'ן עטאַפּ, האָבען זיך געשטיקט א גרופּע אַרעס־טאַנטען.

דער מעהרסטער טייל פון זיי זיינען געוועזען פּויערים, וועל־כע מען האָט אפּגעריסען פון דער ערד און פאר'משפּט פאר פאר־שיידענע פארברעכענס. איינינע פון זיי זיינען געווען אין קייטען און געגאַנגען אויף קאטאָרגע קיין סיביר. דער טרוקענער זומער האָט אויף זיי שווער געווירקט, און זיי פלעגען שטענדיג ריידען וועגען זייערע דערפער, און וועגען די זאנגען, וואָס ווערען פאר־טריקענט פון דער הייסער זון. די איבעריגע זיינען געווען עטליכע יונגע גנבים, אַן אנטלאָפענער סאָלדאט און איינינע מאָלדאוואנעס

Digitized by Google

אין זייערע לאנגע לייווענטענע העמדער, מיט רויטע אויסגע־נעהטע גארטלען.

יעדען טאג פלעגט אן אנדער ארעסטאנט קראנק ווערען, און די שטימונג ביי די פארשפארטע איז געווען א שווערע און א געדריקטע. עס האט זיך געדוכט, אז אין דעם שיין פון די זוניגע שטראהלען געהט איבער'ן טורמע הויף עמיצער א ניט־געזעהענער, סלייבט זיך אריין אין די האלב־פינסטערע קאמערען און זייהט א שווערע קראנקהייט מיט קאשמארען, האלוצינאציעס און אומ־זיניגע רייד פון היץ.

אויפבאפענדיג זיך גאנץ פריה, פלעגען די ארעסטאנטען נאכ־פרעגען ביי די וועכטער, ווער ס'איז געשטארבען ביי נאכט, ווער עס איז קראנק געווארען, און דערנאך רעדען וועגען דעם לאנג־ערווארטעטען עטאפ. אין זייערע אויגען איז געווען א בענקשאפט נאך דעם ווייטען וועג און די פרייע ווינטען.

דערנאך פלעגט זיך ציהען א לאנגוויילינער טאג. זיי פלע־גען זיך ארומקריגען, זוכען אפצוטאן איינער דעם צווייטען בייזע שפיצלאך. און אפט מאטערען איינעם פון די אלטע מאלדאוואנען און צווינגען איהם צו טאנצען א פרעהליכם מיט זיינע קראנקע, שוואכע פים.

דער אנטלאפענער סאלדאט פלעגט גאנצע טעג ארומשפאצירען איבער'ן קאמער און מיט טרערען אין די אויגען ריידען צו זיך אליין, אז ער איז דער איין־און־איינציגער ביי זיין מוטער, און מען האט ניט געהאט קיין רעכט איהם צוצונעמען פאר א סאל־דאט, און דערביי רחמנות'דיג פארציהען א ליד וועגען א יונגען פויער, וואס געהט ארוים פארטאג אויף א פרעמד פעלד פארניסען זיין שוויים, נאכגעהענדיג נאכ'ן אקער.

אפט פלעגען די ארעסטאנטען שטעהן ביים פענסטער, קוקען אויפ'ן הימעל, וואו עס האט זיך באוויזען א וואלקען, און פרובען טרעפען צי עס וועט זיין א רעגען. און ווען דער וואלקען איז פאמעלאך פארשוואונדען, פלעגען זיי ווידער אריינפאלען אין א שווערער שטימונג, און אומרוהיג ארומשפאנען איבער'ן קאמער.

איינמאל, נאכ'ן אויסרופען, ווען די ארעסטאנטען האבען זיך שוין געקליבען שלאפען געהן, איז מיט אמאל אריינגעקומען דער טורמע־אויפזעהער און זיי אנגעזאגט די גוטע בשורה, אז מארגען

פארטאָג געהט אָפ דער עטאפּ. אין יענער נאַכט זיינען די ארעס־טאַנטען ניט געשלאָפען, און ביז פארטאָג האָט דער וועכטער געהערט זייער שעפּטשען און רעדען וועגען די נייע טורמעס, וואו־הין מען שיקט זיי, און וועגען זייערע אויף לאַנג פארלאָזטע היימען.

מיט׳ן זונאויפגאַנג זיינען זיי שוין געווען אויפ׳ן הויף, וואו עס האָבען אויף זיי געוואַרט דער קאָנוואָי. דער פריה־מאָרגען איז געווען א דושנער, א שטיקענדער, און ווייט אין מערב זייט האָבען זיך באוויזען מאָדנע צוריסענע בלויע וואָלקענס, וועלכע האָבען זיך געצויגען אלץ ווייטער און ווייטער ווי וועלענדיג פארכאַפּען דעם גאַנצען הימעל.

דער עלטסטער קאָנוואָינער, א געלער גרויסער פויער מיט א געשטופּעלטען בייזען פּנים, האָט געיאָגט די ארעסטאַנטען, און ווי נאָר די זון האָט זיך אביסעל אויפגעהויבען אין הימעל איז שוין דער עטאפּ ארויס פון טורמע. פאראויס זיינען געגאַנגען די קאָ־טאָרזשניקעס, קלינגענדיג מיט די קייטען. די אייגוואָוינער פון שטעדטעל, וועלכע האָבען שוין לאַנג קיין עטאפּ ניט אָנגעזעהן, האָבען זיך א לאָז געטאָן פון זייערע הייזלאַך און מיט טרויעריגע בליקען באגלייט די אומגליקליכע. נאָך איינעם א יונגען ארעס־טאַנט איז נאָכגעלאָפען אן אלטע פרוי, וויינענדיג און קלאָגענדיג ווי נאָך א טויטען. דאָס איז געווען א יונגער, בלאָנדער פויער פון א נאָהענטען דאָרף, וועלכער האָט דער׳הרג׳עט זיין ווייב.

— געה, געה אוועק, אלטע — האָט דער קאָנוואָי געטריבען. און די פרוי האָט אלץ געקלאָגט און געבראָכען די הענט אויף דעם ביטערען מזל פון איהר זוהן.

דער עטאפּ איז דורך די הויפּט גאַס פון שטעדטעל און איז ארויס אויף דער נאָהענטער באַהן־סטאַנציע. ביי די זייטען האָבען זיך געשפּרייט פעלדער און פעלדער — און מיט אמאָל האָט דער ווינט, וואָס איז פון ערגעץ וואו אנגעלאָפען, גענומען ווינגען די טרוקענע גראָזען און בויגען צו דער ערד די נידעריגע מאָגערע זאַנגען.

די ארעסטאַנטען האָבען פרייער אָפּגעאָטעמט, מיט פרייד געקוקט אויף די וואָלקענס, וועלכע האָבען זיך אלץ ווייטער גע־

צוינגען איבער'ן הימעל, און איינער דעם צווייטען אָנגעזאָגט: „גאָט וועט היינט א רעגען, א רעגען שיקען". און דער קאָנוואָי ביי די זייטען האָט בייז געשריען אויף די אָפּשטעהענדע און אונטער־געיאָגט זיי מיט די ביקסען, און די פּנים'ער ביי זיי זיינען געווען טרוקען, בייז און פול מיט רציחה.

שפּעטער ווען עס האָט זיך מיט אמאָל דערהערט דאָס קנאַ־לען פון דונערען און עס האָט זיך אָנגעהויבען א שטאַרקער רעגען, איז דער עטאַפּ צונגאַנגען צו א דאָרף, און האָט זיך פאַנאַנדער־געלייגט אונטער א דאַך איבער צו וואַרטען דעם שטורם.

די גוט־האַרציגע פויערטעס האָבען זיי צוגעטראָגען עסען און אונטערשפּאַרענדיג מיט דער לינקער האַנט די באַק, און מיט דער רעכטער האַלטענדיג די לינקע ביים עלענבויגען, האָבען זיי רחמנות'דיג געקוקט אויף די אַרעסטאַנטען און שווער געזיפצט.

די אַרעסטאַנטען, זעהענדיג ווי אַרום לעבען די פעלדער אָפּ אונטער'ן רעגען, האָבען גענומען רעדען ווענען גאָט'ס ברכה, וואָס שפּרייט זיך איצט אַרום.

— פאַר א יאָהרען האָבען מיר געהונגערט, — האָט זיך אָפּגערופען איינער פון די אַרעסטאַנטען, — ס'איז געווען א שלעכט יאָהר, דאָס ברויט איז פאַרטריקענט געוואָרען אויף די פעלדער. נאָר איצט האָט גאָט אין צייט דעם רעגען געשיקט.

— און ווער ווייס, וואָס אין אונזערע דערפער טוט זיך, דאָר־טען אויף דער וואָלגא — האָט זיך פאַרטראַכט דער עלטסטער קאָנ־וואָינער, און זיין בייזער פּנים האָט זיך באַדעקט מיט א שטילען טרויער. — ווען איך בין אוועק פאַר א סאָלדאַט, איז נאָך ביי אונז געווען פון אַלדאָס גוטס, נאָר די לעצטע צייט קריג איך אַלץ שלעכטע בריף, אז אונזער באַלעבאַטישקייט געהט אונטער. — און ער האָט גענומען דערצעהלען ווענען זיין פאָטער, דעם אַלטען פויער, וואָס האָט שוין איצט קיין כח ניט צו באַאַרבייטען די איינענע ערד.

די אַרעסטאַנטען האָבען זיך שטיל צוגעהערט און אומעטיג געשאָקעלט מיט די קעפּ.

— א ביסעל שפּעטער, — האָט מיט אמאָל זיך פאַרנאַנדערגע־ווייַנט דער יונגער פּאַטאַרזשניק, וואָס האָט גע'הרג'עט זיין פרוי.

אוּן ער האָט גענומען דערצעהלען:

מיט א פּאָר יאָהר צוריק איז ער אוועק פון שטוב און זיך אנגעדונגען צו ארבייטען ביי א רייכען פּויער. ביי זיי אין דאָרף איז ניט געווען וואס צו טאָן, ערד האָבען זיי געהאַט וועניג, און מיט דער קליינער באַלעבאַטישקייט האָבען זיך פּראַוועט די עלטערע ברידער. ביים רייכען פּויער האָט זיך איהם געלעבט גוט, נאָך דער ארבייט פלעגט ער אוועקגעהן הוליען און אָפּט אין קאַראהאָד טאַנצען מיט די דאָרפס־מיידלאַך, וועלכע האָבען איהם זעהר גערן געהאַט, פאַר זיין שעהנעם וואוקס און געדיכט בלאָנדע האָר.

נאָר אָט איז איינמאָל צו זיין רייכען בעל־הבית געקומען א ווייטע קרובה, א יתומה, וועלכע מען האָט גערופען מאַרפא. דאָס איז געווען א מיידעל מיט שווארצע אויגען, מיט לאַנגע צעפּ און אין הארצען ביי איהר האָט געוואוינט דער טייפעל, אזוי רייצענד און שעהן איז זי געווען. ווען ער האָט זי צום ערשטען מאָל דערזעהן האָט איהם דאָס הארץ גענומען שטארק קלאַפּען, און אין פּנים האָט איהם ווי די זון א שיין געטאָן, און זי האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און געזאָגט:

— זעה נאָר, וואָס האָסטו דיין מויל פאַנאַנדערגעעפענט? האָסט נאָך קיין מיידלאַך ניט געזעהן? — און האָט איהם שעל־מיש א קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, און א ציה געטאָן איהם פאַר זיינע בלאָנדע האָר.

און אויף מאָרגען נאָך א רעגען זענען זיי ביידע ארוים אין פעלד איבערוואַרפען דאָס היי צום אויסטריקענען. זי האָט גע־ארבייט און געזונגען, און איהרע לידער זיינען געווען זיס און אומע־טיג, אז דאָס הארץ פלעגט זיך רייסען פון ברוסט. עטליכע מאָל האָט ער זי געוואָלט ארומנעהמען און א קוש טאָן. נאָר זי פלעגט זיך ארויסדרעהען פון זיינע הענט, און אוועקלויפענדיג אויסשטע־לען א צונג און ווייזען איהרע ווייסע שטאַרקע ציינער, אָנפּיהלענדיג די לופט מיט א הילכיגען געלעכטער. ביי איהם פלעגען ציטערען די פיס, און אין די אויגען פלעגט פינסטער ווערען פון תאוה.

און ער האָט זיך פארלוירען און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ער, אן ארימער פּויער, זי א קרובה פון זיין רייכען בעל־הבית, צו וועלכער דאָס גאַנצע דאָרף שקצים האָבען זיך גע׳שדכ׳נט. זיי

פלעגען שלאָפען אין איין הויז, און אין די נעכט פלעגט ער הערען איהר אטעם, און די ווארימקייט פון איהר יונגען שטארקען קערפער פלעגט איהם רייצען און ניט לאָזען איינשלאָפען.

און אזוי האָט זיך געצויגען דער גאנצער זומער ביז דער הערבסט איז געקומען. דאן האָט ער זי גענומען בעטען, זי זאָל מיט איהם חתונה האָבען. זי פלעגט ניט וועלען הערען, און אין די זונטאנדיגע פארנאכטען אוועק אין די קאראהאָדען טאנצען מיט אנדערע בחורים, און ער פלעגט זיצען אין שענק און שכור'ען מיט די אלטע פויערים.

איינמאָל אין א יום־טוב אין דער פריה, ווען זיי זיינען געגאנגען אין קלויסטער, האָט זי איהם געפרעגט, צו וויל ער טאקע אין דער אמת'ען מיט איהר חתונה האָבען. ער האָט געמיינט, אז זי רייצט איהם ווידער און איז בייז געוואָרען, נאָר זי האָט איהם פארזיכערט, אז זי האָט איהם ליב און זי וועט ווערען זיין פרוי. אין א מאָנאט ארום האָט דאָס גאנצע דאָרף געהוליעט אויף זייער חתונה, און דער בעל־הבית האָט איהם געגעבען א שטיק ערד מיט א נייעם הויז.

און דאָ האָבען זיך אנגעהויבען זיינע צרות. דער קלאנג, וואָס האָט זיך געטראָגען וועגען איהר איבער'ן דאָרף, אז זי איז א צולאָזענע, האָט זיך ארויסגעוויזען פאר אמת. און דאָס האָט איהם געמאטערט, און ער האָט געטראָגען אין הארצען א שווערען פארבאָרגענעם האָס. נאָר איהר קערפער פלעגט איהם אלץ משוגע מאכען פון תאוות.

און איינמאָל, דאָס איז געווען אין א זומער, אין א יום־טוב־דיגען אָווענט איז ער געזעסען אין שענק מיט די פויערים און געטרונקען, און ווען ער האָט אומגעקעהרט צוריק אהיים האָט זיך מיט אמאָל פאנאַנדערגעשפילט א שטורעם און ס'האָט גענומען שטארק רעגענען. ער האָט גענומען שנעל שפאנען, און ווען ער איז צוגעקומען צום הויז, האָט איהם זעהר פארוואונדערט, וואָס מען זעהט ניט קיין ליכט אין די פענסטער, ווייל ס'איז נאָך געווען פריה און מארפא האָט באדארפט אויף איהם ווארטען מיט דער וועטשערע. עפעס האָט זיך אפגעריסען אין זיין הארצען, און ווען ער איז צוגעקומען צום פלויט, האָבען איהם ווי אפגענומען די פיס און ער האָט ניט געקאָנט ווייטער געהן.

ער האָט דערפיהלט, אַז עמיצער געפינט זיך ביי איהם אין הויז מיט מאַרפאַ׳ן, און עס האָט אַלץ געדונערט און גערעגענט, און מיט אמאָל איז אַ בליץ דורך — דורך די שויבען פון זיין פענסטער און אויף אַ מאָמענט האָט ער דערזעהן מאַרפאַ׳ן מיט זיין געוועזענעם אלטען בעל־הבית.

ווי אַ ווילדער האָט ער זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר. אין דערזעלבער צייט האָט מאַרפאַ אָנגעצונדען דאָס לעמפּעל. און ווען ער איז אַריין אין שטוב, איז זי געשטאַנען ביי דער טיר און דער אַלטער רייכער בעל־הבית איז געזעסען אויף דער באַנק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ. ביי איהם איז פינסטער געוואָרען אין די אויגען און ער האָט פאַרלוירען דעם פאַרשטאַנד. — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז דער אַלטער בעל־הבית אַרויס־געלאָפען אין דאָרף, און ווען אויף זיינע געשרייען זיינען די פויערים אָנגעלאָפען, האָבען זיי געפונען מאַרפאַ׳ן מיט אַ צוהאַק־טען קאָפּ אין אַ טייך בלוט און לעבען איהר איז ער געשטאַנען און געיאָמערט ווי אַ משוגע׳נער מיט אַ פאַרבלוטיגטער קאָסע אין דער האַנט.

* * *

דער אָרעסטאַנט איז אַנטשווינגען געוואָרען, אַ טרויעריגער טויער־ענדיג מיט די קייטען.

דער שטורם איז אַלץ שטילער און שטילער געוואָרען. איצט האָבען זיך די פאַרשטיקטע קנאַלען פון דונערס געהערט פון וויי־טען, און עס האָט געשפּריצט אַ דין רעגענדעל, פון צווישען די וואָלקענס האָט זיך באַוויזען די זון, און איבער׳ן גאַנצען הימעל האָט זיך אויסגעצויגען אַ פיל־פאַרביגער רעגענבויגען. ראָס פּנים פון עלטסטען קאָנוואָיער איז מיט אמאָל ווידער געוואָרען בייז און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— שטעהט אויף! מיר געהן!

און דער עטאַפּ האָט זיך אָוועקגעצויגען ווייטער מיט׳ן ברייטען וועג פאַרביי די אָפּגעפּרישטע, און אויפגעלעבטע פעלדער.

Digitized by Google

שנאה

זיי זיינען געזעסן אין לאנגען ליכטיגען קארידאר פון שטאדט־שפיטאל און געווארט אויפ'ן פראפעסאר. פיר זיינען זיי געווען: א יונגער רוסישער אימיגראנט, סארמאטאוו, א בחור מיט א בלאסען צארטען פנים און דינע, בלוטלאזע ליפען; זיין כלה, אנירטא, א שווארץ-אויגיגע, קליין־רוסאנקע מיט אן אפשיין פון א פריהלינגסמארגען אויף איהרע פרישע באקען, און א דיקער איטאליענער, א ליידענדער אויף וואסערקראנקהייט, מיט זיין אלטער מוטער.

איבער'ן קארידאר זיינען שטיל אומגעגאנגען בארמהערציגע שוועסטער, דינער און קראנקע, מיט בענקשאפט קוקענדיג אין די גרויסע פענסטער, הינטער וועלכע עס האבען זיך געזעהן בוימער, אנגעטאן אין מאי־בעז און א פרייע ברייטקייט האט זיך געשפרייט א באנאסענע מיט דער בלישטשענדער זון.

סארמאטאוו און זיין כלה האבען זיך אפט געווענדט צו דער פארביינעהענדיגער „שוועסטער" מיט דער פראגע: ווען וועט שוין קומען דער פראפעסאר. זיי האבען זיך זעהר געאיילט. נאך מיטאג האבען זיי באשלאסען אוועקגעהן הינטער'ן שטאדט. עס איז געווען דער ערשטער פריהלינג, וואס זיי האבען זיך איינער דעם אנדערען געליבט, און ווי נאר עס האבען זיך באוויזען די בלויע פיילכען אין די פעלדער, און ס'איז אוועק דער אקערמאן זינגענדיג נאך זיין אקער־אייזען, זיינען זיי טאג-טעגליך הינטער דער שטאדט געגאנגען און געוואנדערט איבער דער שעהנער בארגיגער געגענד פון דער קליינער שווייצארישער שטאדט.

אלע זייערע געשפרעכען, טרוימען און האפנונגען זיינען פול געווען מיט זייער פארלאזענער היים, נאך וועלכערביידע האבען שטארק געבענקט. און ביידע האבען געגלויבט אין זייערע יונגע קרעפטען און זייער לעבען האט זיך זיי פאראויס געמאלט אונענדליך אינטערעסאנט און פארכאפענד, אזוי ווי עס וואלטען

Digitized by Google

זיך פאר זיי אויפגעעפענט די טירען פון א געהיימניספולען פאר־מאכטען גארטען.

נעכטען ביי דער נאכט האט זייער פרייד מיט אמאל זיך פאר־טרויערט. אין שטאדט איז געווען א פאלקס יום־טוב — א יום־טוב פון פריהלינג און זון פאר קינדער. אויף א גרויסען רונ־דיגען פלאץ, באוואקסען מיט פרישען גראז, האט זיך אויפגעקלי־בען א גרויסע פילפארביגע מאסע. פון אלע זייטען האבען זיך געהערט טענער פון מוזיק, בערג־לידער און פרייד־געשרייען פון די זארגלאזע קינדער, וועלכע עס האבען אמוזירט פארשידענע פאיא־צען, בלאזענס און קונצענמאכערס. און ביי דער נאכט איז דער פלאץ געווען באגאסען מיט פילפארביגע עלעקטרישע פייערלאך און די גרויסע קינדערשע קארוסעלען, מיט זייערע הילצערנע מאדנע פערד און הירשען, האבען זיך אהן אן אויפהער געדרעהט אונטער דער הייזעריג־שרייענדער מוזיק פון די ביליגע קאטערינקעס.

סארמאטאוו מיט זיין כלה זיינען געשטאנען אויף יענעם ארט פון פלאץ, וואו אויף א אנגעצויגענעם שטריק אין דער הויך האט א פרוי געוויזען קונצען מיט פארבונדענע אויגען. די מאסע האט מיט אן איינגעהאלטענעם אטעם געקוקט ווי די פרוי זעצט זיך אויפ׳ן שטריק, שפרינגט און דרעהט זיך אויף איין פוס.

סארמאטאוו האט ניט ווילענדיג א געשריי געטאן. איהם האט זיך אויסגעוויזען אז די פרוי פאלט אראפ. אין דער רגע האט עפעס א ווארימע כוואליע א שפאר געטאן איהם אין האלז און אנ־געפילט זיין מויל. און ווען ער האט צוגעלעגט זיין טיכעל צו די ליפען, האט עס זיך בפארבט מיט בלוט. מען האט איהם אוועק־געפיהרט אהיים און גערופען א דאקטאר, וועלכער האט געראטען אוועקנעהן צו א באריהמטען פראפעסאר.

און איצט, אפווארטענדיג דעם פראפעסאר, וואס האט אלץ זיך ניט געוויזען, האט סארמאטאוו זיך שוין געפיהלט גוט און ניט געגלויבט אין דער ערנסטקייט פון זיין קראנקהייט. ער האט גע־האלטען די הענד פון זיין כלה און מיט אונעגליכע צארטקייט געקוקט איהר אין פנים.

אנטקעגען זיי איז געזעסען דער איטאליענער מיט זיין אלטער מוטער, זיין פנים איז געווען אנגעשוואלען און די אויגען אנגענאסען מיט נעלקייט און שווער געאטעמט. מיט א ניט באהאלטענער שנאה

האט ער געקוקט אויף סארמאטאוו'ן מיט זיין כלה. ער איז געוועזן אן אלמן, א שענקער און נים לאנג צוריק האט איהם איינע פון די גאסען־פרויען, מיט וועלכער ער האט געלעבט, באַ'גנב'עט און אנט־לאפען. ווי סענדינג, אז ער איז א האפנונגסלאזער קראנקער, איז ער געקומען אין שפיטאל שטארבען.

אין קארידאר האט זיך באוויזען אן אלטיטשקער, מיט א גאנץ פליכעוואטען קאפ אין א ווייסען כאלאט. הינטער איהם האבען נאכגעפאלגט אסיסטענטען, צוויי בארמהערציגע שוועסטער און א גרופע סטודענטען.

די קראנקע האבען זיך אויפגעהויבען.

א ביסעל שפעטער איז דער איטאליענער גערופען געווארען צום פראפעסאר און אין גיכען האט איהם די „שוועסטער" ארויסגע־פיהרט פון דארט און איבערגעגעבען דעם דינער, וועלכער האט איהם אריינגעזעצט אין אן אייזערן וועגעלע און אפגעפיהרט אין איינע פון די פאלאטען פאר די האפנונגסלאזע.

דערנאך האט מען גערופען סארמאטאוו'ן צום פראפעסאר.

אניוטא איז געבליבען זיצען אין קארידאר ביים פענסטער. זי האט געקוקט אויף די בעז־בוימער, אויף דעם מיט זון באגאסענעם פרייען פלאץ און עס האט זיך איהר געוואלט וויינען. דערנאך האט זי באמערקט, ווי צו די טויערען פון שפיטאל איז צוגעפאהרען דער וואגען פון „גיכער הילף", צוויי דינער האבען אויף טראגערס ארויסגעטראגען א פארוואונדעטען מענשען. דער וואגען איז אוועק און איבער'ן הויף איז דורכגעגאנגען א בחור מיט א יונגער דינסט־מיידעל. ביידע האבען געלאכט און די זון האט געשפילט אין דער מיידעל'ס רויטע האר.

פון פראפעסאר איז סארמאטאוו ארויס בלאסער ווי געווענלי־ליך. די הענט ביי איהם האבען אומבאמערקט געציטערט פון עפעס א דונקעלען אונרוהיגען געפיהל:

— אויף היינט איז שוין פארפאלען אונזער שפאציר, — האט ער אומעדיג א שמייכעל געטאן. — איך מוז דא איבערבלייבען אויף א קורצער צייט. קיין ערנסטסקייט איז דא ניטא, האט געזאגט דער פראפעסאר.

ער האט זי געטרייסט, דערנאך געקוקט אין פענסטער פון קארידאר, ווי זי איז געגאנגען דורכ'ן שפיטאל־הויף און איז ארויס

אויפ'ן פרייען פלאַץ און ווי איהר ווייסער פריהלינגס־קלייד האָט זיך אויסגעשטיילט אויפ'ן ליליען־פאָן פונ'ם ווייטען הימעל.

ביי דער נאַכט האָט זיך איהם געחלומ'ט דער קינדערשער פריהלינגס־יום־טוב אויפ'ן פלאַץ, די קלאַנגען פון רער מוזיק, ליי־דער, די פיל־פאַרבינע פייערלאַך און די מאָדנע הילצערנע פערד און הירשען פון די קארוסעלען. און הויך איבער א שטריק איז געגאַנגען א פרוי מיט פאַרבונדענע אויגען און געמאַכט קונצען. איהם האָט זיך געדוכט, אז זי פאַלט און ווען ער האָט זיך מיט א געשריי אויפגעכאַפּט, האָט איהם ווידער פון האַלז א שלאָג געטאָן בלוט.

אין דער פריה האָט מען איהם איבערגעפיהרט אין א קליי־נער פּאַלאַטע, וואו עס איז געלעגען דער שווערער איטאַליענער, וועלכען ער האָט געזעהן אין קאָרידאָר. סארמאַטאָוו האָט זיך מיט איהם פריינדליך באַגריסט, נאָר יענער האָט איהם נאָר ניט גע־ענטפערט. ער איז געלעגען אויפ'ן רוקען, שווער געאָטעמט און מיט מוטיגע אויגען געקוקט צום באַלקען.

בייטאָג איז צו סארמאַטאָוו'ן געקומען זיין כלה. זי איז אריין אָן אויפגערעגטע, א פאַררויטעלטע, מיט בלומען, און מיט פעקלעך פון פאַרשידענע נאַשערייען. זי האָט זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן ברעג פון בעט, זיך אראָפּגעבויגען צו איהם, געקושט זיין קאָפּ און פאַרוואָרפענדיג איהם מיט פראַגען ארומגעפיהרט שטיל איהרע וואַרימע הענט ארום זיין בלאַסען פּנים און גערעדט, גערעדט אָהן אָן אויפהער וועגען זייער ליבע, און איהרע ווערטער זיינען געווען אזוי ווי פייער, און האָבען פאַר'שכור'ט ווי אַלטער, שמעקענדיגער וויין. און דער איטאַליענער האָט אויף זיי געוואָרפען בייזע בליי־קען פול מיט שנאה, און שווער געאָטעמט, זיך פאַרשטיקענדיג פון דער ערגעערונג, אז א גאַסען־פרוי האָט איהם באַ'גנב'עט און זיך באַהאַלטען.

נאָך אַניוטאַ'ס אוועקגעהן, איז סארמאַטאָוו געלעגען שטייב־לענדיג און אויפ'ן קול דערצעהלט וועגען זיין ליבע און וועגען זיין גליק און אז דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט, אז ער איז ניט געפעהר־ליך קראַנק און אז ער וועט אינגיכען ארויס פון שפּיטאָל.

און דאָס האָט זיך אזוי איבערגע'חזר'ט יעדען טאָג. און א האָט האָט זיך צוברענט אינ'ם הארץ פונ'ם שטאַרבענדען איטאַליע־

נער צו סאַרמאַטאָוו׳ן, און ווען די כלה פֿלעגט קומען, פֿלעגט ער זיך אָפּשערן צום וואַנט און זיין שווערער אָטעם פֿלעגט ווערן ניכער און אָפּגעהאַקט.

און איינמאָל, דאָס איז געווען אין אַ מאַר־נאַכט, ווען דער פֿאַר׳שיכור׳ענדער אַראָמאַט פֿון בלומען און בוימער, און די בענק־שאַפֿט צו ליבע־צערטליכקייטען, האָט זיך אויסגעוויזען, האָבען דורכגעדרונגען די ווענט פֿון שפּיטאָל, האָט סאַרמאַטאָוו ניט געקענט איינשלאָפֿען. איהם האָט זיך געוואָלט רעדען וועגען זיין כלה.

— איהר שלאָפֿט? — האָט ער געפֿרעגט ביים איטאַליענער, און ווען ער האָט געזעהן, ווי יענער האָט זיך איבערגעקערט מיט׳ן פּנים צו איהם, האָט ער אָנגעהויבען צו רעדען, אַז אין אַזעלכע נעכט קען ער ניט איינשלאָפֿען. איהם דוכט זיך אַלץ, אַז ער זיצט מיט זיין כלה אויפ׳ן באַלקאָן אין איהר הויז. און ער האָט ניט באַוויזען צו ענדיגען, ווי דער איטאַליענער איז פּלוצלונג אויפגעשפּרונגען, און אַראָפּהענגענדיג זיינע גרויסע געשוואָלענע פֿיס, האָט ער גע־נומען שרייען מיט אַ הייזעריגען קול:

— דו וועסט שוין אַמאָל אויפהערען? אויך דו וועסט איני־ניכען שטאַרבען ווי איך. דאָס נאַרען דיך אַלע, אַז דו וועסט ניך געזונד ווערען. איך האָב אַליין געהערט, ווי די „שוועסטער“ האָט געזאָגט דיין כלה, אַז דיינע טעג זיינען געצעהלטע. זי צערטעלט דיך און אין דער נשמה טראַכט זי שוין וועגען אַ צווייטען. וואַרט, אויב ביי דיר איז נאָך דאָ אַביסעל געלד, וועט זי דאָס ביי דיר צונעהמען און אוועקגעהן מיט אַ צווייטען! און ער, דער נאַר, האַלט אין איין איבער׳חזר׳ן: ליבע, ליבע און אַ שפּאַציר אין די בערג. אונזער וועג איז צום קיהל־שטיבעל און פֿון דאָרט צום בית־עולם!

דעם איטאַליענער׳ס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט און די געל־מוטנע אויגען, האָט זיך אויסגעוויזען, קריכען איהם פֿון קאָפּ אַרויס.

אין די ערשטע מינוטען האָט סאַרמאַטאָוו ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען, דערנאָך האָט וועהטאָגליך זיך צונויפגעדריקט זיין האַרץ, און ער האָט זיך צוואויינט ווי אַ קינד.

אין דער פּאַלאַטע איז אַריין די באַרמהאַרציגע שוועסטער.

ליידענשאפט

מיר זיינען געזעסען אין דער סטודיא פון א באריהמטען קינסטלער און שטיל גערעדט. ס'האט זיך אנגערוקט א טרויעריגער ווינטערדיגער בין השמשות. אינ'ם גרויסען קאמין האט העל געפלאקערט דאס פייער, און מיט א רויטליכען פאנטאסטישען שיין האט עס באלויכטען א גרויס בילד פון א גרופע האלב־נאקעטע נענערינס, וועלכע האבען זיך געדרעהט אין א ווילדען סאראהאד.

דער קינסטלער, א דיקער מרה־שחורה'דיגער מאן, אימער א פארבאהאלטען אין זיך, האט זיך פאררוקט אין א ווינקעל, און דארט שטיל געזעסען און האט געשוויגען. ביים פייער אויף א קליין בענקעלע האט זיך געווארעמט דאס מאדעלען־מיידעל, טולענדיג איהר האלב־נאקעטען קערפער אין א גרינעם־דאזעווען שאל, און פארטראכט איינהערענדיג זיך צו דעם, וואס עס האט דערצעהלט א יונגער סקולפטאר פון א נאהענטער סטודיא. וועגען אלעמענס א באקאנטער יונגער מיידעל, וועלכע איז די טעג געשטארבען און האט אויסגעזעהן רייצענד־שעהן ליגענדיג א טויטע אין איהר טרונע.

— מארגע, האט שטיל פארטגעזעצט דער סקולפטאר, ביים לעבען איז זי קיינמאל נישט געוועזן אזוי שעהן. איך פלעג זי זעהן כמעט יעדען טאג, און קיינמאל האט דאס מיידעל נישט דערוועקט ביי מיר אזעלכע אומרוהיגע געפיהלען, ווי נעכטען, ווען איך בין געשטאנען ביי איהר טרונע. איך האב נישט געקאנט אוועקנעמען מיין בליק פון איהר וואקסען פנים מיט די בלויע איינגעצויגענע ליפען און מיט די טונקעלע לאנגע וויעס. אין איהר פנים איז געווען עטוואס אזוינס, וואס האט מיך ווי פאר'כישופ'ט, און מינוטענוויז האט זיך מיר אויסגעוויזען, אט אט וועט זי זיך אויפ־

Digitized by Google

כאַפּען און די גאַנצע ניט אַרויסגעוויזענע ליידענשאַפט פון איהר יונגען קערפּער וועט זיך מיט אַמאָל דערוועקען.

דער סקולפּטאָר איז אַנטשוויגען געוואָרען.

אין דער סטודיאָ איז געוואָרען אַלץ טונקעלער. דאָס מאָדעל־לעך־מיידעל האָט אונטערגעוואָרפען נאָך עטליכע שטיקלאַך האָלץ אין'ם קאַמין. דאָס פייער האָט העלער אויפגעפלאַקערט און די טאַנצענדיגע האַלב־נאַקעטע נעגערינס האָבען זיך ווי געריסען פון דעם בילד אין זייער ווילדען קאַראַהאַר.

— איך ווייס פון דעם געפיהל, — האָט זיך פּלוצלינג אָפּ־גערופען דער קינסטלער פון זיין ווינקעל. — דאָס איז געווען מיט עטליכע יאָהר צוריק. איך האָב דאַן געוואוינט אין איינער פון די גרויסע אייראָפּעאישע שטעדט און געלעבט אין אָרעמקייט. אויף איינער פון די אָרעמסטע גאַסען האָב איך געהאַט אַ קליינע פאָטאָגראַפישע סטודיאָ. אַרביים האָב איך געהאַט זעהר ווענינ, און פלעג זיך אָפּגעבען מעהר מיט מיין קונסט־אַרביים.

„איינמאָל, — דאָס איז געווען אין אַ זעהר הייסען, שטיקענ־דען זומער־טאָג — זיץ איך אַזוי ביי דער אָפענער טיר פון מיין סטודיאָ און קוק, ווי די אָרעמע שמוציגע קינדער פון דער גאַס שפּילען זיך מיט אַן אַלטען פאַרשלאָפענעם הונד, וועמען זייער שפּיל האָט שוין, ווייזט אויס, לאַנג דערעסען. מיט אַמאָל האָב איך באַמערקט, אַז צו מיר געהט צו אַ פרוי. זי איז געווען אָנגע־טאָן אין שוואַרצען, און האָט אויסגעוויזען צו זיין זעהר פאַר־טרויערט און דערשלאָגען. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים שוועל און געפרעגט צו איך בין דער פאָטאָגראַף. ביי איהר איז נעכטען געשטאָרבען אַ מיידעלע און עס איז ביי איהר קיין איינציג בילד נישטאָ פון דעם קינד, און זי וויל עס יעצט כאַטש צום לעצטען מאָל לאָזען פאָטאָגראַפירען. איך פלעג קיינמאָל נישט געהן אויף אַזעל־כע באַשטעלונגען, נאָר אין איהר פולען, רייפען קערפּער און אינ'ם בלאַס־מאַטעווען געזיכט מיט די גרויסע שוואַרצע פאַרוויינטע אוי־גען איז געווען עטוואָס אַזוינס וואָס האָט מיך אָפּגעהאַלטען פון אָפּזאָגען איהר, און איך בין גלייך אוועק מיט איהר צו פאָטאָגראַ־פירען דאָס טויטע קינד.

„מיר זיינען לאַנג געגאַנגען איבער די שמוציגע גאַסען פון דער פאָרשטאָט. די פרוי האָט די גאַנצע צייט געשוויגען,

און מיך האט אלץ געצויגען נאך איהר, פארשטעלענדיג זיך דעם אויסזעהן פון איהר טויט קינד.

"אם ענדע זיינען מיר צוגעקומען צו אנ'אלטע הויז, און גע־נומען ארויפגעהן איבער טונקעלע געדרעהטע טרעפ. דערנאך האט זי געעפענט א טיר און מיר זיינען אריין אין א זעהר ארעמען אבער ריינעם וואהנונג, וואו עס האט זיך נאך געפילט דער שארפער ריח פון רפואות אויסגעמישט מיט א פרישען אראמאט פון גרינע יע־לאווע צווייגלאך.

"אין א טיפען שטוהל איז געזעסען אנ'אלטעטשקע, א גרויע און פארזונקענע און שטיל געשאקעלט מיט'ן קאפ. פון הינטער א דין הילצערנעם ווענטעל האט זיך געהערט אימיצענס א מאנאטאנע ציהענדיגע שטימע, אזוי ווי עס וואלט דארט אימיצער אויסגעזונ־גען טרויעריגע פסוקים פון תהלים. די פרוי האט מיר אריינגעלאזט אין א צווייטען צימער און פארמאכט נאך מיר די טיר. דאס ערשטע, וואס האט זיך מיר געווארפען אין די אויגען, איז געווען א קליינע שווארצע טרונע, וועלכע איז געלעגען אויפ'ן טיש און אין איהר איינגעטונקען אין גאנצען אין ווייסע ליליען און ראזען א שעהן טויט פנים'ל פון א קליינער זיבען־יעהריגער מיידעלע.

„צוויי ליכט האבען געברענט ביי איהר צוקאפענס, און זייערע שוואכע פלאמעלאך האבען קוים, קוים געלויכטען אינ'ם שטארקען זונען־שיין, וועלכער האט אנגעפילט דעם גאנצען צימער.

„א מאדנער מיסטישער מורא־געפיהל האט מיך ארומגענומען. איך האב זיך אראפגעלאזט אויף א שטוהל אקעגען דער טרונע, און ווי נישט פיהלענדיג וואס איך טו, אנגעהויבען צייכנען דאס טויטע קינדער־געזיכט.

„שטיל און נישט באמערקט איז דערנאך אריין די פרוי און האט זיך אוועקגעזעצט, אנשטעלענדיג איהר פארוויינטען בליק צוזאמען מיט מיר אויפ'ן וואקסענעם בלויען פנים'ל פונ'ם טויטען קינד.

"לאנג זיינען מיר אזוי געזעסען, ניט ריהרענדיג זיך פון אונ־זערע ערטער, און איך האב ביסלעכווייז אנגעהויבען פיהלען, אז אט די פרוי מיט איהר שטילען טרויער איבער דעם נאהענטען טוי־טען מיידעלע נעהמט מיך ווי איינהילען אין א שלייער פון אן אויפגערעגטען תאוה־געפיהל. און פונ'ם צווייטען צימער דורכ'ן

הילצערנעם וועגטעל, האָט זיך ווייטער געהערט דאָס יאָמערדיגע שטילע געזאַנג, ווי אימעצער וואָלט נאָך אַלץ דאָרט די טרויעריגע תהלים־פּסוקים געצויגען. איך האָב איהר געוויזען די צייכנונג. זי האָט מיט שטילען דאַנק געדריקט מיין האַנט.

"דערנאָך האָב איך פּאַמעליך גענומען אַרויסגעהן און די פרוי איז געגאַנגען נאָך מיר. אינ'ם פינסטערען קאָרידאָר האָבען מיר זיך ווי נישט ווילענדיג אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך ווי נישט באַמערקטערהייד אַ טוליע געטאָן צו מיר, און איך האָב מיט אַמאָל גאָהענט דערפיהלט די אויפרעגענדע וואַרעמקייט פון איהר קערפּער. איהר קערפּער.

„ביי מיר האָבען גענומען ציטערען די קני. איך האָב אַ נעם געטאָן איהר פּנים און עס צוזאַמענגעדריקט מיט מיינע פיבערדיגע פינגער:

— דו ביזט אַזוי שעהן.

זי האָט פאַרמאַכט די אויגען און איז צונעפאַלען צו דער וואַנד ווי אין אַ ליידענשאַפטליכער אונמאַכט.

„פאַר מיר האָט ווי אַ שוועב געטאָן דאָס געזיכט פונ'ם טויטען מיידעלע, און איך האָב זיך שטיל ווי אַ שאָטען אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ."

* * *

אין סטודיאָ איז שוין איננאַנצען טונקעל געוואָרען. דאָס פייער אינ'ם קאַמין האָט נאָך שטיל געפלאַקערט, און מיר זיינען נאָך דאָרט לאַנג געזעסען און געשוויגען.

Digitized by Google

די טורא

אויפ'ן ברעג ים, אויף דער וועראנדע פון א זומער-וואוינונג, איז געזעסן א קליינע פאמיליע און מיט זיי אן אלמן, א דענטיסט. א מאן, אומגעפעהר א יאהר פערציג, א דארער און א הויכער, מיט א נייגונג צו מעלאנכאליע.

ס'איז געווען א פינסטערער אווענט.

ניט ווייט הינטער די בוימער, אין אביידעל, פון וואנען ס'האט זיך געזעהן א מוטנער פייערעל, איז געלעגען א גוף פון א דערטרונקענעם נעגער, און אלע ווילע, האט זיך דערטראגען שווערע, ציהענדיגע קרעכצען פון אן אלטער פרוי, וואס האט באַקלאגט דעם מת.

די בעל'הבית'טע, א הויכע, שעהנע בלאנדינקע, האט מיט אויפרעגונג דערצעהלט, ווי דער נעגער איז אומגעקומען. א גרויסער עולם איז געווען ביים ברעג, דער נעגער איז ווייט אוועקגעשוואומען, פלוצים האט זיך דערהערט א געשריי נאך הילף. ער האט זיך גענומען טרינקען. קיינער האט איהם נישט געקאנט ראטעווען. די כוואליעס זיינען געווען גרויסע, און פארנאכט איז זיין אויפגעשוואלענער, שווארצער גוף שוין געלעגען אויפ'ן ווייסען זאמד. א נייגעריגער עולם איז געשטאנען ארום.

דער דענטיסט וואס איז די גאנצע צייט געזעסן אין א פינסטערען ווינקעל אין א טיפען שטול, האט שוויינענדיג זיך צוגעהערט, בייסענדיג די נענעל פון אומרוהיגקייט. ער איז געווען אנגעכמורעט און ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז יעדער קרעכץ פון דער וויינענדיגער נעגערין פילט אן זיין גאנץ וועזען מיט א מאַטערדיגען, שארפען וועהטאג.

אביסעל שפעטער האט ער שטיל אנגעהויבען:

— היינט פריה, פאַהרענדיג צו אייך, האָב איך נאָך אין וואַ־ גאָן דערפיהלט, אַליין ניט וויסענדיג פאַרוואָס, אַז אימיצער וועט דאָ היינט שטאַרבען. אייך וועט אפשר אויסקומען מאָדנע, נאָר איך האָב דאָס געוואוסט. און דערפאַר האָב איך זיך דעם גאַנצען טאָג געפיהלט אַזוי שלעכט. איך בין זיך מודה, איך ציטער פאַר׳ן טויט ביז אַ פיזישען וועהטאָג. ווען איך זעה אַ לויה, פאַרנעהמט מיר דאָס הארץ, די פיס ווערען מיר אָפּגענומען און דערנאָך בלאָנדזשע איך אַרום אַזוי ווי אַ קראַנקער. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס מיט מיר, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד פון אַ יאָהר צעהן; מיין באָבע איז געשטאָרבען, זי איז געווען אַן אַלטע, אַ שטאָלצע פרוי, וואָס האָט געוואוינט איינזאַם. די פריינד האָבען זי אַריינ־ געלעגט אין אָרון, אָנגעצונדען ליכט, און אַן אַלטער איד פון חברה קדישה האָט געזאָגט תהילים. ס׳איז געווען אַ הערבסטינער, רעג־ נענדיגער אָוועגט און מיר האָט זיך שרעקליך געוואָלט זעהען די באָבען. אונז קינדער האָט מען גאַרניט געזאָגט וועגען איהר טויט, פון דעסטוועגען האָב איך געוואוסט. איך בין דורכגעלאָפען די גאַס און אויפגעהויבען זיך אויף די פינסטערע טרעפּ, וואו זי האָט געוואוינט. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט מיך אהין געצויגען. די טיר האָב איך געטראָפען האַלב אָפען און גלייך דערזעהן אַ לאַנגען, שוואַרצען אַרון אויף דער ערד, צוויי גראָבע אָנגעצונדענע ליכט אין מעשענע לייכטער ביי איהר צוקאָפּענס, און אין ווינקעל, אויף אַ נידעריגען טאַבורעטעל איז געזעסען שלאָפענדיג דער אַלטער איד מיט׳ן תהילים אויף די קני. מיר האָט זיך געוואָלט אויסשרייען און אַנטלויפען, נאָר איך בין אַריין אין צימער און לאַנג געקוקט אויפ׳ן אַרון און אויף די ציטערדיגע פייערען פון די ליכט, וואָס האָבען אויפגעצאַנקט פונ׳ם אָטעם־לופט דורך דער אָפענער טיר. דערנאָך האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דר׳ערד און אַ רוף געטאָן די באָבען. דער רעגען האָט געקלאַפּט אין די שויבען פון די פענסטער. איך וויים ניט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסען ביים אַרון, מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ שלאָף. מיר איז אַראָפּגע־ פאַלען דער קאָפּ, און איך בין אַזוי איינגעשלאָפען אין דער לייגג פונ׳ם אַרון פון מיין טויטער באָבען. אויפגעוועקט האָט מיך אַ היסטערישער געשריי פון מיין מוטער, וואָס האָט מיך לאַנג אַרומ־ געזוכט אין יענעם פינסטערען, רעגענדיגען אָוועגט. נאָך דעם

בין איך לאנג געלעגן קראנק. און פון יעמאלט אָן פארפאָלגט מיך דער שרעק פון טויט, און פאר׳סם׳ט מיר דאָס לעבען.

מיט א יאָהר צעהן צוריק האָב איך צום ערשטען מאָל ליב באַקומען א מיידעל. זי איז געווען א וואונדערליך ליב וועזען מיט סאמעט־שווארצע אויגען, א נאאיווע און א ריינע, פון א פיינער אידישער פאמיליע. מיר האָבען זיך באגעגענט זומער אויף א פיקניק אין וואלד. צוויי קאמפאניעס זיינען זיך צופעליג צו־זאמענגעקומען און ס׳איז געוואָרען פרעהליך. מ׳האָט זיך פאנאנ־דערגעלעגט אויפ׳ן גראָז אין די בונטע קאסטיומען, און ארום און ארום זיינען געשטאנען די הונדערט יאָהריגע דעמבען. די מיידעל האָט זיך באוויזען פון הינטער די בוימער אין איהר דורכזיכטיגען ראָזעווען קלייד, אָן אָפגעברענטע, א יונגע און א שעהנע, מיט א שטילען, ווייכען שיין אין איהרע שווארצע סאמעט־אויגען. איך האָב זיך אויפגעשטעלט איהר אנטקעגען, און איהר דערלאַנגט די האַנט, ווי מיר וואָלטען זיך שוין פון לאנג אָן געקענט. דערנאָך זיינען מיר צוזאמען געפאָהרען אויף א שיפעל. און שפעט אין אָווענט, געזעגענענדיג זיך מיט איהר, שטעהענדיג לעבען איהר טיר, האָב איך שוין געוואוסט, אז זי וועט זיין מיין כלה און מיין הארץ איז אָנגעפילט געוואָרען מיט אן אומענדליכער פרייד. מיר האָבען זיך אָנגעהויבען באגעגענען טאג איין, טאג אויס. זי איז געווען זעהר סענטימענטאל, און אזוי ווי אויף להכעיס, האָט זי ליב געהאט ווייטע, שטילע ווינקעלען אויף די בית עולם׳ס. אהין פלעגט זי מיך אָפט אוועקפיהרען אין די שטילע הערבסטינע טעג. מיר פלעגען זיך זעצען אויף א פארלאָזענעם קבר און זי האָט מיך שווייגענדיג געצערטעלט. און איך האָב זיך געשעהמט איהר צו דערצעהלען וועגען מיין שרעק פאר׳ן טויט, און נאָכדעם זיינען מיינע נעכט געווען פול מיט קאשמאַרען. פון די פינסטערע ווינק־לען פון מיין צימער, קוקענדיג אויף מיר מיט שווארצע אויגען, האָט געקריצט מיט די געלע צייהנער דער אַלטער מיאוס׳ער טויט. ענדליך האָט זיך דערנעהנטערט דער טאָג פון אונזער חתונה. מיין גליק איז געווען אזוי גרויס. אָט די ליבע מיידעל האָט באַראַפט ווערען מיין פרוי! איך האָב אָנגעגרייט א קליינע וואוינונג אויף איינער פון די שטילע גאסען הינטער׳ן שטאָט. איך האָב זי באַ־פוצט מיט בלומען און אָנגעקויפט אַלערליי סטאטועטקעס, און

אונזער שלאָפצימער איז אײנגאַנצען אײנגעטונקט געװען אין רױ־
טע און װײסע רױזען. מיר זײנען געשטאַנען אונטער דער חופּה.
אונז האָט מקדש געװען אַן אַלטער רב, און אַרום זײנען געשטאַ־
נען אונזערע פרײַנט מיט אַלערלײ פיל־פאַרבינע, ברענענדיגע
ליכטלאַך אין די הענט. דערנאָך האָט געשפּילט מוזיק, מ'האָט גע־
טאַנצט און ס'האָט זיך אָנגעהױבען די חתונה װאָס האָט זיך פאַר־
צױגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן.

פאַרטאָג זײנען מיר געפאָהרען אין אונזער נײער װאױנונג.
איך בין געװען פאַר'שיכור'ט פון גליק און דעם גאַנצען װעג האָב
איך באַשאָטען מיט קושען מײַן געליבטע. אין שטוב זײנען מיר
אַרײַן פאַמעליך, אַרומגענומענערהײט, מיד פון ליבע. איך האָב
אָנגעצונדען ליכט און מיר זײנען אַרײַן אין שלאָפצימער.

— אַזױ װי אין אַ גאָרטען! — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן
און אַרומגענומען מײַן האַלז מיט איהרע װאַרימע מײדעלשע הענט.

זי איז נאָך געװען אין איהר װײסער חופּה־קלײד און אַ קרענ־
צעל פון מירטען איז געװען אױף איהר קאָפּ — „אַזױ װי אין אַ
גאָרטען!" — האָט זי נאָך אַמאָל אױסגערופען, און אונזערע ליפּען
האָבען זיך צונױפגעגאָסען אין אַ לאַנגען, לײדענשאַפטליכען קוש.
אַ זיסע כװאַליע האָט מיך אַרומגעכאַפּט און אװעקגעטראָגען אין
װאונדערליכע װעלטען. און פּלוצים האָט זיך דערהערט פון אונ־
טערשטען שטאָק, װאו דער בעל־הבית האָט געװאױנט, אַ האַרצ־
רײסענדיגער אױסגעשרײ: מאַ־מאַ!... איך האָב אױפגעעפענט
די אױגען און מיט שרעק אַרױסגעלאָזט מײַן געליבטע פון מײַנע
הענט. דער געשרײ האָט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל:
מ אַ מ אַ!

— מ'שלאָגט אימיצען, — האָט געזאָגט מײַן געליבטע. —
דאָס שרײַט אַ פרױ!

איך האָב זיך אַ װאָרף געטאָן צום פענסטער. אין דער אונ־
טער װאױנונג איז געװען ליכטיג.

— מיר מוזען אַרונטערגעהען זעהן, װאָס דאָרט טוט זיך, —
איז זי צוגעשטאַנען צו מיר.

ציטערענדיג אַזױ װי פון פיבער, האָב איך זי אָנגענומען פאַר
דער האַנט, און מיר האָבען זיך בײדע אַראָפּגעלאָזט די טרעפּ.
איך האָב געהאַט דעם פאַרגעפיהל, אַז אימיצער איז דאָ געשטאָרבען.

און דאָס געפֿיהל האָט צונויפֿגעשרופּט מיין לייב אין אַ מאַטער־דיגען שרעק. און ווירקליך, די בעל־הבית׳טע האָט אונז באַגעגנט אין טיר מיט אַ געוויין: איהר מאַן איז פּלוצלינג געשטאָרבען. ער איז געווען אין גאַנצען געזונט, געקומען ביינאַכט אַ פרעהליכער, געגעסען און געשפּאַסט מיט איהר און פּלוצים זיך אַ כאַפּ געטאָן פאר׳ן האַרץ און געפאַלען טויט.

— מאַמאַ, — האָט זי זיך ווידער צושריען און אַזוי ווי משוגע זיך גענומען קלאַפּען מיט די פויסטען אין דער ברוסט. דערנאָך האָט זי אונז ביידען אַריינגעשלעפּט אין צימער, וואו ס׳איז געלעגען דער טויטער. ער איז געווען נאָך אַ יונגער, נאָר זעהר אַ דיקער, מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגען, וואָס זיינען נאָך געווען אָפען. ער איז געלעגען אויפ׳ן בעט האַלב אָן אויסגעטאָנענער און אַ גרויסער בריליאַנט אין זיין רינג אויף דער לינקער האַנט האָט געפינקעלט און איבערגעגאָסען זיך אין שטראַהלענדיגע פייערלאַך. מיר זיינען ביידע געשטאַנען און געשוויגען. זי אין איהר ווייסער חופה קלייד מיט׳ן קראַנץ מירטען אויפ׳ן קאָפּ, און איך אין מיין שוואַרצען פראַק מיט אַ רויטער רויז אין לאַץ. איך האָב דער־פיהלט, אַז איך ווער משוגע. מיין גאַנצער גליק איז געוואָרען פאַר׳סם׳ט מיט דעם טויט פון אָן אונז פרעמדען מענשען. אַ צובראָכענער בין איך אַרויף אין אונזער וואוינונג. זי האָט מיך איינגעלייגט און געפּרואווט מיך באַרוהיגען, נאָר איך האָב אַלץ געהערט דעם געשריי פון דער פרוי, און פון די ווינקלען פון מיין צימער, האָט געקוקט אויף מיר מיט שוואַרצע לעכער אנשטאָט אויגען, דער אַלטער מיאוסטער טויט קריצענדיג מיט די געלע גרוי־סע ציינער.

דער דענטיסט איז אנטשוויגען געוואָרען. און פון ביידעל הינטער די בוימער האָט זיך נאָך אַלץ געהערט דער יאָמער פון דער אַלטער נענעריך און פון ווייטען האָט געהיימניספול געברומט דער ים.

װערא מאַיסעיעװנאַ.

װי נאָר די סטודענטקע װערא מאַיסעיעװנא איז ארױס פון װאָקזאַל און זיך דערזעהן אין דער שטאָדט, איז זי באפאַלען א שװערער אומעט און א פאַרגעפיהל פון עפּעס שרעקליכעס, אומ־פאַרמײדליכס, װעגען װאָס עס האָט זיך אזױ ניט געװאָלט טראַכ־טען די לעצטע צײט, האָט װעהטאָענדיג איהר צוגעדריקט דאָס הארץ.

אױפ'ן ראָג פון א גרױסער רױשענדער גאס האָט זי זיך אָפּגעשטעלט װארטען אױפ'ן טראמװאי װאָס האָט זי געדארפט פיהרען אױף יענער זײט טײך, װאו איהר פאָטער האָט געװאױנט, אַן אַלטער פּאָליטישער אימיגראנט פון די פאָלקס־באפרײער.

װערא מאַיסעיעװנא האָט זיך צוגעשפּאַרט צום אײזערנעם עלעקטרישען סלופּ, אָפּװאַרטענדיג דעם טראַמװאַי. זי האָט א טראכט געטאָן, אז אין א חודש ארום הױבען זיך אָן די האַלב־דאָקטאָרסקע עקזאַמענעס, און זי איז אזױ װעניג פאָרבארײט דער־צו. און דערנאָכדעם האָט זי זיך דערמאָנט אָן שטילען בערנינען רערפּעל, װאו זי איז געװען צוגאַסט בײ איהרער א חבר'טע און פון װאַנען זי איז עס איצט געקומען. פאר איהר זײנען אױפ־געשטאַנען הונדערט־יעהריגע דעמבעס בײ די זײטען פון א שטילען װעג, װאו זי האָט אזױ ליב געהאט דורכצוגעהן זיך אין די פריה־מאָרגענס און אין די אװענט־שעה'ען, א קלײנע הילצערנע שאלע, א שװײיצערער דאָרף־הײזעל, דאָס קלינגען פון די גלעקלאַך אױף די קיה, װאָס פּאַשען זיך אין די בערג, און די רױטע אַלפּען־רױזען בונט רױמענדיג זיך אין קלאָרען װײסען שנײ.

די אַלע טעג, װאָס זי האָט דאָרט פארבראכט, האָבען גע־װעסט אין איהר אזױ פיל אײנװױנענדיגעס, אזױ פיל רוהיגעס, אז דאָס האָט זי געמאכט פארגעסען די ניט־גליקליכע הײראַט איהרע.

װאַסיל, דער מאַן איהרער, האָט זיך איהר אױסגעדוכט צו

זיין א קרבן פון פינסטערע שנאה און ווילדען כעס, וואס ער האט געטראגען צו איהר פאלק, און זי האט איהם באדויערט, ווי זי האט באדויערט זיך אליין און אויך געוויינט אויפ'ן מזל פון איהר קינד, דאס אינגעלע, וואס זי האט איצט געלאזט ביים פאטער.

עטליכע מאל האט זי געשריבען צום מאן, אז ער זאל כאטש אויף איין טאג קומען צו איהר אין די בערג. דארט איז געווען אזוי פיל זון, אזוי פיל שיינענד־גאלדען ליכט, אזוי פיל פארבינקייט, און די בוימער, און די צווייגען אויף זיי האבען זיך געבויגען אונטער דער שווערער משא פון פרוכטען, און די מענשען, ארבייטענדיג אין די פעלדער, זיינען געווען זארגלאז און פרעהליך.

עס האט זיך געדוכט, ווען ער וואלט נאר קומען, וואלטען זיי זיך עפעס אנדערש פארשטאנען איינער דעם אנדערען און דאס לעבען זייערס וואלט געווארען ווידער שטיל און גוט, ווי אין דער מארגענרויט פון זייער ליבע.

נאר וואסילי האט אפילו ניט געענטפערט: זי האט דערפאר צוריק געאיילט אין שטאדט און איצט האט מיט א נייער קראפט אויפגעפלאקערט אן אומעט און אן אומרוהינקייט אין איהר נשמה. די פרוי האט זיך פארלארען און זיך דערפיהלט געפאלען.

דער טראמוואי איז אנגעקומען. ווערא האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער פלאטפארמע, געפיהלט ווי עס שטיקט זי, און געזוכט, אז דער הערבסט־ווינט זאל מיט זיין קאלטקייט איהר אטעמען אין פנים. דער טאג איז געווען א טריבער, און עס האט אנגעהויבען צורוקען זיך דער פארנאכט. ווען דער טראמוואי איז צופעליג לענגער שטעהן געבליבען ערגעץ אויף די סטאנציעס איז זי געוואקסען אויסער־זיך, איהר האט זיך וואס גיכער שוין געוואלט זיין אין דער היים, אום צו זעהן יענעם אומעט, וואס האט אויף איהר געווארט, זיך באהאלטענדיג אין די פינסטערע ווינקלען פון איהרע צימערען.

ווען זי איז צוגעגאנגען צו איהר הויז, האט זי אנגעטראפען עפעס א מענשען, א פארזעהעניש, מיט א הויקער. זי האט א ציטער געטאן:

— א שלעכטער סימן.

און זיך געלאזט גיך אין הויז אריין.

די טיר האט איהר אויפגעעפענט דער פאטער איהרער. ארומ־

נעהמענדיג איהם, האט זיך איהר אויסגעדרוקט, אז ער האט א העשע געטאן און זיינע הענט ציטערען. דערנאך האט זי לאנג געצערטעלט איהר אינגעלע, וואס האט זיך איהר אויפ'ן האלז אנגעהאנגען.

— וואסילי איז דא געווען? — האט זי געפרעגט ביים פאטער, און גענומען ארומקוקען זיך אין דער שטוב, ווי זי וואלט איצט דאס ערשטע מאל דא געווען.

— איך האב איהם ניט געזעהן זינט דיין אפפאהר, — האט דערשלאגען געענטפערט דער פאטער.

ווערא איז בלאס געווארען און שטיל געזאגט:

— איך האב דאס געוואוסט, איך האב דאס געוואוסט.

זי איז נאכדעם מיט איהר אינגעלע אריין אין איהר צימער און דערפיהלט מיט אמאל א פיזישע דערשלאגנקייט. זיך צו-געזעצט ביים פענסטער, הינטער וועלכען עס האט זיך געשווארצט א הערבסטיגע טויטע נאכט.

— מאמע, וואס ביזטו אזוי אומעטיג? — האט דער אינגעל געפרעגט און זיך אראפגעלאזט צו איהרע פיס, קוקענדיג אויף איהר מיט שרעק אין זיינע גרויסע, שווארצע אויגען.

און זי, ווערא מאיסעיעווגא, איז געזעסען, ווי א צום טויט פאר'משפט'ע מיט א בלאסקייט אויף איהר שעהנעם פנים, און כסדר געביסען זיך די ליפען אויפציטערענדיג צייטענווייז מיט איהר שלאנקען קערפער ווי אין א פיבער.

דער פאטער איז צו איהר אריין.

וועלענדיג איהם ווייזען, אז זי איז רוהיג, האט זי גענומען איהם דערצעהלען ווי גוט זי האט פארבראכט די צייט אין די בערג.

דער אלטער האט גארנישט געענטפערט און איז ווידער ארויס.

ווערא האט ווידער זיך פארטראכט וועגען וואסילי'ן. דערמאנט די ערשטע יאהרען פון איהר צוזאמענלעבען מיט איהם. וויפיל גוטסקייט איז געווען אין איהם. ער איז שטענדיג געווען פול מיט ליבע צו די אונטערדריקטע, אלעמען גערופען צום קאמף גע-גען דאס שלעכטס. מיט זיינע רעדעס אויף די אימיגראנטישע פארזאמלונגען פלעגט ער אנצינדען די צוהערער. געווען איז ער דאן א וויכטיגער מיטגליד פון דער רעוואלוציאנערער גרופע. ווי ליב האט זי איהם דאן געהאט, נאר דאס גליק האט זיך לאנג ניט

Digitized by Google

נעהאלטען. אונטער דעם איינפלוס פון שלעכטע חברים האט ער זיך שארף געענדערט, און דאס לעבען מיט איהם איז געוואָרען אונערטרעגליך. ער איז געוואָרען הארט און קאלט צו איהר, און גאנץ אָפט אין א קריג האט ער זי גצזידעלט, אָנרופענדיג זי „זשידאָווקא".

זי האט אונאויסשפּרעכליך געליטען און איהם אלץ דאך יעדעם מאָל מוחל געווען. אזוי האט דאס געדויערט ביז'ן לעצטען קריג, וואס האט זיך אָנגעהויבען דורך א נארישקייט: וואסילי מיט איהר פאָטער האבען געשפּילט אין קאָרטען. זי האט זיך גראד געפונען אין צווייטען צימער ביים בעט פונ'ם שלאָפענדיגען איינגעלע. מיט אמאָל האט זי דערהערט א שארפען אויסגעשריי פון איהר מאן. זי איז אריין צו זיי, די קאָרטען זיינען געווען צעוואָרפען איבער דעם דיל און וואסילי, מיט אן אויסגעקרימטען פנים, האט געשריען אויפ'ן אלטען, וועלכער האט פאר אויפרעגונג נישט געקאָנט קיין וואָרט ארויסרעדען.

— מיר קענען אייערע קונצען. אין אלץ מוזט איהר דרעהען — שאכער־מאכער. פארוואס האט איהר אריינגעקוקט אין מיינע קאָרטען?

— נו, נו, וואסילי. דו ביזט ווי פון זינען אראפ, — האט איהם ווערא געפּרובט בארוהיגען. — וואס איז מיט דיר, עס איז דאך אזוי ווי צווישען קינדער.

נאָר ער האט זיך געקאכט, באוואָרפען מיט אומזיסטע באשולדיגונגען דעם אלטען און צום סוף, א זאָג טוענדיג אז ער וועט שוין מעהר אין דעם הויז זיך נישט אומקעהרען, האט ער א האפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אוועק.

אויף מאָרגען איז ווערא, א פארמאטערטע, אוועקגעפאָהרען צו איהר פריינדין אין די בערג, און איצט, שוין לאנג איהם מוחל זייענדיג, האט זי באשלאָסען נעהן איהם רופען צוריק אהיים.

זי האט גענומען דאס איינגעל שלאָפען און פארפאלגט פון א זינלאָזער אונרוה איז זי אוועק איהם זוכען. די נאסע שווארצע נאכט האט זיך איינגעזויגען אין איהר און געמאכט איהר פיהלען נאך וועהטאָגדיגער די עלענדקייט.

אריבערגעהענדיג די אייזערנע בריק, האט זי זיך אָפּגעשטעלט ביי די פּארענטשעס און זיך פארקוקט, ווי עס לויפען אין דער

ווייטהיים אריין מוסנע רווישינע בוואליעס. מים אונאויסשפרעכ־ליכע כחות האט איהר א ציה געטאן אתטען אראפ. נאר זי האט זיך פון וואס א ריס געטאן און אוועק ווייטער.

זי איז געווען ביי איינינע פון זיינע חברים און צום סוף געפונען איהם אין קאפע, וואו געוועהנליך די פאליטישע אימיגראנ־טען און סטודענטען שפילען אין קארטען.

דערזעהענדיג זי, זיינען זיינע אויגען בייז געווארען. און איינהאלטענדיג האט ער געפרעגט:

— פארוואס ביזטו געקומען אהער?

— וואסילי, — האט ווערא אנגעהויבען, שלינגענדיג די טרע־רען, — קום אהיים, כ'בין נאר וואס געקומען פון דארף און עס האט זיך אזוי געוואלט דיר זעהן. פארוואס ביזטו נישט געקומען ווען איך האב דיר גערופען אין די בערג? ווי גוט דארט איז געווען. נו, קום, ליבער אהיים, קום, איך בין אזוי אויסגעמאטערט, ביי מיר זיינען באלד די עקזאמענס, און דו ווייסט דאך, אז איך דארף זיך רוהיג לערנען, אנדערש וועלען מיר זיך קיינמאל נים ארויסרייסען פון אונזער נוים.

— נעהערט, נעהערט שוין, — האט איהר איבערגעשלאגען וואסילי — ווייס איינמאל פאר אלע מאל, אז איך האב קיינע עסקים נישט מיט דיינע באשעפטיגונגען און לאז מיך צורות.

ער איז צוריק געגאנגען צום קארטען־טישעל.

א פאר מינוט איז ווערא געבליבען א פארשטיינערטע אויף איהר ארט, קוקענדיג מיט גרויסע אפענע אויגען ארום. דערנאך איז זי ווי א שאטען שטיל ארויס פון קאפע.

אויפ'ן גאס, אונטער'ן גלעזערנעם דאך פון קאפע, האט זי זיך צוגעזעצט צו א טישעל און שטארק צוגעדריקט מיט די הענט די שלייפען, וואס האבען איהר ביז וועהטאג געקלאפט אין קאפ. דער קעלנער איז צוגעקומען פרעגען וואס זי וויל.

זי האט זיך מעכאניש אויפגעשטעלט און אוועק מיט דער גאס. דער ווינט האט זיך א יאג געטאן נאך איהר, ווארפענדיג אויף איהר די געלע טויטע בלעטער און דורכדרינגענדיג מיט קעלט איהר דאר־ רינגען קערפער.

ווען זי איז אהיים געקומען, איז דער פאטער שוין געשלאפען. זי איז שטיל געזעסען ביים בעט פון איהר אינגעלע און לייכט

צונעריהרט זיך מיט די ליפּען צו זיין קעפּעל, ער זאָל ניט אויפ־וואַכען און דערנאָך האָט זי זיך געזעצט שרייבען אַ בריף צו וואַסילי׳ן. אין דעם בריף האָט זי איהם דערצעהלט נאָך אַלץ וועגען איהר ליבע צו איהם, וועגען רחמנות, וואָס מענשען דאַרפען פיהלען איינער צום אַנדערען און וועגען דעם, אַז זי איז אַ גרויסע זינ־דינערין מיט דעם שרעקליכען שריט, וואָס זי האָט איצט אונ־טערגענומען טאָן.

שפּעט ביינאַכט האָט זי אָנגעהויבען פּלוצלונג וועקען איהר קליינעם איננעלע. זי האָט איהם אָנגעטאָן. אַרויסגעפיהרט איהם אין קאָרידאָר און גענומען מיט איהם אַרויפגעהן מיט די שטיגען צום העכסטען שטאָק. דאָס איננעלע איז פּלוצלונג שטעהן געבלי־בען ,אַרומגעכאַפּט די מוטער און זיך צואַוויינט.

אַ טויבער קלאַפּ פון אַ פאַלענדער שווערער משא האָט ערגעץ אין דער נאַכט אַ פאַל געטאָן און גלייכצייטיג האָט זיך דערהערט אַ שאַרפער אויסגעשריי פון אַ קינד. און אַז די שכנים זיינען אַרויס אין גאַס, האָבען זיי געפונען ווערא׳ן אַ טויטע אויף דער ערד און דאָס איננעלע אַ פאַרטשעפּעטען אויפ׳ן בוים וויינענדיג.

די זעלבסמערדערין איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין הויז.

ווען וואַסיל איז געקומען און דערזעהן די ליכט, וואָס האָבען געברענט ביי ווערא׳ס קאָפּ, האָט ער גענומען אויף זיך רייסען די קליידער, יאָמערענדיג:

— אָ ! וואָס האָב איך אָפּגעטאָן ! וואָס האָב איך אָפּגעטאָן ! אָפּגעטאָן !

די שכינה

(א שטימונג)

און דאס איינגעלע שמואל איז געווען א יתום און האט געלעבט ביים זיידען. דער זיידע איז געווען א גרויער, שוין איינגעבויגענער איד, שטענדיג אין א יארמעלקע, און אין א לאנגער שווארצער זשופיצע. אין זיין פיגור און אין זיינע באנעהמונגען איז געווען עפעס שטרענגעס. ער איז געווען זעהר פרום און איז געווען גליקליך מיט דעם, וואס ער באלאנגט צו דעם פון גאט־אויסדערוועהלטען פאלק. אויף די אידישע צרות און באליידיגונגען האט ער געקוקט ווי אויף א זאך וואס עס מוז פארקומען, ווי אויף עפעס, וואס איז אין הימעל אנגעצייכענט געווארען, און אויף די באליידיגונגען פון די הויכע און שטארקע פלעגט ער קוקען ווי אן אלטער אריסטא־קראט קוקט אויף די מעשים פון א קנעכט,וועלכער איז עולה לגדולה געווארען. און דאס איינגעלע שמואל האט ליב געהאט דעם זיידען, און פלעגט גערן געהן מיט איהם אין בית המדרש, וועלכער איז געווען פאר איהם פול מיט וואונדערליכע סודות. אין דער היים און צווישען קינדער פלעגט איהם זיין אומעטיג... אלע שפילערייען און פארוויילונגען פלעגען איהם שנעל דערעסען. דער אלטער פלעגט אפטמאל קוקען אויף זיינע פארטראכטע טרויעריגע אויגען, וואס האבען געהאט אין זיך דעם סומנעם פחד פון די קומענדיגע ליידען, און מיט א באהאלטענער פרייד פלעגט ער טראכטען: —

דער טרויער פון דער שכינה איז אין זיינע אויגען! ער וועט זיין א גדול בישראל.

עס איז געווען א ווינטער־טאג. אין דער פריה איז אויס־געפאלען א שניי, וואס האט איינגעהילט דאס שטעטעל. די קינ־

דער פון צוויי חדרים האָבען פארפיהרט צווישען זיך א מלחמה, פארוואָרפענדיג איינע די צווייטע מיט שניר־קוילען; זיי האָבען היציג געקעמפט צווישען זיך און הילכיג געשריען פון פארנעגינען. שמואל'ן האָט דאָס מיט אמאָל דערעסען און ער איז א מידער, און אומעטיגער אוועק צום זיידען. דער אלטער האָט איהם אוועק־געזעצט נעבען זיך, געעפענט דעם תנך און האָט מיט איהם אָנגע־הויבען צו לערנען יענע וואונדערליכע געשיכטע, וועגען חנה'ן דעם נביא'ס מוטער און דעם אַלטען כהן אלי. דאָס איינגעל האָט געלערענט מיט גרויס חשק און געשמאק, זינגענדיג פסוק נאָך פסוק.

אזוי ליב און צערטליך האָט איהם אויסגעזעהן דער יונגער נביא אין דעם לאנגען אויבער־מאנטעל, וואָס די מוטער פלעגט איהם ברענגען פון יאָהר צו יאָהר...

און אין אָוועגט זיינען דער זיידע מיט'ן איינינקעל אוועק אין בית המדרש. און אין נאָט'ס הויז האָט זיך שוין דער עולם צו־נויפגעקליבען, שטעהענדיג אין רעדלאך ארום דעם ווארימען אויווען, שמועסענדיג וועגען די אומרוהיגע טעג, ווען די יונגע האָבען אויפגעהערט צו אכטען די אלטע, און זיינען אויפגעשטאנען געגען גאָט.

אין די גרויסע קיילעכדיגע פענסטער האָט זיך געצונדען דער רויטער, שמאָל־קאלטער זון־אונטערגאנג. דער אלט־פרענקישער קופערנער הענג־לייכטער איבער'ן בימה האָט געברענט אין דעם גאָלד פון אונטערגאנג; און אין ווינקעל, אין דער הויך איבער'ן אויווען, זיינען די דינע שפין־וועבס באפארבט געוואָרען אין פור־פור, ווי זיידענע געפּאָלירטע פעדים.

דאָס איינגעל פארקלייבט זיך אין ווינקעל ביים ארון קודש. דאָרטען הערשט שטענדיג א געהיימניספולע טונקעלקייט און ווען מען פארמאכט די אויגען, פיהלט זיך א פאָכען פון אטלאסענעם ווייסען פליגעל פון א צויבערליכען, אומזיכטבארען פויגעל און א הייליגקייט דרינגט אריין אין נשמה און דאָן איז ניט אזוי אימה'דיג דער חושך פון די נעכט, ווען די זאַווערוכע יאָמערט.

נאָך מעריב געהט דאָס איינגעל אריין אין חדר שני, וואו

עס שלאָפן די ישיבה־בחורים. דאָרטן איז היים. דאָס קליין טונקעל פענסטערל איז פאַרשטעקט מיט א ברודיגן קישן. ביי די זייטן שטייען לאַנגע דעמבענע בענק, א ברייטער צוקריצ־טער טיש, וועלכער איז פאַרקאָפּעט מיט וואַקס פון די אָנגעברענטע ליכט, און אויף איהם ליגט אַן אַלטע צושויבערטע גמרא. דאָס אַלץ איז אַזוי ליב און טייער דעם אינגעל. דאָ, אין יענעם ווינקעל, וואו עס זיצט איצט א יונגער בחור און וואַרעמט זיך ביים אויוען, האָט ער אָפּטמאָל געהערט וואונדערליכע מעשיות. דאָ האָט זיך אין זיין קינדיש האַרץ אָנגעצונדען דער פייער פון גלויבען, וועלכער האָט איינגעהילט זיין נשמה אין מיסטישע און קרענק־ליכע איבערלעבונגען. דאָס אינגעל האָט זיך שטילערהייט אוועק־געשטעלט אהינטער דעם בחור, קוקענדיג אויפ'ן פייער. אין די פלאַמען האָט זיך איהם געדוכט, שפּרינגען אום קאַרליקעס, קליי־נינקע, מיט איינגעשרומפּענע פּנים'לאַך און רויטע בערד. האַל־טענדיג זיך פאַר די הענט, דרעהען זיי זיך אין א קאַראַהאָד און לאַכען מיט א רויטען געלעכטער, געשיקט הויבענדיג די פיסלאַך.

נאָר אָט זיינע זיך אַלע צוגאַנגען, בלויז דער זיידע איז נאָך געבליבען. ער נעהמט אַרויס א ספר, צינדט אָן א ליכט און זעצט זיך אוועק ביים טיש. ער קוקט אַריין אין ספר שוויינענדיגער־הייט, נאָר פון צייט צו צייט הערען זיך זיינע שווערע זיפצען, און זיין גרויער קאָפּ לאָזט זיך אַלץ נידעריגער אַראָפּ איבער'ן אַלטען ספר.

שמואל'ן ווערט אומעטיג און ער פאַרקלייבט זיך אין ווינקעל צום ארון קודש. איהם ווילט זיך פיהלען דאָס פאָכען פון די אַטלעסנע ווייסע פליגעל פון דעם אומבאַוואוסטען פויגעל, און פיה־לען אין זיך דעם רוח הקודש. באַלד דערפיהלט ער דאָס, און אַזאַ טיפע פרייד נעהמט איהם דורך. דאָס איז גאָט, — טראַכט דאָס אינגעל. ער שוועבט איבער מיר, און איך וועל ווערען זיין אויס־דערוועלטער. מען דאַרף לאַנג, לאַנג תפלה טאָן... פּלוצלונג ווייזט זיך איהם אויס, אַז עמיצער רופט איהם: שמואל, שמואל! ער עפענט אויף די אויגען און קוקט זיך אַרום. עס איז שטיל, בלויז דער אַלטער גיט א זיפץ, און די ליכט קנאַקט.

— זיידע, האָסט מיך גערופען? — פרעגט דאָס אינגעל.

דער אלטער הויבט לאנגזאם אויף דעם קאפ.

— ניין, מיין קינד.

און דאס אינגעל בלייבט ווייטער האלב פאר'חלום'ט.

נעהענדיג צוריק אהיים, קוקט אויף זיי די לבנה פון רייגעם הימעל, און אזוי שטיל און ווייס איז אלץ ארום. פון די תייזלאך ציהען זיך אויס'ן וועג ברייטע רוהיגע שאטענס...

Digitized by Google

אויפֿן וועג נאָך ווענעציע

אין איינער פֿון די אַלטע איטאַליענישע שטעט, נים ווייט פֿון ווענעציע, בין איך פּלוצלינג קראַנק געוואָרן אויף זומער־טיפֿוס. וואָס באַשטייטן שוואַרץ און יעדע סעקונדע. כמעט צוויי וואָכן געלעגן בין איך אָפּגעלעגן אויפֿ'ן דיל און עפּעס אַן אַלטן פֿאַרלאָזענעם פּראָוויזאָריום, און איך האָב זיך געדרייט פֿון ווייטיק איבער'ן גאַנצן לייב, געבראַטן פֿון היץ, אויסגעטריקנט פֿון אַ בלוטדורשטיקן קאָמאַר.

נאָכדעם בין איך אויפֿגעשטאַנען און זיך אַוועקגעשלעפּט צו דער באַן אומגליקלעכער און שטיקענדיקער אַרבעטסטאָג, אָבער פֿיבערדיק מיט בעבלער, קראַנקע מעגן־פּיעדלאַך, וואָס האָבן געשאַלטן און אויך צעשטעלט די פֿאַרבייגייער.

סיר איז געווען פֿרימאָרגן: די פּיס האָבן מיר געציטערט, דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט, איך האָב געכאַפּט אַ טרונק און זיך געהאַלטן מיט פֿאַרדרוס, וואַרעם און נאָך וואָס נאָך איך בין אַ פֿרעמדער לאַנג געזען אַ געפֿינען אין קאַסטן.

און אַזוי פֿאַרכמאַרעט בין איך אַנטלאָפֿן דורכגעגאַנגען די לאַנגע שטיקענדיקע גאַסן און אַרויס אויפֿ'ן גרויסן פּאַרק־פּלאַץ. אין מיטן פּלאַץ איז געשטאַנען אַ גרויסע, גרינע, שטיינערנע מעבירה, מיט ברייטע גראָזן אויף די פֿענצטער, מיט פֿיגורן פֿון טויטע, פּונקט ווי אַ מיטל־אַלטערלעכער שלאָס פֿון אַ ריטער.

איך בין דורכגעגאַנגען דורך דער ווייטער, פֿיל־קאָלירטער טויער פֿון די שוואַרץ־אייזערנע פֿאַרקייפּערינס פֿון אַלערליי גרינסן, פֿרוכטן און בלומען און זיך אָפּגעשטעלט נים ווייט פֿון דעם טויער פֿון דער מעבירה.

דאָס איז געווען אַן אַלטע טורעם. זי איז געשטאַנען, ווי אויף אַ קליינעם אינזל, אַרומגערינגלט מיט אַ טיפֿן קאַנאַל פֿון

שטעהענדיגען מוטנעם וואסער, ארום וועלכען עס האָט זיך אויפגעהויבען א גלאטע, הויכע, שטיינערנע וואנט.

איך האָב לאנג געטראכט, וואָס צו טאָן. ווייטער געהן האָב איך קיין כח נים געהאַט, און איך האָב באשלאָסען אריינצוגעהן אין טורמע און בעטען, מען זאָל מיך אדעסטירען און אָפּשיקען מיט'ן עטאַפּ צוריק צום גרעניץ.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טויער. דער וועכטער האָט אויפגעעפענט דאָס אויג־פענסטערל, מיך ארומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס, א שמייכעל געטאָן און געפרעגט, וואָס איך וויל.

איך האָב איהם ערקלעהרט. ער האָט זיך צולאכט און געבעטען אביסעל צוואווארטען. אין עטליכע מינוט ארום האָט זיך דער טויער געעפענט און מען האָט מיך אריינגעפיהרט אין א פינסטערען קאָרידאָר. ער האָט ווידער באטראכט מיין אָרימען הילוך מיט'ן שווייצארישען זעקעל אויף די פּלייצעס און איז ארויס.

איך האָב זיך אויסגעצויגען אויף א באנק און פארמאכט די אויגען, און גלייך איז פון א ווינקעל פונ'ם פינסטערען קאָרידאָר צו מיר צוגעקראָכען א בלוטיג־רויטע אומגעלומפּערטע בריה, זיך ארויפגעדראַפּעט אויף דער ברוסט מיט איהרע קלעפּעדיגע שווערע לאַפּעס מיט די שפּיציג־שארפע נעגעל.

פּלוצלונג האָט מיך דער וועכטער אויפגעוועקט און אריינגעפיהרט אין קאַנטאָר. דאָרט האָט א באאמטער לאנג באטראכט מיין פּאַספּאָרט, געפרעגט, צוליב וואָס וואנדער איך ארום איבער איטאליע, און נאָכדעם געהייסען דעם וועכטער מיך פּשוט ארויסווארפען צו אלדי שווארץ יאָהר...

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. דאָס וועטער איז געווען כמארנע. עס האָט געבלאָזט א ווינט, און אין הימעל האָבען זיך געזאמעלט מחנות וואָלקענס.

א יונגע, שעהנע הענדלערין האָט מיר געגעבען עטליכע אָראנדזשען און א שטיק „פּאלענטא“. א צווייטע פרוי, א בלומען־הענדלערין, מיט גרויסע זילבערנע אויערינגלאך אין די קליינינקע אויערלאך, האָט מיר געשענקט א בינטעלע „פארגעס מיך נים“, און איך, א דערפרעהטער, בין אוועק ווייטער און ארויס אויפ'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט קיין ווענעציע.

ביז פארנאכט האָט דער ווינט געהאלטען אין איין פאנאנדער־

יאָגען די כמאַרעס, געווינט די זאַנגען אין די פעלדער, און אויפ־
געהויבען וואָלקענס שטויב איבער דעם וועג. און ווען עס איז
טונקעל געוואָרען, האָט מיט אמאָל א נאָס געטאָן א שלאַנס־רעגען.

שפעט אין אָוונט בין איך, איננאַנצען א דורכגענעצטער,
אָנגעקומען אין א קליין שטעטעל, און גענומען אָנקלאַפּען אין די
פענסטער פון די הייזער, אז מען זאָל אריינלאָזען א וואַנדערער,
וועמען דער רעגען האָט פאַרכאַפּט אין וועג.

אָבער קיינער האָט ניט געענטפערט. נאָר ביי איין הויז
האָט פון א פענסטער זיך ארויסגערוקט דער קאָפּ פון אן אַלטער,
בייזער פרוי, און אָנגעשריען:

— אוועק, אוועק, דו שלעפּער! קיין רוה האָט מען ניט פון
זיי, פאַרשאָלטענע!

איך בין אוועק ווייטער. ענדליך בין איך צוגעקומען צו א
שענקעל, פון וואַנען עס האָבען זיך געטראָגען פרעהליכע קולות
און טענער פון גיטאַרען און מאַנדאָלינען.

איך בין אריין.

אין א גרויסען צימער מיט פאַררויכערטע ווענט און א היל־
צערנער סטעלי זיינען ארום א לאַנגען טיש געזעסען סטודענטען
מיט א יונגען דאָקטאָר און געטרונקען וויין. הינטער'ן צאַהלטישעל
איז געשטאַנען א הויך־געוואַקסינע, פעטע שענקערין, מיט א זשאַד־
נעם רויטען מויל, און שמייכלענדיג געזשמורעט די אויגען, פאַר־
צויגענע מיט תאוה.

דער זעהן דעם פרעמדען וואַנדערע, האָט די קאָמפּאַניע פרעה־
ליך אויסגעשריען און א קלאַפּ געטאָן איבער די סטרונעס פון די
גיטאַרען און מאַנדאָלינען, ווי זיי וואָלטען באַגעגענט אן אַלטען
גוטען ברודער. און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אז איך בין
פון רוסלאַנד, האָבען זיי גענומען מיך אָנטרינקען מיט וויין איי־
נער פאַר דעם אַנדערען און זינגען פאַר מיר זיסע היימישע איטאַ־
ליענישע לידער.

ווען מיר זיינען ארויס פון שענקעל, איז שוין געווען נאָך
האַלבער נאַכט. דער הימעל האָט זיך געהאַט אויסגעלייטערט
און עס האָט געשיינט די לבנה. די קאָמפּאַניע איז זיך פאַנאַנדער־
געגאַנגען אין אַלע זייטען. מיך האָט דער דאָקטאָר געפיהרט צו
זיך אויף נאַכטלעגער. דאָס איז געווען א שלאָגער, ברייט־ביר־

נערדינער מאן מיט אן ענערגישען, שעהנעם פנים פון אן אמאליגען העלענער.

מיר זיינען צוגעקומען צו זיין שטיבעל, וואס איז געשטאנען אין עק שטעטעל, איינגאנצען ארומגעפלאכטען מיט קריכעדיגע פלאנצונגען און רויזען. אין איינעם פון די באלקאן־פענסטער איז געווען ליכטיג. דער דאקטאר האט א שפיל געטאן אויף דער מאנדאלינע און אנגעפאנגען זינגען עפעס א סערענאדע, איינגעהילט אין דעם פאספאר־שיין פון דער לבנה.

איך בין געשטאנען לעבען איהם מיט'ן זעקעל אויף די פלייצעס און מיט'ן שטעקען אין האנט און, ניט ווילענדיג, צוגעשמייכעלט פון אט־דער ריטערליכער אידיליע.

אויפ'ן באלקאן האט זיך באוויזען א מיידעל אין א ווייסען קלייד און, אריבערבויגענדיג זיך איבער'ן פארענטש, געזאגט:

— קום אריין, ליבער! וואס אזוי שפעט און ווער איז דאס מיט דיר?

— דאס פיהר איך דיר א וואנדערער, — האט דער דאקטאר געענטפערט, און ווייטער באזינגענדיג דעם צויבער פון זיין געליבטער, האט ער מיך אריינגעפיהרט אין הויז.

איך בין איבערראשט געווארען, ווען א אידיש פאלעסטינער מיידעל, מיינע א גוטע באקאנטע, האט אונז געעפענט די טיר. דאס איז געווען די טאכטער פון א יאפער בעל־אכסניה, צו וועמען איך פלעג אפט אריינקומען, בעת איך בין געווען אין יהודה.

זי האט מיך אויך גלייך דערקענט. זי איז אינגאנצען רויט געווארען פון דער אומערווארטעטער באגעגעניש, און אפשר פון גאווה און גליק, וואס איך זעה זי אין איטאליע, אין דעם הויז פון איהר געליבטען. דער דאקטאר האט זיך דערפרעהט, ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז מיר זיינען באקאנט. מיר האבען פארבראכט ארום א שעה צוזאמען און ער איז אריין צו זיך אין צימער און אונז איבערגעלאזט אויפ'ן באלקאן.

און אט וואס זי האט מיר דערצעהלט:

מיט א יאהר צוריק האט זי געוואוינט אין ירושלים און געארבייט אין אן ענגלישען מיסיאנערישען שפיטאל, גרייטענדיג זיך צו ווערען א בארמהערציגע שוועסטער. אמאל, אין א פריהמארגען, האט זיך דארט באוויזען א נייער דאקטאר, א יונגער איטאליענער,

און ער איז געווען זעהר גוט צו איהר און האט אלץ געשמייכעלט, צוקוקענדיג ווי זי, אין א ווייסען לאנגען פארטוך, שלייכט שטיל איבער דעם שפיטאל און באדינט די קראנקע.

איינמאל, ווען זיי זיינען געבליבען אליין אין קארידאר, האט ער איהר שטארק א דריק געטאן די האנט און געזאגט:

— איהר געפעלט מיר א סך בעסער, ווי די מיידלאך פון מיין איינענעם לאנד, און ווי די שלאנקע פעלאשקעס, וועלכע מען רופט טעכטער פון נאט...

זי האט אויפגעציטערט. קיין איין בחור האט נאך מיט איהר אזוי נים גערעט. זי האט גארניט געענטפערט, נאר איז געשטאנען פאר איהם, שיינענדיג פון גליק.

אט־אזוי האט זיך עס אנגעפאנגען.

און אויף מארגען זיינען זיי אין אווענט צוזאמען ארויס פון שפיטאל און לאנג ארומגעגאנגען איבער די שמאלע, פינסטערע געסלאך פון אלט־שטאט, וואו די אראבער פארקויפען אלערליי בשמים, געווירצען און שמעקעדיגע בלעטער. ער האט געזאגט, אז איהם געפעלען זעהר די מזרח־לענדער, און אז שוין לאנג האט איהם אהער געצויגען, אין אט דעם לאנד פון די גרויסע נביאים.

ווען עס איז טונקעל געווארען, זיינען זיי ארויס צו מגדל־דוד און ער האט שטיל פארגעלעגט אריינצוגעהען מיט איהם אין זיין הויז. זי האט זיך אויף א רגע אפגעשטעלט און פארקלעהרט, און ער האט זי אנגענומען פאר א האנט און אוועקגעפיהרט וויי־טער. זי האט זיך פלוצלונג דערפיהלט מיד און איז איהם נאכגע־גאנגען, ווי אין א נעבעל. נאכדעם איז אלץ געווען ווי אין חלום. אין קליינינקען צימער, שעהן צוגעקליבען אינ׳ם מזרח־סטיל, האבען געברענט רויטינקע אויל־לעמפלאך, פארגיסענדיג אלץ מיט א שטי־לען צויבערליכט. זי איז האלב ליגענדיג געזעסען אויף א ווייכער סאפע, און ער איז פאר איהר געשטאנען אויף די קני, געקושט איהרע הענט און אלץ גערעט, גערעט... ארומגעוועבט זי מיט א נעץ פון הארציגע ווערטער. און אזוי האט זיך דאס יערען אווענט ווידערהאלט. נאכדעם האבען זיך דערפון דערוואוסט אלע קרובים און באקאנטע און האבען זי אנגעפאנגען צו פארפאלגען, ווייל זי איז זיך צוזאמענגעקומען מיט א מאן פון א פרעמדען פאלק.

זי איז קראנק געווארען און איז אוועקגעפאהרען אין א קאלאניע.

און אין יענער צייט האָבען זיך די וויינטרויבען צובליהט אויף די
זאמדיגע בערגלאך און די וועכטער האָבען אויפגעשלאָגען זייערע
ראַנגאָזשע־ביידלאך. זי האָט געוואוינט אליין. ער פלעגט צו איהר
קומען עטליכע מאָל אין וואָך, רייטענדיג אויף א יונגען אראבישען
פערד אין קליידער פון א בעדואין. זי פלעגט אלע מאָל איהם
ארויסגעהן אנטקעגען און איהם אָפּווארטען הינטער דער קאָלאָניע.
די נאכט פלעגען זיי פארברענגען צוזאמען אויפ׳ן בית־עולם, הינטער
די וויינגערטנער. און דאָס פערד, צוגעבונדען צו א בוים, איז
געשטאנען און געווארט. און פארטאָג פלעגט ער צוריק אוועק־
פאָהרען. נאָר פון טאָג צו טאָג איז איהר לעבען שווערער געוואָ־
רען צוליב די רכילות פון די ארומיגע און זי האָט זיך אָנגעפאנגען
בעטען ביי איהם, אז ער זאָל זי פון דאנען אוועקפיהרען. און
אָט איז זי דאָ.

ווען זי איז פון מיר אוועק, האָט שוין די שטילע זומער־
נאכט גענומען אויסגעהן. איך האָב א קוש געטאָן איהר האנט.
דערנאָך האָב איך זיך געלעגט אויפ׳ן באלקאָן, פאר׳שכור׳ט פון
דעם רויזענאראָמאט, און לאנג געטראכט וועגען דער אָרימער אר־
דישער מיידעל.

טאַמאַראַ

איינמאָל אין אָנהויב זומער, האָט מיך א ציה געטאָן צו וואנדערען, און איך בין אוועק צופוס איבער איטאַליע.

איך בין פארביינעגאנגען דעם וואונדערבארען ברעג פון'ם בלויען זשענעווער „אזערא". איך בין דורך דעם בליהענדען רהיידטאַל, וועלכער איז צוזאמענגעדריקט ארום און ארום פון הויכע בערג. איך בין אריבער דעם סימפלאָן־באַרג. און ענדליך האָב איך זיך דערזעהן אין לאַנד פון ליבע, חלומות און שווערע מענשליכע ליידען.

טעג און נעכט בין איך געגאנגען איבער ברייטע וועגען. פון ביידע זייטען האָבען זיך געצויגען גאָלדענע ריידפעלדער, און דאָ און דאָרט האָבען זיך געזעהן אָרימע דערפלאַך.

דאָרטען זיינען די מענשען געווען גוט. זיי האָבען מיר געגעבען ברויט און וויין. און אזוי ווי א נאָהענטען דערצעהלט דעם וואנדערער פון זייערע זאָרגען און צרות. און אָפט, מיט'ן מאָרגענשטערען אוועקגעהענדיג ווייטער, פלעג איך דורכלאָזען אין פעלד־קאָמפאַניעם פויערטעם אָנגעטאָן אין לייוועגטענע פארביגע קליידלאַך, יונגע, געזונטע און באָרוויסע. לאַכענדיג האָבען זיי געפאַכעט צו מיר מיט די קורצע שניט־מעסער און פארלירענדיג זיך אין פאַרטאָגיגען מילכיגען נעבעל זיינען זיי אַלץ ווייטער אוועקגעגאנגען אקעגען דעם אָנקומענדיגען טאָג.

און אזוי בין איך געגאנגען, איינזאַפענדיג אין זיך דעם ריח פון שמעקענדיגע בלומען, זאנגען און זאַפטיגע גראָזען. און אָפ־געברענטער פון די הייסע זון־שטראַלען און א געלאָסטשעטער פון די פרייע ווינטען.

און אָט האָב איך זיך דערזעהן אין דער ערשטער גרויסער שטאָט, וועלכע ליגט ביים ברעג פון ים.

איך האָב געוואָלט אָנקוקען די קונסט־גאַלערעען, די אַלטע מוזעאומס און באַשלאָסען זיך אָפצושטעלען דאָרטען אויף עטליכע

Digitized by Google

טעג. קיין געלט האב איך ניט געהאט, און אויפ'ן צווייטען טאג איז געקומען דער שווערער אומרוהיגער הונגער. די ערשטע נאכט בין איך איבערגעשלאפען אין א קליינעם גארטען, אויף א באנק, לעבען דער סטאטוע פון גאריבאלדי. אין דער פריה בין איך אוועק זוכען ברויט און צוגעקומען צו אן אלטען איטאליענישען מאנאסטיר, וואו די מאנאכען פלעגען אויסטיילען זופ צו די ארימע.

דאס איז געווען א גרויסע, כמורנע געביידע, מיט קליינע פענסטערלאך מיט גראטעס, וואס האבען דערמאנט אן אן אלטען שלאס. ביי דעם אפענעם אייזערנעם טויער, האבען זיך געשטופט ארימעלייט, קאליקעס, מיאוס'ע, קרעציגע, אלטען פרויען. צווישען זיי איז געשטאנען א יונגער מאנאך מיט פאנאטישע אויגען, אנגע־טאן אין א לאנגען, טונקעל־ברוינעם מאנטעל, ארומגעגארטעלט מיט א שטריק און מיט סאנדאלען אויף די בארוויסע פיס. ער האט עפעס דערצעהלט צו די ארימעלייט וועגען די לעצטע מינו־טען פון געקרייציגטען גאט, און זיי האבען אלע ווילע געווארפען זשעדנע, הונגעריגע בליקען אויף דער אפענער טיר פון מאנאסטיר, פון וואנען עס האבען זיך געזעהן די מיט זופ־געגרייטע טישען.

איך האב זיך אריינגעקוקט צווישען די ארימעלייט, און ווי אין א תפילה אראפגעבויגען דעם קאפ, הערענדיג דעם מאנאכ'ס רעדע. אין א פאר מינוט שפעטער, אז איך האב אויפגעהויבען דעם קאפ, האב איך דערזעהן לעבען מיר א יונגען בחור. ער איז געווען זעהר דאר, בלאס, און אויף זיין אומעטיגען פנים האט געשוועבט א שטילער שמייכעל. ער האט באמערקט מיין בליק, און אנגעהויבען מיך צו באטראכטען.

א ביסעל שפעטער, ווען דער מאנאך האט געענדיגט זיין דרשה, האבען מיר זיך א לאז געטאן אין מאנאסטיר.

ביים טיש האב איך זיך מיט איהם צורעדט און ער האט זיך דערוואוסט, אז איך קום פון רוסלאנד, האט ער זיך זעהר דערפרעהט און גענומען פעסט דריקען מיין האנד איבער'חזר'נדיג:

מאדאנא, מאדאנא.

דאס איז געוועזען א נארוועגישער דיכטער, וועלכער האט שוין עטליכע יאהר געלעבט אין איטאליע.

מיר זיינען ארויס פון מאנאסטיר. ער האט געפרעגט:

— וואוהין געהט איהר?

— נאָך ווענעציע.

און אזוי ווי א סינר האָט ער מיך גענומען בעטען, איך זאָל איהם נעמען מיט זיך. איהם איז אלץ איינס וואוהין צו געהן. ער איז גרייט צו וואנדערען דאָס גאנצע לעבען.

איך האָב פארשטאַנען, אַז דער יונגער דיכטער טראָגט אין הארצען א גרויסען טרויער, און איך האָב גערן איינגעווילינגט איהם מיטצונעמען.

מיר זיינען אזוי געפעלען געוואָרען זיינע בלויע אויגען, שטילע און פארטראכטע, ווי צוויי קליינע שלאָפענדע טייכעלאך אין די בערג.

ביי איהם האָט זיך געפונען א פעקעל מיט גוטע קליידער. ער האָט זיי פארזעצט, און מיר האָבען פארבראכט א גאנצען טאָג און ביינאַכט אין די שיינקען, וואו די טעכטער פון איטאליע האָבען געזונגען זיסע לידער, און עס האָבען געקלונגען די ציטער־דיגע טענער פון מאַנדאָלינען. און אויף מאָרגען האָבען מיר פאר־לאָזען די שטאָט, און ארויס אויף דעם וועג, וואָס האָט געפיהרט קיין ווענעציע.

מיין באגלייטער האָט געשוויגען און איז געווען אומעטיג. איך האָב ניט גערעט צו איהם, און מיר זיינען פאמעלאך געגאנגען אנהאַלטענדיג די שפיצען פון א שטעקען, מיר זאָלען ניט אָפ־שטעהען איינער פון צווייטען.

ווי נאָר די זון האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין מערב זייט, און אויף די פעלדער האָבען זיך אויסגעלעגט די פארנאכטיגע שאָטענס, האָב איך באמערקט, אַז מיין באגלייטער ווערט זעהר אומרוהיג. מיר האָבען זיך אוועקגעלעגט אָפּרוהען אונטער א ברייטען בוים, וואו עס קרייצינען זיך צוויי וועגען. אקעגען אונז אין א שטיינערנעם ווענטעל איז געווען ארייננעשטעלט אן אלטע איקאָנע, פאר וועלכע די פארבייגעהער פלעגען זיך אָפּשטעלען און שעפטשען א תפילה.

מיר זיינען לאנג געלעגען שווייגענדיג. מיט אמאָל האָט ער מיך געפרעגט:

— זאָגט, מיר, זיינען אלע פרויען אין אייער לאנד אזעלכע געהיימניספולע, ווי מיין געליבטע איז געווען?

און ער האָט מיר אָנגעהויבען דערצעהלען זיין אומעטיגע געשיכטע.

איינמאָל האָט איהם זיינער א חבר, אן איטאַליענישער זשורנאַליסט, איינגעלאַדען אויף א באַל, צוזאָגענדיג איהם צו באַקענען מיט א רוסישער מיידעל טאַמאַרא, וועגען וועלכער מען האָט גערעדט, אַז איבער איר האָט זיך שוין ניט איינער געשאָסען.

— נאָר זעה זיי פּאָרזיכטיג, — האָט איהם לאַכענדיג געזאָגט דער חבר.

זיי זיינען אריין אין א גרויסען, העל־באַלויכטענעם זאַל, עס האָט געשפּילט א וואונדערבאַרער אָרקעסטער. די ריחות פון פאַר'שיכר'טע, צאַרטע פאַרפיומען, האָבען זיך כוואַליעסווייז גע־טראָגען אין דער לופט, אָנפילענדיג דאָס הארץ מיט סמוטנע, זיסע האָפנונגען. שעהנע, שוואַרץ־חנ'עוודיגע איטאַליענישע פרויען מיט אנטבלויזטע אַקסלען, האָבען זיך געדרעהט אין טאַנץ.

— וואו איז זי? — האָט ער געפרעגט זיין פריינד.

דער זשורנאַליסט האָט איהם גענומען ביי דער האַנט און אויסגעפיהרט אין א ווייטען ווינקעל פון זאַל. דאָרט, איינגע־טונקט אין רויזען, ליליען, נאַרציסען, און געאָרגינען, איז זי געזעסען. זיין פריינד האָט איהם פאָרגעשטעלט. ער האָט גענו־מען א בלומעל און האָט איהר דערלאַנגט א גאָלדענע מטבע. זי האָט פאַרקויפט די בלומען פאַר אָרימע. זי האָט א שמייכעל געטאָן, און איהם א גלעט געטאָן מיט א ליבען בליק. דערנאָך געזאָגט:

— ביי אונז אין רוסלאַנד האָט מען זעהר ליב די נאָרוועגישע דיכטער. איהר וועט מיר געבען אייערע לידער.

ער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַוועק.

זי איז איהם ניט געפעלען געוואָרען.

— קיין אויסערגעוועהנליכעס איז אין איהר ניטאָ — האָט ער געזאָגט זיין פריינד, און האָט איינגעלאַדען צום טאַנצען א מיידעל מיט א קערפּער פון ווענערען און מיט א פנים באַוועהט מיט טרויער און שעהנהייט.

נאָר א ביסעל שפּעטער איז ער ווידער געשטאַנען ביים טישעל מיט די בלומען און טאַמאַרא האָט געפרעגט דעם דיכטער וועגען זיין פאָטערלאַנד. דערנאָך האָט זי איהם גענומען פאַר'ן האַנט

אין זיינע בלויע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען פייערלאַך און ער האָט שוין ניט געקאָנט אוועקגעהן פון איהר. ער האָט געבעטען ביי איהר, זי זאָל איהם ערלויבען אָפּצופיהרען זי אהיים. אין אויטאָמאָביל איז זי געזעסען א שווייגענדע, און פון איהר שלאַנקער פיגור האָט געוועהט א פאר׳כשופ׳טע תאוה. אויף מאָרגען האָט ער איהר געבראַכט זיינע לידער. זי איז געווען גוט צו איהם, און איהם ערלויבט צו קושען די שפּיצען פון איהרע ווייסע פינגער. ער האָט אָנגעהויבען קומען צו איהר אַלע טאָג. אין זיינע בלויע אויגען האָבען זאַך אָנגעצונדען פייערלאַך פון ליידענשאַפט. און די ליפּען פון דיכטער האָבען געשעפּטשעט ליבעס־ווערטער, און זיי האָבען געבעטען צערטליכקייט. און איינ־מאָל האָט זיך איהר הארץ געעפענט פאר איהם, און זי האָט איהם אוועקגעפיהרט אין א צוויטער שטאָט, וואו זיי האָבען זיך באַ־זעצט, ווייט פון מענשען ביים ברעג ים, און די אַלע טעג זיינען געווען ווי ליכטיגע חלומות פון קינדער־יאָהרען.

דערנאָך איז געקומען דער הערבסט. טאמארא האָט זיך מיט אמאָל פארבענקט, און אַלע טאָג האָט זי גענומען אוועקגעהן פון הויז. ער האָט ניט געוואוסט וואוהין. די ערשטע צייט האָט ער ניט געפרעגט, נאָר שפּעטער האָט ער איהר אָנגעהויבען נאָכ־געהן ווי א שאָטען. און ער פלעגט זעהן, אז זי געהט אוועק אין די ענגע, שמאָלע געסלאַך פון דעם אָרימען אידישען קווארטאַל. דאָרטען פלעגט זי שטיל ארומגעהן, ארייַנקוקען אין די פענסטער פון די אָרימע הייזער. און אין די אָווענטען פלעגט זי זיצען ביים פענסטער זינגען לאַנגע, מאָנאָטאָנע לידער און קוקען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. און ער האָט ניט געוואוסט, מיט וואָס צו פארטרייבען איהר בענקשאַפט. ער פלעגט זיך זעצען ביי איהרע פיס, דערצעהלען איהר מעשה׳לאך פון זיין פאָטערלאַנד, געזונגען ווענען מאטראָסען, וואָס בלאָנדזשען ארום איבער די רוישענדע כוואַליעס. ווענען קאַלטע, בייזע ווינטען, וואָס בלאָזען אויף די ימים. זי פלעגט איהם לאַסטשען. נאָר גאָר ניט ווענען זיך און איהר טרויער. ער האָט געקראָגען א סך געלד, און זיי האָבען זיך אוועקגעלאָזט רייזען איבער דער וועלט. זיי זיינען דורכגעפאָהרען א סך שעהנע לענדער. זיי האָבען זיך אויפגע־הויבען אויף די הויכע פארשנייטע בערג, וואו די זון בלישטשעט

מיט רובינען אויף גרויסע שטיקער אייז. זיי האָבען זיך ארונ־
טערגעלאָזט אין שטילע, בליהענדע טאָלען, וואו עס וואוינען פיל
פארביגע שמעטערלינגען, און די ביהנען זשומען אויף די בלומען.
זיי האָבען באזוכט די גרעסטע מוזעאומס, געזעהן קונסט־ווערק
פון באריהמטע קינסטלער, געהערט וואונדערבארע זינגער, געזעהן
טענצערינס, וועלכע זיינען געווען גרינגער פון ווינט, און אלץ נאָר,
וואָס איהר הארץ האָט געגלוסט, האָט ער איהר געגעבען.

דערנאָך האָבען זיי זיך אומגעקערט אהיים. טאמארא האָט
זיך ווידער פארבענקט און גענומען געהן אין יענע קווארטאלען,
וואו עס האָבען געוואוינט די אָרימע אידען. און איינמאָל איז
זי אוועק און מעהר האָט זי זיך שוין ניט אומגעקעהרט.

פילע טעג האָט ער זי געזוכט אין די גאסען, און אָט איז
שוין דריי מאָנאטען, און זי איז נאָך אלץ ניטא. און ער ווייס
ניט, וואוהין עס איז אוועק די מאָדנע, געהיימניספולע פרוי.

* * *

ביינאכט אויפכאפענדיג זיך, האָב איך מיט אמאָל דערהערט,
ווי מיין באגלייטער וויינט פון שלאָף.

מיר זיינען ניט לאנג געגאנגען צוזאמען. די פיס האָבען
איהם גענומען וועהט טאָן. און אויף די פּיאטעס האָבען זיך אָנגע־
בלאָזען מאָזאָלעס. ער האָט געמוזט נעמען די באהן און אומקעה־
רען זיך אין שטאָט.

מיר האָבען זיך פריינדליך געזעגענט און איך בין אוועק
ווייטער מיט'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט נאָך וועגעציע, איינזאַ־
פענדיג אין זיך דעם ריח פון שמעקענדיגע בלומען, זאנגען, און
זאנפטיגע גראָזען. און אָפּגעברענטער פון די הייסע זון־שטראַה־
לען און א געלאסטשעטער פון די פרייע ווינטען.

Digitized by Google

דער אַלטער פישער

איך האָב גענעכטיגט אין אַ שייער אויף אָנגעוואָרפענעם היי ביין אַן אָרימען איטאַליענישען פויער. פאַרטאָג האָט מיט אַמאָל מיך אימיצער גענומען וועקען. איך האָב אויפגעמאַכט די אויגען און אין קוים אָנקומענדען ווייכען ליכט פון פריה־מאָרגען, האָב איך דערזען זעהר אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט זיך איבער מיר אַריבערגעבויגען, זיך אָנשפּאַרענדיג אַן אַ שטעקען. אַ מאָמענט האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ געשטאַלט פון די נאַכט־חלומות און האָב ווידער צוגעמאַכט די אויגען. נאָר די אַלטע האָט וואָס אַזוינס אַ זאָג געטאָן, אַרויסגענומען פון איהרע שמאַטעס עטליכע גרויסע שוואַרצע פּלוימען און זיי מיר דערלאַנגט מיט איהר ציטערדיגע האַנט:

— נאַ, דאָ האָסטו, גאָט'ס וואַנדרערער.

און איידער איך בין געקומען צו זיך און געוואָלט איהר אָפּ־דאַנקען, איז זי אַרויס פון שייער און זיך באַהאַלטען אין אַ נידע־ריגען אָרימען הייזעל פון פויער, וואָס האָט מיך צוגענומען צו זיך אויף אַט דער נאַכט.

אַ ליכטיגע פרייד האָט אַרומגעכאַפּט מיין נשמה און איך האָב אַ קלער געטאָן, אַז דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבען פאַר מיר זעהר גוט.

אַ ביסעל שפּעטער מיט'ן זונן־אויפגאַנג האָב איך פאַרלאָזט דאָס דערפעל און באַגלייט מיט גוטע וואונשען פון דער אַלטער און פון פויער בין איך אַרויס אויפ'ן ברייטען וועג, וואָס האָט גע־פיהרט נאָך ווענעציע.

און אַט דורך דעם גאַנצען טאָג זיינען אַלע געווען אַזוי גוט צו מיר. ביי אַ פענסטער פון אַ הייזעל, האָט אַ שעהנע יונגע מוטער, מיט אַ קינד אויפ'ן האַנט, מיר דערלאַנגט אַ גרויס שטיק ברויט און גליקליך אַ שמייכעל געטאָן, עפּענענדיג צוויי חן־גריבע־

לעך אויף איהרע פולע, אפגעברענטע באקען. אויך דאס קינד האט געלאכט, געפאכט מיט'ן הענטעל און געריסען זיך צו מיר. דערנאך האט א שיכור'ער ארבייטער, וואס איז געגאנגען איבער'ן וועג און דערצעהלט זיך אליין, אז זיין פאטער איז געווען א העלדישער גארילבאדיעץ, מיך אוועקגעשלעפט אין א שענק און מכבד געווען מיט וויין. און ווען איך בין פון דארט ארויס, איז א גרויסער האריגער הונט לאנג געגאנגען נאך מיר, געלעקט מיינע הענט און געהאוועט און געשפרונגען פאר פרייד.

אין יענעם טאג בין איך געגאנגען באזונדערס גרינג און גע־מאכט פיל מייל. מיט'ן אנקום פון בין־השמשות האב איך בא־מערקט, אז כ'בין שוין לאנג אראפ פון וועג און פארקראכען אין א גאנץ מיר אומבאקאנטע בערגיגע געגענד. איך האב זיך ארומ־געקוקט און דערזעהן פון וויטען א גרוים שטיינערנע הויז, וואס איז איינזאם געשטאנען אויף א הויכען בערגעל, ארומגענומען אזוי ווי א תפיסה, מיט א גרויסער, שטיינערנער וואנט און זיך אויס־געטיילט געגען דעם ליכטיג־פורפורנעם הינטערגרונד פון זונ־אונ־טערגאנג.

— דארטען מוז אוראי וואוינען א רייכער גוטבאזיצער — האב איך געקלערט, זיך לאזענדיג מיט'ן פעלד צו דער געביידע. ווער ניט איז פון די וועכטער אדער פון די ארבייטער וועט מיך אויפנעמען אויף נאכט־לעגער און באנינען וועל איך אפזוכען דעם וועג און זיך לאזען געהן ווייטער.

און די גרויסע בלוט־רויטע זון האט זיך אראפגעלאזען אלץ נידעריגער הינטער די ווייטע בערגלעך, וואס האבען זיך געצויגען ווי א גאלדענע קייט... און די פארנאכט־שטילקייט האט סאמעט־ווייך ארומגעוויקעלט די ערד.

איך בין צום גרויסען הויז צוגעגאנגען, און מיר איז געווארען אומעדיג. די טויערען זיינען געווען פארמאכט. די לאדענס פון די פענסטער פארקלאפט. ארום קיין לעבעדיג נפש ניט און ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז הינטער די ווענט, אין די גרויסע פינסטערע צימערען, ליגען מתים אויפ'ן פאל, ליכט ברענען ביי זייער צו־קאפענס און שאטענס שטיל באוויינען זיי.

איך האב מיט א שטעקען אנגעקלאפט אין טויער נאר קיינער האט ניט געענטפערט. אפשטעהענדיג א ביסעל פארטראכט, בין

איך דערנאך אוועק ווייטער און אלץ האט זיך מיר אויסגעוויזן, אז אין פוסטען הויז באוויינען די שאטענס מתים און ליכט ברענען ביי זייער צוקאפּענס.

ענדליך האב איך דערזעהן א נידעריג הייזעלע און הינטער איהר האט זיך געשפּרייט א טייך און א מענש איז געשטאנען ביים ברעג. איך האב זיך א לאז געטאן צו איהם. דאס איז געווען אן אלטער פישער, א שפּאניער מיט א באָרד, און איינגאנצען בראָנז פון דער זון.

— פון וואנען קומסטו? — האט ער מיך געפרעגט.

און ווען ער האט זיך דערוואוסט, אז איך קום פון ווייטען רוסלאנד, איז ער געוואָרען צוגעטאן צו מיר, געבעטען מיך נעכטיגען און אנגעמענדיג מיך פאר'ן האנט, צוגעפיהרט צו זיין הייזעל.

דאָרט זיינען געלעגען שיצען, און ביי א פארלעגטען פייער, וואו אויף א דריי־פוס פון שטיינער האט זיך געקאכט א קעסעל מיט פיש־זופּ, זיינען געזעסען אויף א צובראכענעם שיפעל אן אלטע פרוי און א מיידעל און געשיילט קארטאפעל.

דערזעהענדיג דעם וואנדערער, האט די אלטע א מורמעל געטאן. נאר די יונגע שפּאניערין האט אויפגעהויבען דעם קאפּ און א ווארף געטאן אויף מיר א נייגעריג און עטוואס דערשראָקענעם קוק מיט איהרע גרויסע שווארצע אויגען, וועלכע האט מיך א ציה געטאן צו איהר.

איך בין געשטאנען א פארוואונדערטער. אנטקעגען מיר איז געווען א שלאנקע, שווארץ־חנ'עווריגע פישערין, מיט אן אמתן שענעם פּנים. זי האט געטראגען א רויט קליידעל און א גראָב, לייווענטען העמד מיט קורצע ארבעל, און אן אפענע ברוסט. איהרע שווארצע בליסטשענדע האר זיינען געווען פארפלאכטען אין א לאנגען דיקען צאפּ און אין די אויערן האט זי געטראגען גרויסע, זילבערנע אוירינגלעך.

— גוטען אָוונט, סינאָרינא — האב איך זי באגריסט.

זי האט שוויינענדיג לייכט א שמייכעל געטאן.

— ווי רופט מען דיך? — האב איך א פרעג געטאן צו הערען איהר קול.

— סילוויא — האט געזאגט דער אלטער. — דאס איז מיין אייניקעל. דער פאטער איהרער איז דערטרונקען געוואָרען צו־

זאמען מיט אנדערע פישער אין א שטורם אויפ'ן ים. די מוטער איז געשטארבען אין א גרויסע שטאדט און איצט וואוינט דאס מיידעל ביי אונז.

איך האב זיך צוגעזעצט ביי דער טיר פון הייזעלע און ניט גע־קענט אפרייסען די אויגען פון סילווא.

די זון האט זיך שוין געזעצט. דער טייך האט זיך אנגעפינס־טערט און די אווענט־קאלטקייט האט גענומען באאונרוהיגען די שטילקייט פון וואסער.

א ביסעל שפעטער, נאכ'ן עסען, זיינען מיר געזעסען ביים פייער, איך, דער אלטער, זיין פרוי און סילווא. דאס מיידעל האט אלע ווילע אונטערגעווארפען אין פייער טרוקענע צווייגען, די פלאם האט אויפגעפלאקערט און א באגאסענע מיט רויטען שיין האט זי אויסגעזעהן פאנטאסטיש און באזונדערס רייצענד און מיך האט שטארק געצויגען צו איהר. איצט האט זי ווייך געקוקט אויף מיר און אין איהרע אויגען האט געשיינט א בענקשאפט. איך האב דערפיהלט אז עס איז איהר אומעטיג אויף דעם וויסטען ברעג, זי האט גערען דעם וואנדערער.

מיר זיינען געזעסען שווייגענדיג. דער אווענט איז געווען סאמעטען־שווארץ און אין דער פינסטערניש און דער שטילקייט האט זיך געהערט, ווי דער טייך אטעמט מיט קעלט און קלייבט צוזאמען די כוואלעכלאך צום זאמדיגען ברעג.

דער אלטער פישער האט פארדויכערט זיין לולקע און גענומען פאמעלעך רעדען.

— יא, יא, איצט זיינען שלעכטע צייטען. פיש כאפען זיך קליינינקע, ארום און ארום איז וויסט. און אט פריהער, ווען דער פריץ האט געלעבט דארט אויפ'ן בערגעל, איז געווען גאר אנדערש. הונדערטער מענשען האבען געארבייט אויף די פעלדער און אין די וויינגערטנער און פרייד איז געווען ארום. און איצט שטעהט דאס הויז א פוסטע און די געגענד איז פארוויסט. וואס העלפט דאס רעדען? א גרויסע שטראף האט גאט געשיקט אויף דער הויז. א רייכער פריץ האט דארט געלעבט, ביי איהם איז א פרוי געווען א יונגע און א שעהנע, פון א ווייטען לאנד, וואו, מען זאגט דער שניי ליגט אייביג אויף די בערג. אויך קינדער האט ער געהאט און א סך ערד און בהמות גאלד און דימענטען, שטיינער ארויסגע־

Digitized by Google

נומען פון די טיפסייטען פון ים. יאָ, אַזוי האָט ער געלעבט און עס פלעגט ניט אַנטשווינען ווערע די פרייד אין זיין הויז. יעדען אָוונט פלעגען קומען צו איהם אַנגעזעהענע געסט און פּרויען אָנגעטאָן אין זייד און אין סאַמעט. די טענער פון מוזיק פלעגען דערגעהן צו מיין שטיבעלע דאָ אויפ'ן טייך. און איינמאָל אין אַ נאַכט איז צו זיין הויז צוגעפאָהרען אַ שוואַרצער רייטער אויף אַ שוואַרצען פערד און דריי מאָל אָנגעקלאַפּט אין טויער, דערנאָך אויסגעדרעהט דאָס פערד און איז אַוועק, און ווען דער וועכטער איז ארויס עפענען, האָט ער קיינעם ניט געזעהן, ער האָט זיך פאַרוואונדערט.

— דאָס איז געווען דער טויט — האָט געזאָגט סילוואַ.

— יאָ, דער טויט, — האָט פאָרטגעזעצט פאַמעלעך דער פישער. — אַזוי האָט דער שוואַרצער רייטער דריי נעכט נאָכאַנאַנד געקלאַפּט אין טויער און אויפ'ן פערטען טאָג איז געקומען אַ שווערע קראַנקהייט, און אַלע מענשען אין הויז זיינען אויסגעשטאָרבען, קיין איינער איז פון זיי ניט געבליבען, און פון יעמאָלט אָן שטעהט דאָס הויז פאַרוויסט און קיינער וואוינט ניט אין איהם.

איך האָב זיך צוגעהערט צום פישער מיט האַלב פאַרמאַכטע אויגען, און ווען איך האָב מאָמענטענווייז זיי אויפגעמאַכט, פלעג איך זיך טרעפען מיט'ן העלען באַלויכטענדען בליק פון סילוואַ, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף מיר מיט איהרע פאַרבענקטע שוואַרצע אויגען.

מיר זיינען ווידער געזעסען שווייגענדיג.

סילוואַ איז אויפגעשטאַנען און אַוועק צום חייזעל און פון דער פינסטערניש האָט זיך דערהערט איהר שטימע. זי האָט גענומען זינגען הויך און קלינגענדיג און אין דער שוואַרצער סאַמעטענער שטילקייט אַרום און אַרום האָבען פונקט אַזוי ווי צוגאָסען זיך דינע זילבערנע גלעקלאַך, און מיט אַמאָל איז זי אַנטשוואונען געוואָרען און ווידער איז געוואָרען אומעדיג און וויסט אַרום. ס'האָט זיך דערמאָנט דאָס פאַרלאָזענע הויז אויפ'ן בערגעל מיט די טויטע צווישען די שווייגענדע ווענט, וואָס ווערען דאָרטען שטיל פון די שאָטענס באַוויינט.

סילוואַ האָט זיך אומגעקערט צום פייער. זי האָט זיך צוגעלעגט פאַרוואָרפענדיג די הענט הינטער'ן קאָפּ, די אויגען פאַר־

מאַכט און שטיל נעאַטעמט. מיך האָט אַרומגעכאַפּט אַ מאָדנער זיס־פּיינליך געפיהל. די מידקייט האָט מיך געניינט צום שלאָפען, נאָר דער שלאָף איז נים געקומען. איך האָב נים געקענט אָפּרייסען מיין בליק פון דער מיידעל. די געדאַנקען האָבען זיך געפּלאָנטערט אין מיין קאָפּ און ס׳האָבען זיך אויפגעכאַפּט פאַנטאַסטישע חלומות.

סילווא וועט מיך ליב האָבען, איך וועל בלייבען אַ פישער אויף מיין גאַנץ לעבען. פאַרטאָג וועלען מירביידע פאַרוואַרפען די נעצען אויפ׳ן טייך. די זון וועט אונז שיינען אין פּנים, און אין אַ שטילען אָוונט וועלען מיר פרידליך זיצען ביים פייער און דעמאָלט וועט מיט׳ן שטילען ברעג קומען צו אונז אַ נביא, יענער באַשיידענער נביא, נאָך וועלכען עס זיינען אַוועק די אָרימע פישער פון ים כנרת, פאַרעדינען ליבע צום נעדריקטען און אומגליקליכען.

און דער אַלטער פישער האָט ווידער אָנגעפילט די לולקע און דערציילט פאַמעלעך:

— לאַנג צוריק איז דאָס נעווען. גאָט האָט נענומען רחמנות האָבען אויף די מענשען, ווי זיי הרג׳ענען און מאַטערען איינער דעם צווייטען. און ער האָט נעזאָגט צו זיינע מלאָכים: אומעטיג איז מיר צו קוקען אויף דער ערד. אָט וועל איך ווידער צום לעצ־טען מאָל שיקען צו זיי אַ נביא, און ער וועט זיי עפענען די אויגען און זיי וועלען זעהן אַ וואונדערבאַרען שיין, און זייערע הערצער וועלען איבערפולט ווערען מיט אונענדליכער ליבע. האָבען די מלאָכים זיך אַ נייג נעטאָן, זיי האָבען פאַנאַנדערגעשפּרייט די פליגלען און געגומען שעפּטשען ווענען דער גרויסער בארמהער־ציגקייט פון גאָט.

און אין יענער צייט אויפ׳ן ברעג פון ים אין אַ קליינעם פּי־שער־דערפעל איז נעווען אַ מיידעל, וואָס האָט דערלעבט דעם זי־בעגצעגטען פריהלינג איהרען. און אַ יונגער פישער פון נאָהענ־טען דערפעל האָט זי ליב נעהאַט און טאָג איין טאָג אויס פלעגען זיי זיך טרעפען ביים ים, ווייט פון מענשען און נאָר די כוואַליעס וואָלטען נעקאָנט דערציילען ווענען וואָס עס האָבען געשעפּטשעט זייערע ליפּען, און וואָס פאַר אַ לידער עס האָבען נעזונגען זייערע נשמות. און יעדעס מאָל ווען דער פישער פלעגט אָוועקגעהן אין ים, איז דאָס מיידעל אויפ׳ן ברעג געשטאַנען און לאַנג באַגלייט

דעם ליבען און געבעטען צו גאָט, אז די כוואַליעס זאָלען איהם צוריק בשלום ברענגען צו איהר. און די אַלטע פרויען פון יענעם דערפעל פלעגען קוקען אויף דער מיידעל, שאָקלען מיט זייערע גרויע קעפ און שעפטשען איינע דער צווייטער, אַז זי טראָגט אַ קינד פון פישער אונטער איהר הארצען. און געשעהן איז איינמאָל, ווען דער פישער איז געווען אויפ'ן ים, האָט זיך פאנאנדערגעשפילט אַ שטורם און דער יונגער בחור איז פארלוירען געגאַנגען. דריי טאָג האָט דאָס מיידעל איהם אָפּגעוואַרט ביים ברעג און אויפ'ן פערטען טאָג האָט איהם דער ים ארויסגעוואָרפען אַ טויטען אויפ'ן ברעג, און מיט עטליכע טעג שפּעטער, פארלירענדיג פון צרות דאָס באוואוסטזיין, האָט זי דערפילט מיט אַ מאָל אַ געבורטס־וועהטאָג, און דאמאָלט האָט זי די אַלטע מוטער פארשפּארט אין הויז, און ווען דאָס קינד איז ביינאַכט געבאָרען געוואָרען, האָט זי עס צוגענומען פון דער מיידעל און דערשטיקט, איינגעוויקעלט עס אין שמאַטעס און איז דערמיט ארויס אין דרויסען. לאַנג איז זי געלאָפען מיט'ן ברעג פון ים צום גרויסען וואלד, וואָס איז געשטאַנען פון ווייטענס, און אונטער'ן ערשטען בוים פארגראָבען דאָס קינד. דערנאָך איז זי געלאָפען צוריק און זיך ווידער באַהאַלטען אין הייזעל. און דאמאָלט האָט זיך אויפגעהויבען אַ ווינט אויפ'ן ים און זיך צוגעטראָגען צו די בוימער און דער ווינט האָט געפרעגט: וואו איז דער בוים, אונטער וועלכען עס איז באַגראָבען דאָס קינד — דער נביא, וועלכען גאָט האָט געשיקט צו דעם מענשען דורך דער אָרימער פישערין? די בוימער האָבען ניט געוואוסט און גענומען וויגען מיט די שפּיצען און פרעגען איינער ביים צווייטען, אונטער וועלכען פון זיי עס איז באַגראָבען דער נביא און עס איז געוואָרען אַ גרויסע מהומה אין וואלד, און אַז דער ווינד איז געוואָר געוואָרען אונטער וועלכען בוים, האָט ער זיך ווילד גענומען דרעהען אַרום זיין שטאַם, וואָיענדיג און קרעכצענדיג און זיך אַ וואָרף געטאָן מיט אַ ווילדער קראַפט, און דער בוים איז געפאַלען און מיט די וואָרצלען ארויסגעוואָרפען דאָס קליינע קערפּעריל פונ'ם דערשטיקטען נביא. און איצט וועט שוין אויף אייביג איין מענש דעם צווייטען הרג'ענען און מאַטערען, ווייל אין הארץ פון גאָט איז אויסגעטריקענט געוואָרען די רחמנות צו מענשען.

און נאך פיל שעהנע לענענדעס האט מיר דערצעהלט דער אל־
טער פישער אין יענעם שווארצען סאמעטענעם אווענט, און סילווא
האט געפייניגט מיין קערפער מיט זיס־פיינליכע פארלאנגען.

און פארטאג, ביים זון־אויפגאנג, ווען איך בין אוועק וויי־
טער, איז סילווא געשטאנען אויפ'ן ברעג און געהאלפען דעם אלטען
ארויסשלעפען א נעץ. איהר פנים האט געשמייכעלט. דאס קורצע
קליידעל איז געווען פארשטעקט אין דעם גארטעל און העכער
פון די קני האבען זיך געזעהן איהרע שלאנקע, שטארקע פיס מיט
קליינע טריטלעך.

אין א משוגעים־הויז

די גרויסע במורגע געביידע איז געשטאנען אויף א בארג, ווייט פון דער שטאָדט, און האָט אויסגעזעהן, ווי אַן אלטער שלאָס מיט צוויי הויכע טורעמס. די קליינע פענסטערלאך זיינען געווען מיט אייזערנע גראַטעס איבערגעצויגען.

אינווענינ, אין קליינע ארומגעצאָמטע גערטענדלאַך, האָבען זיך ווי דערשראָקענע שאָטענס ארומגעבלאָנקעט איינזאמע קראנקע מענשען, וועלכע זיינען געווען פארטיפט אין זייערע איינענע פאַנטאַסטישע וועלטען.

און אין די סאַלטע אָסעניע נעכט, ווען דער ווינד צוישעט זיך שטאַרק, פלעגט זיך דוכטען, אז אין משוגעים־הויז הערט זיך א מיש־מאַש פון קולות און עפּעס אזעלכע פארשטיקטע טענער פון אור־אלטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, גלייך ווי די ריטער וואָלטען מיט זייערע דאַמען ווילד געהוליעט ערגעץ אין א שלאָס, פראַוועגדינ די שמחה פון העלדישע מלחמות און לוסטיגע יר־נענר.

* * *

דער עלטסטער וועכטער האָט מיר אָנגעטאָן א ווייסען פארטוך, מיר געגעבען א בינמעל מיט שליסלען, און דורך א לאַנגען קאָרי־דאָר מיך אַריינגעפיהרט אין א גאָרטען.

— גיט דאָ אכטונג אויף זיי! — האָט ער מיר געזאָגט. — זיי זיינען גאַנץ שטילע מענשען. איינער איז דאָ אייערער א מענש, א רוסישער, — האָט ער א זאָג געטאָן, אָנווייזענדינ מיט דער האַנט אין ווייטען ווינקעל פון גאָרטען.

דער עלטסטער איז אַוועק, און איך בין געבליבען אליין מיט די קראַנקע. און נאָך איידער איך האָב זיך ארומגעקוקט, איז צו מיר צוגעקומען א דיקער, עטוואָס איינגעבויגענער יונגערמאַן מיט

Digitized by Google

אַ גלאַט געשאָרענעם קאָפּ, און מיט ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע צושראָקענע אויגען. פון זיין איינגעבויגענעם קערפּער און אָנגע־כמורעטען פּנים האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן די שרעק פון אונ־געהויערער בענקעניש.

— איך האָבע די עהרע, — האָט ער אַ זאָג געטאָן מיט עפּעס אַזאַ מאָדנעם קוויטשיגען, כמעט ווייבערשען קול־כעל, וואָס האָט זיך גאָר נישט געפּאַסט צו זיין פיגור. — איך בין אַן אינדישער פּרינץ... און איהר ווייסט, אַז אין קרישטאָלענעם פּאַלאַץ וואַרט אויף מיר אַ וואונדערבאַר שעהנע פּרינצעסין... איצט בין איך אין פלען. ווייס־הויטיגע גזלנים האָבען מיך געפאַנגען...

מיט אַמאָל האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט און זיך אָפּגע־רוקט אָן אַ זייט.

נאָך איידער דער "פּרינץ" איז אוועק, איז צו מיר צוגעלאָ־פען אַ הויכער, איינגעדאַרטער בלאָנדער יונגערמאַן, מיט אַ שטאַרק פאַרזאָרגטען פּנים מיט צוויי בלויע, קינדיש־נאַאיווע אויגען.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי שפּעט איז איצט? — האָט ער מיך גאַנץ העפליך געפרעגט. — איך אייל זיך זעהר. צוויי אזייגער מוז איך זיין ביים וואָקזאַל. מיין געליבטע פאָהרט אוועק אין די בערג, ווייל זי איז קראַנק.

איך האָב אַ שמייכעל געטאָן.

— איז נאָך, הייסט עס, פריה און דער זייגער האַלט נאָך נישט ביי צוויי? פאַרשטעהט איהר מיך, — האָט ער ווידער גערעדט, קוקענדיג אויף מיר, אַ פאַרזאָרגטער מיט די צוויי קינדערשע אויגען, — צוויי יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך קיין שטעלע נישט געקאָנט קריגען און קיין גראָשען געלט ניט פאַרדינט, און מיין געליבטע האָט געהוסט מיט בלוט. זיץ איך מיר אַזוי איינ־מאָל אין אַ קאַפע און שרייב מיר אַ בריף צו עפּעס אַ געזעלשאַפט, אַז מען זאָל מיר געבען אַ שטעלע... הייסט עס, אַז דער זייגער האַלט נאָך ניט ביי צוויי? צוויי אזייגער, פאַרשטעהט איהר מיך, מוז איך זיין ביים וואָקזאַל... קיין פּאַריז בין איך אויך געפאָה־רען, אָבער דאָרטען האָב איך אויך קיין שטעלע נישט געקראָגען; און מיין געליבטע איז אַלץ געוועזן קראַנק... האָב איך געבעטען איהר שוועסטער, אַז זי זאָל מיר לייהען אביסעל געלט, האָט זי ניט געוואָלט, בין איך געוואָרען אין כעס און האָב זי אויסגע־

פאַטשט. דערנאָך בין איך אַרויסגעלאָפן אין גאַס, געכאַפּט אַ גרויסן שטיין און איהם אַוועקגעלעגט אויף די רעלסן פון׳ם טראַמוואַי... ענטשולדיגט מיר, איך אייל זיך זעהר.

מיט אַמאָל האָט ער זיך גענעבען אַ כאַפּ ביים קאָפּ און גע־נומען לויפן אין איילעניש איבער׳ן גאָרטן. און ביי יעדן איי־נעם האָט ער געפרעגט, ווי דער זיינער האַלט.

נאָכדעם איז צו מיר צוגעשטאַנען אַ דריטער. ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ שוואַרצער, מיט צוויי אויגען, וואָס רוהען ניט אַ מינוט, און מיט אַ שאַרפער נאָז ווי ביי פויגעל. יעדן איינעם האָט ער געצוואונגען אָנצוטאַפּן די „פּיקע" אין זיין נאַרגעל. און דער־ביי האָט ער זיך געשוואָרן אַז דאָרטן, אין דער „פּיקע", ליגן ביי איהם צוויי גילדענע מטבעות.

— נו, אָנגעטאַפּט, האַ? — האָט ער מיט שמחה געזאָגט אויסציהענדיג דעם נאַרגעל. — חאַ־חאַ, צוויי גילדענע מטבעות!

— אָבער עס איז דאָך דאָרטן גאָר נישטאָ! — האָט אַ זאָג געטאָן אַ בלאַסער, זעכצעהן יאָהריגער אינגעל מיט אַ קלייענדיג פּנים. — דיר דוכט זיך בלויז, אַז אין דער „פּיקע" ליגן גילדענע מטבעות.

— דו ביזט שוין דאָ לאַנג? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דאָס אינגעל.

— שוין באַלד דריי חדשים, — האָט ער געענטפערט. — איך בין נישט קיין משוגע׳נער... דאָס האָט מען מיך פאַר אַ גנבה דאָ פאַרשפּאַרט... איך בין געווען אַ משרת׳ל אין אַ קלייט, האָב איך ביים בעל הבית גע׳גנב׳עט געלט פון׳ם שופלאָד..

— פאַרוואָס האָסטו גע׳גנב׳עט?

— דערפאַר וואָס איך האָב ליב מיידלאך... פאַר זיי האָב איך דאָס ביים בעל הבית געלט גע׳גנב׳עט, — האָט ער שטיל גע־ענטפערט.

איך בין אַוועק אין אַ ווינקעל פון גאָרטן. דאָרטן איז גע־שטאַנען אַ לאַנגער טיש, און ביים טיש האָבען צוויי חולי־נופל׳דיגע איטאַליענער געשפּילט אין שאַשקעס. ניט ווייט פון זיי איז צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט געשטאַנען אַ דיקער מאַן, אַן אידיאָט, מיט אַ גרויסער גוליע אויפ׳ן האַלז. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטען אַ דינינקען שטעקעל, מיט וועלכען ער האָט אין דער

לופט אַנגעוואָרפען אַזעלכע צייכענס, וואָס קיינער האָט ניט פאַר־שטאַנען און ער אליין אויך ניט. און טוענדיג דאָס האָט ער נע־קוקט, ווי זיין אייגענער שאָטען מאַכט איהם נאָך. און ביי דער זייט איז געזעסען אַ בחור פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, מיט אַן אויסגעבלייכטען, כאַראַקטעריסטיש־אידישען פּנים. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דער "רוס", וועגען וועמען דער דינער האָט מיר דערצעהלט. האָב איך איהם גלייך די האַנט דערלאַנגט און אָנגעהויבען ריידען רוסיש.

ער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט און מיר גלייך געשטעלט די פראַגע, ווי איך קום אַהער. און דערנאָך האָט ער גענומען רייד־דען וועגען זיך און אַלץ געבעטען, אַז איך זאָל האָבען געדולד און איהם אויסהערען ביז'ן סוף, כאָטש איך האָב איהם מיט קיין סימן ניט געוויזען, אַז איך האָב קיין געדולד ניט איהם צו הערען.

— איך בין ניט קיין משוגע'נער, איך בין בלויז מיד, אויס־געמאַטערט, — האָט ער געזאָגט, אָנכאַפּענדיג מיך אַלע מאָל ביי דער האַנט, — און זיי האָבען מיך דאָ פאַרשפּאַרט... איהר ווייסט דאָך, אַז אונזער לעבען, דאָס לעבען פון די פּאָליטישע אימיגראַנ־טען, איז זעהר צרה'דיג, אָהן אַ ברעקעל פרייד. מען וואוינט אין אַן אָרים חדר'ל, ביינאַכט קאָן מען נישט שלאָפען, און פון די פינ־סטערע ווינקלען קוקען אויף דיר די געשטאַלטען פון דיינע חברים, וועלכע מען האָט אין די טורמעס פאַרמוטשעט און וועלכע מען האָט אויף די תליות אויפגעהאַנגען. פּאַמעליך רוקען זיי זיך אַזוי אַרויס פון דער פינסטערנים און קוקען אויף דיר מיט די ברייט פאַנאַנדערגעעפענטע, אויסגעשטאַרטע אויגען, וואָס זיינען פון שרעק פאַרגליווערט געוואָרען. מען הערט זייערע שטימען, אַזעל־כע אָנגענעהמע, יונגע שטימען. זיי קלאָגען זיך דאַרויף, וואָס די תליונים האָבען זיי יונגערהייט פון דער וועלט אומגעבראַכט. פאַר־קלעמט דאָס מיך שטאַרק ביים האַרצען און איך הויב אָן וויינען צוזאַמען מיט זיי. עס ווערט מיר שרעקליך שווער, גלייך ווי אַ־מיצער וואָלט מיר דאָס האַרץ מיט אייזערנע צוואַנגען צונויפגע־דריקט.

צו אונז איז צוגעגאַנגען דער געהילפס־דירעקטאָר, דר. ווי־טערמאַן, אַ הויכער, פעסטגעבויטער בלאָנדער מאַן, מיט אַ טיפען

שניט אויף דער לינקער באק. דער קראנקער האט זיך פאר איהם אויפגעשטעלט.

— נו, וואס הערט זיך עפעס, דוד? — האט דער דאקטאר איהם געפרעגט. — זייט איהר צופרידען פון אונזער נייעם דינער? איצט וועט איהר האבען מיט וועמען צו ריידען אויף אייער אייגענער שפראך.

— לאזט מיך ארויס פון דאנען! — האט דער קראנקער זיך אנגעהויבען בעטען. — איהר, דאקטאר, ווייסט דאך, אז איך בין געזונד, און אז מען האט מיך אהער פשוט פארשפארט.

— בארוהיגט זיך, — האט דר. וויטערמאן געזאגט, קוקענדיג פארטראכט דוד'ן אין די גרויסע אויגען.

דער דאקטאר איז אוועק און מיר זיינען ביידע ווידער געבליבען אליין.

— וואס פאר שלעכטע מענשען זיי זיינען! — האט דוד ווידער אנגעהויבען רעדען. — אלע מענשען זיינען שלעכטע... אפילו ז י, רחל, איז אויך א שלעכטע... און איהר האב איך אזוי געגלויבט! אבער איהר איז דאס נישט אנגעשטאנען, וואס איך בין אן ארבייטער... נאך איצט קען איך ניט פארגעסען יענעם אויף־דער־נאכט, ווען איך האב זיך מיט איהר באקאנט! א ווינטער־נאכט איז דאס געווען. אין דרויסען אין געגאנגען א שניי, פונקט ווי אין יענע ווינטער־נאכט אין דער היים... עס איז געווען א וועטשערינקע פון פאליטישע אימיגראנטען. אלע זיינען געווען פרעהליך, אלע האבען געזונגען, נאר איך איינער בין אין א ווינקעל געשטאנען און אליין ניט געוואוסט פאר וואס דאס הארץ וויינט אין מיר... און דערנאך, ווען אלע האבען אנגעהויבען טאנצען, האט רחל מיך אויך אריינגעשלעפט אין קאן... אנגעטאן איז זי דאן געווען אין א שווארצען קלייד און אויף דער ברוסט האט זי א רויטע בלום געטראגען... מיר האבען לאנג געטאנצט, און מיט אמאל האט זיך מיר פארדרעהט דער קאפ און איך בין אומגעפאלען... פאר די אויגען האבען זיך מיר עפעס אזעלכע משונה'דיגע פייערלאך גענומען דרעהען... רחל איז גאר פלוצלונג געווארען שרעקליך הויך און די רויטע בלום אוי איהר ברוסט האט זיך אנגעצונדען... פון יענעם אויף־דער־נאכט אן זיינען מיר געווארען נאהענטע פריינד. אבער ניט אויף לאנג. זי האט זיך אנגעהוי־

בען קלאַנגען דערויף, וואָס זי גיט מיר אוועק צופיל צייט; מיר פעלט אויפגעוואָרפען, אז איבער מיר האָט זי דאָס לערנען פאַר־נאַכלעסיגט... און איינמאָל, ווען איך האָב מיט איהר אין גאָס געשפּאַצירט, איז מיר מיט אַמאָל ווידער געוואָרען שלעכט אויפ'ן האַרצען, דער קאָפּ האָט זיך מיר פאַרדרעהט און איך בין אומ־געפאַלען... מענשען זיינען זיך צונויפגעלאָפען, און אַלע האָבען געזעהן, ווי איך ליג אויף דער ערד, ווי איך וואַרף זיך און ווי איך רייס די שטיינער מיט די נעגעל... און איהר איז דאָס ניט אָנגעשטאַנען... און איצט איז שוין באַלד דריי חדשים, זינט איך מוטשע זיך אָט דאָ, אין דעם הויז...

אין מיטען דערינען הער איך ווי אימיצער שטיקט זיך פון געלעכטער הינטער מיינע פּלייצעס. איך האָב זיך אומגעקוקט און האָב דערזעהן אַ קליינינקען, אומגעלומפּערטען מענשעל מיט דינע פיסלאַך, מיט אַ גרויסען, קיילעכדיגען, גלאַט אָפּגעראַזירטען קאָפּ.

דאָס איז געווען אַ משוגע'נער, וועלכער לײדעט פון אזא אַנ־פאַל, אז עס שטיקט איהם פון געלעכטער.

ווי שרעקליך זיין געלעכטער איז געווען! איינגעבויגענדיג די קני האָט ער געבריביקעט מיט זיין גאַנצען צוקנייטשטען פּנים. און עס האָט זיך געדוכט, אז יעדער קנייטש אויף זיין פּנים לאַכט אַנדערש. דערנאָך האָט ער זיך צולעגט אויף דער ערד, זיין גע־לעכטער איז געוואָרען הילכיג, גאַכדעם — נאָך הילכיגער, דרעהענ־דיג זיך פיינליך מיט דעם גאַנצען אונגעלומפּערטען קערפּער זיי־נעם. דער געלעכטער זיינער האָט זיך ווי אַ כוואַליע צונאָסען און האָט אָנגעשטעקט אַלעמען. די אַלע משוגעים, וואָס זיינען לעבען איהם געשטאַנען, האָבען זיך אויך פאַנאַנדערגעלאַכט. עס האָט זיך אויסגעוויזען, אז די שויבען פון די פענסטער טרייסלען זיך און דער גאָרטען, וואָס איז מיט זונען־שטראַהלען באַגאָסען, צאַפּעלט זיך אין די צוואַנגען פון דעם משוגע'נעם'ס געלעכטער.

2

עס זיינען אוועק עטליכע וואָכען, ביז איך האָב זיך צוגעד־וואוינט צו זיין רוהיג, אכטונג געבענדיג אויף די משוגעים. די ערשטע צייט האָב איך דאָס ניט געקענט, און אַלע מאָל, ווען עס

Digitized by Google

אין מיר אויסגעשטאכען צו הערען זייערע געשפרעכען, זייערע געשרייען און קרעכצען, פלעגט זיך מיר אויסדוכטען, אז איך ווער אליין איך משוגע. באזונדערס שווער איז מיר געווען ביינאכט. בלוטיג־רויטע קאשמארען האבען מיך אלץ געשטיקט און געדוכט האט זיך מיר, אז די נאכטע וועלט איז א גרויסע מדבר, איבער וועל־כער עס שלעפען זיך ארום משוגעים מיט פנים'ער, וואס זיינען אויסגעקרימט געווארען פון צרות און מיט אויגען, וואס ברענען פון בענקשאפט.

איך האב ניט געקענט זעהן, ווי די דינער שלאגען די קראנקע פאר יעדער קלייניגקייט, ווי זיי לאכען פון זיי; און ווען איך האב געזאגט דר. וויסטרמאן, אז עס איז אויף די קראנקע א גרויסער רחמנות, האט ער א ציה געטאן מיט די אקסלען און געענטפערט:

— שלאגען די קראנקע טאר מען טאקע ניט, אבער די דינער טוען דאס. ווארט, עס וועט אוועק א שטיקעל צייט וועט איהר אויך דאס זעלבע טאן...

כמעט אלע קראנקע, מיט וועלכע מען האט געקענט ריידען מיט א טאלק, האבען געגלויבט, אז זיי זיינען פאלקסמען געזונדע מענ־שען און אז אהער אין משוגעים־הויז, האט מען זיי פארנארט. אפטמאל פלעג איך אפשטעלען איינעם און איהם פרעגען:

— דו ביזט שוין לאנג קראנק?

— ווער, איך? — האט זיך דער משוגענער געוואונדערט, — איך בין א געזונטער מענש.

— טא וואס־זשע טוסטו דא?

— איך ווייס ניט... מען האט מיך אהער פארנארט...

פון אן אנדער פאלאטע האט מען צו מיר אריינגעבראכט נאך צוויי אידען. איינער איז שוין געווען א זקן, א געבארענער אין דער שווייץ, און געהייסען האט ער מאיר. אליין איז ער גע־ווען א קליינינקער, א דיקער, מיט צוויי אויגען, וואס רוהין ניט א מינוט, און מיט א גרויען שיטער בערדעל, שוין יאהרען זינט ער איז דא אין משוגעים־הויז פאר עפעס א פארברעכען; די ערשטע צייט ווען מען האט איהם אהער געבראכט, איז ער געווען ווילד און איינינגע מאל האט ער געמאכט א פארזוך צו באגעהן זעלבסט־מארד, אבער די קאלטע לייזעבער, אין וועלכע די דינער האבען איהם צוגעפעדרעהט, זיינען איהם סוף כל סוף דערעסען גע־

וואַרען, און ער איז געוואָרען רוהיגער. איצט העלפט ער ארוים
די דינער אין דער ארבייט און האָט מעהר פרייהייט פאר אנדערע.
נאָך מיטאָג, ווען ער דרעהט זיך ארום איבער דער פּאַלאַטע הין
און צוריק, דערמאָנט ער גאַנץ אָפט, אין דער הויך אויפ'ן קול,
זיין פאַמיליע, וועלכע האָט זיך פון איהם איינגנאַצען דערוויטערט.
וועגען זיין עלטסטען זוהן איז איהם נאָר קיינמאָל ניט נמאס
געוואָרען צו ריידען. אין די טעג ווען קרובים און פריינד קומען
די משוגעים באַזוכען, פלעגט זיך דער אַלטער מאיר ערגעץ באַ־
האַלטען. עס האָט איהם געריהרט ביז טרעהרען ווען ער האָט
געהערט ווי זיי, די קרובים און פריינד, ריידען אַזוי צערטליך
מיט די וואַהנזיניגע. אין די פאַרנאַכטען, ווען די זון האַלט זיך
אין זעצען, האָט ער ליב געהאַט צו שטעהן ביים פענסטער, קלאַ־
פּען שטיל מיט די פינגער אויף די שויבען און קוקען ווי דאַרטען,
וויט־ווייט אין שטאָדט, צינדען זיך אָן פייערלאַך אין די הייזער.
און טוענדיג דאָס אַלץ האָט זיך פון זיין האַרצען אַלע מאָל אַ טיפער
זיפץ ארויסגעריסען און ער האָט שטיל פאַר זיך געשעפּטשעט:
— פאַרפאַלען!... פאַרפאַלען!...

דער צווייטער האָט געהייסען מענדיל קאַלין, אַ געוועזענער
סטודענט. דאָס איז געווען אַ הויכער, דאַרער יונגערמאַן מיט צוויי
גרויסע באַלעכאַטע אויגען, וואָס קוקען שטענדיג עקשנות'דיג אָנ־
געשטרענגט פון הינטער די צוויי געדיכטע טונקעלע ברעמען. ווע־
גען איהם האָט מען מיר דערצעהלט, אַז ער איז ארונטער פון זינען
פּלוצלונג; אין דער שווייץ איז ער געקומען מיט זיין כלה מאַ־
רוסיאַ, און איינמאָל, ווען ער האָט מיט איהר געשפּאַצירט אין
גאַס, וואו עס געהען אַ סך מענשען, האָט ער זיך נאָר פּלוצלונג
דערשראָקען, און טוליענדיג זיך צו איהר ווי אַ קינד גענומען צי־
טערען מיט'ן גאַנצען קערפּער: "מאַרוסיאַ שפּיאָנען געהען מיר
נאָך אויף שריט און טריט... מאַרוסיאַ, איך האָב מורא... לאָמיר
שוין אַנטלויפען פון דאַנען, מאַרוסיאַ"...

ארומדרעהענדיג זיך הין און צוריק אין גאָרטען, האָט ער זיך
געהאַלטען פון דער וויטענס, און איהם האָט זיך אַלץ אויסגע־
וויזען, אַז אַלע זיינען דאָ שפּיאָנען. דעם דר. וויטערמאַן האָט ער
עטליכע מאָל ארויסגערופען אויף אַ דועל, אָנרופענדיג איהם
„שפּיאָן" און „טרוס". ער האָט חושד געווען, אַז דער דאָקטאָר

שיקט ניט אוועק די בריף וואָס ער שרייבט מאַרוסיאַ'ן, בעטענדיג, זי זאָל זעהן, אז ער זאָל וואָס ניכער קענען אנטלויפען פון דער טורמע, וואוהין די שפּיאָנען האָבען איהם אריינגעוואָרפען.

עס זיינען אָבער אויך געווען מאָמענטען, ווען דער פאַר־שטאַנד האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט, און אין אזעלכע מאָ־מאַנטען פלעגט זיין זעהר אנגענעהם מיט איהם צו ריידען; ער האָט געקענט דערצעהלען זאכען זעהר אינטערעסאנט, און אזוי ווי ער האָט געהאט וואָס צו דערצעהלען, ווייל ער איז געווען א מענש אָן ערפאַהרענער, און האָט איבער א סך לענדער געפייזט, פלעגען מיר, די דינער, איהם שטענדיג אויסהערען זעהר גערן. אָבער אין מיטען דערצעהלען פלעגט ער פאַרגעסען ווענען וואָס ער רעדט, און זיך ווידער אָנהויבען דרעהען הין און צוריק איבער'ן גאָרטען.

עס איז געווען א כמאַרנער פריהמאָרגען. דער רעגען איז אי־בער'ן קאָפּ געהאנגען. די קראַנקע פון דער פערטער פאַלאַטע, וואו איך פלעג אָפּט זיין אויף דער וואך, האָט מען אין דרויסען ניט ארויסגעלאָזט. דער עלטסטער דינער האָט מיר אָנגעזאָגט, אז איך זאָל מיט זיי בלייבען אויף דער וועראַנדע.

איך האָב אָפּגעראַמט פונ'ם טיש און געוואַרט עס זאָל זיך אין דרויסען אויסלייטערען, כדי איך זאָל די קראַנקע קענען ארויס־פיהרען אין גאָרטען. די צוויי חולי־נופל'דיגע איטאַליענער האָבען זיך אוועקגעזעצט שפּילען אין שאַשקעס, דער „אינדישער פּרינץ" האָט זיך בהרחבה'דיג אוועקגעזעצט אויף א שטול אָט אויף זיין שטיינער געגוטען טשמאָקען מיט די ליפּען. אמאָל צעהן האָט ער זיך פאַר מיר אין דעם פריהמאָרגען וואזשנע פאַרגעשטעלט און מיר דערצעהלט מעשיות וועגען זיין שעהנער בת מלכה און וועגען דעם וואונדערבאַרען פּאַלאַץ, אין וועלכען זי וואוינט. דער אידיאָט האָט זיך באהאַלטען אין א ווינקעל און אויף זיין צוקניימשטען אומגעלומפּערטען פּנים האָבען שוין געשפּרונגען די פונקען פון זיין שרעקליכען געלעכטער. עפּעס א טיפער מרה־שחורה'ניס האָט זיך צוגערוקט צו דער וואנט און אָנגעשמעלט די אויגען אויף דער ערד. זיין מאגערער איינגעבויגענער קערפּער און זיין פּנים מיט'ן שוואַרצען בערדעל האָבען אויסגעדריקט א וועלט מיט ליידען. א שטילער, באַשיידענער אינגעל, וועלכער האָט זיין איינענע מוטער

פארנוואלטינג, איז געשטאנען לעבען איהם און שטיל גערעדט וועגען אויסגעלאסענע הייזער, וואו ער האט כלומרשט יענע נאכט פארבראכט.

און דוד האט נערוועז ארומגעשפאנט איבער דער וועראנדע חין און צוריק, און מען האט גלייך געקענט זעהן, אז עפעס איז מיט איהם ניט גלאט.

פריהער האב איך אויף איהם קיינמאל ניט באמערקט קיין באַזונדערע סימנים פון משוגעת. ער איז נאר געווען שטענדיג אומעטיג, אויף זיין פנים האט מען קיינמאל קיין שמייכעל ניט געזעהן, און עס איז ניט אוועק קיין איין טאג, ער זאל מיט מיר ניט ריידען וועגען זיך און וועגען רחל'ען; די באגעגעניש מיט איהר האט ער ניט געקענט פארגעסען און א פארדרוס האט אין זיין הארצען געברענט.

דוד איז אריין אין דע סהאלב טונקעלען דורכגאנג, וואס צוטיילט די פאלאטע פון דער וועראנדע. איך בין איהם נאכגעגאנגען, אבער ער האט מיך געבעטען, אז איך זאל איהם לאזען צורוה, און דא איז אין מיטען דערינען איינער פון די חולי־נופל'דיגע איטאליענער אומגעפאלען אויף דער ערד, האב איך דוד'ן געלאזט אליין און בין צוגעלאפען צום איטאליענער.

מיט א פאר מינוטען שפעטער, ווען איך בין אריין אין דעם האלב טונקעלען דורכגאנג, האב איך דערזעהן ווי דוד זיצט אויף דער ערד. דאס גארטעלע וואס ער האט אויף דעם רוסישען העמדעל געטראגען, האט ער אנגעטאן אויפ'ן האלז, און אנשפארענדיג די פיס אן דער טיר, האט ער דעם קאפ פארווארפען אהינטער. ער האט זיך געוואלט אויפהענגען.

א דערשראקענער בין איך צו איהם צוגעלאפען. ווען ער האט מיך דערזעהן, האט ער זיך היסטעריש פאנאנדערגעוויינט.

* * *

מיט עטליכע טעג שפעטער בין איך ביינאכט געווען אויף דער וואך אין דער פערטער פאלאטע, וואו מען האט דוד'ן אוועקגעלעגט אויף א מאנאט אין בעט.

אויף דעם קליינינקען טישעלע האט א קליין נאכט־לעמפעל

נעבריגט. אלע מאָל האָב איך געדאַרפט צוגעהן צו אַן אַנדער קראַנקען, וואָס האָט זיך גענומען וואַרפען. פון איין בעטעל האָט מען געהערט ווי איינער שעפּטשעט אין דער שטיל אָהן אויפהער: „האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! דעם קאָפּ האַקט מיר אָפּ!" דאָס האָט געשעפּטשעט דער אַלטער, איינגאַדאַרטער עמיל, א געוועזענער דאָרפס-לעהרער, וועמען עס האָט זיך שטענדיג געדוכט, אז דער קאָפּ איז ביי איהם פול מיט קאַלטען בליי און שלעפּט איהם איינ־גאַנצען אַראָפּ צו דער ערד.

לעבען עמיל'ן איז געלעגען אַן אַנדערער, אויך אַן אַלטער, א קראַנקער סיפיליטיקער. איהם האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אז אויף זיין לייב קריכען אַרום קליינע, מיאוס'ע באַשעפעניש'ן: ער וואַרפט זיי אַראָפּ פון זיך, אָבער זיי קריכען אַרויס ווי פון הינטער דער הויט און מען קאָן זיך נאָר איינגאַנצען ניט אויסבאַ־האַלטען פון זיי. אלע מאָל איז ער אויפגעשטאַנען, צוגעגאַנגען צו מיר, געמאַכט דעם אָנשטעל, אז ער שאַרט דאָס פון מיינע קליידער אויך אַרונטער קליינע, מיאוס'ע באַשעפענישען, און דערביי האָט ער זיך ניט אויפגעהערט קלאָגען: "וואו נעהמען זיי זיך אַזוי פיל ? !"

און נאָך א קראַנקער האָט מיך ניט געלאָזט צורוּה. דאָס איז געווען א פראַנצויז, א קעלנער פון א רעסטאָראַן. אלע מאָל איז ער צוגעלאָפען צו מיר און מעשה קעלנער געפרעגט:

— וואָס ווינשט דער הער ? צוויי ליטער רויטען ויין ? איין סינאַר ? גלייך קריגט איהר דאָס...

פּלוצלונג האָט דוד מיך צוגערופען. איך בין צוגעגאַנגען צו זיין בעטעל.

— פאַרוואָס שלאָפט איהר ניט ? — האָב איך איהם גע־פרעגט.

— עס שלאָפט זיך ניט, — האָט ער געענטפערט.

און באַלד האָט ער ווידער גענומען רעדען וועגען רחל'ען: ווי ער פלעגט מיט איהר אין אַזעלכע נעכט שפּאַצירען און ווי ער פלעגט מיט איהר רעדען וועגען דעם ווי גוט עס איז צו לעבען ווען מען איז פאַרליבט.

מיט אַמאָל האָט ער זיך פאַרקוקט אין א ווינקעל.

— גאָט מיינער ! — האָט ער מיט וויי־טאָג אַרויסגעזאָגט, —

זיי זיינען שוין ווידער דאָ! איהר זעהט, אָט איז וואַניא! ער טראָגט אַ לאַנגע, ווייסע העמד, ווי אַ קיטעל און די אויגען זיינע בלישטשען. פייער שפּריצט פון זיי... וואַניא, טייערער וואַניאַ!
— האָט ער מיט אַמאָל אָנגעהויבען שרייען.

איך בין צוגעגאַנגען צום טישעל, זיך אַוועקגעזעצט, און זיך פאַרטראַכט וועגען דוד'ן, וועמען איך האָב פאַר דער קורצער צייט ווירקליך ליב געקראָגען.

— האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! — האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געהערט דאָס בעטענדע שעפּטשען פון דעם אַלטען עמיל.

.3

איינמאָל, ווען די בוימער האָבען זיך שטאַרק צובייזערט אין גאָרטען, און אויף די דינע שטאַנגען האָבען שטיל געתּלש'ט קראַנקע בלומען, האָט זיך צוריסען פון געלעכטער דאָס הארץ פון אידיאָט. דערנאָכמאָל האָט זיין אָנפאַל אָנגעהאַלטען זעהר לאַנג. איך בין שלאָפענדיג געזעסען ביים וואַך טישעל און ס'האָט מיר געדוכט, אַז אין משוגעים הויז האָבען זיך אַריינגעריסען מאָרגע, ווייסע באַשעפענישען. זיי לאַכען, און זייער געלעכטער מיט זילבערנע, דינע לענטעס שלענגלען אַרום זייערע נאַקעטע, בויגיגע לייבער, פלעכטען זיך צוזאַמען און דרעהען זיך אין אַ ווילדען קאַראַהאָד, און אַרום, אויף באַפליגעלטע ווילדע פערד, שפּרינגען שוואַרצע פרינצען און כאַפּען זיי.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און בין צוגעגאַנגען צום בעט פון אידיאָט, איז ער שוין געווען טויט און אויף זיין וואַקסינ־צוקנייטשטען פּנים איז פאַרגליווערט געוואָרען אַ ליידענדער געלעכטער.

עס זיינען געקומען צוויי דינער און האָבען אַרויסגעטראָגען זיין קערפּער.

אַ פּאָר טעג נאָך דעם, האָט מען דעם אידיאָט אינגאַנצען פאַרגעסען און דאָס לעבען אין דער פערטער פּאַלאַטע האָט זיך געצויגען ווי פריהער. אַמאָל נאָכ'ן עסען פלעגט קומען דאָקטאָר וויטירמאַן. אין יענע שטונדען איז ער געווען זעהר אויפגעלעגט און האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען אַביסעל מיט די קראַנקע

צוערשט פלעגט ער צונעהן צו דוד'ס בעט און ס'האָט זיך תמיד אָנגעהויבן דער זעלבער געשפּרעך פון דער רוסישער רע־וואָלוציע און פון די געהייטע טעראָריסטען, וועלכע קומען אָפּ אין סיביר און זינגען אונטער די קלאַנגען פון קייטען הארציגע אײנ־טאָניגע לידער.

— זינגט מיר אזא ליד, — פלעגט בעטען דער דאָקטאָר. דוד האָט געזונגען, וואָס עס איז איהם נאָר געקומען אין זכרון. און ארום די פון די טיפע בעטלאַך האָבען אויף זיי שרעקענדיג גע־קוקט די פּנים'ער פון משוגעים. דערנאָך פלעגט ער צונעהן צו עמיל'ן. דערקאָנענדיג דעם דאָקטאָר, פלעגט ער נאָך רחמנות־דיגער שעפּטשען:

— "האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! דעם קאָפּ האַקט מיר אָפּ!"

— באַלד, מיין פריינד, — האָט געענטפערט ווימערמאן.

דער קליינינקער, אויסגעדאַרטער עמיל איז ארויסגעקראָכען פון בעט, א דערשראָקענער זיך ארומגעקוקט און געשעפּטשעט אונפאַרשטענדליכע ווערטער מיט זיינע בלויע, טרוקענע ליפּען. איך האָב איהם אויסגעשטעלט ביים וואַנט און דער דאָקטאָר אָפּמעסטענדיג א פּאָר שפּאַן, האָט זיך געצילעוועט אין איהם מיט די הענט, אויסשרייענדיג פּוּף־פּאַף! פאַרטיג.

עמיל האָט אויפגעציטערט, האָט זיך א כאַפּ געטאָן ביים קאָפּ און פיהלענדיג, אז עס פעסט נאָך איהם אלץ, האָט ער נאָך אמאָל אָנגעהויבען צו בעטען: — „האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ! דעם קאָפּ האַקט מיר אָפּ!"

דער סיפיליטיקער, באמערקענדיג דעם דאָקטאָר, איז צונער־לאָפען ארויפשארען די מיאוס'ע באַשעפּעניששען פון זיינע קליידער. ער האָט זיי פאַרזיכטיג אראָפּגענומען און אויסגעשליידערט.

פאַרלאָזענדיג די פּאַלאַטע האָט ווימירמאַן ליב געהאַט א דרייץ טאָן דעם קעלנער פאַרלאנגענדיג שאַמפּאַניער.

— באַלד, מיין הערר, — פלעגט אויסשרייען דער פראַנצויז, א שפּרונג טוענדיג פון בעט.

גאַנץ אָפט, פלעגט דער עלטערער דינער, וועלכער האָט גע־טראָגען א פראַנק פון יעדען קאָפּ פאר ארויסנעהמען די געהירען, ארומשפּאַצירען איבער דער פּאַלאַטע און צעהלען וויפיל ער וועט מאַכען די וואָך.

זונטאג און דאנערשטאג פלעגען קרובים און נאָהענטע באַ־
גלײטן די קראנקע. מאיר פלעגט זיך דאן באהאלטען. פריהער
פון אלע פלעגט קומען אין דער פערטער פאלאטא עמיל׳ס מאמע.
זי איז געווען אן אלטע מיט גוטע פארטרעהרטע אויגען. פלעגט
תמיד ברענגען אין א ווייסען זעקעל פרוכטען פאר איהר זוהן און
אויך פאר די איבעריגע„ וועלכע זי האט באדויערט ווי א מאמע.
זי פלעגט זיך אוועקזעצען לעבען איהר זוהן, זיך איינגעהערט אין
זיין רחמנות׳דיגען שעפטשען און האט שטיל געוויינט. דערנאָך
געגאנגען פון בעט צו בעט און צוטיילט די פרוכטען צו די קראנקע.

דער סיפיליטיקער האט באזוכט א ראשינע, פארפוצטע דאמע,
באגלייט פון אן אלטיטשקען מיט רויטע געקארטשעטע באקען אין
א געפאסטען פראק. דער משוגע׳נער האט באלד אנגעהויבען
ארופצושארען די מיאוס׳ע באשעפענישען פון זיי. דער אלטיטשקער
האט מיט עקעל אפגעקעהרט זיין קאפ און זיך פארקרימט ווי פון
א שלעכטען גערוך און די דאמע האט געבעטען:

— הער אויף. עס דאכט זיך דיר אוים. אך, מיין גאט!

שטיל און פארטראכט, ווי א פריהלינגס־אווענט, פלעגט קומען
א שעהנע, יונגע פרוי צו א שלאסער, וועלכער איז משוגע געווארען
פון א שטארקען קלאפ. א טיפער טרויער איז געלעגען אין איהר
יעדע באוועגונג און אין יעדען פאלד פון איהר שווארצען קלייד.
שווייגענדיג, זעצט זי זיך אוועק לעבען זיין בעט, נעהמט זיינע
הענט אין איהרע, קושט איהם און גראבט איין איהרע אויגען אין
זיין מעלאנכאלישען פנים.

צום קעלנער פלעגט זיך ווייזען א וויטע קרובה, א מאגערע
אויסגעבויגענע פויערטע מיט א גוליע אויפ׳ן האלז. זי פלעגט
אימער אויסגיסען איהר ביטער הארץ פאר׳ן משוגע׳נעם, אז איהר
מאן שיכור׳ט, איז פויל, שלאגט איהר און דאס פעלד איז נישט
באארבייט. דער קעלנער, אויסשטעלענדיג זיינע גרויסע, שטארע
אויגען, האט עפעס געשעפטשעט. שאקלענדיג מיט׳ן קאפ. דער
עלטערער דינער פלעגט לאכען קוקענדיג אויף זיי און די פויערטע
האט אליין באקלאגט איהר ביטער מזל פאר׳ן משוגע׳נעם.

כמעט יעדען פריהמארגען פלעגט מיך דוד צורופען און דער־
צעהלען פון די רוט־פארבינע בילדער, וואס ער זעהט ביינאכט. ער
בלאנדזשעט איבער א טאל פארזעעט מיט צו׳הרג׳טע קערפערס פון

זיינע חברים. איבער זיי דרעהען זיך מחנות שווארצע וואָראָנעס. דער הימעל איז טונקעל רויט און צופליקטע וואָלקענס הענגען נידעריג צו דער ערד. ער איינער בלאָנדזשעט אין טאָל, וויינט און קושט די פּנים'ער פון די טויטע און ווישט אָפּ דאָס בלוט פון זייערע געעפנטע וואונדען. איינמאָל האָט ער מיר דערצעהלט, אז רחל איז צו איהם געקומען, האָט ליבלאך גערעט צו איהם ווי פריהער, צוזאָגענדיג אוועקצופיהרען איהם פון דעם הויז.

אויף מאָרגען איז געקומען צו איהם א חבר און איהם דערצעהלט, אז רחל האָט פארלאָזען די שטאָט. דוד האָט גאָרניט געענטפערט, נאָר אביסעל שפּעטער האָט ער געקראָגען א ווילדען אָנפאל. ער האָט געוויינט, געדעוועט און געריסען פון זיך די העמד. מיט א ווילדער קראפט זי דגעראנגעלט מיט די דינער, וועלכע האָבען איהם צונויפגעדרעהט אין א ווייסען קאלטען לייךלאך.

נאָכדעם האָט מען דוד'ן איבערגעפיהרט אין אן אנדער קליינער פּאלאטע, וואו עס האָט זיך געפונען בלויז דריי בעטען. דאָרט איז געלעגען מענדעל קאָלען, וואָס האָט ניט לאנג דערלאנגט דעם דאָקטאָר א פּאטש.

דער צווייטער — א טויב־שטומער איטאליענער. גאנצע טעג האָט ער געדעוועט ווי א פארוואונדעטע חיה, זיך געדראפּעט אויף די ווענט און א סלונע האָט זיך געגאָסען פון זיין מויל.

ווען הויך־געוויקסיגע דינערס האָבען דוד'ן אוועקגעלעגט אויפ'ן דרישען בעט און איהם געבונדען די הענט, האָט ער נאָך אלץ געוויינט און געשריגען מען זאָל צולאָזען צו איהם רחל'ען.

* * *

אין די גערטנער און אויף די קברים זיינען שוין לאנג די בלומען פארוויאנעט געוואָרען. איך פארלאָז דאָס משוגעים הויז. איך בין צוגעגאנגען צו דוד'ן. א פארמאטערטער, אן אויסגעמטשעטער איז ער געלעגען און געשעפּטשעט: — „איך בין מיד, פארמוטשעט, איך בין נישט משוגע, נישט משוגע!"

איך בין שנעל ארויס פון דעם שרעקעדיגען הויז, זיך ארא־

בעלאַזט פון באַרג און ווידער האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז פון דאָרט הערט זיך אַ מיש־מאַש פון קולות און עפּעס אַזעלכע פאַרשטיקטע טענער פון אור־אַלטע מוזיקאַלישע אינסטרומענטען, גלייך ווי רי־טער וואָלטען מיט זייערע ראַמען ווילד געהוליעט ערגעץ אין אַ שלאָס, פראַוועגדיג די שמחה פון העלדישע מלחמות און לוסטיגער יוגענט.

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google

Digitized by Google